This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

10

1970

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כּודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר

צענטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

10

אָקטיאַבער

1970

אינהאַלט

זײַט

מאַזי קאַבריאַנסקי. די זאַווערוכעס (דערציילונג). ציייכענונגען פון ג. פאַנדאַפולאַ 3

מענדל ליפשיץ. זוכן אַן אייגענעם ניגון... (לידער) . 38

נאַטאַן זאַבאַרע. אין די לעצטע טעג (פּיעסע). צייכע־נונגען פון מ. קליאַנסקי 40

מאָטל גרוביאַן. פרישע בינטלעך זאַנגען (לידער) . 78

מייער יעלין. דורך פײַער און וואַסער (פאַרצייכענונג) 81

שמואל גאָרדאָן. בלוט און וואָפן (צו מייער יעלינס זעכציקסטן געבורטסטאָג) 83

כאָנע ווײַנערמאַן. גרויסע פרײַנטשאַפט. — א גע־שפרעך מיט מײַן געמיט און אַנד. לידער 97

אלעקסאַנדער גובניצקי. שאָפערן (דערציילונג. צווייטער טייל) 99

שמואל העלמאַנד. ביז. — ווינטן פון יוגנט און אַנד. לידער 116

אירמע דרוקער. דער שרײַבער און זײַן העלד (דער־ציילונג) 118

אויסלענדישע פובליציסטן — בא אונדז צוגאַסט. האַנס לעברעכט (יִשׂראל). דרײַ כאַדאָשים פײַער־אָפּשטעל נאָך אַכט און דרײַסיק כאַדאָשים מילכאָמע 134

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

מוישע שאַפּיראָ. עליע ספּיוואַקס בײַטראָג צו דער יִדישער שפּראַך־וויסנשאַפט 138

ליטעראַרישער טאָגבוך. וולאַדימיר אָגניעוו. וועגן קריטיק, וועגן אירע הייכן, וועגן שעפערישער קינע . 144

קורצע רעצענזיעס. יִסראָעל סערעבריאַני. אָנ־הייבן און סאַכאַקלען; נאָרמאַן באָראָדין. דרײַ ביכער אין אַמעריקע וועגן אַנטיסעמיטיזם 149

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. א שאַנדע די יִדישע מאַקאַר־טיסטן! 152

טעאַטער און עסטראַדע. לעאָניד אוטיאָסאָוו. און נאָכאַמאָל קאָלין... 154

כראָניק 98, 133, 153, 155

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 156

לאָמיר זינגען נײַע לידער. זאָגט ניט קאַדיש נאָך מײַן שטעטל. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון זינאַ־ווי קאָמפּאַנייעץ 157

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן יִדישער שפּראַך . 159

הויפט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

מאָזי קאָבריאַנסקי

די זאווערױכעס

עס האָט א גאָס געטאָן א רעגן, און די גאסן זײַנען מיטאמאָל געוואָרן פוסט, פונקט ווי מילכאָמע־צײַט, בײַס א לופט־אַליארעם, ווען עס פלעגן אָנהייבן הודען די סירענעס.

בלויז איין מענטש איז ניט אנטלאָפן פונעם רעגן. ער האָט לאַנגזאם געשפּאנט איבערן טראָטואר, גלײַך עס וואָלט אים שווער געווען טראָגן זײַנע אייגענע פּלייצעס, דעם גאנצן וווקסיקן קערפּער זײַנעם. די שווארצע האָר, איבערגעמישט מיט א זילבערן פעדעמל, אָף זײַן אנטבלויזטן קאָפּ זײַנען נאס געוואָרן, דער רעגן איז גערונען איבער זײַן פארברוינט פּאָנעם, איבערן קרעפּטיקן האלדז. אָף דער האנט בא אים איז געהאנגען א רעגנמאנטל, נאָר, ווײַזט אויס, דער מענטש האָט פארגעסן אים ארופצוווארפן אָף זיך. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט עמעצן אָף צולאָכעס געוואָלט ווערן פּיטש־נאס.

עזרע זאווערױכע וואָלט עפּשער נאָך לאנג אזוי געשפּאנט אונטערן רעגן, ווען ער זאָל פּלוצעם ניט געווען דערזען, ווי פון אונטער א צעוואקסענעם קאשטאַן־בוים איז ארויסגעשפּרונגען א פרוי, וואָס האָט פאר זיך געשטופּט א קינדער־וועגעלע. א פארלוירענע, האָט זי ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי האָט קאָנטיק געוואָלט אריבער אפן אנטקעגנדיקן טראָטואר, נאָר זיך ניט אײַנגעשטעלט איבערלויפן דעם וועג, וואָס איז שוין פארפלייצט געוואָרן מיט יאָגנדיקער רוישנדיקער וואסער.

עזרע האָט זיך אָפּגעשטעלט, געטראכט א ווײַלע, נאָכדעם צוגעגאנגען צו דער פרוי, א נעם געטאָן דאָס וועגעלע און גענומען שפּרײַזן איבערן אספאלט מיט זײַנע לאַנגע פיס. די פרוי איז אים נאָכגעלאָפן און געשטאמלט:

— אַ גרויסן דאַנק, אַ דאַנק אײַך. אָט אין דעם הויז דאַרף איך, זײַט אַזוי גוט.

דער אוילעם, וואָס האָט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פֿונעם רעגן, פֿאַרפֿולט די פּאַראַדנע פֿונעם הויז, האָט געמאַכט אַ וועג, געגעבן אַן אָרט אַף אַוועקצושטעלן דאָס וועגעלע. ווײַזט אויס, דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן פֿאַר די פֿרעמדע מענטשן, עס האָט אָנגעהויבן מאַכן פּיסקעס, נאָכדעם אויפֿגעהויבן אַ געוויין, נאָר ווען ס׳האָט דערזען לעם זיך די מוטער, האָט עס אַ צי געטאָן צו איר די הענטלעך און אַנשוויגן געוואָרן.

ווערדליק דער הימל איז געווען באַלייגט מיט וואָלקנס, האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער רעגן וועט נאָך לאַנג גיין, אָבער גאָר אײַנגיכן האָט אַ דונער אויפֿגעטרייסלט דעם דרויסן, און ווי דערשראָקן זיך פֿאַרן דונער, האָבן די וואָלקנס גענומען פּויזען אין אַלע זײַטן. אַף די גאַסן איז ליכטיקער געוואָרן, אין סאַמע עק שטאָט האָט אַ שטיק הימל אָנגעהויבן זיך אויסלײַטערן, דערנאָך זיך אָנגעצונדן מיט אַ העליש פֿײַער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שויבן פֿון די הויכע מויער־שטאָקן.

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. אַף די גאַסן איז ווידער געוואָרן פֿול און פֿול מיט דורכגייער, ווי שטענדיק אין אַן אָפּרו־טאָג. די פּאַראַדנע איז ליידיק געוואָרן. בלויז עזרע איז געבליבן איינער אַליין. ער האָט מיט אַ טיכעלע געווישט דאָס פּאָנעם, דעם האַלדז, די געדיכטע שוואַרצע ברעמען, וואָס האָבן בעשום־אויפֿן ניט געלאָזט זיך צוגלעטן. ענדלעך, פֿאַרלאָזט ער אויך די פּוסט געוואָרענע פּאַראַדנע און לאָזט זיך ווײַטער שפּאַנען איבער דער אָפּגעפֿרישטער גאַס.

עזרע איז געווען צוגאַסט באַם פּעטער מײַלעך.

ער איז שוין לאַנג ניט געווען באַם פּעטער אַף קוזנעטשנע, און אָט ווען ער האָט זיך קוים אַמאָל אויסגעקליבן צוגיין צו אים, האָט יענער אים היפּש צעפּאַטערט די שטימונג. דער פּעטער, אַן אויסגעהאָרעוועטער זאָקן, האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך, אַז ער הייבט אָן פֿילן, ווי די קויכעס פֿאַרלאָזן אים. ער שרעקט זיך ניט פֿאַרן טויט, אָבער פֿאַרן שפּיטאָל־בעטל האָט ער מוירע. ליגן, ווי אַ קלאָץ, און זיך ניט קאָנען רירן — דאָס איז ערגער פֿונעם טויט. ער קאָן זיך ניט מויכל זײַן, דער פּעטער מײַלעך, האַלעמײַ ער האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן. ניט געטאָרט זיך אָפּשטעלן, באַ דער האָרניע באַדאַרפֿט געווען אָנלייגן מיטן קאָפּ, ניט זיצן אין שטוב און וואַרטן אַפֿן מאַלעכהאַמאָוועס.

עזרען איז פֿון די אַלע טײַנעס שווער געוואָרן אַפֿן האַרצן. ער האָט אַפּגיך זיך אָפּגעזעגנט, כאָטש, אייגנטלעך, וווּהין צו אײַלן זיך האָט ער ניט געהאַט. אין דער היים איז קיינער ניטאָ. דער זון האָט אַוועקגעיאָגט אַפֿן מאַטאַציקל אָנטיילנעמען אין פֿאַרמעסטונגען, דער אייניק איז מיט זײַן נײַנטן קלאַס אַוועקגעפֿאָרן אַף אַן עקסקורסיע איבערן דניעפּער, און ער, עזרע, איז געבליבן באַ דער ברײרע זיך אַליין צו זאָגן: „נאַשער, ס׳איז דיר זיס אין מויל און ביטער אַף דער נעשאָמע“. אַן אַנדערשמאָל זונטיק וואָלט ער געגאַנגען אין קלוב אַרײַן שפּילן אַ שאָך, מע באַמערקט אַפֿילע ניט דערבײַ, וווּהין די צײַט טוט זיך אַהין, איצט אָבער, נאָך דעם, ווי ער איז געווען אַף קוזנעטשנע, דאָרט, ווו עס זײַנען דורך זײַנע, עזרעס, קינדער־יאָרן, זײַן יוגנט, ווילט זיך אין ערגעץ ניט גיין.

דאָרטן, אַף דער קוזנעטשנע, איז געווען זײַן טאַטנס קאַרעטנע, דאָרטן איז אויך געשטאַנען דעם פּעטער מײַלעכס קוזניע. פֿון דער קאַרעטנע איז קיין זייכער ניט געבליבן, אַף יענעם אָרט שטייט איצט אַ נײַנשטאָקיק הויז. און אַפֿן אָרט, ווו ס׳איז געווען די קוזניע, איז גאָר אויסגעוואַקסן אַ סעדל, וואָס דער פּעטער מײַלעך האָט עס אַרומגעגרײַזעט מיט אַ נידעריק שטאַכעט־פּאַרקנדל.

אינעם סעדל ליגט אַדהײַעם דער קײַלעכדיקער מילשטיין, אַף וועלכן מע פֿלעגט אַרופֿציִען שינעס אַף די רעדער. איצט איז דער שטיין פֿאַרוואַקסן מיט גראָז.

עזרען האָט זיך געוואָלט אַריבערשפּאַנען איבערן פּאַרקנדל, פּאַרקאַטשען די פֿליודערן און זיך אַנידערזעצן אַפֿן מילשטיין, אַזוי ווי ער פֿלעגט עס טאָן ייִנגלווײַז, זיצן און וואַרטן, ביז דער פּעטער מײַלעך וועט אַ פֿאַרפּאַליעטער, אַ פֿאַררייכערטער אַרויסגיין פֿון דער קוזניע, אָנשפּאַרן דעם האַמעטנעם, געזונטן קערפּער זײַנעם אינעם צעפּראַלטן טויער, אַ שאָקל טאָן מיט זײַנע געזונטע לאַנגע הענט, אויסשפּײַען דעם רעשט פֿונעם מאַכאָרקע־ציגאַר, וואָס איז שטענדיק געווען צוגעקלעפּט צו זײַנע ליפּן, און מיט אַ הייזעריק קאָל, ווי עמעצער וואָלט מיט אַ ריבײַזן אויסגעשײַערט דעם גאָרגל זײַנעם, אַ זאָג טאָן:

— שטיי אויף, קאַדעש מײַנער, וועסט פֿאַרקילן דעם הינטן, אָדער, כאָלילע, אויסזיצן קרומע פּידקאָוועס!

ניטאָ מער אַף קוזנעטשנע יענע קליינע הײַזלעך, וואָס האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, און ניטאָ מער די קוזניעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אַ שטוב איבער אַ שטוב: לעם איין

קוזניע האָט מען געקאָוועט פערד, לעם דער צווייטער ארופגעצויגן א שינע אַף א ראָד, לעם דער דריטער צונויפגעקאָכט אָן אָנגעשפּאָלטענע אקס.

אמאָליקע יאָרן איז די לאַנגע קוזנעטשנע גאס געווען אויסגעלייגט מיט האָרבאַטע שטיינער. די געקאָוועטע רעדער פון די פורלעך און בינדיוגעס האָבן פון פאַרטאָג אָן ביז באַנאַכט געקנאַקט איבער די שטיינער, און די פערדישע טלאָען האָבן געצאָקעט, אַזש פונקען פלעגן שפּריצן פון אונטער די פּידקאָוועס. מיט טויטע קלאָלעס האָבן די פורמאַנעס געשאָלטן די לאַנגע גאס פאַרן שווערן וועג, פאַר די האָרבאַטע שטיינער, אַף וועלכע ס׳פלעגט ניט זעלטן פּלאַצן א ראָד...

קאָן מען דען פאַרגלײַכן יענע קוזניעס, אפילע דעם טאַטנס קאַרעטנע, מיט דעם שמיד־צעך, ווו עזרע אַרבעט איצטער? אַז ער שטעלט זיך אַנידער בא זײַן דאַמף־האַמער און נעמט זיך קאָוועון די דעטאַלן נומער דרײַ, הייבט גאָר אָן אַנדערש יאָגן דאָס בלוט אין די אָדערן. פײַנע דעטאַלן, כאָטש שווערע, מיט רוכעס. זיי טרײַבן אַוועק דאָס ביסל יאָרן, צווינגען צו ווערן לעם זיי ייִנגער. מע דאַרף לאַנג ניט וואַרטן, זיי זאָלן זיך אָנוואַרעמען, — מוז מען ווערן רירעוודיקער. דער רוקן בייגט זיך און גלײַכט זיך אויס, ער אַרבעט אַזוי ווי אַף שאַרנירן, די הענט ווערן שטאַרקער לעם דער שטאָלענער באָלוואַנקע, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן, טוט בלויז א קרעכץ, ווען דער פּרעס טוט אַף איר א קוועטש, פּונקט ווי ס׳וואָלט איר שטאַרק וויי געטאָן. די באָלוואַנקע וויל זיך ניט צעשיידן מיט איר פאָרם, אָבער ווען זי פאַלט אַרויס פון אונטערן פּרעס מיט אַלערליי פאַלדן, ווײַזט זיך אויס, אַז זי קוועלט צו זיך אַליין פון פאַרגעניגן, וואָס זי איז אַפּסנײַ געבוירן געוואָרן. און ער, עזרע, באַטראַכט זי מיט הייסע אויגן, ווישט דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם מיטן האַנטעכל, עס גלוסט זיך בלויז א זופּ טאָן א קאַלטן טרונק זעלצער־וואַסער.

עזרע שטאַמט פונעם שיוועט זאַוועריוכעס, וואָס איז געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ קיִעווער גובערניע. אַלע יאָרן האָבן די זאַוועריוכעס זיך פאַרנומען מיט קאָוועון וועגענער. עזרעס פאָטער, שיקע זאַוועריוכע, האָט געהאַלטן א קאַרעטנע אין קיִעוו. ער מיט זײַנע באָנים האָבן אויסגעאַרבעט פאַעטאָנען, בריטשקעס און רײַט־וועגעלעך, וואָס האָבן געהאַט א שעם ניט נאָר אין קיִעוו. זייער אַרבעט האָט מען אַף מײַלן דערקענט. מע האָט געזאָגט, אַז בלויז שיקע זאַוועריוכע ווייסט דעם סעקרעט, וויאַזוי מאַכן אָט די שיינע בריטשקעס מיט די דינע געפאַרבטע רעדער, וואָס גלאַנצן מיט די מעשענע מוטערקעס. שפּאַנט מען אײַן א פערד אין אַזאַ בריטשקע, לויפט עס ווי א וויכער.

און די זאַוועריוכעס אַליין! האָט עמעצער געזען איינעם פון זיי, האָט מען שוין א צווייטן אויך דערקענט, ווײַל אַלע זײַנען זיי געווען מענטשן וווקסיקע, געזונטע, יאָדערדיקע, שיינע און שטאַלטנע. די צעוואַקסענע שעוועליורעס מיט די קרויזן האָר, אַזוי ווי די גלעקלעך, האָבן נאָר קלינגען ניט געקענט. סײַ זומער, סײַ ווינטער זײַנען די פּענעמער בא די זאַוועריוכעס געווען פאַרברוינט. די דורכגעטריבענע טונקל־ברוינע אויגן האָבן הייס געגלאַנצט, און ס׳האָט געדאַכט, אַז שיידימלעך טאַנצן אין זיי.

די זאַוועריוכעס האָבן הויך געשעצט זייער שמידער־פאַך, געהאַלטן, אַז זיי זײַנען רײַכער פון די רײַכסטע נעגידים. עפּשער דערפאַר האָבן זיי אַלע געטראָגן אַזוי שטאָלץ די קעפּ אַף די פּלייצעס. אַזוי איז געווען אַמאָל. ביפראַט איצט! שוין א פערטל יאָרהונדערט, אַז עזרע שטייט באַם דאַמף־האַמער אַפן שיפּבוי־זאַוואָד און באַנאַנד מיט אים שטייט זײַן זונדל שיקע. דאָ מיט אים איז אויך געשטאַנען דער עלטערער זון, דאַניִעל, וואָס איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

דעריבער פאַרדריסט א ביסל עזרען, וואָס אָט דער איינציקער זון, וועלכער איז אים פאַרבליבן, שיקל, וויל גאָר איצט פאַרלאָזן דעם שמיד־צעך. א טאָקער האָט זיך אים פאַרוואָלט ווערן. הײַנט — א טאָקער, מאָרגן וועט ער וועלן זײַן א שלאָסער, זוכט זיך א סאַך מעלאָכעס און ווינציק בראָכעס. ער פאַרגעסט, אַז ער טראָגט דעם נאָמען פון זײַן זיידן — שיקע זאַוועריוכע, וואָס האָט איבערגעלאָזט א צוואָע: פון דאָר צו דאָר איבערגעבן דעם האַמער. שיקע זאַוועריוכע האָט געהאַלטן, אַז אַף שמידערײַ שטייט די וועלט. יעדער קאָוועל, פלעגט ער ליב האָבן זאָגן, קאָוועט אָפּ פאַר זײַן לעבן אַזאַ פּאָר אקסן, וואָס אַף זיי האַלט זיך דער גרויסער וואָגן — די ערד. און צו די אקסן פּאַסט ער נאָך צו א גאַנג רעדער, זיי זאָלן קאָנען פירן דעם דאָזיקן שווערן וואָגן מיט די אַלע לײַדיקגייערס, וואָס ווילן ניט אײַנטונקען קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. אָן א ראָטשילדן קאָן זיך די וועלט באַגיין, פלעגט ער זאָגן, אָן א קאָוועל — בעשום־אויפן ניט.

עזרען האָט זיך געדאַכט, אַז אויב א קאָוועל וויל בײַטן זײַן מעלאָכע, איז א סימען, אַז ער וויל ווערן א לײַדיקגייער, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר שווערער אַרבעט און זוכט זיך גרינגע פּאַרנאָסעס. עזרע ווייסט עס פון זיך אַליין. ער האָט אויך אַמאָל אין דער יוגנט געזוכט נעכטיקע טעג, אָבער סײַווי האָט ער זיך אומגעקערט צו דער קאָוואַדלע.

עזרע איז געווען דער זעקסטער זון אין דער מישפּאָכע. און אַפילע שיקע זאַווריוכע, וואָס האָט די באַנים זײַנע ניט געבאַלעוועט מיט קיין גוט וואָרט, האָט געהאַלטן, אַז דער מיזיניק איז גראַטענער פון אַלע. א באָכער א גוואַר, אַפילע העכער אַף א קאָפּ פונעם טאַטן. „ער וואַקסט באַ מיר אין סטויבער אַרײַן!" — פלעגט דער אַלטער זאָגן. צו זיבעצן יאָר האָט דער מיזיניק שוין אין קיין שום טיר ניט געקאָנט אַרײַן, ער זאָל ניט דאַרפן אײַנבייגן דעם קאָפּ. הײַנט די ברייטע פּלייצעס זײַנע, די יאַדאַיִמלעך, די האָבן פאַרמאָגט א קראַפט פון שטאָל! ער האָט ניט געוווּסט, וווּהין אַהינטאָן די גוווּרע זײַנע, פלעגט ער זיך שפּילן, אויסבייגנדיק פּידקאָוועס. ווי ניט אומיסטן פלעגט ער אײַנקלאַמערן די פּידקאָווע מיט די פינגער, זי אָנשפּאַרן אין אַן אונטערגעשטעלטער קני, — ער האָט בלויז באַדאַרפט פאַרבײַסן די אונטערשטע ליפּ מיט זײַנע ווײַסע שטאַרקע ציין, און די פּידקאָווע פלעגט אַנהייבן נאָכגעבן. די הענט פלעגן טייקעף איבער־געפלאָכטן ווערן מיט אָנגעבלאָזענע אָדערן, דער האַלדז־און־נאַקן — אַזוי ווי איבערגעבונדן מיט שטריק, דאָס פּאָנעם — רויט. ס'האָט געדאַכט, מע זאָל זיך בלויז צוטוליען מיטן שפּיץ פון א נאָדל צו דער הויט, וועט א שפּריץ טאָן זודיק בלוט. אײַנגיכן האָט די פּידקאָווע אָנגעהויבן קרעכצן, און שוין אַן אויסגעגלײַכט שטיקל אײַזן פלעגט עזרע א טרייסל טאָן אין האַנט, ווי וועלנדיק זיך איבערצײַגן, וויפל וועגט עס, און נאָכדעם א שלײַדער טאָן אַף דער ערד.

— א ניכפּע אַף דיר, קיינמאָל ניט געקרענקט, — פלעגט דער טאַטע זאָגן, צוקוקנדיק מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם דעם זונס קונצן.

בלויז עזרען פלעגט דער אַלטער זאַווריוכע דערלויבן אַזוי זיך פאַרווײַלן. ער האָט גע־פּעסטעט א ביסל דעם מיזיניק. אָבער ווען דער אַלטער האָט אים געגומען צו דער אַרבעט ווי עס דאַרף צו זײַן, אָפּגעהאַלטן א טאָג לעבן דער קאָוואַדלע, ער זאָל ניט האָבן קיין צײַט אַרויס־לאָזן דעם האַמער פון די הענט, דעמלט איז עזרע געוואָרן פּיטש־נאַס, ער האָט געפּלאָנטערט מיט די פיס, ווי א שיקערער, און דער טאַטע האָט געהייסן:

— אַנו, פּרווו איצטער אויסבייגן א פּידקאָווע.

דער אַלטער האָט אופגעהערט זשאַלעווען דעם מיזיניק. ער האָט ליב באַקומען אַרבעטן בלויז מיט אים. עזרע האָט פאַרמאָגט א כוש צו שמידערײַ, פאַרשטאַנען דעם טאַטן אַפן ווונק, געוווּסט, ווען מע דאַרף שטאַרקער א קלאַפּ טאָן, ווען מע דאַרף פון דער גרינג. דעם אַלטן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עזרע קען אָנטאַפּן באַם דויפּעק דאָס שטיקל אַרבעט, ער פילט עס מיט דער נעשאָמע, ניט אַבי אַזוי.

אַז עזרע נעמט זיך אָפּקאָווען אַן אַקס, איז שיין צו קוקן. ער גלעט זי מאַמעש אויס. און וויאַזוי ריכטעוועט ער אויס א געזעס פון א בריטשקע! ווען די בריטשקע האָט א צונג, וואָלט זי דאָך אָנגעהויבן רעדן. שיקע זאַווריוכע האָט פאַרשטאַנען: נאָך א יאָר, נאָך צוויי, וועט דער מיזיניק אָנהייבן אַרבעטן בעסער פון אים.

דאָס האָט אויך פאַרשטאַנען מסיע שאַרל פון דער בעלגישער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט אופ־געגומען פּאָדריאַדן אַף אײַנצושטעלן דאַמף־באַהייצונג אין די הײַזער פון דער שטאָט. דער דאָ־זיקער שאַרל פלעגט אָפּטמאָל באַשטעלן באַ שיקע זאַווריוכען האַקנס צו די ראַדיאַטאָרס. בלויז שיקע האָט זיי געקענט אָפּקאָוען לויט שאַרלס געמעלן. דער אינזשעניער פון דער בעלגישער קאָמפּאַניע האָט אָבער באַמערקט, אַז אויך עזרע הייבט אָן צוביסלעך קאָווען אָט די האַקנס און זיי באַקומען זיך באַ אים ווי אויסגעטאָקטע, מע דאַרף זיי נאָכדעם אַפילע ניט פײַלן, גענוג בלויז אָפּפאַרבן, און פאַרטיק. און שאַרל האָט געפּרווּווט איבעריידן מיטן אַלטן זאַווריוכע, ער זאָל אים אָפּגעבן דעם מיזיניק אין פּאָדריאַד, וועט ער, שאַרל, פון אים מאַכן א לײַט.

ווען שיקע זאַווריוכע זאָל ניט געווען האָבן קיין אָפּשײַ צום אויסלענדישן אינזשעניער, וואָלט יענער באַ אים מיטן קאָפּ געעפּנט די טיר און קיינמאָל די שוועל ניט אַריבערגעטראָטן מיט אַלע זײַנע גוטע באַשטעלונגען. נאָר דאָס האָט דאָך פּאַרט שאַרל אויסגעלערנט שיקען מאַכן לײַכטער די בריטשקעס: דער אינזשעניער האָט אים דערוויזן, אַז די פּאָר אַקסן קאָנען געמאַכט ווערן אַף צען פונט גרינגער און קעדיי זיי זאָלן זיך ניט זעצן און זיך ניט שפּאַלטן, דאַרף מען זיי אויסבייגן א ביסל, מאַכן די רעסאָרעס פון דינע פּלאַטן, בעסער זיי אײַנקרעמפּעווען, האַקלאַל, ער האָט אַף א שטיק פּאַפּיר אויסגעמאָלט א וועגעלע — נאָר צו שפּיגלען זיך אין דעם...

און דער אַלטער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, ווי גלײַך ס'איז גאָר קיין רייד ניט געווען וועגן עזרען. שאַרל איז אָבער געווען ניט קיין נאַר: ער האָט ניט געײַלט. ער האָט נאָר גע־נומען אָפּטלעך אַרײַנקוקן אין שיקעס קאַרעטנע. א דיקער, מיט א בײַכעלע, פלעגט ער פון־דעסטוועגן פלינק אַראָפּשפּרינגען פון דער דראָשקע, מיט וועלכער ער פלעגט קומען צו פאָרן, און לײַכט אונטערטאַנצנדיק אַף זײַנע אויסגעבויגענע פיס, וואָס זײַנען געווען אָנגעטאָן אין געלע שיך און אין געלע גלאַנציקע קראַגעס, זיך לאָזן גלײַך אין קאַרעטנע. די טונקל־גרינע ברידזשי־הויזן זײַנען שטענדיק געווען אַזוי ווי נאַרוואַס פון אונטערן פּרעסל, דער פּרענטש מיט

די גרויסע פּירעקיקע קעשענעס האָט שטײַף ארומגענומען זײַנע פּליישיקע פּלייצעס און דאָס קײַלעכדיקע בײַכעלע. ער האָט געטראָגן א קעפּי מיט א ברייטן דאשעק, מוירע געהאט זי אראָפּנעמען פונעם קאָפּ, מע זאָל ניט זען דעם ברייטן גלאנציקן פּליך. די בלויע אויגן אונטערן דאשעק האָבן שטענדיק געשמייכלט מיט אן אויסגעשווענקטער ציכטיקײַט, די באקן האָבן זיך גערויטלט ווי בא א מיידל. ס׳האָט זיך געדוכט, אז דאָס פּאָנעם נייטיקט זיך אפילע ניט אינעם גאָלן. ס׳איז אָן דעם אויך ריין און ציכטיק.

אף א געבראָכענעם רוסיש, אונטערלאכנדיק מיט א דריבנע געלעכטערל, פּלעגט ער פאר־פירן א שמועס מיטן אלטן קאָוועל און זיך אלץ צוקוקן צו עזרען. איינמאָל, ווען דער אלטער איז אין קארעטנע ניט געווען, האָט שארל געפּרווט איבעריידן מיט עזרען. ער האָט אים צו־געזאָגט מאכן פאר אן אָבערמײַסטער, אבי ער זאָל נאָר אָנקומען ארבעטן צו אים, צו שאר־לען. ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אז ער וועט אויסלערנען עזרען אײַנשטעלן דאמף־באהייצונג, דאָס איז אן איידעלע מעלאָכע, אָבער פּיזיש א גרינגערע, ווי זײַן א קאָוועל, דערבײַ פארדינט מען א סאך מער, ווי פון קלאפּן מיטן האמער.

— קוזניא טוט, קוזניא טאם, מנאָגאָ קוזניא... ספּעציאַליסטאָוו ניעטו. טאָלקאָ זאגראניצא פּריוואָזיל[1], — האָט ער אײַנגעטײַנעט מיט עזרען.

ער האָט דאפּקע געזאָגט, אז עזרעס טאטע איז א מאַעסטראָ אין זײַן פאך, א גוטער קלוגער מענטש, אָבער:

— אָן יעסט קאָנסערוואטאָר, יעס, דא, דא[2].

עזרע האָט ניט געוווסט, וואָס איז אזוינס א מאַעסטראָ, א קאָנסערוואטאָר, אָבער ער האָט פארשטאנען, אז דער אינזשעניער לייגט אים פאָר א גוטע זאך. דערצו האָט עזרע שוין צו יענער צײַט געוואָלט זיך אָפּטיילן פונעם טאטן, לעבן זעלבשטענדיק. אויב פארדינען געלט, דארף מען עס אליין ציילן. ער וויל ניט, ווי די ברידער זײַנע, אפילע ווי די צוויי עלטערע, די כאסענע געהאטע, זיך האלטן באם טאטנס לעדערנעם פארטעך. אָבער וויאזוי גייט מען אוועק פון דער קארעטנע און מע צעקריגט זיך ניט מיטן פאָטער, — האָט עזרע ניט געוווסט, אײַלן זיך מיט דעם טאָר מען אויך ניט. נאָר ס׳איז דורך א שטיקל צײַט, און עזרע האָט אויס־געקליבן א טאָג, ווען דער טאטע איז געווען אין א גוטער שטימונג, דערצו א ביסעלע בעגי־לופן, און זיך אײַנגעשטעלט פארפירן מיט אים א שמועס.

דאָס איז געווען שאבייסענאכטס. שיקע זאווערויכע איז געזעסן אין סעדל, אין א געפלאָכ־טענער שטול באם טישל, וואָס איז געווען אײַנגעגראָבן אונטער אן עפּלבוים.

די נאָרוואָס פארגאנגענע זון האָט באהאלטן די לעצטע שטראלן, און די צעזייטע גאָלדענע פליטערלעך, וואָס זײַנען געווען צעשאָטן אף שיקעס האָר, אף די מעכטיקע פּלייצעס זײַנע, האָבן אָנגעהויבן זיך אויסלעשן. פון אונטערן צעכראסטעטן זשיליעט האָט זיך ארויסגעזען דאָס ווײַסע העמד מיטן אָפּגעלייגטן קאָלנער. די פארקאטשעטע ארבל ביז די עלנבויגן האָבן אנט־בלויזט די אויסגעהאָרעוועטע הענט, איבערגעפלאָכטענע מיט דיקע אָדערן. ס׳האָט געדאכט, אז די אָדערן אָטעמען, ציטערן אונטער.

שיקע האָט פון דער דריטער פלאש, צוויי זײַנען שוין געשטאנען ליידיק, זיך אָנגעגאָסן א גלאָז ביר און גענומען א געזאלצן בייגעלע אין מויל ארײַן. קוקנדיק, ווי דער ביר פּינעט, האָט ער געכראָמטשעט דאָס הארטע בייגעלע, און זײַנע אויגן האָבן געשמייכלט צו דער גלאָז. פאַרזיכטיק האָט ער זי אָנגענומען אין דער ברייטער האנט, פארוואָרפן דעם קאָפּ און גענומען זופּן דעם געשמאקן געטראנק. דערנאָך האָט דער אלטער אָפּגעלעקט דעם שוים פון די ליפּן און א הילכיקן קרעכץ געטאָן.

שיקע האָט געזען, ווי דער מיזיניק דרייט זיך ארום אין הויף, כאפּט אלעמאָל א קוק צום טאטן און האָט מוירע צוגיין, נאָר צורופן — דאָס ניט. עפּעס וויל ער, דער טאכשיט, צו לאנג „טשאדעט“ ער דאָ. זאָל ער... לאנג וועט ער אזוי ניט אויסהאלטן. און טאקע, אינגיכן האָט שיקע דערהערט לעבן זיך דעם מיזיניקס שווערן גאנג, דערפילט, ווי ער האָט זיך אנידערגעשטעלט הינטער די פּלייצעס.

עזרע האָט ארופגעלייגט די הענט אפן טאטנס אקסלען, זיך צוגעטוליעט צו אים. א ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן.

— וואָס זשע וויל רעב עזרע? — האָט זיך ענדלעך אָנגערופן שיקע. — עפּשער א צוקער־קעלע? צי א קאלע־מויד אים אונטערטראָגן אף א טעלערל?

---

[1] א קוזניע דאָ, א קוזניע דאָרט, א סאך קוזניעס. ספּעציאַליסטן זײַנען ניטאָ, בלויז אויסלאנד ברענגט (געבראָכענער רוסיש); [2] ער איז א קאָנסערוואטאָר, יאָ, יאָ.

עזרע האָט פֿאַרשטיקט אין זיך די רייד, געדרייט מיטן קאָפּ אַף ניין. רעדן מיטן טאַטן און אים ניט קוקן אין די אויגן איז א סאַך לײַכטער, אָבער סײַווי איז עזרען אומגעהייער שווער געווען אָנהייבן דעם געשפּרעך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער עפּלבוים ציטערט, עס שיט זיך דער צוויט אַפן טיש און אַפן טאַטנס גראָוון קאָפּ. דער אַלטער האָט פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס דער זון איז צו אים געקומען, ער האָט געפֿילט, אַז יענעם איז שווער אָנצוהייבן, האָט ער אים מיט פֿאַרביטערטקײַט אונטערגעמונטערט:

— רעד, דאַבער, האָב קיין מוירע ניט.

און עזרע האָט גענומען זיך בעטן, דער טאַטע זאָל אים אָפּלאָזן אין שאַרלס פּאָדריאַד, געטײַנעט, דערוויזן, אַז עס וועט זײַן ניט קיין שלעכטע זאַך.

שיקע האָט אויסגעהערט דעם זון ביזן סאָף, פֿאַרזיכטיק אַראָפּגעשאַרט זײַנע הענט פֿון די אַקסלען און זיך אופֿגעהויבן פֿון שטול. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום זון, אַרײַנגערוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, זיך אויסגעגלײַכט און אָפּגעמאָסטן דעם מיזיניק מיט אויסגעלאָשענע אויגן פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

עזרע איז געשטאַנען ווי א שולדיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס פּאָנעם באַם אַלטן איז ניט געוואָרן שטרענג, בלויז א ביטערער שמייכל האָט א שפּיל געטאָן אַף זײַנע שטײַף־פֿאַרקלעמטע ליפּן. שטילערהייט האָט שיקע געזאָגט:

— מיילע, אויב דו ווילסט שטאַרק בײַטן די מעלאָכע, איז מאַכטייסע, זאָלסט נאָר נאָכדעם קיין כאַראָטע ניט האָבן.

— טאַטע, וואָס זשע... א מענטש דאַרף אַלץ פּרוּוון, א מענטש דאַרף זוכן... מירן זען, מאַלע וואָס...

— פֿאַרשטייט זיך, — האָט שיקע אים אַרויסגעהאָלפֿן, — איז וואָס? ווילסט אײַנגאַנצן זיך אָפּטיילן, אַוועקגיין פֿון שטוב אויך?

— כאָלילע, טאַטע. דאָס, וואָס איך וועל פֿאַרדינען, וועל איך גלײַך דיר ברענגען, — איז עזרע געווען גרייט אַף אַלץ, אַבי אַרויסרײַסן באַם פֿאָטער די האַסקאָמע.

— איז דאָך זייער לײַטיש פֿון דײַן זײַט, — איז דער אַלטער קלוימערשט געווען צופֿרידן, — איך ווייס טאַקע ניט, וואָס וואָלט דײַן טאַטע געטאָן, דו זאָלסט אים ניט ברענגען דײַנע פֿאַרדינסטן — נאָר נעמען א טאָרבע און גיין איבער די הײַזער...

— אוי, טאַטע, צאַפּ ניט קיין בלוט, זאָג יאָ אָדער ניין, ביסט מאַסקים צי ניין?

דער אַלטער זאַווערוכע האָט געוווּסט, אַז דער מיזיניק קאָן אַרויסוואַרפֿן א כיינדעלע און ניט פֿאָלגן אויך, איז בעסער זאָל ער טאָן דאָס, וואָס ער וויל טאָן, מיטן טאַטנס האַסקאָמע. ער האָט אָבער ניט געכאַפּט זיך, שיקע, אַרויסברענגען דאָס וואָרט פֿון מויל, נאָר עזרע האָט אונטערגעצײַלט:

— וואָס זשע שווײַגסטו? זאָג, טאַטע.

שיקע האָט זיך א שאָקל געטאָן און שוין ניט מיט זײַן קאָל אויסגעשריִען:

— מאַסקים! מאַסקים! — האָט ער א שלײַדער געטאָן מיטן פֿוס די געפּלאָכטענע שטול און, ווי א ווינט, האַסטיק זיך געלאָזט גיין אין שטוב אַרײַן.

אַף מאָרגן קאַיאָר זײַנען די זאַווערוכעס, ווי געוויינלעך פֿאַר דער אַרבעט, געזעסן און געגעסן פֿרישטיק. אויבנאָן האָט דאָס אָרט באַם טיש פֿאַרנומען דער אַלטער, פֿון בײדע זײַטן — צו דרײַ אירע — זײַנען געזעסן די זעקס באָנים, כעוורע איינס און איינס, כעוורע ווי די לייבן.

אינמיטן טיש איז געשטאַנען א גרויסער מעשענער זודיקער סאַמאָוואַר, א פּאָלומעסעק מיט געפּרעגלטע לונג־און־לעבער, א שיסל הייסע קאַרטאָפֿליעס, פֿון וועלכע ס׳האָט געזעצט א פּאַרע. דורכויס האָט געשמעקט מיט שמאַלץ, מיט פֿרישע אוגערקעס און גרינע ציבעלעס. א באַרג אָנגעשניטן פֿריש ברויט, איבערגעדעקט מיט א ווײַס סערוועטל, איז געלעגן אויסגעלייגט אין א הויכן טעלער, וואָס איז געווען אויסגעפּלאָכטן פֿון דינע מעשענע דרעטלעך. אַלע פֿענצטער אינעם גרויסן עסצימער זײַנען געווען אָפֿן. א ווינטל האָט געפּלאַטערט צווישן די ווײַסע פֿאָרהענגלעך, זיי האָבן אָט אַרײַנגעריסן זיך אין שטוב אַרײַן און אָט אַרויסגעוויִעט צוריק אין דרויסן אַרויס. ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריִען אַף טאָג.

קיינמאָל איז נאָך אַזוי שטיל ניט געווען באַם טיש, ווי דעם פֿרימאָרגן. קיינער האָט זיך ניט געכאָכמעט און קיינער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מע האָט בלויז געהערט, ווי דער סאַמאָוואַר פֿאַרציט אַלעמאָל א בייז ניגנדל און ווערט אַנשוויגן.

שיקע איז פֿאַר דער נאַכט אַזוי ווי עלטער געוואָרן, טיפֿע קנייטשן האָבן זיך אויסגעלייגט אַפן שטערן, אַרום די אויגן, די גראָווע ברעמען זײַנען געווען צעשויבערט. ער האָט געגעסן מיט א האַלב מויל, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אים איז שווער אופֿהייבן די האַנט אַף נעמען דעם גאָפּל. דער גאַנצער קערפּער זײַנער איז ווי געווען אָנגעגאָסן מיט בלײַ. פּלוצעם האָבן זײַנע אויגן א

פינקל געטאָן, ער האָט געוואָרפן א בליק אפן גלעזערנעם שאפקעלע. די באָנים האָבן זיך איבערגעקוקט, מע האָט ניט פארשטאנען, וואָס מיינט דער פאָטער. דאַן האָט דער אלטער אליין זיך אופגעהויבן, איז צוגעגאנגען צו דער שאפע און ארויסגענומען פון דאָרטן דעם גראפין בראנפן.

די כעוורע האָבן אָנגעבויגן די קעפ איבער די טעלער. א שלעכטער סימען, אז דער אלטער נעמט זיך אפן ניכטערן הארצן צום גראפין. בייסן פרישטיק איז קיינמאָל קיין בראנפן ניט געדאכט געוועזן אפן טיש, בלויז באם ווארמעס פלעגט מען נעמען צוביסלעך מאשקע.

דער אלטער זאווריוכע האָט זיך אָנגעגאָסן א קויסע. ער האָט פון אונטער די ברעמען שטרענג א קוק געטאָן אף זײַנע באָנים און געפרעגט: „נאָך עמעצער וויל?" — דאָס האָט געהייסן, קיינער זאָל ניט וואגן, און אליין האָט ער האסטיק איבערגעקערט די קויסע אין מויל אריַין און זיך גענומען פארן גאָפל.

נאָר סײַווי איז דאָס עסן ניט געגאנגען דעם אלטן. באם טיש איז געווען אזוי ווי נאָך א לעווײַע. אין עזרעס זײַט האָט קיינער ניט געקוקט, פונקט ווי א פרעמדער מענטש זאָל דאָ זיצן. און ער, עזרע, האָט זיך געמאכט ניט ווויסנדיק, געקײַט אף ביידע באקן, ווי וועלנדיק זיך נוי־קעם זײַן אינעם עסן.

ווי אף צולאָכעס האָט דער פרישטיק לאנג געדויערט. די כעוורע האָבן זיך שוין געוואָלט אופהייבן פונעם טיש, נאָר דער אלטער איז נאָך אלץ געזעסן און עפעס געזוכט אין טעלער. אליין ניט געוווּסט וואָס. ער האָט ניט געזען, ווי די באָנים זײַנע האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אף אים. ערשט ווען דער וואנטזייגער האָט א הייזעריקן קלונג געטאָן, האָט שיקע זאווריוכע א צאפל געטאָן, פונקט ווי מע וואָלט אים פלוצעם אופגעוועקט פון שלאָף. ער האָט זיך אופגע־שטעלט אף די פיס און געלאָזט זיך גיין. נאָך אים האָבן אוועקגעשפאנט די באָנים זײַנע, גע־שפאנט האסטיק, אזש די ערד האָט געהודעט אונטער זייערע פיס.

פונדעסטוועגן איז יעדער איינער פון עזרעס ברידער געווען זיכער, אז דער מיזיניק וועט זיך באטראכטן, וועט פארשטיין, אז ער טוט א קרומע זאך און פארשאפט מיט דעם אגמעס־נעפעש דעם טאטן. אָבער אינמיטן הויף איז עזרע שטיין געבליבן, מיטאמאָל זיך אויסגעקערע־וועט און אוועק צום טויער.

שיקע זאווריוכע איז געקומען אין קארעטנע בלויז מיט פינף באָנים. דער זעקסטער איז אוועק אף אן אנדער וועג. און דאָס ערשטע מאָל אף זײַן לעבן האָט שיקע זאווריוכע ניט באַ־מערקט, אז ער האָט דעם לעדערנעם פארטעך זײַנעם אָנגעטאָן אף דער לינקער זײַט. ער האָט געהאלטן דעם האמער אין האנט און זיך צעשריִען אף א קאָל:

— ווּ איז דאָס ערגעץ עזרע?..

ווען דער עלטערער זון, שמוליק, האָט געזאָגט דעם טאטן, אז ער זוכט דעם נעכטיקן טאָג, האָט דער אלטער א קוק געטאָן אף דער האנט, א שלײַדער געטאָן דעם האמער אין קעסטל געצײַג, זיך אויסגעקערעוועט צום האָרן און גענומען שטורכען די קוילן מיט דער שפיז.

שפעטער א ביסל האָט דער אלטער ווידער זיך צעגוואלדעוועט, וווּהין איז דאָס עזרע פאר־פאלן געוואָרן. ער האָט פארגעסן, אז דער מיזיניק האָט אים פארלאָזט.

ערשט אין עטלעכע טעג ארום האָט שיקע זאווריוכע זיך באַרוּיקט, ער האָט אפילע דער ערשטער אָנגעהויבן ריידן מיט עזרען. געפרעגט, ווי גייט עס אים אפן נײַעם אָרט און צו וואָס וועט ער זיך נאָכדעם נעמען, אז די נײַע ארבעט וועט אים נימעס ווערן.

עזרע האָט בלויז געקנייטשט מיט די פלייצעס, אומרוּיִק געקוקט דעם טאטן אין פּאָנעם. ער האָט געזען אינעם טאטנס אויגן, אז ער וועט שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען זיך אומקערן אין קארעטנע.

די צײַט איז געגאנגען, און עזרע האָט זיך צוגעוווינט צו דער נײַער ארבעט. שאָרל איז געווען פון אים זייער צופרידן, געוואָרן מיט אים א גאנצער גוטערברודער. אָפטמאָל פלעגט ער מיטנעמען מיט זיך עזרען אף באטראכטן א נײַעם פאָדריאד. פארײַנוועגס פלעגט מען זיך ארײַנכאפּן אין א רעסטאָראן איבערבײַסן און נעמען צוביסעלעך ווײַן. אין רעסטאָראן, זיצנדיק באם טישל, האָט שאָרל אײַנגעטײַנעט מיט זײַן ארבעטער, אז מע דארף האָבן סייכל, וויִאזוי צו לעבן אף דער וועלט.

— דו לערן זיך בא מיר ארויסבאקומען דעם רובל, — בעשאסמײַסע האָט שאָרל געקוקט אף זײַנע פוכקע ציכטיקע הענט, אף די גרויסע נעגל, וואָס האָבן געגלאנצט, ווי פערלמוטערנע קנעפלעך, אף די פינגער.

דעם ערשטן כוידעש האָט דער שעף באלוינט עזרען מיט פערציק קארבן, דעם צווייטן כוידעש — מיט א קנאקנדיקן פופציקער. און ווען שאָרל האָט אנידערגעשטעלט א האָרן מיט

א קאָוואַדלע, און עזרע האָט אים אָנגעהויבן קאָוועןן די האַקנס צו די ראַדיאַטאָרס, האָט עזרע געבראַכט אַהיים גאַנצע צוויי הונדערטערס.

דער טאַטע האָט עזרען דעמלט אַרײַנגעשנאָלט אַ פּאָר האַרבע ווערטער:

— וואָס נעמסטו זיך איבער, יאָלד איינער! אַז דײַן אינזשעניער פּלעגט בײַ מיר באַשטעלן די קריוקעס, פּלעג איך בײַ אים האָבן פּינף מייעס. מיינסט, דײַן שאַרל איז אַזאַ יאָלד, ווי דו?

דעם עמעס געזאָגט, שטאַרק צום האַרצן איז עזרען די נײַע אַרבעט ניט געווען. אַף קלאַפּן לעכער אין די ווענט, מאָנטירן די ראַדיאַטאָרס, בייגן טרײַבלעך דאַרף מען ניט זײַן קיין גרויסער מומכע. בלויז ווען מע שטעלט אײַן דעם קעסל, דאַרף מען אַ ביסל אַ טרייסל טאָן מיט די געהירן. ס'מאַכט זיך אָבער אָפּט, אַז מע מוז אויך נעמען דעם זאַסטעפּ אין די הענט און גראָבן טראַנשייעס. און דאָס איז שוין גאָר קיין מעלאָכע ניט. נאָר ווען עזרע שטעלט זיך אַנידער קאָוועןן, פּרישט ער זיך אַף אַ ביסל. אָבער ערשט דעמלט הייבט זיך אָן בענקען נאָך דער קאַרעטנע. עזרען ווײַזט זיך אויס, אַז ער הערט, ווי עס קלינגט דעם טאַטנס העמערל, עס פּאָדערט, מע זאָל שטאַרקער אַ קלאַפּ טאָן. און דער טאַטע אַליין קומט אים אויף פאַר די אויגן: אַ קישעפּמאַכער, וואָס קען אויסקאָוועןן אַ בלײַענדיקע רויז פון שטאָל און אײַזן. עזרען גלוסט זיך דעמלט ווידער שטיין מיטן טאַטן בײַ דער קאָוואַדלע, ריכטעווען די רעסאָרעס, הערן, ווי די העמערלעך קלאַפּן אויס אַ ניגנדל, וואָס מע קען דעם נאָכזינגען.

שאַרל האָט ניט דערלאָזט, אַז עזרע זאָל כאַראָטע האָבן. ער האָט אים דערציילט מײַסעס וועגן בעלגיע, געזאָגט, אַז ער וועט אײַנגיכן אוועקפאָרן אַהין, און אויב עזרע וועט וועלן, וועט ער אים מיטנעמען מיט זיך. דאָרטן ערשט וועט אַזאַ באַכער קענען ווערן אַ מענטש.

■

עפּעס ווי דורכן שלאָף האָט עזרע פּלוצעם דערהערט, ווי עמעצער רופט אים. ער איז שטיין געבליבן, זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ער איז שוין גאָר לעם זײַן שטוב. פונעם הויף איז צו אים געלאָפן מאַרע, דער שכיינעס, וועליע אַבראַמאָוונעס, אייניקל און געהאַלטן אין איין רופן:

— דיאַדיאַ זאַווריוכאַ, דיאַדיאַ זאַווריוכאַ!

ווען מאַרע איז צו אים צוגעלאָפן, האָט זי אַ פאַרסאָפּעטע אָנגעהויבן דערציילן:

— דיאַדיאַ זאַווריוכאַ, אײַער שיקל האָט לעבן גאַראַזש, דאָרטן, ווו ער בויט זײַן שיפל, איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע געצײַג זײַנס. די שליסלען און די העמערלעך האָב איך צונויפגעקליבן און באַהאַלטן, נאָר דאָרטן איז געבליבן ליגן דער עלעקטראָ־דרעל, — זי האָט צעשפּרייט די הענט, — ער איז דאָך אַזאַ גרויסער און מיט גומענע קישקעס, שווער, מיט רוכעס... — זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, — ער איז שווער, קאָן איך אים ניט אופהייבן, עמעצער קאָן דאָך אים צונעמען...

עזרע האָט ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיידל וויל פון אים.

— וואָס זשע ביסטו אַנשוויגן געוואָרן? — האָט ער זיך אָנגערופן.

— אוי, דיאַדיאַ זאַווריוכאַ, איך דערצייל דאָך אײַך, אײַער שיקל האָט זיך געײַלט, זיך אופגעזעצט אַפן מאָטאָציקל...

— האַ־האַ, אַזוי זשע רעד, איצט פאַרשטיי איך. קום.

מאַרע איז אַוועק אַפריער, שפּרינגענדיק אַף איין פוס.

א קוק טאָן אַף דער מאַרען, קאָן מען מיינען, אַז ס'איז גאָר אַ ייִנגל: די בלאָנדע האָר קורץ אונטערגעשוירן, שטענדיק לויפט זי אַרום אין שאַראַוואַרעס אָדער אין קורצע הייזלעך. בלויז אַז זי גייט אין שול, טוט זי אָן די טונקל־ברוינע אוניפאָרם מיטן שוואַרצן פאַרטעכל. דאָס זוימער־ווײַסע קעלנערל שעמערירט בײַ איר שטענדיק אַף מײַלן.

מאַרע כאַווערט זיך נאָר מיט ייִנגלעך. אומעטום איז זי פול. שפּילט אַפילע אין פוטבאָל. זי איז דער בעסטער גאָלקיפּער אין הויף. און אַז כעווריע פּאַקט ערגעץ אַ פּעקל סיגאַרעטן, טיילט מען אויס מאַרען אויך אַ סיגאַרעטל, און זי שעמט זיך ניט, זי רייכערט, שטעקט עס אַרײַן צווישן די ווײַסע ציינדלעך, בלאָזט אָן די בעקלעך און לאָזט אַרויס פון צווישן די ליפּעלעך קנײַלעכלעך רויך.

אַליין איז זי אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, וועסט קיינמאָל ניט זאָגן, אַז זי איז שוין אַלט זעכצן יאָר. דערפאַר אָבער איז זי זייער אַ פלינקע, אַ זשוואַווע זייער.

עזרע איז איר נאָכגעגאַנגען, און געטראַכט האָט ער, אַז אומזיסט האָט ער זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן גאַראַזש. ער גיט נאָך דעם טאַכשיט זײַנעם. יענער האָט זיך פאַרשריבן אין דער ריי אַף צו קויפן אַ „מאָסקוויטש“, האָט מען דאָך געמוזט צוגרייטן אָן אָרט ווו אַוועקצושטעלן

די מאַשין. פריִער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייסעק מיט קריגן אַ דערלויבעניש אַף אויסבויען אַ גאַראַזש אין הויף, נאָכדעם איז אַוועק אַ מײַסע מיט קריגן ציגל, ברעטער, שיפער — און אַרבעט פאַר לײַדיקגייערס. נאָר אַז דער זון וויל און דער אייניק, דאַניעלס זון, באַמקעט אויך אונטער, איז דאָך קיין ברירע ניטאָ.

אַ קלייניקייט — איין טרוים אין לעבן: מע וועט זיך אַרײַנזעצן אין דער נײַער מאַשין און פאָרן אין וואַלד אַרײַן פון יענער זײַט דניעפּער, אָדער מע פאַרמעסט זיך גאָר פאָרן קיין סאָטשי, קיין קרים. מע רעדט שוין, וואָס מע דאַרף מיט זיך מיטנעמען. דאַנקע, דער אייניק, האָט פאַרגעלייגט מיטנעמען מאַרען אויך, אַרײַנוואַרפן זי אין באַגאַזשניק און זאָל זי זיך פאָרן.

דערווײַל האָט מען באַדאַרפט נאָך דער אַרבעט און אין די אָפּרו־טעג פאַרקאַטשען די אַרבל. אַלע אײַנדרײַען, און מאַרע אויך אין קאָן, האָט מען זיך געשטעלט בויען דעם גאַראַזש.

העכער צוויי כאַדאָשים האָט מען אָפּגעהאָרעוועט, געמאַכט דעם גאַראַזש ראַיעל, אַזוי ווי באַ לײַטן. געלט אַף קויפן דעם „מאָסקוויטש" איז שוין פון לאַנג געווען אָפּגעלייגט. האָט זיך פלוצעם שיקלען פאַרגלוסט ביז וואָס־ווען קויפן אַ מאַגניטאָפאָן, נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן טראַנזיסטאָרס, וויִאַזוי קאָן מען זיך עס באַגיין אָן אַ טראַנזיסטאָר? איצטער ווילט זיך שיקלען בײַטן דעם טעלעוויזאָר, ער דאַרף האָבן אַ מאָדערנעם. איז מען אַזוי געבליבן באַם אײנעם גאַראַזש. און וועמען איז ער גערעכט, דער זון זײַנער, קאָן ער גאָר ניט פאַרשטיין, עזרע. סײַדן אין אַ ציגײַנער, וואָס האָט ליב אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק בײַטן די פערד.

אינמיטנדערינען האָט שיקל דערזען אין צײַטונג אַ פּראָיעקט פון אַ שיף — אַ ראַקעטע אַף אונטערוואַסער־פליגל. דער באָכער האָט זיך באַלד אָנגעצונדן. ער וועט בויען אַ קליין שיפל — אַ ראַקעטע. ער האָט אויסגעבעטן אַפן זאַוואָד עטלעכע בויגנס דיוראַליומיני און נאָך עפּעס קלייניקײַטן, ס'האָבן זיך געפונען באַלאָנים העלפן, סײַ כעוורע פון זאַוואָד, סײַ פון הויף, און מע בויט שוין. אָבער גאָר אינגיכן איז מען אָפּגעקילט געוואָרן, מע האָט געמיינט — איינס, צוויי און אין דאַמקע...

שיקע אַקשנט זיך, ער וויל ניט גלייבן, אַז באַ אים וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. שיקעס כאַווער, באָריס, אַן אינזשעניער פון דער זאַוואָדישער סקב[1], האָט אונטערגערעכנט, אַז בעסאַכאַקל האָט שיקע אַ טאָעס אין אַלע זײַנע כעזשבוינעס. דער דנאָ איז באַ זײַן שיף צו לײַכט, די פליגלען צו שווער. באַ דער שנעלקײַט, וואָס אַ ראַקעטע דאַרף האָבן, וועט זיך שיקעס קאָנסטרוקציע איבערקערן מיטן בויך אַרויף. זוכט שיקע מיטלען, וויִאַזוי צו פאַרלײַכטערן די פליגלען. כײַ וואָלט ער געמאַכט אַ פּאָשעט שיפל, וויל ער נאָר זײַנס דערווײַזן — אַ ראַקעטע, און שוין. אומזיסט פּאַטערט ער צײַט און קויכעס. דער זומער ענדיקט זיך שוין, און די ראַקעטע ליגט נאָך אָן לײַב און אָן לעבן, ס'איז נאָך זייער ווײַט צום געלעכטער.

צו דעם אַלעמען נעמט נאָך באַ אים צו אַ וועלט מיט צײַט דער מאָטאָציקל. לערנען וויל ער זיך ניט. זאָגט, אַז ער קלײַבט זיך אַרײַנטרעטן אין אינסטיטוט, און ליגט עס אָפּ פון יאָר צו יאָר, און די צײַט גייט דערווײַל, זי שטייט ניט אַף איין אָרט.

אַז עזרע האָט געעפנט דעם גאַראַזש אַף אַרײַנצוטראָגן דעם עלעקטראָ־דרעל, האָט ער דערזען ליגן אַ נײַעם מאָטאָר פאַר דער ראַקעטע. וועגן דער נײַס האָט עזרע גאָרניט געוווסט. ווען האָט שיקע אים געקויפט, ווייסט ער ניט. פאַרוואָס האָט ער דעם טאַטן ניט געזאָגט וועגן דעם, פאַרשטייט ער אויך ניט.

דערפאַר ווייסט מאַרע פון אַלע שווערע הערצער. זי דערציילט, אַז ס'איז שוין צוויי וואָכן, זינט שיקע האָט געבראַכט דעם מאָטאָר, זי ווייסט אַפילע, וויפל ער קאָסט.

עזרע הערט זי אויס און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער איז אַ באַלן זי פרעגן, צי ווייסט זי עפּשער אויך, ווו האָט שיקע גענומען געלט אַף קויפן דעם מאָטאָר, נאָר ער טוט גאָר אַ זאָג צו איר:

— און בענקען נאָך דײַן כאָסן ווּעסטו?

מאַרע ווערט ניט ניספּאָעל פון דער דאָזיקער פראַגע, זי טוט בלויז אַ קנייטש מיט אירע שמאָלע אַקסלען. איר אַרט ניט, וואָס מע נייט איר צו דאַנקען פאַר אַ כאָסן. מע האָט זיי פאַרקנאַסט שוין פון לאַנג, נאָך דעמלט, ווען זיי פלעגן ביידע גיין אין קינדערגאָרטן.

מאַרעס באָבע פלעגט זיי פירן ביידע, דאַנקען מיט מאַרען, אין קינדערגאָרטן. אַמאָל פלעגט זיי אויך שיקע טרײַבן, ווי די גענדזלעך, אָבער מערסטנטייל די באָבע. מאַרע פלעגט דעמלט אַלע טאָג קומען צו לויפן צו די זאַווערױכעס. צום גליק האָט זי ניט געקענט דערלאַנגען, פלעגט זי מיט אַ פוס קלאַפּן אין טיר און שרײַען אַף אַ קאָל:

— דאַנקע! קום, דאַנקע!

---

1 ספּעציעלע קאָנסטרוקטאָרישע ביוראָ.

מאַרע ווייסט, אַז דער כאָסן האָט אָבער אַן אַנדער קאַלע. נאַטע פֿונעם הויז נומער צוועלף שטאַרבט נאָך דאַנקעס טריט. און דאַנקע פֿאַלט אָקאָרשט ניט אײַן כאַלאָשעס, אַז נאַטע קומט ניט צו גיין אַהער, אין הויף אַרײַן. נאַטע איז טאַקע זייער אַ שיינע, אַ וווּקסיקע. כאָטש זי גייט מיט דאַנקען און מיט מאַרען אין איין קלאַס, דאָך זעט זי אויס שוין ווי אַ דערוואַקסענע מויד. זי פֿאַרבט שוין אַמאָל די ליפּן אויך, עמעס, דאָס טוט זי בלויז אין די אָוונטן. נאָך פֿאַראַיאָרן האָט זי שוין אָנגעטאָן שיכלעך אויף הויכע אָפּצאַסן. איצטער פֿאַרפּוצט זי זיך אין אַ מאָדנע ברייט קליידל, אַ קײַלעכדיקס, ווי אַ פּעסעלע. נאַטע ווייסט, מיט וואָס זיך אויספּײַנען, בײַ איר זײַנען שיינע הויכע פֿיס, אַ שלאַנק קערפּערל, זי שטעלט אַרויס אַלץ, וואָס איז אַזוי אויך זייער בויּ־לעט, און שעמט זיך גאָר פֿאַר קיינעם ניט.

גאַנץ אָפּט שיקט דאַנקע מאַרען, זי זאָל גיין רופֿן נאַטען. אַן אַנדער ברירה האָט מאַרע? צוערשט גייט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ניט געײַלט, נאָכדעם לאָזט זי זיך האַסטיק לויפֿן, פֿאַלט אַרײַן אין אַ פֿאַרביטערטע אינעם הויף פֿונעם צוועלפֿטן נומער, שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן נאַטעס באַלקאָן, וואָס איז אויפֿן צווייטן שטאָק, און צעשרײַט זיך ווייטעקדיק:

— נאַטע, גיי שוין!

און נאַטע ווייסט, וווּהין זי דאַרף גיין.

עס פֿאַלט אויך אויס אַ טאָג, אַז דאַנקע שיקט ניט מאַרען רופֿן נאַטען. מאַרע מיט דאַנקען זיצן ביידע אונטער אַן אַקאַציע־בוים. מע זיצט און מע שווײַגט. מאַרע קוקט אויף דאַנקען, און ער אויף איר ניט. ער דרייט זיך אַהער און אַהין, קוקט אַלע ווײַלע צום טויער, הערט גאָרניט, וואָס מאַרע רעדט צו אים, שווײַגט, ווי דאָס מויל זאָל בײַ אים זײַן פֿאַרשלאָסן אויף הונדערט שלעסער. דאַנקע מינעט זיך, עקט זיך. פֿאַרשטייט דאָך מאַרע, אויף וועמען ער וואַרט, באַקומט זי אויף אים ראַכמאָנעס און גייט אַליין רופֿן נאַטען.

אַז נאַטע קומט צו גיין, קאָן זי ניט אײַנזיצן אויף איין אָרט, זי שלעפּט באַלד אַוועק דאַנ־קען. מע גייט ערגעץ שפּאַצירן. מאַרען אַרט ניט, זאָלן זיי זיך גיין, איר פֿאַרדריסט בלויז, ווען נאַטע הייבט זיך אָן צו קנייטשן, ווערט ניט צופֿרידן, אַז דאַנקע וויל אַמאָל נעמען מאַרען אויך אין קינאָ. אַז זיי גייען אַוועק בלויז אינצווייען, בלײַבט מאַרע שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, עפּעס הייבט איר אָן צו קיצלען אין די אויגן, ס׳איז איר שווער צו אָטעמען, און די אַוועקגייענ־דיקע נאַטע מיט דאַנקען ווערן צוביסלעך אַזוי ווי פֿאַרפּלייצט מיט וואַסער, נאָכדעם ווערן זיי אײַנגאַנצן דערטרונקען.

וועגן דעם אַלץ דערציילט ניט מאַרע דעם דיאַדיע זאַווריוכע. מאַרע ווייסט, וואָס מע מעג דערציילן און וואָס מע טאָר ניט.

אַלע מיידלעך פֿון נײַנטן קלאַס זאָגן, אַז דאַנקע איז זייער אַ שיינער. ער איז אַ שטאַלטנער, אַ וווּקסיקער, קיין העכערער כעוורעמאַן איז אין דער גאַנצער שול ניטאָ. ער איז אויך אַ גוטער גימנאַסט און אַ באָקסיאָר.

ווי קאָן זיך מאַרע גלײַכן צו דאַנקען! ער איז אַזאַ אויסגעשפּילטער, און זי וואָס? — אַ קליינינקע, און דערצו ניט קיין שיינע אויך.

די אויגן און די האָר זײַנען בײַ דאַנקען פּונקט אַזוינע שוואַרצע, ווי בײַ שיקען, נאָר שיקע איז עפּשער נאָך שענער.

פֿאַר שיקען האָט מאַרע אַ ביסעלע מוירע. ניין, זי קאָן ניט זאָגן, אַז ער איז אַ בייזער, ער איז בלויז אַ שטרענגער. מאַרע האָט ליב צו קוקן, ווי שיקע פּאָרעט זיך בײַ דער שיף. זײַנע הענט קענען אַלצדינג טאָן, אי אַרבעטן מיט דער פֿײַל, אי מיטן עלעקטראָ־דרעל, און אַז ער דאַרף, קאָן ער אַרבעטן מיטן אַפּאַראַט פֿון עלעקטראָ־שווייסונג אויך. אוי איז מאַרע אים מע־קאַנע, אַז ער טוט אָן אויף זיך דעם קאָמבינעזאָן, וואַרפֿט אַרויף אויפֿן קאָפּ דעם ברוינעם בערעט און נעמט זיך צו דער אַרבעט! הײַנט וויאַזוי האָט שיקל קאָמאַנדעוועט מיט די כעווראַ, וואָס פֿלעגן קומען אים העלפֿן בויען די ראַקעטע! אַלעמען האָט ער באַטיילט מיט אַרבעט, און אַלע האָבן אים געפֿאָלגט. מע האָט פֿלײַסיק געאַרבעט, אָבער ס׳האָט אַזוי לאַנג ניט געדויערט. די לעצטע צײַט קומט קיינער ניט צו גיין, און שיקל האָרעוועט איינער אַליין. שאָענווײַז ליגט ער אונטער די קאָזלעס, קלאַפּט מיטן העמערל איבערן בויך פֿון דער ראַקעטע. און וואָס איז ווערט, אַז שיקל זעצט זיך אויף אויפֿן מאָטאָציקל און פֿליט אַרויס פֿון הויף, ווי אַ ווינט. ווען ער פֿאַרקערעוועט אויף דער גאַס, טוט ער זיך אַ בייג צו צו דער ערד, און עס דאַכט זיך אויס, אַז אָט באַלד וועט ער אַ פֿאַל טאָן אויפֿן אַספֿאַלט און וועט צעשאָטן ווערן אינאיינעם מיטן מאָטאָ־ציקל. נאָר שיקל גלײַכט אויס די פּלייצעס, קלאַמערט זיך אײַן מיט די הענט אין רודער, און ער יאָגט שוין ווײַטער ווי אַ וויכער.

אייערנעכטן האָט שיקל געהייסן מאַרען זיך אַוועקזעצן אויפֿן הינטערשטן זאָטעלע, אים אָנעמען מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און זיך האַלטן שטאַרק־שטאַרק.

— מאַרע, באַלד וועל איך דיך אַ ביסעלע דורכלופּטערן! — האָט ער געזאָגט.

מאַרע וועט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זי האָט געהאַט אַזאַ פאַרגעניגן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי פליט אינדערלופטן. זי האָט אַפילו ניט געהערט, ווי דער מאָטאָציקל רוישט, בלויז דער ווינט האָט געשורשעט אין די אויערן. דער אַספאַלט האָט געיאָגט אַנטקעגן דעם מאָטאָציקל ווי אַ צעדולטער, הײַזער אוןביימער זײַנען דורכגעלאָפן פאַרבײַ און ניט געסטײַעט ערגעץ. מאַרע האָט דאַפקע אַ ביסל מוירע געהאַט, נאָר זי האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אין שיקעס פלייצע און געסטאַרעט זיך ניט קוקן אין די זײַטן.

ניט אומזיסט האָט שיקל געגומען מאַרען זיך דורכלופּטערן. מאַרע פאָלגט אים, פאַרלאָזט אים ניט אַף קיין מינוט. טאָמער וועט שיקע עפּעס דאַרפן, וועט ער אַ געשריי טאָן:

— מאַרע, ווו ביסטו ערגעץ? ברענג מיר דעם שוועדישן שליסל.

און מאַרע טוט באַלד אַ צאַפּל, לויפט אַוועק אין עק גאַראַזש, זי ווייסט שוין, ווו ער האַלט דאָס געצײַג, עפנט דעם שופלאַד פונעם ווערקשטאַט, געפינט דעם שליסל און ברענגט אים שיקלען.

און אַז שיקל וועט ניט האָבן וואָס צו רייכערן, וועט ער זאָגן אין גוטן מוט:

— מאַרע, אַף איין פוס, טו נאָר אַ לויף און ברענג אַ פּעקל „פּרימאַ“.

מאַרע יאָגט אַוועק אַף איין פוס און ברענגט צו טראָגן אַ פּעקל סיגאַרעטן. בלויז ווען שיקל צינדט אָן דאָס פּיסקל פונעם עלעקטראָ־שווייסונג־אַפּאַראַט, צעשרײַט ער זיך אַף איר, זי זאָל אַנטלויפן, זי זאָל ניט קוקן אַפן בלויען פײַערל, וואָס שנײַדט שטאַרק אין די אויגן.

— ביסט אַזוי אויך אַ געראָטענע, פּאַסט נאָך, אַז דו זאָלסט אָנהייבן הינקען אַף דײַנע קוקערלעך, — וועט ער זאָגן און אַראָפּלאָזן אַף זײַנע אויגן די שוואַרצע ברילן. דאָס פּיסקל פון אַפּאַראַט וועט אויסשיסן מיט אַ זודיק פײַערל, נאָר מאַרע וועט ווײַט ניט אַוועקגיין, סײַווי וועט זי פונדערווײַטן קוקן, וואָס שיקל טוט.

מאַרען געפעלט אויך שיקלס מיידל. אוי, איז זי אַ שיינע! אירע בלאָנדע געלאָקטע האָר לאָזן זיך אַראָפּ אַזש ביז די אַקסלען, זיי גלאַנצן ווי גאָלדענע. ווען זי, עמע רופט מען זי, טוט אַ הייב אויף אירע לאַנגע טונקל־ברוינע וויִעס, ווײַזט זיך אויס, אַז דער הימל שפּיגלט זיך אין אירע גרויסע בלויע אויגן.

אַלעמאָל טוט עמע אָן אַן אַנדער קלייד, און יעדער קלייד זינגט מאַמעש אַף איר. מאַרע פאַרשטייט, וואָס הייסט אַ פאַסאָן, זי פאַרגעדענקט יעדער געסטעקעלע, יעדער פאַלד פון עמעס קלייד. און אַז זי קומט צו לויפן צו זיך אין שטוב, כאַפּט זי אַ העפטל און מאָלט באַלד אויס דעם פאַסאָן, וואָס באַהאַלט קלוימערשט אויס, נאָר אינדערעמעסן שטרײַכט ער נאָך מער אונ־טער עמעס בייגעוודיקע פיגור.

ווען עמע שפּאַנט באַנאַנד מיט שיקלען, ווײַזט זיך אויס, אַז זי ציט זיך מיט אַלע אירע אייוורים אין דער הייך, ווײַל דערייאָגן דעם ווּוקסיקן באָכער, נאָר ווער־וואָס, קוים וואָס זי דער־לאַנגט מיטן קאָפּ צו זײַנע אַקסלען.

דאָך האַלט מאַרע, אַז עמע מיט שיקלען זײַנען אַ פּאָרל פון גאָט, פּאַסן זייער איינס צום אַנדערן, טאַקע ווײַל זיי זײַנען אַזעלכע פאַרשיידענע. ער איז אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, און זי איז אַן איידעלע, אַ שלאַנקע. שיקל איז אַ טונקעלער, אַ פאַרברוינטער, די האָר שוואַרץ, ווי סמאָלע, און עמע איז אַ ווײַסינקע, אַ ציכטיקע אַזאַ, אַ צאַרטע, בלויז צײַטנווײַז פּילן זיך אָן אירע בעקעלעך מיט אַ ראָזעווער פאַרב. אינגיכן וועט עמע ענדיקן דעם מעד־אינסטיטוט. איר וועט טאַקע פּאַסן זײַן אַ דאָקטער.

זינט שיקל האָט זיך גענומען בויען די ראַקעטע, קומט עמע צו גיין אין גאַראַזש צוזאַמען מיט באָריסן. באָריס איז שיקעס אַ כאַווער, נאָר ער איז שוין אַן אינזשעניער. אַליין איז ער אַ שמאָלינקער, אַן עלעגאַנטער, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. האַלטן האַלט ער פון זיך אַ וועלט. ער טראָגט שיינע ברילן מיט פּירעקיקע דיקע גלאַנציקע גלעזלעך. דאָס געזיכט איז בײַ אים שטענדיק פאַרזאָרגט. עס דאַכט זיך, ער האַלט אין איין טראַכטן און קלערן. אָבער אין זינען האָט ער דעריקער, עס זאָל קיין שטויבעלע ניט פאַלן אַף זײַן ציכטיק אָנטאָן. מע זעט, אַז ער האָט אַ מאַמע, וואָס ציטערט איבער אים.

אַז באָריס קומט צו גיין און טרעפט שיקלען ליגן אונטער דער ראַקעטע, פאַרוקט ער אַף אַרויף די אויסגעפּרעסטע הויזן, זעצט זיך צו אַף די שפּיץ פינגער און, מײַסע גרויסער מייוון, באַטראַכט ער, וואָס שיקע טוט. אַלעמאָל מוז ער געפינען עפּעס אַ כיסאָרן אין שיקלס אַרבעט. אָבער זאָל ער פּרוּוון אַליין עפּעס טאָן, דאָס דאַפקע ניט. ער האָט מוירע אויסשמירן די הענט.

שיקע האָט ניט קיין געדולד אויסהערן באָריסן ביזן סאָף, ווײַל ער וויל זיך שוין גיכער זען מיט עמען. ער קריכט אַרויס פון אונטער דער ראַקעטע, גלײַכט זיך אויס, נעמט אַרויס אַ זשמעניע גאַרן פון דער קאָמבינעזאָן־קעשענע און הייבט אָן אויסווישן די הענט. מיט עמען באַ־

גריסט ער זיך בלויז מיט א פינטל פונעם רעכטן אויג, און זי, עמע, ענטפערט אויך נאָר טוענ־דיק א פינטל מיט אן אויג. נאָכדעם גייט עמע צו נאָענט צו שיקלען און מע הייבט זיך אָן אָנ־קוקן, פונקט ווי מע וואָלט זיך אן אייביקייַט ניט געזען.

עמען געפעלט, ווייַזט אויס, זייער שיקעס געגרייַזלטע שעוועליורע, ווייַל זי נעמט באַלד אראָפ פון אים דעם בערעט און שפיגלט זיך אין זייַן שיינעם קאָפ. איר געפעלן מיסטאָם אויך זייַנע אויגן, די געדיכטע שווארצע ברעמען, דער פעסטער קינבאַק מיטן גריבל אינמיטן, אזוי ווי בא אלע זאוועריוכעס.

און ער, שיקע, זוכט עפעס מיט זייַנע אויגן אף עמעס געזיכט, אף אירע עטוואָס פולבלעכע פרישע ליפן. עס ווייַזט זיך אויס, ער וויל איבערציילן אירע שיינע ווייַסע ציין.

שיקע פאָלגט עמען, ווען זי בעט אים, ער זאָל ענדיקן די ארבעט און גיין שפאַצירן. ער ווארפט טייקעף אראָפ פון זיך דעם קאָמבינעזאָן און גייט אוועק אין שטוב אריַין זיך ארומוואשן און איבערטאָן. מארען הייסט ער, זי זאָל צונויפנעמען דאָס געצייַג, פארשפארן דעם גאראזש. ער טוט איר א וואָרף די שליסעלעך, וואָס הענגען אף א מעשן קייטעלע, מארע כאפט זיי אין די הענט און איז גרייט אויספילן שיקעס באַפעל.

מארע וועט קיינמאָל ניט פארפעלן עפענען דעם גאראזש, ווייַל געוויינלעך זעט זי דורכן פענצטער פון איר שטיבל, וואָס שטייט אין עק הויף, ווען שיקע קומט פון דער ארבעט, אָדער זי דערקענט נאָך פונדערווייַטנס דאָס פיכקען פון זייַן מאָטאָציקל. דאַן לויפט זי ארויס אים באַגעגענען...

— איצט קאָנט איר גיין, דיאַדיא זאוועריוכא, — האָט מארע געזאָגט, — דעם גאראזש וועל איך אליין פארשליסן. שיקלס שליסלען זייַנען בא מיר, — זי האָט מייַסע באַלעבאָס זיך אָנגעהויבן פאָרען מיטן שלאָס.

ערשט איצט האָט עזרע זיך דערמאָנט, אז נאָך פרילינג־צייַט האָט מארע אים געבעטן, ער זאָל זי אייַנאָרדענען אפן זאוואָד. ווען ער האָט זי געפרעגט, וואָס וועט זי טאָן אפן זאוואָד, קוים וואָס זי שטייט אף די פיס, האָט זי א הייב געטאָן דעם קאָפ און אים פארשייַט אָפגעענטפערט: אָהאָ, זי איז א געזונטע, א שטארקע, ס׳מאכט ניט אויס, וואָס זי איז אזא שטשופלע, זי טויג זיך אויס צו דער ארבעט בעסער ווי אנדערע ייִנגלעך.

נאָכדעם איז די קליינע געוואָרן ערנסט. זי האָט געקוקט אף עזרען מיט א מאָנענדיקן בליק און אים, ווי אן עמעסער בארדאס, געגעבן צו פארשטיין, אז די באָבע אירע ווערט וואָס אמאָל עלטער און עלטער, און איר, מארען, גייט אויך דאָס זיבעצעטע יאָר, אינגיכן וועט זי אופהערן באקומען פענסיע פארן טאטן, דארף מען באַצייַטנס טראכטן וועגן דעם. זי וויל ארייַ־בערגיין אין נייַנטן קלאס פון אן אָוונט־שול און אָנהייבן ארבעטן. עזרע האָט זי אויסגעהערט, און ס׳האָט זיך אים שוין ניט געגלוסט שפאסן מיט איר. ער האָט איר צוגעזאָגט איבעריידן מיט זייַן באקענטער, סאָפיע יאקאָוולעוונען, וואָס ארבעט אין א שנייַדער־אטעליע. פאר מארען וואָלט עס געווען די בעסטע ארבעט. איר באָבע האָט אמאָל זיך אויסגעפייַנט פאר אים, אז דאָס אייניקל אירס האָט גאָלדענע הענט, פאריכט אליין אלץ אף זיך און נייט זיך אפילע אליין אוף א קליי־ניקייַט, א פאָר הייזלעך צי א גרינג קליידעלע, דערצו האָט זי נאָך א גוסט נאָכמאָלן אלערליי מאָדעס פון די זשורנאלן.

עזרען איז דאָס אלץ געהאט ארויס פון קאָפ, איצט קאָן ער זיך ניט מויכל זייַן, האלעמייַ ער האָט וועגן דעם פארגעסן.

ער איז ארויסגעגאנגען פונעם הויף, זיך אָפגעשטעלט לעבן טויער. אים האָט זיך ניט גע־גלוסט אריַינגיין אין שטוב. אין דרויסן איז געווען פריש, א ווארעם ווינטל האָט געשויבערט די בלעטער אף די צווייַגן, די שאָטנס פון דיביימער האָבן זיך געשאָקלט אפן אספאלט, און עס האָט געדאכט, אז די ערד הוידעט זיך. ערגעץ ווייַט אין עק הימל, פון יענער זייַט דניעפער, האָבן געשטיפט בליצן, אלעמאָל א בלענד געטאָן און פארשוווּנדן, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך געשפילט אין באהעלטערלעך. דאָ, איבער דער שטאָט, האָבן שוין דעם הימל פארפלייצט שטערן, אָבער ס׳איז נאָך געווען פרי. עפשער איצט צופאָרן צו סאָפיע יאקאָוולעוונען איבעריידן מיט איר וועגן מארען, — האָט עזרע א טראכט געטאָן.

ער האָט זיך גאָר דערפרייט פונעם דאָזיקן געדאנק און גענומען כאפן א מאשין. אים איז ניט אויסגעקומען לאנג צו ווארטן, אינגיכן איז דורכגעפאָרן א פרייַע טאקסי.

— אף דימייעווקע! — האָט ער האָפערדיק באפוילן דעם שאָפער.

די מאשין האָט זיך אָפגעשטעלט לעם א הויכן פארקן. צעצאָלנדיק זיך מיטן שאָפער, האָט עזרע געכאפט א קוק איבערן פארקן, צי ס׳לייַכטן זיך די פענצטער בא סאָפיע יאקאָוולעוונען.

אין שטוב איז געווען ליכטיק. אָבער ווי קומט עס, וואָס די פֿענצטער זײַנען פֿאַרמאַכט, ס'איז דאָך אַזוי גוט אין דרויסן. עזרע ווייסט, אַז סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע האַלט די פֿענצטער אָפֿן ביז שפּעטן אָסיען.

אומזיסט האָט ער זיך באַאומרויִקט. סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע איז געווען אין דער היים.

זי איז טאַקע אָקאָרשט אַרײַן אין שטוב, נאָך געהאַלטן דאָס היטעלע אין די הענט, ניט באַוויזן עס אַנידערלייגן אויף אַן אָרט, ווען מע האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער דרויסנדיקער טיר. זי האָט אַ ציטער געטאָן און זיך געלאָזט אײַליק גיין עפֿענען. זי דערקענט שוין דאָס קלאַפּן, אָבער וואָס ווײַטער זי איז געגאַנגען, זײַנען אַלץ לאַנגזאַמער געוואָרן אירע טריט. פּאַרזיכטיק האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די טרעפּ, אופֿגעעפֿנט די טיר און אַרײַנגעלאָזט דעם גאַסט.

די הילצערנע טרעפּ סקריפּען שטענדיק אונטער עזרעס פֿיס. סאָפֿיע יאַקאָוולעוונען ווײַזט זיך אויס, אַז די שטוב דערקענט זײַנע טריט און ווערט פֿרייִלעכער פֿון דעם ניגן, וואָס זיי ברענגען אַרויס. עס אַנטלויפֿט די איינזאַמקײַט פֿון יעדן ווינקל, און זי אַליין, סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע, ווערט גאָר אַן אַנדערע. זי שפּאַנט אויף די שפּיץ פֿינגער, קעדיי ניט פֿאַרטויבן דאָס סקריפּען, זי זאָל טאַקע הערן, אַז דאָס גייט ער, ניט קיין אַנדערער, הינטער איר.

עזרע שטעלט זיך אָפּ בײַ דער שוועל. סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע גייט אָפּ אויף אַ פּאָר שפּאַן און קערעוועט זיך אויס צו אים מיטן פּנים. אירע פֿולבלעכע געפֿאַרבטע ליפּן נעמען זיך עטוואָס באַוועגן, פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס אויסגעלייענט אין זײַנע אויגן. איר טונקל־מאַטעווע פּנים צעבליט זיך פּלוצעם, פֿילט זיך אָן מיט אַ פֿאַרב פֿון ראָזעווען ווײַן. די גרויסע טונקעלע אויגן הייבן אָן בליאַסקען און זשמורען זיך אין אַ שמייכל. אַלץ אין שטוב ווערט אופֿגעלעבט. אי די זויבער־ווײַסע געהאַפּטענע סערוועטלעך אויפֿן מעבל ווערן לוסטיקער, אי דער גרויסער גלעזערנער סערוואַנט צעשמייכלט זיך צוזאַמען מיט אַלע קויסעס און באָקאַלן, די בענקלעך לאַדן אײַן פֿאַרנעמען פּלאַץ — אַלץ דערפֿרייט זיך מיטן גאַסט.

סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע האַלט ניט אויס עזרעס בליק, זי פֿאַרשעמט זיך, ווי אַ קינד, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, טוט אַ בייג איר פֿולבלעכן קערפּער און פֿאַרבעט עזרען אין שטוב אַרײַן. זי רעדט מיט אַ ווייך סאַמעטן קול:

— וואָס זשע שטייט איר, עזרע יעווסייעוויטש, זעצט זיך, זײַט ניט קיין גאַסט. איר האָט גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין מיר. ווען סע גייט ניט צו ווינטער, צעוואַלגער איך די הרובע.

עזרע טוט שווײַגנדיק אויס דעם רעגנמאַנטל. ער גייט צו צו אַ בענקל, זעצט זיך אַנידער בײַם טיש. סאָפֿע נעמט צו בײַ אים דעם מאַנטל, גייט אַוועק אין קאָרידאָר און רעדט פֿון דאָרטן, דערציילט, אַז זי איז נאָרוואָס אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. ווען עזרע קומט עטוואָס פֿריִער, טרעפֿט ער זי ניט אין דער היים.

סאָפֿע קערט זיך אום פֿונעם קאָרידאָר, דאָס טונקל־ראָזעווע קלייד פּאַסט איר זייער. עס הילט ניט אײַן שטײַף איר פֿיגור, אָבער יעדער אייווער אירער טיילט זיך אויס רייצנדיק, זעט אויס לײַכט און שטײַף, זי אַליין, סאָפֿע, באַוועגט זיך ווי אַ יונג מיידל. אָט האָט זי צעעפֿנט די פֿענצטער, אָט האָט זי דערלאַנגט פֿונעם קאָמאָד אַ זויבער־ווײַסן סערוועט, אים אַ וואָרף געטאָן אויפֿן טיש, אים פֿאַרשפּרייט, אויסגעגלעט מיט אירע האַלב־נאַקעטע שיינע הענט. די פֿינגער אירע פֿילן אַלץ, זיי דערפֿילן אַ פֿעדעמל, טאַפּן אָן יעדער קנייטשעלע און גלײַכן עס אויס. זי שטעלט אויס אויפֿן טיש די טעלער, וואָס בלישטשען און שעמערירן. די גלעזער, די פּושערן גלאַנצן. אַלץ שמעקט מיט אַזאַ פֿרישקײַט, ווי סאָפֿע אַליין.

— וואָס זשע מאַכסטו עפּעס, סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע? — פֿרעגט ענדלעך עזרע.

— וואָס זאָל איך מאַכן, עזרע יעווסייעוויטש? איר ווייסט דען ניט? איך האַלט מילכאָמע מיט מײַנע דאַמען. איינע וויל, איך זאָל איר אויפֿנייען אַזאַ קלייד, ס'זאָל איר פּאַסן צום פּנים, אַן אַנדערע וויל, איך זאָל זי מאַכן יִנגער, זי זאָל אינעם קלייד אויסזען שלאַנק, מע זאָל ניט באַמערקן די איבעריקע פֿולבלעכקײַט פֿון איר פֿיגור, — סאָפֿע האָט אַ שמייכל געטאָן, — איך קאָן זיך אַליין ניט געבן קיין אייצע, — זי האָט ווי ניט ווילנדיק אַ פֿיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער דער טאַליע און פֿון דער גרינג אַ גלעט געטאָן די שטײַפֿע היפּט.

עס איז קאָנטיק געווען, אַז סאָפֿע טרײַבט פֿון זיך די יאָרן, זי היט זיך אָפּ, דערלאָזט ניט, אַז אויף איר געזיכט זאָל זיך אַ קנייטשעלע באַווײַזן.

אינגיכן איז דער טיש פֿול געוואָרן מיט עסנוואַרג און טרינקעכץ. צווישן די טעלער און גלעזער איז אויסגעוואַקסן אַ בוקעט פֿון פֿרישע בלומען. עס האָט פֿאַרשמעקט אין שטוב מיט גרינס און מיט געשמאַקע מײַכאָלים.

סאָפֿע דערלאַנגט עזרען אַ סאַלפֿעטקע, נאָר באַלד דערמאָנט זי זיך און נעמט צו צוריק די סאַלפֿעטקע פֿון זײַנע הענט. זי שטעלט זיך אַנידער הינטער עזרעס פּלייצעס, פֿאַרהענגט מיט דער סאַלפֿעטקע זײַן ברוסט, פּונקט ווי זי זאָל זיך קלײַבן אים גאָלן. אַוועקגייענדיק פֿון

אים, טוט זי פּאַרזיכטיק אַ גלעט זײַנע אַקסלען, דערנאָך זעצט זי זיך אַנטקעגן אים צום טיש. סאָפע פרעגט ניט, מיט וואָס וועט עזרע פאַרבײַסן, זי ווייסט שוין גוט, וואָס ער האָט ליב, און זי לייגט אים אַליין אַלץ אַנידער אַף אַ טעלערל. אין די קויסעס גיסט ער אָן. ער טוט אַ לאַנג־דויערנדיקן קוק אַף סאָפען און זאָגט שטילערהייט:

— לעכאַים.

— טרינק געזונטערהייט, — שעפּטשעט סאָפע נאָך שטילער און זופּט פּאַרזיכטיק אויס די קויסע.

סאָפע פילט, ווען עזרע האָט האַנאָע פונעם עסן. טאָמער, באַלילע, איז עפּעס ניט אַזוי, ווערט איר פּאָנעם פאַרכמורעט. אָבער אַז עזרע איז צופרידן, צעגיסט זיך אַ ליבלעכער שמייכל אַף איר געזיכט און זי זאָגט זיך ניט אָפּ אויסטרינקען נאָך אַ ביסל און נאָך אַ ביסל. הײַנט איז עזרע אָדער געווען שטאַרק הונגעריק, אָדער די פיש אירע האָבן באַ אים טאַקע אויסגענומען. סאָפען איז געווען זייער גוט אַפן האַרצן.

אַז מע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן עסן, האָט סאָפע גענומען דערציילן אַ מײַסע. זי האָט איינעם אַ גוטן באַקאַנטן, קומט ער אָבער צו איר צו גיין בלויז אין די אָפּרו־טעג. ווארט זי אַ גאַנצע וואָך אַף אים מיט אומגעדולד, ווײַל ער נעמט צו אַף אַ ווײַלע די איינזאַמקײַט פון שטוב. טרעפט אָבער, אַז זי ווארט און ווארט אַמאָל אָפּ אויך דעם גאַנצן רו־טאָג, און ער קומט ניט. און אַז ס׳געדויערט לאַנג דאָס ווארטן, קאָן זי ניט אײַנזיצן אין שטוב. זי האַלט ניט אויס און גייט אַרויס אים באַגעגענען. זי האָט שוין אַן ערטעלע אַזאַ, שטעלט זי זיך אַנידער דאָרטן און קוקט, צי קומט ער ניט אָן מיטן טראַמווײַ צי מיטן טראָליײַבוס. אוי, איז ביטער, אַז ער קומט אינגאַנצן ניט! דעמלט הייבט זיך אָן אַ נײַע וואָך מיט נײַע ווארטענישן. זי ציילט די טעג: מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך... זיי ציִען זיך לאַנג, די דאָזיקע טעג. נאָר אָט איז שוין דאָנערשטיק, פרײַטיק... שאַבעס אַרבעט זי אַ האַלבן טאָג, הייבט זי זיך אָן גרייטן צום זונטיק. איר באַקאַנטער האָט ניט, וועמ ס׳זאָל אים צוגרייטן אַ געשמאַק מײַכל, — געפילטע פיש, אַן עסיק־פלייש האָט ער ליב, — ווײַל זי אים צוליב טאָן — גרייט מײַכאָלים. ענדלעך, קומט דער זונטיק, האָט זי מוירע, טאָמער וועט דער הימל פאַרוואָלקנט ווערן און איר באַקאַנטער וועט האָבן אַ טערעץ אָף ניט צו קומען. בליצט ערגעץ ווײַט, בעט זי גאָט, ס׳זאָל קיין רעגן ניט גיין...

עזרע צעלאַכט זיך פלוצעם, ער לאַכט הילכיק און געשמאַק. סאָפיע יאַקאָוולעוונע לאַכט אויך. מיטאַמאָל הייבט זי זיך האַסטיק אוף פונעם בענקל און גייט אוועק אין צווייטן צימערל.

אין שטוב ווערט שטיל. דורך די אָפענע פענצטער הערט מען בלויז, ווי די ביימער שושקען זיך. ערגעץ לעבן לעמפּל זשומעט אַ קאָמאַר, פאַרציט זײַן לידעלע און ווערט אַנשוויגן. אַ שולדיקער גייט עזרע איבערבעטן סאָפיע יאַקאָוולעוונע. וועגן מאַרעס באַקאָשע האָט ער שוין ווידער פאַרגעסן.

■

ווען עזרע האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז שוין געווען האַלבע נאַכט. ער האָט שטיל געעפנט די טיר, איז אַרײַנגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער אין קאָרידאָר, אופגעהאַנגען דעם רעגנמאַנטל. ער איז געווען זיכער, אַז שיקל שלאָפט שוין פון לאַנג, און דעריבער ניט אָנגעצונדן קיין שײַן, געוואָלט דורכגיין צו זיך אין צימער, קיינער זאָל ניט הערן. אָבער שיקן האָט ער אַפן געלעגער ניט געטראָפן. וואָס קאָן עס זײַן? האָט עפּעס זיך געטראָפן מיטן מאָטאָציקל, צי עפּשער איז עפּעס געשען מיט שיקן אַליין? עזרע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די גאַס איז געווען פוסט, קיין מעשוגענער הונט אין ערגעץ. די פענצטער אין די הײַזער זײַנען אומעטום בלינד. די שטאָט איז געשלאָפן. ווו־ניט־ווו נאָר האָט אַף אַ הויכן שטאָק צײַטנווײַז זיך אופגעכאַפּט אַ פײַערל, אַ לויכט געטאָן אַף אַ ווײַלע און ווידער זיך אויסגעלאָשן.

איבער דער גאַס איז דורכגעלאָפן אַ מאַשין. גוט וואָלט געווען, ווען זי שטעלט זיך אָפּ לעם דער שטוב און ס׳שפּרינגט פון דאָרט אַרויס שיקע. עזרע וואָלט דערקענט זײַנע טריט. שיקע נעמט צו צוויי־דרײַ טרעפּ מיטאַמאָל.

וואָלט שוין אָט די ראַקעטע געווען פאַרטיק, שיקל זאָל פאַרגעסן אינעם מאַלעכהאַמאָוועס אַף די צוויי רעדער, אַז נאָר מע יאָגט אַף די דאָזיקע מאָטאָציקלען, אַזוי ווי די שיידים.

עזרע האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן פינצטערן צימער. אַ פלעק שײַן, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אין שטוב פונעם דרויסנדיקן לאַמטערן, האָט זיך אומרויִק געהוידעט אַף דער וואַנט. עזרע האָט אויסגעדרייט די שײַן און גענומען זיך אויסטאָן. אײַנשלאָפן האָט ער ניט געקענט. ווען ער האָט געכאַפּט אַ קוק אַפן זייגער, איז דאָס קליינע ווײַזערל געשטאַנען אַף צוויי.

אַט אזוי־אַ האָט אמאָל אַף אים, אַף עזרען, געוואַרט די מאַמע זײַנע, און עפּשער דער טאַטע אויך. ווער האָט דעמלט געטראַכט, אַז עמעצער קוקט אַרויס אַף אים אין דער היים. יענעם טאָג וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דאָס איז געווען, ווען ס׳איז געקומען צו פאָרן שאַרלס ווײַבעלע. סיוזאַנע האָט מען זי גערופן.

שאַרל האָט מיטגענומען מיט זיך עזרען, ער זאָל אים העלפן ברענגען די מאַטאַנעס, וואָס ער, שאַרל, האָט אײַנגעקויפט צוליב זײַן גאַסט. דער אינזשעניער האָט געוואָלט זיך אויספּײַנען מיט זײַן ווײַבעלע, וואָס שטאַמט אַזש פון פּאַריזש. ער האָט אמאָל אים שוין געהאַט געזאָגט, עזרען, אַז קיין שענערע פרוי פון זײַן סיוזאַנען איז אַף דער וועלט גאָר ניטאָ.

אַז די דאָזיקע סיוזאַנע האָט דערזען עזרען, האָט זי געעפנט אַ פּאָר גרויסע ברוינע אויגן, צונויפגעלייגט אירע ווײַסע צאַרטע הענטעלעך דלאָניע צו דלאָניע, פינגער צו פינגער, זיי אונטערגעהויבן צו איר שיין פּנעמל, פונקט ווי זי זאָל וועלן טפילע טאָן. דאָס האָט זי באַוויזן, ווי באַצויבערט זי איז פון אַט דעם גוואַר. מיטאַמאָל האָט זי געעפנט דאָס מײַלעכל, באַוויזן אירע ווײַסע ציין, ווי די פּערל, און אַרויסגעקלונגען אַזאַ געלעכטערל, אַז מע האָט געקאָנט שיקער ווערן. דערנאָך האָט זי די הענטלעך אופגעהויבן אין דער הייך, דאָס האָט געהייסן, אַז עזרע דערלאַנגט אָקאָרשט ניט מיט זײַן קאָפּ די סטעליע, און אַז זי האָט געוואָלט ווײַזן, ווי שווער און געזונט דער יונג איז, האָט זי אָנגעבלאָזן אַ פּאָר קיינעווודיקע בעקלעך און גענומען טופּען מיט די פיס. דערבײַ האָט דאָס לאַנגע קלייד אירס, וואָס איז געווען קײַלעכדיק, ווי מע וואָלט פון אינווייניק עס אַרופגעצויגן אַף רייפן, גענומען זיך באַוועגן און דרייען.

סיוזאַנע האָט ניט אופגעהערט צו לאַכן, עפּעס האָט זי אַפּגיך גערעדט צום מאַן, געקוקט אַף אים מיט דאַנקבאַרע אויגן, גלײַך ער האָט איר געבראַכט אַ מאַטאַנע אַ שיינעם לאַשעק אַף צו פאַרווײַלן זיך.

עזרען האָט דאָס אַלץ פאַרדראָסן. אַן אַנדערשמאָל וואָלט ער זיי ביידן אָפּגעשפּילט אַ פּריילעכס, נאָר דאָס מאָל איז ער עפּעס געבליבן אָפּהענטיק.

סיוזאַנע האָט צעבונדן די סטענגעלעך פון איר בלויען באַנט, וואָס איז געווען אויסגעבונדן אונטערן קינבאַק, אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און אים איבערגעגעבן שאַרלען, קונציק אַ שאַר געטאָן איבער די געגרײַזלטע קאַשטאַנעווע האָר, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי זײַדענע, געגעבן אַ פיר מיט אירע אויסגעבויגענע ברעמען און, ווי אומגערן, אָפּגעמאָסטן עזרען מיט אַ בליק פון אויבן ביז אַראָפּ. אירע קײַלעכדיקע קליינינקע נאָזלעכלעך האָבן אַ ציטער געטאָן און אַפּן געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ וואַרעם שמייכעלע. זי האָט אײַנגעלאַדן עזרען זיך זעצן צום טיש. בייס שאַרל איז אַרויסגעגאַנגען פונעם צימער, האָט זי עזרען געפרעגט:

— נעוועסטאַ? דאַ, נעט?[1]

עזרע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף „ניין", האָט זי אים מיט אַ פינגער געדראָעט און אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג, ווי איינער רעדט: „אוי, נאַרסטו מיך אָפּ". זי האָט געשמייכלט צו אים, ווי זי זאָל אים האָבן געקענט שוין אַ שאָק מיט יאָרן.

אין אַ צײַט אַרום איז אין פּאָדריאַד באַוווּסט געוואָרן, אַז שאַרל פאָרט קיין רוזשעוו צו שווייזגורטן אַפּן ראַדיאַטאָר־זאַוואָד און נעמט מיט זיך מיט דאָס ווײַבעלע זײַנס, זי זאָל אויך מאַכן אַ רײַזע איבערן דניעפּער. נאָר אַז ס׳איז געקומען צום פאָרן, איז סיוזאַנע פּלוצעם פאַר־שלאָפן געוואָרן און שאַרל האָט געמוזט אַליין זיך לאָזן אין וועג.

געאַרבעט האָט מען דעמלט אַף באַטײַעווער גאַס, מאָנטירט דאַמף־באַהייצונג אין אַ נײַעם קאָרפּוס פון אַ שפּיטאָל. דערווײַל, ביז ס׳האָבן געזאָלט אָנקומען די ראַדיאַטאָרס, וואָס שאַרל האָט באַדאַרפט דרינגענדיק אַרויסשיקן פון רוזשעוו, האָט מען געגרייט די דרויסנדיקע קאַמו־ניקאַציעס: געגראָבן טראַנשייעס און אויסגעלייגט מיט ציגל די ברונעמס.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך לעם די טראַנשייעס באַוויזן סיוזאַנע. ווי קומט עס? אַלע ווייסן דאָך, אַז זי איז שלאָף, און דאָ איז זי געקומען און מײַסע באַלעבאָסטע גענומען באַטראַכטן, וויאַזוי ס׳גייט די אַרבעט.

יענעם זומער זײַנען געשטאַנען גרויסע היצן. כעוורע האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די העמדלעך און געאַרבעט האַלב נאַקעטע.

עזרע איז געזעסן אין אַ ברונעם רײַטנדיק אַף אַ טרויב און זיך געטאָן זײַן אַרבעט. פונעם ברונעם האָבן זיך אַרויסגעזען זײַן שעוועליורע, דער הויכער האַלדז און אַ פּאָר פאַרברוינטע אַקסלען, וואָס האָבן געגלאַנצט אַף דער זון, ווי געשליפענער קופּער.

[1] אַ קאַלטע? יאָ, ניין?

סיוזאַנע האָט זיך האַסטיק געלאָזט גיין צום ברונעם, נאָר באַלד איבערגעטראַכט, פאַר־קערעוועט אַף לינקס צו אַ טראַנשיי. דאָרטן זיך אָפּגעשטעלט, קלוימערשט, געקוקט, וואָס מע טוט. קיינער האָט ניט באַמערקט, ווען זי איז אויסגעוואַקסן לעם ברונעם, ווו עזרע האָט געאַר־בעט. ער האָט זי אויך ניט געזען, ווײַל זי איז צוגעגאַנגען פון הינטער דער פּלייצע.

אַ פאַרקישעפטע, האָט זי זיך געשפּיגלט אין זײַנע נאַקעטע שטײַפע אַקסלען, געקוקט, ווי די ברייטע שווערע לאָפּעטקעס, די יאָדערדיקע מוסקולן באַוועגן זיך אונטער דער גלאַנציקער הויט. זי האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען אין האַנט אַ הרודקעלע ליים און עס אַ שלײַדער געטאָן אין עזרען. ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער אַרופגעשריגן:

— ווער מען איז עס דאָרטן אַזוי פריילעך, דער רועך זאָל דיך נעמען!

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערהערט, ווי עמעצער האָט עפּעס אַזוי ווי אַ פּישטשע געטאָן. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פונעם ברונעם און דערזען סיוזאַנען. זי איז געזעסן אַף דער ערד און זיך געהאַלטן בײַ אַ פוס. עזרע האָט זיך פאַרלוירן. וואָס טוט מען אין אַזעלכע פאַלן? ווען זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, האָט ער זי אופגעהויבן, אַנידערגעשטעלט אַף די פיס און גענומען פאַרזיכטיק אַרומטרייסלען איר קלייד.

סיוזאַנע האָט געפּרוּווט שטעלן אַ טראָט, נאָר באַלד פאַרקרימט דאָס פּענעמל פאַר ווייטאָק. זי האָט אָנגענומען עזרען פאַר אַ האַנט און געוויזן, ער זאָל זי צופירן ערגעץ צוזעצן זיך.

אַ פאַרפּלאָמטע איז זי געזעסן אַף דער באַנק לעבן שפּיטאָל, געפּאַקט אַף זיך מיטן ווייער. אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק, צי קיינער גייט ניט אַהער. עפּעס האָט זי גענומען שטאַמלען אַף רוסיש, נאָר עזרע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל... ענדלעך האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז זי בעט נעמען אַן איזוואָזטשיק און זי אָפּפירן אַהיים.

אין שטוב איז סיוזאַנע געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. אַליין געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן איבערן צימער, געהייסן אים זיך זעצן, און אַוועק אין אַ צווייטן צימער. וואָס וויל זי נאָך פון אים? עזרע איז געזעסן, און ס'האָט אים געהויבן פון אָרט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איבער־געלאָזט אין ברונעם דאָס געצײַג. וואָס טוט זי דאָרטן אַזוי לאַנג? מע קאָן דאָך מעשוגע ווערן זיצן אַזוי און וואַרטן.

אַ שפּײַ טאָן אַף דער גאַנצער מײַסע און אַוועקגיין? פּאַסט אָבער עפּעס ניט.

פּלוצעם האָט זי זיך באַוויזן אין דער טיר פונעם צווייטן צימער. נייַן, צוערשט האָט ער געמיינט, אַז ס'איז ניט זי. אים האָט זיך גאָר אויסגעוויזן, אַז אַף דער שוועל שטייט אַ קליין מיידעלע, אָנגעטאָן אין אַ בלוי דורכזיכטיק קלייד, וואָס דערלאַנגט קוים ביז די קני. עזרע האָט ניט געוווּסט וווהין אַהינטאָן זײַנע אויגן, אים איז געוווען אַ ביזאַיען קוקן אין איר זײַט. און זי מאַכט זיך גאָרניט וויסנדיק, זי האַלט עפּעס אַ פלעשל אין האַנט און ווינקט אים מיט די אויגן, ער זאָל נעמען אַ בענקל און זיך אַנידערזעצן אַנטקעגן איר. אַליין האָט זי זיך אײַנגעמאָסטעט אַף דער קאַנאַפּע.

עזרע האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז שאַרלס ווײַבעלע איז פייַיק אַ פלירטעווע טאָן מיט אים, נאָר אַז זי זאָל אים הייסן מאַסאַזשירן דעם פוס, אַף וועלכן זי איז אומגעפאַלן, דאָס האָט אים אַפן געדאַנק קיינמאָל ניט געקאָנט קומען. אַ קאַלטער שווייס איז אַרויסגעטראָטן אַף זײַן שטערן, ס'איז אים געוואָרן הייס אין אַלע גלידער, דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן פאַרזידן אין די אָדערן.

ער האָט געמיינט, אַז מיט דעם וועט זיך עס ענדיקן. לאָזט זיך אויס, אַז שאַרלס ווײַבעלע אײַלט זיך ניט. זי האָט העפלעך אָפּגעדאַנקט עזרען פאַר זײַן טירכע און גענומען גרייטן צום טיש. זי האָט אים געוויזן אַפן פלעשל פראַנצויזישן קאָניאַק, וואָס זי האָט אַרײַנגעבראַכט. דאָ האָט עזרע גענומען זיך בעטן, ער מוז גיין, אַף דער אַרבעט וואַרט מען אַף אים. זי האָט אוועק־געמאַכט מיט דער האַנט, ווי אײנער רעדט: „די אַרבעט וועט אין ערגעץ ניט אַנטלויפן", און אים געשלעפּט צום טיש.

יענעם טאָג איז עזרע מער אַף דער אַרבעט ניט געגאַנגען, ער איז אויך ניט געקומען אַהיים נעכטיקן.

דער אַלטער זאַוועריוכע האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף אַזייגער דרײַ און גלײַך דערפילט, אַז די פּלוינעסטע איז אין אַלקער ניטאָ. הייסט עס, דער מיזיניק איז נאָך ניט געקומען, און די אַלטע וואַרט אים אָפּ. ס'האָט אים אַ הייב געטאָן פון בעט.

אין צווייטן צימער האָט מען זיך געשושקעט, נאָר ער האָט ניט אַ רוף געטאָן דאָס ווײַב, זיך אַנידערגעשטעלט באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין הויף אַרײַן.

אין דרויסן איז געווען פינצטער. אַפן הימל האָט מען ניט געזען ניט קיין לעוואָנע, ניט קיין שטערן. ערגעץ פונדערווײַטנס האָט זיך צו דער שטוב געקײַקלט אַ דונער און איז אַף האַלב וועג פאַרשטילט געוואָרן. קאַיאָר, ווען מע האָט זיך נאַרוואָס געהאַט אויסגעזעצט צום טיש, האָט זיך אין שטוב אַרײַנגעשטעלט עזרע, שיקער לאָט.

דערזען דעם זון, האָט שיקע זאַוועריוכע זיך אופגעהויבן פון אָרט, נאָך אים האָבן אַלע זין זיך אופגעשטעלט אַף די פיס. ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל.

עזרע איז געבליבן שטיין אַף דער שוועל, ווי אַן איינגעגראָבענער. דעם טאַטנס איבערגע־קערטע אויגן האָבן אים באַלד ניכטער געמאַכט. ער האָט שולדיק געשמייכלט, געוואָלט פאַר־קנעפּלען דעם צעכראַסטעטן פּידזשאַק און ניט געקענט אַנטרעפן אַף קיין איין קנעפּל, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט אים אָפּגענומען דאָס לאָשן. ניט געאיילט האָט דער אַלטער זיך געלאָזט גיין צו עזרען, זיינע לאַנגזאַמע האַרטע טריט האָבן אופגעוועקט די טויטע שטילקייט. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט לעם עזרען מיט צעשפּרייטע פיס, זיך אויסגעגלייכט אין פולן וווּקס און פלוצעם אופגעהויבן א האַנט און מיט אַלע קויכעס אָפּגעלאָזט דעם מיזיניק איין פּאַטש אין פּאָנעם און דעם צווייטן.

עזרע האָט זיך א שאָקל געטאָן, קוים זיך איינגעהאַלטן אַף די פיס. ער האָט פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די אויגן, ווי ער זאָל וועלן פאַרהאַלטן די שטערנדלעך, וואָס שיטן זיך פון זיי. ס׳האָט אים שטאַרק געקלונגען אין די אויערן. אַזוי ווי פון ווייטע ווייטן האָט ער דערהערט דעם טאַטנס קאָל:

— מיילעך קאַפּצעדריילעך האָט דיר געלאָזט גריסן!

יענעם פרימאָרגן האָט מען בא שיקע זאַוועריוכע אין שטוב קיין פרישטיק ניט געגעסן.

■

עזרע האָט דערהערט, ווי עמעצער פאָרעט זיך בא דער טיר. ער איז איילִיק אַראָפּ פון געלעגער און אופגעדרייט די שיין.

שיקל איז אַריין אין קאָרידאָר, און אין א מינוט ארום האָט זיין קאָפּ אַריינגעקוקט אין טיר פון אַלקער.

— דו שלאָפסט נאָך ניט, טאַטע? — האָט ער געפרעגט און א פאַרוווּנדעטער זיך אוועק־געשטעלט אַף דער שוועל.

עזרע האָט גאָרניט געענטפערט, ער האָט פאַרוואָרפן די הענט אַפן רוקן און אויסגעצויגן דעם קערפּער זיינעם, ווי ער וואָלט זיך געקליבן א מעסט טאָן זיך מיטן זון. ביז איצט האָט ער גאָרניט באַמערקט, אַז שיקל האָט אים איבערגעיאָגט אין וווּקס. אין דער לעדערנער קורטקע זעט ער אויך אויס ברייטער און קרעפּטיקער.

שיקל איז געוואָרן מיד און אויסגעמאַטערט. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַראָפּוואַרפן די שטיוול, דאָס אָנטאָן, וואָס איז געווען פאַרשפּריצט מיט בלאָטע.

— איך זע, דו האָסט געהאַט היינט א שלעכטן שליטוועגס, — האָט זיך עזרע אָנגערופן.

— דערפאַר האָט אונדזער קאָמאַנדע פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, — האָט שיקע אופגע־הויבן אין דער הייך דעם העלם, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— ווו זשע האָסטו אהינגעטאָן דעם מאַלעכהאַמאָוועס דיינעם?

— ער רוט זיך אויס בא א כאַווער אין גאַראַזש. שוין אַפן וועג אהיים האָט געפּלאַצט די קייט.

— זייער פיין. וועט זיך איצטער אָנהייבן א געשעפט מיט רעמאָנטירן דעם מאָטאָציקל. וואָס זשע וועט דיין ראַקעטע זאָגן?

שיקל האָט א קוק געגעבן אַפן טאַטן פון אונטער די ברעמען, אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ אין א זייט און גערעדט אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— וואָס איז דאָס, פאַרשטיי איך ניט, אַלע פּיקן מיר דעם מויעך מיט מיין ראַקעטע, מיט מיין מאַלעכהאַמאָוועס!

עזרעס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. דאָס בלוט האָט אים א זעץ געטאָן אין פּאָנעם. מיט איינגעהאַלטענעם קאָס האָט ער געזאָגט:

— עפּעס הער איך ניט, וואָס דו רעדסט. דיין שטיל קאָל דערגייט ניט צו מיינע אויערן. אַנו, כאַזער איבער.

— אַנטשולדיק מיר, — האָט שיקל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

עזרע האָט פלוצעם א פרעג געטאָן:

— עסן ווילסטו?

— ניין, איך וויל זיך נאָר ארומוואַשן.

— איז וואָס זשע שטייסטו? גיי באָד זיך אויס און לייג זיך שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר זיך שוין דורכרעדן.

שיקע האָט זיך אויסגעבאָדן און אָנגעריבן מיטן האַנטעך דאָס לײַב אַזוי, אַז עס האָט אַזש אָנגעהויבן סאַרפּען. ער האָט זיך דערפֿילט פֿרישער, די מידקײַט איז אַף אַ ווײַלע פֿאַרשוווּנדן. ווען ער איז אַרויס פֿון באָד־צימער, איז שוין באַם טאַטן אין אַלקער געווען פֿינצטער. אַף די שפּיץ פֿינגער איז ער צוגעגאַנגען צום דיוואַן, וווּ ס'איז געווען זײַן געלעגער.

שיקלען האָט זיך געדוכט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אַנידערלייגן, וועט ער אַנשלאָפֿן ווערן ווי אַ דערהאַרגעטער. ער האָט זיך איבערגעדעקט מיטן לײַלעך און פֿאַרמאַכט די אויגן. נאָר דער שלאָף איז ניט געקומען. עס האָבן אים געבראָכן די הענט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהאַלטן דעם רודער פֿונעם מאָטאָציקל. די פֿינגער און די דלאָניעס זײַנען פֿאַרדובעניעט געוואָרן. דאַכט זיך, ער האָט הײַנט קימאַט קיין שפּאַן ניט געמאַכט, און די פֿיס נאָגן אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט מיט זיי עטלעכע צענדליק קילאָמעטער.

פֿאַרשיידענע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט בײַ שיקלען אין קאָפּ. מער פֿון אַלץ האָט אים געמאַטערט, פֿאַרוואָס איז עמע ניט געקומען אים באַגעגענען. עפּשער ווײַל ער האָט נעכטן, ווען זיי האָבן שפּאַצירט, געהאַט מיט איר ניט קיין געוויינלעכן שמועס. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפֿון, וואָס ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זונטיק ניט קאָנען גיין מיט איר אַף קאָגאַנס קאָנצערט, ווײַל ער מוז אָנטיילנעמען אינעם מאָטאָ־קראָס. פֿון אָנפֿאַנג האָט זי געשוויגן, בלויז די אַקסלען אירע האָבן אָנגעהויבן שפּילן און טאַנצן. זי האָט געשפּאַנט בײַנאַנד מיט אים און געקוקט זיך אַליין אונטער די פֿיס, גלײַך ווי זי וואָלט וועלן זען, צי עס פּאַסן איר די נײַע ווײַסע שיכלעך. שיקע ווייסט, וואָס ס'באַטײַטן אָט די שפּילנדיקע אַקסלען און דער אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ. עמע איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק, זי האָט אים אָנגעהויבן דערווײַזן, אַז אַזאַ קאָנצערט טאָר מען ניט דורכלאָזן, קאָגאַן וועט דאָך שפּילן מענדעלסאָנען, בראַמסן, פּראָקאָפֿיעוון. זי האָט גערעדט מיט אַ ניגנדל, וואָס האָט אויסגעגעבן איר פֿאַרביטערטקײַט. ווּ האָט זיך אַהינגעטאָן איר מילדקײַט, איר געלאַסנקײַט? אַפֿילע אירע וואַרעמע, גוטע אויגן זײַנען אַזוי ווי פֿאַרצויגן געוואָרן מיט אַ נעפּל. פּלוצעם האָט זי אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט גרייט געווען אים אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך. די אָפּצאַסלעך פֿון אירע שיכלעך האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער, קענטיק, זי איז מיט שיקלען געווען זייער ניט צופֿרידן. ער האָט אין יענער מינוט זיך ניט אײַנגעשטעלט זי באַרויִקן, איבערבעטן, ער האָט געוווּסט — אין אַזאַ פֿאַל איז בעסער שווײַגן. אים האָט זיך זייער געוואָלט איר זאָגן, אַז ס'טוט אים אויך באַנק דורכצולאָזן דעם דאָזיקן קאָנצערט, אָבער ווי קאָן ער אונטערפֿירן די קאָמאַנדע, די כאַווײרים זײַנע. נאָר סײַווי וועט זי אים דאָך ניט פֿאַרשטיין.

ווען זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין סקווער, האָט זי אים פֿאָרזיכטיק גענומען פֿאַרן אָרעם, אַוועקגעפֿירט אין אַ זײַטיקער אַליי. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, עמע האָט אים אָנגענומען פֿאַר ביידע הענט לעם די עלנבויגנס און זיך צוגעטוליעט צו אים. זי האָט אינדערפֿינצטער געזוכט עפּעס מיט די אויגן אַף זײַן געזיכט, עפּשער געוואָלט איבערציילן די קליינינקע שײַן־פֿליטער־לעך, וואָס האָבן זיך דורכגעזיפּט פֿונעם לאַמטערן דורך דער געדיכטעניש פֿון די צעוואַקסענע בלעטער.

דאָס גוטע, שיינע, ליבע מיידעלע האָט אָנגעבויגן אַף אַ זײַט דעם קאָפּ און מיט אָנגע־בלאָזענע, ווי בײַ אַ קינד, קאַפּריזע ליפּעלעך אים אָנגעהויבן מוסערן. ער וויל לאַכלוטן ניט טראַכטן וועגן זייער צוקונפֿט, ער איז גלײַכגילטיק געוואָרן צו איר, זי גייט אים ניט אָן, און זי, זי פֿאַרגעסט אים ניט אַף קיין איין מינוט. ווען זי עפֿנט נאָר די אויגן און דערזעט די זון דורכן פֿענצטער, טוט זי באַלד אַ טראַכט, צי ער, שיקל, קוקט אויך פּונקט דעמלט אָפֿן הימל, צי גלעטן אים אויך די וואַרעמע פֿאַרטאָגיקע שטראַלן. וווּהין זי זאָל ניט גיין, ווײַזט זיך איר שטענדיק אויס, אַז ער וועט איר אָנקומען אַנטקעגן, אַפֿילע ווען זי ווייסט גוט, אַז ער שטייט גראָד איצט באַם דאַמף־האַמער אין צעך. ניין, זי צעשיידט זיך מיט שיקען קיינמאָל ניט.

זי איז אַנשוויגן געוואָרן, צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו זײַן ברייטער ברוסט און ווידער אָנגע־הויבן שנײַדן פֿון אים קליינינקע שטיקעלעך. זי האָט אים נאָכאַמאָל פֿירגעוואָרפֿן, אַז ער האָט זי ניט אין זינען, שטענדיק איז ער פֿאַרנומען מיטן מאָטאָציקל אָדער מיט דער ראַקעטע, וואָס נעמט בײַ אים צו אַ וועלט מיט צײַט אומזיסט און אומנישט, ער האָט אויפֿגעהערט זיך גרייטן אין אינסטיטוט, געוואָרפֿן דאָס לערנען. אַלע, אַלע זאָגן דאָך, אַז פֿון דער ראַקעטע וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. אַ פּאָשעט מאָטאָר־שיפֿל דאַרף ער מאַכן, און שוין. פֿאַרוואָס זשע איז ער אַזוי אײַנגעשפּאַרט, ער וויל זײַן קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט?

אײַ האָט זיך אים דעמלט געוואָלט אַ געשריי טאָן אַף אַ קאָל, אַז ער וועט יאָ אויספֿירן זײַנס, און אַוועק פֿון איר. ער האָט באַדאַרפֿט זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן אַף אײַנצוהאַלטן דעם געוויכער, וואָס האָט אין אים געבושעוועט. אַפֿילע שטילערהייט האָט ער אויך ניט געקאָנט אַוועקגיין פֿון

איר. ער האָט בלויז ביטערלעך געשמייכלט, געגלעט איר די אקסלען, דערביַי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט איר אָפּגעגעבן דאָס גערעכט.

עמע איז דאָך א גוטע, א ווילע, ער געדענקט, זי האָט אים אמאָל געפרעגט, וואָס טוט ער אפּן זאוואָד, האָט ער איר דערציילט, אז ער שטייט בא א גרויסן דאמף-האמער, לעם אן אויוון, וווּ עס ווערן אָנגעגליט גרויסע און שווערע באַלוואנקעס. ער דארף פון די דאזיקע באַל-וואנקעס אויסקאָוועז דעטאַלן, וואָס זיַינען ענלעך אף פידלען, עמעס, יעדער דעטאַל דארף האָבן צווי גריפן, ניט קיין איינעם. פון איין זיַיט און פון דער צווייטער. זיי דארפן זיַין ווי געשליפן, איידעלע. יעדער פידל איז אזוי אָנגעגליט, אז ווען דער האמער רירט זיך צו צו אים, הייבט ער אָן שפריצן מיט פיַיערדיקע שטערנדלעך. וואָס וויַיטער, קלאַפּט דער האמער שטארקער און שטארקער, די דעטאַל זאָל אזוי גיך זיך ניט אָפּקילן, מע זאָל וואָס ווינציקער פאטערן ציַיט אף זי אונטערוואַרעמען. עמע האָט דעמלט געקוקט אף אים מיט באגיַיסטערטע אויגן. ווי שיין זיַינען געווען אירע אויגן! זי האָט גענומען גלעטן זיַינע הענט, געבלאָזן מיט אירע ליפּעלעך אף דער דלאָניע, אף יעדער פינגער באזונדער, אָקאָרשט ניט געקושט זיי. זי האָט געשטאמלט שטי-לערהייט:

— דיר איז שווער, נאָר דו ביסט א שטארקער, קיינער איז ניט אזוי שטארק, ווי דו.

זיי האָבן דעמלט געטרוימט איינינעם, אז ווען ער, שיקע, וועט אויסבויען זיַין שיף, וועלן זיי זיך שיפלען איבערן דניעפּער. ער האָט איר געזאָגט, אז ער קאָן מיט די אייגענע הענט מאכן אן אווטאָמאָביל אויך, אפילע אן עראָפּלאַן; אז א מענטש וויל, קאָן ער אלץ דערגרייכן. און זי האָט אים געגלייבט. זי האָט מיט אירע צארטע הענט אים פארשטעלט די אויערן, גע-שעפּטשעט עפּעס, נאָכדעם צוגענומען די הענט און שפּילעוודיק געפרעגט, וואָס האָט זי אים געזאָגט. ער האָט טאקע גאָרניט געהערט, נאָר אף אירע ליפּן האָט ער איבערגעלייענט, אז זי שעפּטשעט: „איך האָב דיך ליב". ער האָט איר אָבער געענטפערט, אז ער ווייסט ניט, וואָס זי האָט אים געזאָגט. האָט זי זיך צעלאַכט און מיט די פינגער אָנגעהויבן זיך צו שפּילן מיט די צעשויבערטע קרויזן האָר אף זיַין קאָפּ. זי האָט זיך אזוי נאָענט צוגעטוליעט צו אים, אז ער האָט געמוזט זי ארומנעמען. און דעמלט האָט ער זי דאָס ערשטע מאָל א קוש געגעבן.

שיקען איז געוואָרן הייס, ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ליַילעך און געקוקט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש. ס'האָט זיך אים געדוכט, אז ער טרייסלט זיך נאָך אלץ אפּן מאָטאָציקל איבערן בלאָטיקן וועג. די מאשין ווארפט זיך אין אלע זיַיטן, אָט-אָט וועט ער זיך א פליוכע טאָן אין א קאליוזשע. נאָר די וואסער האָט אים בלויז אָפּגעשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס, און ער האָט זיך ארויסגעריסן אף דער טריקעניש. עמעצער האָט אים געוואָלט איבעריאָגן. דער ניַינצעטער נומער האָט אים מאמעש אָנגעטראָטן אף די פיאטעס, און ער, שיקל, האָט נאָך נעענטער אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום רודער. ער האָט געוואָלט, דער שווונג פון זיַין קערפּער זאָל איבערגעגעבן ווערן דער מאשין. דער מאָטאָר האָט גערעוועט אף מעשוגע צו ווערן. איין באגער איז בא אים דעמלט געווען — וואָס גיכער זיך ארויסריַיסן אפּן אספאַלט. דעמלט טאקע האָט ער דערזען עמעס אויגן, זיי האָבן געווונקען צו אים, געוויזן דעם ריכטיקן וועג און זי אליין, עמע, האָט ווי געשוועבט אינדערלופטן. דער ווינט האָט צעשויבערט אירע בלאָנדע האָר, זי האָט צו אים געפּאָכט מיט די הענט און אונטערגעיאָגט: „גיכער! גיכער!" — און ער האָט זיך געטראָגן וויַיטער.

פארוואָס זשע איז זי ניט געקומען אים באגעגענען? אומבאקאנטע מיידלעך האָבן אים אונטערגעטראָגן בלומען, כעוורע פונעם זאוואָד האָבן אים באגריסט, באגריסט די גאנצע קאָ-מאנדע:

— מאָלאָדצי, מאָלאָדצי!

און ער, שיקע, איז געווען צעטראָגן, ער האָט געשמייכלט צו די מיידלעך, געדאנקט די כאווירים, און זיַינע אויגן האָבן געזוכט עמען. זי איז ניט געווען. עמע איז ניט געקומען.

ער האָט זיך געפּרוּווט איַינרעדן, אז זי האָט טאקע ניט געטאָרט דורכלאָזן דעם קאָנצערט. ער האָט דאָך איר אליין פאָרגעלייגט, זי זאָל איַינלאַדן באָריסן. ער ווייסט, אז זיי זיַינען דאָרט געווען ביידע, געזעסן ביידע אין זאַל און געהערט שפּילן דעם פידלער. עס קאָן זיַין, אז אפילע אפּן קאָנצערט האָט עמע ניט פארגעסן אין אים, אין שיקען. איר ארט ניט, צי ער איז געקומען צום פיניש דער ערשטער אָדער דער לעצטער, דאָס איז איר אלציינס. מאָרגן, ווען זיי וועלן זיך באגעגענען, וועט עמע אים דערציילן מיט אלע איינצלהיַיטן, וואָס דער פידלער האָט געשפּילט און וויאזוי. אויב דערביַי וועט זיַין באָריס, וועט ער זיך אריַינמישן אין געשפּרעך, איבעררהויפּט, אז עס וועט גיין א רייד וועגן ראַוועלן.

שיקלען דוכט זיך, אז ער הערט קלינגען א סטרונע, נאָכדעם רופֿן זיך אָפּ נאָך סטרונעס. סע ציט זיך אזא שיינע מעלאָדיע, און עס ווערט אים אזוי גוט, אזוי לײַכט, ביז ער פֿליט אוועק אינײנעם מיט די קלאַנגען.

■

יעווע יעפֿימאָוונע, באָריס׳ מוטער, ווײל אַלעמאָל דערקענען אין דעם זונס אויסזען, וואָס פֿאַר א שטימונג ס׳איז בא אים.

הײַנט, ווען באָריס איז געקומען אהיים, האָט זי, ווי שטענדיק, אים געהאָלפֿן אויסטאָן דעם פּידזשאַק, וועלכן זי האָט באַלד אוועקגעטראָגן אין קאָרידאָר אויסבערשטלען. נאָכדעם האָט זי דעם פּידזשאַק אופֿגעהאַנגען אין שראַנק. ביז זי האָט אָפּגעטאָן די דאָזיקע ארבעט, האָט באָריס באַוויזן פֿאַנאַנדערבינדן דעם שניפּס. יעווע יעפֿימאָוונע האָט בלויז באַדאַרפֿט צוּוואַרטן א רגע, דער זון זאָל דעם שניפּס איר אָפּגעבן צו די הענט.

אויך דעם שניפּס האָט יעווע יעפֿימאָוונע אופֿגעהאַנגען אין שראַנק אף א סטענגע, וואָס איז געווען דורכגעצויגן פֿון איין עק טירל צום צווייטן. די גאַנצע צײַט האָט זי זיך געסטאַרעט אַרײַנקוקן דעם זון אין די אויגן, זיך באַמיט טרעפֿן, פֿאַרוואָס איז ער הײַנט געקומען פֿאַרפֿרי, עפּשער איז ער ניט געזונט. יעווע יעפֿימאָוונען ווײַזט זיך טאַקע אויס, אז באָריס זעט אויס זייער פֿאַרמאַטערט, און זי קאָן עס ניט פֿאַרשווײַגן.

— עפּעס ביסטו מיר הײַנט צו בלאַס, — זאָגט זי שטילערהייט.

באָריס האָט א שמייכל געטאָן. ער האָט ניט געקוקט אין דער מוטערס זײַט, גערעדט אין שפּיגל אַרײַן, פֿאַר וועלכן ער איז געשטאַנען און זיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— מאַמע, — האָט ער געזאָגט, — אָדער עס ווײַזט זיך דיר אויס, אז איך בין רויט, אָדער אז איך בין בלאַס. זאָרג זיך ניט, אַלץ איז אין אָרדענונג.

יעווע יעפֿימאָוונע האָט א שאָקל געטאָן מיטן ווײַסן קאָפּ, אירע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט, א צופֿרידענע האָט זי געלאָזט זיך גיין גרייטן וועטשערע פֿאַרן זון.

— מע דאַרף גאָרניט, מאַמע, — האָט באָריס זי אָפּגעשטעלט, — איך בין ניט הונגעריק.

— וואָס הייסט? — איז יעווע יעפֿימאָוונע אומרויִק געוואָרן. — כאָטש א גלאָז מילך...

— עפּשער א מאַנע־קאַשע אויך? — דורך דעם שפּיגל באַמערקט באָריס, ווי די מאַמע ווערט צעטומלט פֿון דעם ענטפֿער.

ווי וועלנדיק זיך אנטשולדיקן פֿאַר איר, זאָגט ער אין גוטן מוט:

— לייג זיך שלאָפֿן, מאַמע, — און גלעט מיט וואַרעמע אויגן איר געזיכט. ער קוקט אף איר און זעט זיך אַליין, ווי נאָרוואָס אינעם שפּיגל. בא אים איז דאָך דער זעלבער הויכער מאָגערער האַלדז, דאָס זעלבע אויסגעצערטע געזיכט, וואָס בא איר. בלויז אזעלכע גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי בא דער מוטער, פֿאַרמאָגט ער ניט. בא אים זײַנען די אויגן בלוילעך־גרינע, דערצו קורצזיכטיקע.

יעווע יעפֿימאָוונען איז שוין ווידער גרינגער אפֿן האַרצן. בא איר אין די אויגן איז דער זון שיין. איר דוכט זיך אפֿילע, אז מיט יעדער יאָר ווערט ער מאַנצבאַלש קרעפֿטיקער. אײַ צווישן די שיטערע ווייצענע האָר קוקן שוין ארויס סימאָנים פֿון א ליסענע, איז ווער ווייסט ניט, אז אף א קאָפּ, וואָס פֿאַרמאָגט טיפֿע געדאַנקען, האַלטן זיך ניט קיין האָר. איר באָריס איז דאָך טאַקע ענלעך אף א געלערנטן. מיט זײַן גאַנצן אויסזען, מיט זײַן איידלקײַט און בעניִמעסדיקײַט. טראַכטנדיק אזוי, איז יעווע יעפֿימאָוונע אוועק הינטער דער שירמע, דאָרט, וווּ איר בעט שטייט, נאָר די מינוט האָט זי זיך דערמאָנט, אז זי האָט גאָר פֿאַרגעסן אויסבעטן דעם זונס געלעגער. אף די שפּיץ פֿינגער איז זי צוריק ארויסגעגאַנגען פֿון הינטער דער שירמע און שטילערהייט אָפּגעטאָן איר ארבעט. באָריס האָט שוין אַרײַנגעקוקט אין א בוך, און עס דאַרף זײַן שטיל אין צימער, ווען דער זון ארבעט.

דער צימער איז א גרויסער, מיט א הויכן סופֿיט. כאָטש אין שטוב איז דורכגעפֿירט צענטראַלע באַהייצונג, דאָך איז פֿאַרבליבן שטיין דער קאַמין, וואָס איז אויסגעלייגט מיט ווײַסן און קאָלירטן קאַכל. ער איז דאָ געבליבן ווי א דענקמאָל פֿון אוראַלטע צײַטן.

א גרויס אָרט פֿאַרנעמט אינמיטן צימער דער פֿעסטער דעמבענער טיש מיט די דיקע געטאָקטע פֿיס. ארום דעם טיש זײַנען אויסגעשטעלט שווערע בענקלעך מיט הויכע ווענטלעך. באָריס׳ שרײַבטישל האָט זיך אזוי ווי באַהאַלטן אין א ווינקל, ניט ווײַט פֿון דעם הויכן פֿענצטער. דער לעדערנער דיוואַן, אף וועלכן באָריס שלאָפֿט, שטייט אין צווייטן עק צימער, אנטקעגן דער שירמע.

יעווע יעפימאָוונע כאַפּט אַלע וויַלע אַ קוק דורך דער שפּאַרונע פון דער שירמע, זי דאַרף זען, וואָס באָריס טוט. זי קאָן ניט פאַרליַידן, וואָס ער האָט אַ טעווע זיך אָנשפּאַרן מיט די עלנבויגנס אינעם טיש, האַלטן דאָס פּאָנעם מיטביידע דלאָניעס און אַזוי שטייענדיק לייענען. און כאָטש עס ווילט זיך איר ניט איבערשלאָגן באָריסן, דאָך פאַרשוויַיגן קאָן זי אויך ניט.

— פאַרוואָס זעצסטו זיך ניט אַנידער? — זאָגט זי שטילערהייט.

באָריס טוט אַ צאַפּל, שאַרט מיט די הענט אַרום זיך, טאַפּט אָן דאָס בענקל און זעצט זיך אַנידער. אָט דעמלט באַרויִקט זיך יעווע יעפימאָוונע. זי צינדט אָן דאָס לעמפּל לעם געלעגער, נעמט אַ ביכל צום לייענען, נאָר זי קאָן די ברילן ניט געפינען. אַ פאַרדראָס, זי האָט זיי איבערגעלאָזט באַ זיך אין פאָרטפעל, וואָס ליגט מיסטאָם ערגעץ אָף אַ בענקל באַם טיש, און באַומרויִקן דעם זון ווילט זיך איר ניט. באַשטימט זי אויסלעשן דאָס לעמפּל און ליגן גלאַט אַזוי, זי איז שטאַרק מיד, היַינט איז אין אַפּטייק, ווו זי אַרבעט, געווען אַ שווערער טאָג, און נאָך דער אַרבעט האָט זי באַדאַרפט אופראַמען די שטוב, אויסוואַשן דעם זונס צוויי העמדער. זי האָט צוגעגרייט אַזאַ געשמאַקן סאַלאַט, און באָריס האָט אַפילע ניט געוואָלט פאַרזוכן. יעווע יעפימאָוונע וואָלט אַ באַלן געווען וויסן, ווו האָט דער זון געגעסן. וויַיזט אויס, באַ שיקלען. זי איז זיכער, ער וועט איר דערציילן, ניט היַינט איז מאָרגן, אי פאַרוואָס ער איז היַינט געקומען פריִער ווי געוויינלעך, אי פאַרוואָס דאָס עסן גייט אים ניט. זי האָט ניט וואָס זיך באַומרויִקן.

יעווע יעפימאָוונען קומט אָפּן זינען דאָס דאָרף, ווו זיי האָבן זיך געפונען בעשאַס דער מילכאָמע. דאָס איז געווען אַ פאַרוואָרפן דאָרף ניט וויַיט פון די אוראַלער בערג. ווען זי איז אַהין געקומען, איז באָריס אַלט געווען זעקס יאָר. ער איז געווען אַזאַ קליינינקער, אַ שוואַכינקער, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּיריאָריקער. דערצו אַ קאַפּריזער און אַ נערוועזער. די אַליאַרמס און באָמבאַרדירונגען האָבן איבערגעלאָזט זייער שפּור.

אין דאָרף האָט ער מוירע געהאַט פאַר דער שטילקייַט, אָף קיין רעגע האָט ער די מאַמע ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. מע האָט באַדאַרפט גיין אַרבעטן אין פעלד, און באָריס האָט ניט געוואָלט איבערבלייַבן אָן דער מאַמען אין קינדערגאָרטן. זי, יעווע יעפימאָוונע אַליין, האָט אויך מוירע געהאַט אים איבערלאָזן דאָרטן, ווייַל ווער האָט געקאָנט אָף אים אכטונג געבן אַזוי ווי זי. באַלד עפּעס, פלעגט ער זיך פאַרקילן, האָט זי געפּרוּווט באַ זיך אים מיטנעמען אין פעלד. אַלע עוואַקויִרטע האָבן זי אָנגעקוקט ווי אַ מעשוגענע. מע האָט אים געפּרוּווט אייַנרעדן, געמוסערט, און ער פלעגט בלויז אָנבייגן דעם קאָפּ צו דער ערד, זיך אָנבלאָזן און שוויַיגן. ער איז אַזוי ווי געווען צוגעוואַקסן צו איר. אַז זי האָט געבונדן די סנאָפּעס, איז ער איר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, מוירע געהאַט זי פאַרלירן פון אויג.

ווי האָט זי זיך געקאָנט בייזערן אָף אים, ער האָט דאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז איר אָן אים אויך גענוג שווער. יעווע יעפימאָוונע האָט מיט זיך געשלעפּט אַ קאָלדרע און אַ קישן, געפונען צייַט און אָרט אים איינמאַסטען אָף אַ קופּ שטרוי, ער זאָל שלאָפן אַ ביסל באַטאָג. זי איז דעמלט געווען יונג, און זי האָט געקאָנט אַלץ איבערטראָגן. איין באַגער נאָר האָט זי געהאַט — די מילכאָמע זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, מע זאָל פאַרטרייַבן די היטלעראָווצעס און איר סאַמויל זאָל בעשאָלעם זיך אומקערן אַהיים פון פראָנט.

אַפילע דעמלט, ווען זי האָט באָריסן באַדאַרפט טראָגן אָף די הענט, ווייַל ער האָט קיין קויעך ניט געהאַט איר נאָכצוגיין, האָט זי זיך אויך געשלעפּט מיטן קוישל, ווו ס'איז געלעגן דאָס קישעלע מיט דער קאָלדרע. ווען זי האָט פון מידקייַט קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס, פלעגט זי צו זיך אַליין זאָגן:

— אַבי סאַמויל זאָל בלייַבן לעבן, באָריס זאָל מיר זייַן געזונט!

דאָס איז געווען די האָפענונג, וואָס האָט לייַכטער געמאַכט די ליידן, געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז זי וועט אַלץ אויסשטיין, אויסהאַלטן.

איינמאָל נאָר האָט זי באָריסן איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין שטוב. ער האָט זיך געהאַט צוגעקילט, און זי איז איבער דעם ניט אַרויס צו דער אַרבעט. בייס באָריס איז אַנשלאָפן געוואָרן, האָט זי זיך אָף אַ רעגעלע אַרויסגעכאַפּט אין קלוב, אַ קוק טאָן, צי שאַבע דער פּאָסטטאַר האָט שוין געבראַכט די פּאָטשט. שוין מער פון צוויי כאָדאָשים, ווי זי האָט ניט געהאַט קיין בריוו פון סאַמויִלן, עפּשער איז היַינט עפּעס אָנגעקומען.

איַילנדיק אין קלוב, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי דער אַלטער שאַבע וועט גוטמוטיק אַ שמייכל טאָן, וועט אויסשטרעקן צו איר זייַנע לאַנגע הענט און דערלאַנגען אַ דרייַעקעכיק פראָנט־קאָנווערטל.

— ניט געזאָרגט, יעווע יעפימאָוונע, — וועט ער זאָגן, — איך האָב דאָך אייַך פאַרשפּראָכן, אַז מירצעשעם אינגיכן וועל איך אייַך ברענגען אַ גוטן בריוו.

אָבער ווען זי איז אַרײַן אין צימערל, האָט זי גלײַך דערזען, אַז שאבע האָט א ציטער גע־טאָן. אַף איר גוטמאָרגן האָט ער א צעטראָגענער א שאָקל געטאָן מיט זײַן גרויסן קאָפּ און אפגיך גענומען זיך פּאָרען בא די פעקלעך בריוו.

זי האָט מוירע געהאט עפּעס פרעגן, אויסריידן א וואָרט. שאבעס שווײַגן האָט אזוי ווי אָנגעהויבן זי ווארגן אין האלדז, די פיס האָבן זיך אונטערגעהאקט. ווען זי זאָל דעמלט אפילע געווען ווען ווילן עפּעס זאָגן, וואָלט זי סײַווי ניט געקאָנט. זי האָט געקוקט, ווי שאבעס האנט האָט געפונען א טונקל־בלויען קאָנווערט און עפּעס קווענקלט ער זיך אים איר דערלאַנגען. ס'איז אים אזוי ווי שווער אופהייבן די האנט, גלײַך דער קאָנווערט וואָלט געווויגן צען פוד. ענדלעך האָט ער אים אויסגעשטרעקט און אפגיך זיך אָפּגעקערעוועט, ער איז צוגעגאנגען צוריק צו זײַן טישל און זיך אָנגעשפּארט אין דעם מיט ביידע הענט, אים האָט זיך מיסטאם דעמלט אויס־געוויזן, אז אָט באלד וועט ער דערהערן א געשריי, וואָס וועט גרייכן ביזן הימל. ניט ווייסנדיק אליין, וואָס זי טוט, האָט זי צוניפגעלייגט דעם בריוו אינצווייען, נאָכדעם אינפירן. די פינגער האָבן ניט אופגעהערט צו ציטערן, די ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט. זי האָט זיך געלאָזט גיין צום ארויסגאנג, נאָר ניט געקאָנט געפינען די טיר. איר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווי א בלינדע, האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט און גענומען שארן ארום זיך. זי האָט זיך אזוי געדרייט אף איין אָרט, נאָכדעם לאנגזאם גענומען זיך אראָפּלאָזן אף דער ערד.

שאבע איז צו איר צוגעלאָפן, געהאָלפן איר זיך צוזעצן אף א באנק, געגעבן איר א טרונק וואסער. ווען זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי ארויסגעשטאמלט:

— ער איז בא מיר געווען א פידלער, געשפילט אין אָרקעסטער. איצט וועט ער שוין מער קיינמאָל ניט שפּילן.

אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך אופגעהויבן, דערזען די טיר און ארויס פון קלוב.

זי האָט זיך געלאָזט גיין צום טײַך. געשפּאנט אײַליק, ווי עמעצער וואָלט זי אונטערגעטריבן. באם ברעג, דערזעענדיק די רוישנדיקע וואסער, האָט זי זיך פלוצעם דערמאָנט אין קינד. ווו איז באָריס? איר האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער איז מיט איר געגאנגען. ניין, זי האָט אים גע־טראָגן אף די הענט. ערשט־אָ האָט זי דאָך געפילט, ווי ער האָט מיט זײַנע הענטלעך ארומגע־נומען איר האלדז, צוגעוואקסן געווען צו איר גוף. זי לאָזט דאָך אים קיינמאָל ניט איינעם אליין. און ווו האָט זי אהינגעטאָן דאָס קישעלע, די קאָלדרע? פארלוירן, פארלוירן דעם זון. זי האָט גענומען אים רופן:

— באָריס, באָרינקע! ווו ביסטו ערגעץ?!

פונעם טײַך האָט זי זיך געלאָזט לויפן אין פעלד, מיסטאם האָט זי אים איבערגעלאָזט אין פעלד. זי געדענקט זייער גוט, ווי‌אזוי זי האָט אים אויסגעבעט אף א קופּ שטרוי, אים אײַנגע־דעקט, סע זאָל אים זײַן ווארעם. נאָכדעם האָט זי אים איבערגעטראָגן אין דעם קליינעם פעלד־שטיבל, ווײַל ס'האָט אָנגעהויבן ווייען א שטארקער ווינט. זי האָט אים געוויגט ווי א פּיצל קינד, און ער איז אנשלאָפן געוואָרן.

ווי א געטריטע פון די געדאנקען, איז זי ארומגעלאָפן איבערן פעלד, געהאלטן אין איין רופן איר זון, און קיינער האָט איר ניט געענטפערט. בלויז דער ווינט האָט געוואָיעט, געריסן פון איר שטיקער.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל אין דרויסן, ווען זי האָט זיך קלאָר דערמאָנט, אז זי האָט אים א שלאָפנדיקן איבערגעלאָזט אין שטוב. וואָס זשע דרייט זי זיך דאָ ארום?

אז זי איז צוגעקומען צו דער שטוב, איז איר שוין אלצדינג געווען אלציינס, א גלײַכגיל־טיקע איז זי געשטאנען אפן גאנעקל און געהערט, ווי באָריס וויינט, נאָכדעם ניט געײַלט אויס־געווישט די פיס בא דער שוועל, פארריכט דאָס טיכל אפן קאָפּ און אופגעעפנט די טיר.

באָריס איז געווען הייזעריק ווי די וואנט. פון האלבן טאָג ביזן אָוונט האָט ער געהאלטן אין איין וויינען. דערזען די מוטער, האָט ער זיך א וואלגער געטאָן אפן געלעגער און זיך איבער־געדעקט מיט דער קאָלדרע. דאָס האָט געהייסן, אז ער איז אף איר שטארק אין קאס, ער וויל זי ניט אָנקוקן.

איבערגעבעטן האָט ער זיך, ווען די מאמע האָט זיך אנידערגעלייגט לעם אים. דאָס ערשטע מאָל פארן גאנצן טאָג האָט זי זיך צעוויינט אף א קאָל. און ער האָט ניט פארשטאנען, וואָס וויינט זי אזוי ביטער, זײַן מאמע, און איז רויִק אנשלאָפן געוואָרן. דאן איז זי ארויס אין דרויסן, זיך אנידערגעזעצט אפן גאנעקל, קעדיי מיט איר געוויין ניט שטערן באָריסן שלאָפן. אזוי איז זי אָפּגעזעסן א גאנצע נאכט.

אינדערפרי, ווען באָריס האָט זי דערזען, האָט ער א פארוואונדערטער געפרעגט:

— מאמע, ווו ביסטו געווען? פארוואָס זײַנען די האָר בא דיר אזוי דערפרוירן?

פון דעמלט אָן איז ער געוואָרן גאָר אן אנדערער. אין א יאָר ארום האָט ער אָנגעהויבן באזוכן די שול, ער פלעגט אליין גיין אין שול און פון שול, און אים האָט שוין ניט געארט, וואָס די מאמע איז ניט לעבן אים.

ער האָט געוווסט, אז דער פאָטער איז אומגעקומען אף דער מילכאָמע, נאָר קיינמאָל ניט פארפירט קיין געשפרעך וועגן דעם. בלויז איין מאָל, ווען מע האָט דורך דער ראדיִאָ איבערגעגעבן גליִערס וואלס פונעם באלעט „רויטער מאָן“, האָט ער זיך דערמאָנט אינעם פאָטער. ער איז געזעסן באם טיש און געגרייט די לימודים. ווען ער האָט דערהערט דעם וואלס, האָט ער אָפגעשארט דאָס העפטל אָן א זײַט, אויסגעהערט ביזן סאָף דאָס שפילן און א זיפץ געטאָן ווי א דערוואקסענער.

— דו געדענקסט, מאמע, — האָט ער געזאָגט, — דאָס זעלבע פלעגט שפילן דער טאטע, איך געדענק זייער גוט.

באָריס איז געווען גערעכט: אקוראט פאר דער מילכאָמע האָט סאמויִל זיך געגרייט שפילן די פארטיע פונעם ערשטן פידל אינעם באלעט „רויטער מאָן“ און גאנצע טעג רעפעטירט דעם דאָזיקן וואלס.

דאָס אלץ איז געווען מיט א היפש ביסל יאָרן צוריק. איצט זײַנען בא יעווע יעפימאָוונען די האָר ניט פארפרוירן, נאָר ווײַס ווי שניי, בלויז די ברעמען זײַנען שווארץ.

ערשט ניט לאנג האָט באָריס געקויפט א נײַע פלאט מיט גליִערס וואלס. ווען ער זעט, אז די מאמע קאָן ניט אנשלאָפן ווערן, שטעלט ער אוועק די פלאט און עס דערהערט זיך די באקאנטע מעלאָדיע, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן בא זיי אין שטוב. יעווע יעפימאָוונע ליגט אפן געלעגער און הערט זיך אײַן אין דער מוזיק. עס גאנוועט זיך ארויס א טרער פון אן אויגן־ווינקל, ווערט פארגליווערט אף די וויִעס, און מיט דער דאָזיקער טרער ווערט יעווע יעפימאָוונע אנשלאָפן.

דאָס גאנצע הויז הייבט אָן אײַנדרעמלען, ארום און ווערט שטיל, די נאכט האָט אײַנגעהילט די גאסן. די שאָטנס פון די לאמטערנס הוידען זיך לאנגזאם אפן אספאלט, און עס דוכט זיך, אז זיי וויגן אײַן די מויערן, וואָס הייבן אָן צומאכן די אויגן. באָריס גייט ארויס אפן באלקאָן אויסרייכערן א סיגארעט. אף דער גאס זעט מען קיינעם ניט. ערגעץ פונדערווײַטנס הערן זיך אײַליקע טריט. צי איז דאָס ניט שיקלס גאנג? נאָר די זאווערוכעס קאָנען אזוי האסטיק שפאנען. ווען די טריט זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן, כאפט זיך באָריס באם געדאנק, אז שוין צו אָפט טראכט ער וועגן שיקען, שיר ניט ווי וועגן א מיידל, וואָס מע איז אין איר פארליבט. טאקע א מאָדנער באָכער אָט דער שיקע, קיינמאָל וועסטו אף אים ניט דערקענען, ווען ער איז אויפגעלייגט און ווען ער איז פארומערט. דעם דאָזיקן באָכער איז קאָנטיק גרינגער פון אלעמען צו לעבן אף דער וועלט. אים איז ניט שווער אָפהאָרעווען א טאָג בא דעם דאמף־האמער, נאָכדעם לויפן זיך לערנען אין דער אָוונט־שול, און ערשט נאָך די לימודים זיך באגעגענען מיט עמען און שפאצירן מיט איר ביז שפעט אין דער נאכט. אָדער גלײַך נאָך דער שול זיך ארײַנכאפן אין גאראזש און ווידער עפעס טאָן, רעמאָנטירן דעם מאָטאָציקל, צי נאָך בעסער — זיך פאָרען בא דער ראקעטע. אף אלץ סטײַעט אים צײַט. שיקל וועט ניט פארפעלן קיין זיצונג פון קאָמיוג־ביוראָ, ניט דורכלאָזן קיין פארזאמלונג. אלצדינג גייט אים אָן, אקוראט אזוי ווי דעם טאטן זײַנעם. איידער זיי גייען אף א פארזאמלונג, פירן זיי דורך צווישן זיך א בעראטונג און קומען מיט גרייטע פאָרשלאָגן. אָט דארף מען, האלטן זיי, צוטרעטן רעמאָנטירן די דאמף־האמערס, אָט איז שוין צײַט, נאָך זיי נאָך, זיך אָנהייבן גרייטן צום ווינטער.

וואָס איז, שיקל וואָלט זיך ניט געקאָנט באגיין אָן דעם מאָטאָציקל, אָן די קראָסן? ס׳איז דען א מוז אָנטיילנעמען אין אלע פארמעסטונגען? ס׳איז א כיִעוו, אז זײַן שיפל זאָל זײַן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע אפן דניעפער? און וואָס ער טוט ניט, איז מיט א פײַערל, מיט אקשאָנעס, דערבײַ טאָן קען ער אלץ — ער איז אן אויסגעצייכנטער קאָוועל, א גוטער שלאָסער. איצט וויל ער נאָך ווערן א טאָקער. יעדער ארבעט איז אים ציקאווע. ער וויל, אז די ארבעט זאָל פאר אים מוירע האָבן. צו דעם אלעמען איז ער נאָך א „גוטע באלעבאָסטע“ אויך. פון קליינווײַז אוף איז ער געוואקסן אָן א מוטער, האָט ער זיך אויסגעלערנט אי אויסוואשן א העמד, אי אויספרעסן זיך די הויזן, קאָכן ווארמעס און ראמען. בא די זאווערוכעס אין שטוב איז שוין אזוי אײַנגעפירט — יעדן טאָג ראמט איינער פון זיי, לויט דער ריי, אוף די שטוב, ווישט אָפ דעם שטויב פונעם מעבל, רײַבט אָן די דילן, גייט אין קלייט ארײַן אָדער אין מארק אײַנקויפן, גרייט פאר דער גאנצער פאמיליע עסן. פריִער איז די דאָזיקע ארבעט געלעגן בלויז אף שיקלען און אף זײַן פאָטער, אָבער ווען דאנקע איז אונטערגעוואקסן, האָט מען אים אויך ארײַנגענומען אין קאָן. די ערשטע צײַט האָט דער יאט סטאזשירט א טאָג באם זיידן, א טאָג באם

פעטער. איצט האָלטן זיי בײדע, אַז דער טאַלמיד קאַכט אָפּ אַ בעסערן ראַספּלייש פון די לערערס.

אדהײַעם געדענקט באָריס, וויאַזוי ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו די זאַווריוכעס און דערזען שיקלען אָנגעטאָן אין אַ פּאַרטעכל, מיט אַ ווײַס בערעטל, ווי בײַ אַ קעכער. ער האָט שיר ניט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, ווען ער האָט דערזען דעם דאָזיקן הוילעך. ער האָט נאָך דעמלט ניט געוווּסט, אַז אין שטוב איז ניטאָ קיין באַלעבאָסטע. ס'האָט אים אויסגעזען ביז גאָר מאָדנע, וואָס שיקעס פּאָטער און דאנקע זײַנען, ווי די פּריצים, געזעסן בײַם טיש, און שיקל האָט לעם יעדן איינעם פון זיי אוועקגעלייגט אַ לעפל, אַ גאָפּל, אַ מעסער, נאָכדעם אָנגעפּילט די טעלער, האקלאָל, געטאָן אַליץ, וואָס אַ באַלעבאָסטע דאַרף טאָן. באָריסן האָט מען אויך אײַנגע־לאַדן צום טיש. דער וואַרמעס איז געווען זייער אַ געשמאַקער, און אין שטוב איז געווען היימ־לעך, נאָר אים, באָריסן, איז עפּעס שווער געווען אָפּן הארצן, ער האָט געפילט, אַז אַ מאַמע פעלט אין שטוב.

ווען מע האָט אָפּגעגעסן, האָט שיקל צוגענומען פונעם טיש, איבערגעוואַשן דאָס געפעס. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַלע אַרבעטן, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּאַרטעכל, דאָס ווײַסע בערעטל און געוואָרן אויס באַלעבאָסטע, — אַ באָכער שיין צו קוקן.

יעווע יעפימאָווגע האָלט אויך פון שיקלען. ווען ער קומט צו גיין, ווייסט זי ניט וווהין אים אוועקזעצן, וואָס מיט אים צו טאָן. באָריס פילט, אַז זי האָט אָף אים ראַכמאָנעס, ווײַל ער האָט קיין מאַמען ניט. איינמאָל, צום אַכטן מאַרט, האָט שיקע פרישע געבראַכט בלומען באָריס' מוטער.

— יעווע יעפימאָווגע, — האָט ער געזאָגט, — אַלע מאַמעס דאַרף מען ברענגען קווייטן. אַז שיקל האָט געהאַט פאַרענדיקט דעם צענטן קלאַס, איז ער אַ צעשטראָלטער געקומען צו באָריסן און אוועקגעלייגט דעם אַטעסטאַט אָפּן טיש.

— נאַ, זע, איצט בין איך פרײַ ווי אַ פויגל.

באָריס האָט אים דערמאָנט, אַז זיי האָבן אַלע דרײַ, עמע, שיקל און באָריס, אָפּגערעדט, ער זאָל ניט הײַען קיין צײַט און גלײַך זיך גרייטן אָנקומען אין אינסטיטוט, ווײַל אָפּלייגן עס אין דער לאַנגער באַנק טאָר מען ניט. האָט שיקל קלוימערשט שפּאַסנדיק געזאָגט, אַז ער וועט אויסבעטן בײַ עמען אורלויב אָף אַ יאָר צײַט. אָבער דאָס יאָר איז דורכגעלאָפן, און שיקל טראַכט גאָרניט אָנקומען אין אינסטיטוט. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי ער דאַרף, צי ער דאַרף ניט ווײַטער לערנען זיך. טאָמער ווײַל ער גאָר זײַן אַ פּאָשעטער אַרבעטער, האָט ער געפרעגט בײַ באָריסן, וועט דען קיין מיטעלע בילדונג אים דערוף ניט סטײַען? אויב אַלע וועלן ווערן אינזשעניערן, ווער זשע וועט זײַן אַ קאָוועל, אַ שלאָסער? שיקל זאָגט, אַז אים דאַכט זיך, אַז אייניקע כעווורע שטרעבן אומבאַדינגט ארײַנטרעטן אין אינסטיטוט ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן דעם גרויסן באַרוף זיך לערנען, נאָר ווײַל זיי האָבן מוירע פּאַרקאַטשען די אַרבל, שרעקן זיך פאַר פיזישער אַרבעט. זײַן זיידע, שיקלס, און דער טאַטע זײַנער האָבן געמעגט איבער־וואַרפן פאַר זייער לעבן מיט די הענט הונדערטער טאָן מעטאַל, און ער טאָר ניט? ווען ער זאָל וויסן, אַז ער וועט ווערן אַן אינזשעניער און דערפינדן אַזעלכע אווטאָמאַטן, וואָס וועלן פאַר־גרינגערן די אַרבעט, די קאָוועלס זאָלן ניט דאַרפן מיט די קלאַמערס שלעפן די שווערע באַל־וואַנקעס פון די אויוונס, נאָר ס'זאָל געגוג זײַן אַ קוועטש טאָן אָף אַ קנאָפּקע און די באַל־וואַנקע וועט זיך אַרויסשאַרן און אַנידערלייגן אונטערן פּרעס, דעמלט וואָלט געלוינט זיך לער־נען. זײַן אַן אינזשעניער אָף שרײַבן נאַריאַדן, צי דורכפירן אַ כראָנאָמעטראַזש, וויפל צײַט עס פאַרנעמט אויסקאָווען אַ דעטאַל, — אַזאַ אינזשעניער וויל ער ניט זײַן.

באָריס האָט, פאַרשטענדלעך, זיך אויסגעלאַכט פון די דאָזיקע רייד. ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען עמעצער וועט דערפינדן אַזעלכע אווטאָמאַטן, וועט ער, שיקל, ניט קאָנען אַרבעטן בײַ זיי, אויב ער וועט ניט האָבן קיין הויכע בילדונג, מע וועט אים אפילע נאָענט ניט צולאָזן צו זיי, בלויז אינזשעניערן וועלן מעגן קוועטשן אָף די קנאָפּקעס.

בײַ זיך אין הארצן האָט באָריס געוווּסט, אַז שיקל וואָלט געקאָנט זײַן אַ גלענצנדיקער אינ־זשעניער. אָט האָט ער ווי פאַרבײַגייענדיק אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז ווען מע מאַכט קאָמבי־נירטע פּרעזן אָף צו באַאַרבעטן דעם קאָמפּלעקס דעטאַלן נומער פינף, וואָלט מען זיי ניט גע־דאַרפט טראַנספּאָרטירן הין און צוריק פון שמיד־צעך אין מעכאַנישן און פאַרקערט. געזאָגט און באַלד פאַרגעסן וועגן דעם. באָריס ווייסט, אַז בײַ שיקלען קאָן אַ בליץ טאָן אַ געדאַנק און ער לעשט זיך באַלד אויס. אָבער דאָס איז דאָך אַ גוואַלדיקע אידיי. באָריס האָט ניט אופּגע־הערט טראַכטן וועגן איר. געמאַכט אייניקע כעזשבוינעס און זיך איבערצײַגט, אַז דאָס וועט ניט נאָר אײַנשפּאָרן אַ סאַך צײַט, נאָר וועט אויך פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון די דעטאַלן, וועט געבן אַ גרויסן עקאָנאָמישן עפעקט. באָריס מיינט אפילע אויסנוצן די דאָזיקע אידיי אין דער

דיסערטאַציע, וואָס ער קלײַבט זיך פֿאַרטיידיקן. ער שלאָגט זיך אַלץ מיט דער דייע, צי זאָל ער זאָגן שיקלען וועגן דעם, צי ניין. באָריס איז זיכער, אַז דער כאַווער וועט ניט דערווידערן. ער איז שטענדיק גרייט קומען צוהילף. צו די זאַווערויוכעס ווענדן זיך אַ סאַך אינזשעניערן פֿון דער „סקב“. מע אייצעט זיך מיט זיי, מע ווייסט, אַז זיי קאָנען אונטערזאָגן אַ נוצלעכן געדאַנק. אייניקע פֿאָרשלאָגן פֿון די זאַווערויוכעס זײַנען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, און מע האָט אַפֿילע ניט דערמאָנט זייער נאָמען, זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק.

באָריס באַשטימט, אַז ס׳וועט קומען די צײַט, וועט ער זיך דורכשמועסן מיט שיקלען. דערווײַל ווענדט ער זיך אָפּ פֿון דעם. ער דערמאָנט זיך אַן אַלטע געשיכטע, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט אים און מיט שיקלען.

באָריס איז געווען דעמאָלט אויפֿן צווייטן קורס, און ער האָט אײַנגעלאַדן זײַן כאַווער אויף אַ סטודענטישן אָוונט אין קאַפֿע „יוגנט“. די מערהײַט כעווערע זײַנען געקומען מיט מיידלעך. ס׳איז געווען פֿריילעך, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און מע האָט געטאַנצט. נאָר באָריס און שיקע זײַנען געזעסן, ווי די יאָלדן, באַם טישל און געטרונקען קאַווע מיט ראָם, קלוימערשט עס גייט זיי ניט אָן קיין מיידלעך און קיין טאַנצן. פּלוצעם האָט באָריס באַמערקט, ווי עפּעס אַ מיידל, זייער אַ שיינע, וואַרפֿט אויף זײַן כאַווער נײַגעריקע בליקן. זי האָט פּאַשעט אָנגעשטעלט אויף אים אירע בלויע אויגן. ער האָט זיך געײַלט אָנזאָגן שיקלען די בסורע.

— זאַווערויוכעלע, אין דיר צילט אַ שיינע מאַלקע, איך האָב מוירע, זי וועט דיך פֿאַנגען, האַלט זיך!

שיקל האָט זיך אַרומגעקוקט, דאָס מיידל האָט ערגעץ ניט געסטײַעט, עפּשער האָט עמעצער זי אונטערגעכאַפּט און אַוועק מיט איר טאַנצן.

— באָב, הער אויף אויסטראַכטן, — האָט שיקל געזאָגט און זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט. אים איז געווען הייס. ער האָט אויסגעטאָן דעם פּידזשאַק און אים אויפֿגעהאַנגען אויפֿן ווענטל פֿונעם בענקל. די ווײַסע טעניסקע האָט שטײַף אַרומגענומען זײַן ברייטע ברוסט, די יאָדערדיקע פּלייצעס; די קורצע אַרבעלעך פֿונעם העמדל האָבן מיט די ראַנדן זיך מאַמעש אײַנגעשניטן אין די מוסקולן פֿון די פֿאַרברוינטע געזונטע הענט.

באָריס איז מעקאַנע געווען זײַן כאַווער, וואָס ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם פּידזשאַק. באָריס קאָן זיך אַזאַ זאַך ניט פֿאַרגינען, ער טראָגט קיינמאָל ניט קיין טעניסקעס, ווײַל זײַנע הענט זײַנען מאָגער און דאַר. ער מוז שטענדיק זײַן אָנגעטאָן אין פּידזשאַק מיט די אונטערגעבעטע קישעלעך אויף די פּלייצעס, ער, באָריס, זאָל אויסזען סאָלידער, ניט זײַן ענלעך אויף אַ שילער פֿונעם זיבעטן קלאַס. באָריס וואָלט געווען צופֿרידן כאָטש צעבינדן דעם שניפּס, דערמאָנט ער זיך, אַז דער האַלדז איז באַ אים אַ לאַנגער און אַ דאַרער, פֿאַלט באַ אים אָפּ דער כיישעק עס טאָן. זיצט ער אַזוי אַן אײַנגעשפּאַנטער אין זײַנע בגאָדים און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפֿינען, דערבײַ פֿילט ער, ווי עמעצער שפּירט אים נאָך. דאָס שיינע מיידל מיט די בלויע אויגן האָט געטאַנצט, באַוועגנדיק זיך גלײַך צו זייער טישל. דאָס מאָל האָט זי אויף שיקלען ניט געלייגט קיין אַכט, זי האָט באַטראַכט באָריסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס; ווען זײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט אירע, האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ — די בלאָנדע האָר האָבן אַ בלישטשע געטאָן אַנטקעגן דער שײַן — און אָפּגעווענדט דעם בליק צו איר פּאַרטניאָר.

דאָס איז געווען אַ וווּקסיקער, דיקער באָכער. דעם גוף זײַנעם איז געווען שטאַרק ענג אין דעם בלאָוון אָנצוג. דאָס קײַלעכיקע געזיכט איז געווען צעפֿלאַמט, דאָס סימפּאַטיש־פּאַריסענע נעזל האָט געגלאַנצט. עפּעס האָט ער געשעפּטשעט אַ סאָד דעם מיידל אויפֿן אויער, און זי האָט געלאַכט. דער באָכער האָט געטאַנצט לײַכט, ס׳האָט געדאַכט, אַז בייסן טאַנצן האָט זײַן שווערער קערפּער פֿאַרלוירן די וואָג. ווען דאָס פּאָרל האָט זיך דערנעענטערט צום טישל, האָט באָריס אַ טאָרקע געטאָן שיקלען פֿאַר דער האַנט און אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן:

— אָט דאָס איז זי.

— באָב, דריי ניט קיין קאָפּ, זי מיינט ניט אונדז.

— ווען איך בין אויף דײַן אָרט, לאַד איך זי אײַן צו אַ טאַנץ.

שיקע האָט געוואָלט צוליב טאָן דעם כאַווער זײַנעם, נאָר דאָס מיידל איז עפּעס געווען ווי אַ מעטעאָר. זי האָט פּלוצעם ווידער ניט געסטײַעט. שפּעטער האָט שיקל זי דערזען שטיין לעם אַ כאָפּטע מיידלעך. ער האָט שוין געהאַט געוואָלט צוגיין צו איר, נאָר גראָד דאָ האָבן זיך די טענץ פֿאַרענדיקט. מע האָט געמאָלדן, אַז באַלד וועט זיך אָנהייבן אַ מוזיקאַלישע וויקטאָרינע.

שיקל איז אין פֿאַרלעגנהײַט געבליבן זיצן אויף זײַן אָרט, דערפֿאַר איז באָריס געוואָרן אויפֿגעלייגט. ער האָט גענומען אויסווישן די גלעזלעך פֿון די ברילן, נערוועז געפֿינטלט מיט די אויגן, איצט וועט באָריס באַווײַזן, וואָס ער קען. אין זאַל איז געוואָרן ראַשיק, דער באָכער, וואָס

האָט אָנגעפירט מיט דער וויקטאָרינע, האָט דערקלערט די טנאָים פון דער שפּיל. דער קאמף האָט זיך אָנגעהויבן.

באָריס האָט ניט געכאַפּט זיך ענטפערן אף די פראגן. שיקל האָט פּאָשעט באוווּנדערט זײַן אויסגעהאלטנקײַט, אים אוּנטערגעײַלט, זיך באומרויִקט, נאָר באָריס האָט געהאַט געדולד. ער האָט אויסגעוואַרט, ביז אַלע האָבן זיך ארויסגעזאָגט, און דער לעצטער אונטערגעפירט דעם סאכאקל, פאריכט די פעלערן, פארברייטערט דעם ענטפער. וועגן ראוועלן האָט ער שיר ניט איבערגעלייענט א גאַנצע לעקציע. דער אוילעם האָט אים געהערט מיט אופמערקזאמקײַט, געקוקט אים אין מויל, ווען ער האָט גערעדט. האקלאל, באָריס האָט זיך אויסגעצייכנט בייס דער וויקטאָרינע. דאָס שיינע מיידל האָט געפירט א באהאלטענעם געוועט מיט אים. זי האָט אויך אָפּט זיך ארויסגעזאָגט, און ווען באָריס האָט, ענטפערנדיק אף א פראגע, זיך אומגעריכט פאר־האקט, ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, ווען און ווו איז דאָס ערשטע מאָל אויסגעפילט געוואָרן טשײַקאָווסקיס זעקסטע סימפאָניע, האָט זי פינקטלעך אָנגערופן די דאטע און דאָס אָרט. דער־ציילט וועגן דעם מיט אזויפיל וויסן, אז ווען זי האָט פארענדיקט, האָט מען אין זאל אָנ־געהויבן אפּלאָדירן.

איידער די זשורי האָט זיך גענומען בעראטן, ווען מען צומישפּעטן די פּריזן, האָט דער דיקער באָכער, וואָס האָט געטאנצט מיטן שיינעם מיידל, זיך געווענדט צו די מיטגלידער פון דער זשורי, זיי זאָלן אין זינען האָבן, אז דער כאווער, וואָס האָט אזוי גלענצנדיק געענטפערט אף די פראגן, דאָס הייסט באָריס, איז געוויס א סטודענט פון קאָנסערוואטאָריע.

אין קאפּע האָט זיך אופגעהויבן א טומל, ס'איז קאָנטיק געווען, אז דאָס שיינע מיידל האָט דאָ געהאַט א סאך אָנהענגער. אייניקע האָבן פאָרגעלייגט, מע זאָל רעכענען, אז באָריס האָט אָנטיילגענומען אין דער וויקטאָרינע אויסערן קאָנקורס. שיקל איז ארויף אף דער עסטראדע. ווען ער האָט אופגעהויבן ביידע הענט אין דער הייך, איז דער אוילעם אנשטילט געוואָרן. ער האָט באשטעטיקט פאר דער זשורי, אז באָריס לערנט זיך אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, כאָטש דעם, האלט ער, שיקע, אז אין אזא וויקטאָרינע האָבן רעכט זיך באטייליקן אפילע סטודענטן פון דער קאָנסערוואטאָריע, ס'זײַנען דאָ פארגעבן געוואָרן פראגן, וואָס פאָדערן גרויסע ערו־דיציע.

מע האָט גלײַך אָנגעהויבן פּאטשן אין די הענט און סקאנדירן:

— ריכטיק, ריכטיק!

דעם ערשטן פּריז האָט טאקע באקומען באָריס, מע האָט אים אונטערגעטראָגן עפּעס א שיין פּעקל, אײַנגעוויקלט אין צעלאָפאן און ארומגעבונדן מיט א בלויער סטענגע. א היפּשער אוילעם האָט זיך צונויפגעזאמלט באם טישל זען, וואָס געפינט זיך אינעם פּעקל.

באָריס האָט גענומען צעפּאקעווען די מאטאָנע, צעוויקלען די קאָלירטע פּאפּירן, אין וועלכע זי איז געווען אײַנגעהילט. דערווײַל האָט מען ארום אים געפּרוּווט טרעפן, וואָס ליגט דאָרט אינעם שיינעם פּאקעט. אייניקע האָבן ארויסגעזאָגט א האשאָרע, אז דאָרטן איז פארפּאקעוועט א טראקטאָר, אנדערע זײַנען געווען באשיידענער און געהאלטן, אז ניט מער ווי א שטויבנציִער, עמעצער האָט פארזיכערט, אז אין פּאקעט איז אײַנגעוויקלט א טוץ טרוסיקעס, האָט א צווייטער איבערגעשלאָגן, אז ער ווייסט פּינקטלעך, אז דאָרטן ליגט א טשײַניק מיט הייסער טיי. עס האָט זיך אופגעהויבן א געלעכטער, און באָריס האָט אלץ צעוויקלט א פּאפּיר נאָך א פּאפּיר, לעם טישל איז שוין אויסגעוואקסן א גאנצער קאָלירטער בארג פון פּאפּירן. ענדלעך האָט זיך אין זײַן האנט באוויזן א קליין פּודעלע די גרייס ווי א פּעקעלע שוועבעלעך. עמעצער האָט אויסגעשריגן:

— אָסטאָראָזשנאָ, אדסקאיא מאשינא![1]

באָריס האָט געעפנט דאָס פּודעלע און פון דאָרטן ארויסגענומען א טונקל־ברוין מאל־פּעלע מיט גלעזערנע פײַערדיקע אייגעלעך און אן ארויסגעשטעקט רויט צינגל.

ערשט דאָ האָט דער אוילעם אויסגעשאָסן א געלעכטער. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט א וויוואט.

דאָס שיינע מיידל האָט באקומען דעם צווייטן פּריז: דאָס רעכט צו באשטעלן צוויי טענץ באם אָרקעסטער. דער אוילעם האָט געמאכט א וועג דער שיינער סטודענטקע, מיט נײַגער געווארט, ווען מען וועט זי אויסקלײַבן פאר א פּארטניאָר.

זי האָט זיך געלאָזט גיין גלײַך צום טישל, בא וועלכן ס'זײַנען געזעסן באָריס מיט שיקלען. מע איז געווען זיכער, אז זי וועט אויסקלײַבן דעם זיגער פון דער וויקטאָרינע. שיקל האָט שוין באגריסט דעם כאווער זײַנעם:

— באָב, הײַנט גייט דיר דורך טיר און דורך טויער, זי גייט צו דיר.

---

[1] פּאָרזיכטיק, ס'איז אן אופרײַס־מאשין!

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם טישל, נאָר די האַנט האָט זי אויסגעשטרעקט שיקלען. דאָס איז געווען עמע.

■

עמע איז געווען אַ באַסיעכידע. די מאַמע אירע, פּירע אַרקאַדיעוונע, איז געווען איבערצײַגט, אַז קיין שענער מיידל, ווי איר טאָכטער, איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. כאָטש דעם, האָט זי זיך געגרויסט דערמיט, וואָס עמאָטשקע האַלט שוין באַם ענדיקן דעם מעדיצינישן אינסטיטוט. אַזאַ אַנטיק, ווי עמאָטשקע, האָט געהאַלטן די מוטער אירע, דאַרף זײַן אויסגעקליידט ווי אַ באַסמאַלקע. און אין דעם דעריקער איז באַשטאַנען איר אַרבעט — נאָכשפּירן נאָך דער מאָדע, דאָס באַסיעכידקעלע זאָל כאָלילע ניט פאַרשפּעטיקן צו אַ נײַעם פאַסאָן.

דערבײַ האָט פּירע אַרקאַדיעוונע אין זיך אַליין אויך ניט פאַרגעסן. אויב עפּעס אַ שיינער פאַסאָן, — איז גענייט פאַר עמאָטשקען און פאַר זיך; האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ שיין שטיקל סכוירע, — איז געקויפט צוליב עמאָטשקען און צוליב זיך. פּירע אַרקאַדיעוונע האָט געהאַלטן, אַז זי איז נאָך יונג און זי טאָר ניט דערלאָזן, איר מאַן זאָל זיך פאַרקוקן אויף אַנדערע פרויען. ער איז הויפּט־בוכהאַלטער פון אַ טרעסט און דאָרטן אין אַנשטאַלט זײַנען פאַראַן ניט ווייניק ווײַבעלעך, וואָס ווילן אים מיסטאָם געפעלן ווערן. און ווי אַ זאַך מאַכט זיך... פּירע אַרקאַדיעוונע האָט אויך האַנאָע, אַז אַ מאַנצביל פאַרקוקט זיך אויף איר. ביז איצט קאָן קיינער ניט טרעפן, וויפל זי איז אַלט. מע גיט איר שטענדיק אויף פינף־זעקס יאָר ווייניקער. נאָר די לעצטע צײַט פילט זי, אַז זי ווערט אַלץ דיקער. ס'האָבן זיך באַוויזן קנייטשעלעך אויפן שטערן, אַרום די אויגן. פּירע אַרקאַדיעוונע האָט גענומען אַכטונג געבן אויף זיך נאָך מער ווי פריִער, אויסגעפינען אַלערליי קרעמען, שמירעכצן צום פּאָנעם. מיט דער מאַניקיורשע, מיט דער מאַסאַזשיסטקע, אַפילע מיט דער מאָדיסטקע פאַרפירט זי אַ געשפּרעך וועגן דיִעטע און רעזשים. זיי דאַרפן דאָך וויסן די בעסטע רעצעפּטן, די פיגור זאָל ניט געפּאַטערט ווערן, ווײַל פאַר זיי דעקן דאָך אויך די קליִענטקעס אַלע סוידעס. אָט אַזוי איז פּירע אַרקאַדיעוונע פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג סײַ מיט עמען, סײַ מיט זיך. דערצו דאַרף מען דאָך אין זינען האָבן די שטוב אויך, זי שעמט דאָך פאַר אַ גוטער באַלעבאָסטע, אַ צוכט, עס זינגט באַ איר אין יעדן ווינקל.

דערווײַל איז נאָך גאָט צו דאַנקען, זי האָט נאָך אַ פיגור ניט ערגער, ווי באַ אַנדערע, עמעס, די היפּטן זײַנען באַ איר ברייטע און שווערע, אָבער סײַווי פילט זי ניט זעלטן, ווי איר מאַן, פּיאָטער אַראָנאָוויטש, וואַרפט נאָך אויף איר אַ צאַרטן בליק.

— מאַמצע, — זאָגט ער צו איר שטילערהייט, — דו ביסט נאָך שיין ווי די וועלט.

פּירע אַרקאַדיעוונע ווייסט, ווען ער זאָגט עס פונעם גאַנצן האַרצן, און ווען ער וויל איר גלאַט צוליב טאָן. דעמלט, ווען איר פּאַפּצע, איר כײַעסל, קומט אָפּ גלאַט מיט אַ קאָמפּלימענט, ווערט איר אַ ביסעלע קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, און אַז זי בלײַבט אַליין אין שטוב, שטעלט זי זיך אַוועק באַם שפּיגל באַטראַכטן יעדער אייווער אירן. זי דרייט זיך אַהער און דרייט זיך אַהין, פּירט מיט די הענט איבער דער טאַליע, איבער די היפּטן, טוט אַ שויבער די שוואַרצע האָר, לייגט אויס די לאָקנס אויף איין זײַט און אויף דער צווייטער, טוט אַ גלעט דעם האַלדז, וואָס איז ווי אויסגעגאָסן פון סמעטענע, נאָר דעריקער דרייט זי דעם קאָפּ אירן, זי וויל דערגיין, צי זי איז נאָך שיין. זי דרייט אים אויף רעכטס און אויף לינקס, הייבט אים אויף אין דער הייך און לאָזט אים אַראָפּ. אַזוי קאָן זי מיט אים דרייען אַ גוטע האַלבע שאָ. נאָכדעם טוט זי אַ פיר מיט אירע גרוילעך־גרינע אויגן און הייבט אָן שמייכלען צו זיך אַליין, ווי איינער רעדט: „מאַמצע, פּאַל באַ זיך ניט אַראָפּ, ביסט נאָך נישקאָשע“, און זי טוט אַ לעק מיט דער צונג אירע ליפּן, וואָס איר מאַן, איר כײַעסל, רופט זיי „די פרישע ווײַנשעלעך“.

פּירע אַרקאַדיעוונעס מאַן, עמאָטשקעס פאָטער, פּיאָטער אַראָנאָוויטש, איז אַ וווּקסיקער מענטש, אַ שטאַלטנער. יעדער באַוועגונג איז באַ אים אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוווֹיגן. ער איז שטענדיק עלעגאַנט אָנגעטאָן. איידער ער גייט אַרויס צו דער אַרבעט, וועט ער אויך זיך פאַרגינען אָפּשטיין אַ היפּשע צײַט באַם שפּיגל: ער וועט פאַריכטן דעם שניפּס, אַז קיין קנייטשעלע זאָל אויף אים ניט זײַן, צוגלעטן די געציילטע האָר אויפן קאָפּ, אַ שאַר טאָן מיט אַ פינגער איבער די גאָלדענע ברעמען, אים האָט מען אַמאָל געזאָגט, אַז זיי פּאַסן זייער צו זײַן הויכן גלאַטן שטערן. ווען ער וועט בלײַבן צופרידן מיט זײַן אויסזען, וועט ער נעמען זײַן פּאָרטפעל, זיך אָנבייגן צו זײַן מאַמצע, וואָס שטייט דערנעבן, זי אַ קוש געבן אין באַק און גיין צו דער אַרבעט.

אין אַנשטאַלט ווערט פּיאָטער אַראָנאָוויטש גאָר אַן אַנדער מענטש. ער רעדט דאַפקע מיט אַלעמען אין גוטן מוט, נאָר איידער ער שרײַבט אונטער עפּעס אַ פּאַפּירל, קאָן ער שטילערהייט אַרויסנעמען די נעשאָמע. ער זיצט צעלייגט אין זײַן שטול, קוקט אויף יעדן באַזוכער פון אויבן אַראָפּ. אַז ס'קומט צו אים אַ בוכהאַלטער פון אַן אונטערנעמונג מיט אַ באַלאַנס אָדער אַ באַ־

ריכט, טוט פיאָטער אראַנאָוויטש ניט אײַלנדיק אָן זײַנע ברילן מיט די גרויסע קײַלעכדיקע גלעזלעך אין באַגילדעטע רעמלעך, ער ווערט דאַן ענלעך אַף א פּראָפעסאָר, און הייבט אָן פֿאַרשן מיט זײַנע דורכדרינגלעכע אויגן די ציפערן. יעדן איינעם ווערט ניט היימלעך, אז פּיאָטער אראַנאָוויטש נעמט אין האַנט דעם רויטן בלײַער און שטרײַכט אונטער מיט אים א ציפער. פּירע ארקאַדיעוונע זאָגט, ווען איר פּאַפּצע זאָל זײַן אזא באַלעבאָס אין דער היים, ווי אַף דער ארבעט, וואָלט זי ניט געוווסט, ווו זיך אהינטאָן. נאָר מיט די שטוב־זאַכן פֿאַרלאָזט ער זיך אינגאַנצן אַף זײַן מאַמצע, ער האַלט, אז זי ווייסט ווו אײַן און ווו אויס. זײַן טעכטערל האָט ער ליב און גיט איר נאָך. זי פּויעלט בא אים אַלץ, וואָס זי וויל, ער וועט צוליב איר גאָרניט זשאַלעווען. אָבער פּיאָטער אראַנאָוויטש קאָן ווערן אויך אופגעטראָגן. די שטוביקע דערקענען עס באַלד. ס׳הייבן בא אים אָן פּײַערן די גרויסע אויערן, און די לאַנגע פינגער מיט די שפּיצעכיקע נעגל הייבן אָן נערוועז צו קלאַפּן איבערן טיש אָדער אין א ווענטל פון א בענקל. און בעשאַסמײַסע באַווײַזט זיך דאַפּקע א שמייכל אַף זײַן געזיכט. אויב ס׳איז שולדיק אין עפּעס די טאָכטער, וועט ער זאָגן:

— עמצע, קינד מײַנס, רויִקער, איך בעט דיך.

און אויב די פּרוי האָט אים ארויסגעפירט פונעם גלײַכגעוויכט, וועט ער זיך בא איר בעטן:

— מאַמצע, האָב גאָט אין האַרצן!

פּיאָטער אראַנאָוויטש ווייסט, אז די מאַמע באַלעוועט די טאָכטער, לאָזט זיך אויסבערענגען איבעריק געלט, נאָר ער דערלויבט זיך זעלטן איר עס פירוואַרפן. די מאַמצע גיט אים א פרעג, צי האָט ער נאָך א סאַך קינדער, ווערט ער גלײַך אנשוויגן.

אָבער די לעצטע צײַט האָט אין שטוב עפּעס אָנגעהויבן קאָכן. עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן א מאַכלויקעס צווישן דער מאַמען און דער טאָכטער. פּירע ארקאַדיעוונע שלאָפט ניט דורך די נעכט. עמע גייט ארום אָן אָנגעבלאָזנע. פּיאָטער אראַנאָוויטש שלאָגט זיך ניט אָן, מע זאָל אים דערציילן, וואָס עס קומט פאָר. מיסטאמע, טראַכט ער, גייט אין א ניַי מאַנטעלע, וואָס עמע וויל זיך קויפן; פאַרשטייט ער, אז ער דאַרף זיך ניט מישן, זיי וועלן אָן אים דורכקומען צווישן זיך. לאָזט זיך אָבער אויס, אז דאָ גייט ניט אין קיין מאַנטעלע. פּירע ארקאַדיעוונע האָט אין זינען, אז עמאָטשקע דאַרף איבעראיאָר ענדיקן דעם אינסטיטוט, וואָלט געווען א גלײַכע זאַך, זי זאָל באַצײַטנס כאַסענע האָבן, מע זאָל זי ניט פאַרשיקן ערגעץ אין א פּאַרוואָרפן דאָרף. די מוטער שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, וויאַזוי זי וואָלט געקאָנט זיך צעשיידן מיט איר באַסיעכידקע.

פּירע ארקאַדיעוונע וויל וויסן, צי נאָר א מאַמע דאַרף טראַכטן וועגן אזעלכע זאַכן, זי פאַר־שטייט ניט, פאַרוואָס א טאַטן אַרט עס ניט, פאַרוואָס האָט ער בלויז אין זינען זײַנע באַלאַנסן. אזא פאַרוווּרף פאַרדריסט פּיאָטער אראַנאָוויטשן. בעשאַס פּירע ארקאַדיעוונע זאָגט אים דאָס אַלץ ארויס, הייבט אָן ציטערן בא אים אין די הענט די צײַטונג, וואָס ער האַלט. ער טוט פריִער א בורטשע עפּעס צו זיך אַליין און דערנאָך זאָגט ער מיט פאַרטײַעטער בייזקײַט:

— מאַמצע, דו רעדסט נאַרישקײַטן.

— וואָס הייסט נאַרישקײַטן? עס לאָזט דאָך מיך ניט לעבן.

פּיאָטער אראַנאָוויטש הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס טוט זיך עס. ער ווייסט גוט, אז עמצע האָט שוין געפונען איר באַשערטן, און די מאַמצע ווייסט עס פונקט אזוי גוט, ווי ער. יאָ, פּירע ארקאַדיעוונע קען שיקלען זייער גוט. ער איז טאַקע שיין, געזונט, ניט קיין נאַר, אָבער ער האָט ניט קיין הויכע בילדונג, און איר עמאָטשקע זאָל כאַסענע האָבן פאַר אָן אמהאָרעץ, דאָס וועט זי קיינמאָל ניט דערלאָזן. וואָס קאָן זײַן געמיינזאַמס צווישן א דאָקטער און א פּראָסטן ארבעטער? ווען ער קומט כאָטש אָן זיך לערנען אין אָן אינסטיטוט, וואָלט געווען א האָפענונג, אז ער וועט אַמאָל ענדיקן און ס׳וועט פון אים זײַן א לײַט. נאָר דער באָכער האַלט גאָר, אז מאַטאָציקלען און שיפלעך איז מער טאַכלעס, ווי לערנען זיך.

פּיאָטער אראַנאָוויטש איז אויסער־זיך. ערשט ניט לאַנג איז זײַן מאַמצע געווען אָפּן זיבעטן הימל, ניט געקאָנט זיך אָנלויבן פון שיקען: א גוטער ארבעטער, פאַרדינט ניט ווייניקער פון אָן אינזשעניער, דערצו א באַלעבאַטיש יינגל, וואָס נייטיקט זיך ניט, דאָס ווײַב זאָל אים דינען, קאָן אַליין אויספּרעסן א פּאָר הויזן, אופראַמען אין שטוב, אפילע אָפּקאָכן וואַרמעס. און פּלוצעם אזא איבערקערעניש: זי פּילט, אז דער שיקע איז עמאָטשקען ניט קיין פּאָר. ער אײַצעט דעם ווײַב, זי זאָל ניט ווערן פאַר דער צײַט קיין בייזע שוויגער, ניט זוכן אַף איר צוקינפטיקן איידעם קיין כעסרוינעס.

די מאַמצע קלאָפּירט אָקאָרשט ניט, אירע בעקלעך ווערן נאָך רויטער, ווי געוויינלעך, די אויגן אירע שיטן מיט פײַערדיקע פונקען. וואָס הייסט, איר מאָן פאַרשטייט ניט קיין לעבן, ער זעט נאָר זײַן בוכהאַלטעריע, דעם דעבעט מיטן קרעדיט, און אז עס גייט ארײַן אין שטוב נאָך א יינגל, דאָס זעט ער ניט.

באם פּאַפּצע שפּרינגען שוין די לאַנגע פינגער אַפן טיש, די צײַטונג וואַלגערט זיך שוין באַם בענקל.

— מאַמצע, דו רעדסט אין דער גאַל אַרײַן! — די געצײַלטע האָר אַף זײַן קאָפּ לעבן אוף, פונקט ווי א ווינטל וואָלט זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב.

פירע אַרקאַדיעוונע איז א באַלן ווּיסן, וואָס הייסט זי רעדט אין דער גאַל אַרײַן? האָט ער דען קיינמאָל ניט געזען באַריסן אין שטוב? דער איז שוין פון לאַנג אַן אינזשעניער, קלײַבט זיך אַפילע שרײַבן א דיסערטאַציע, דאָס איז א מענטש פון גאָר אַן אַנדער שניט. צי פאַרשטייט ניט דאָס כײַעסל אירס, אַז באַריס וואָלט פאַר עמען געווען מער ווי געוווּנטשן?

דאָס האָט שוין פּיאָטער אַראָנאָוויטש ניט אויסגעהאַלטן, ער האָט זיך אופגעהויבן פון בענקל, די הענט פאַרבאַהאַלטן אַפן רוקן און גענומען לאַנגזאַם שפּרײַזן איבערן צימער. ער האָט געגעבן צו פילן, אַז בא אים אינוויייניק רײַסט זיך קריע, נאָר ער קאָן זיך האַלטן אין די הענט. אַף א ווײַלע שטעלט ער זיך אָפּ לעבן זײַן פרוי, וואַרפט אַף איר אַן אַנגעברויגעזטן בליק, נאָר רעדט אין גוטן מוט:

— הער נאָר אויס, מאַמצע, שטעל זיך פאָר אַף א מינוטקעלע, אַז דו ביסט עמצע אָדער פּאַשעט א מיידל און מע שטעלט פאַר דיר אַוועק באַריסן מיט שיקען און מע הייסט דיר אויס־קלײַבן איינעם פון זיי, ניין, כאַפּ ניט, פריִער לייג אַרוף דײַן הענטעלע אַפן האַרצן, און זאָג, זאָג דעם עמעס: וועמען וואָלסטו אויסגעקליבן?

פירע אַרקאַדיעוונע האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט אַף איר מאַן און גע־שוויגן. און ער, פּיאָטער אַראָנאָוויטש, האָט קונציק א קנאַק געטאָן מיט דער צונג, ווי איינער רעדט: „אַהאַ, האָסט ניט וואָס צו זאָגן?"

דעמלט האָט די מאַמצע א ביטערן שמייכל געטאָן און קלוימערשט קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— איך וואָלט אויסגעקליבן א דריטן, א בוכהאַלטער.

פּיאָטער אַראָנאָוויטש האָט א שלײַדער געטאָן די צײַטונג, וואָס ער האָט נאַרוואָס געהאַט אופגעהויבן פון דיל, און איז אַוועק אינעם צווייטן צימער. דאָס האָט געהייסן, אַז ער וויל מער ניט רעדן וועגן דעם.

אָבער סײַווי האָט פירע אַרקאַדיעוונע אויסגעפירט אירס און אײַנגערעדט דעם מאַן, אַז באַריס איז מער מענטש פון שיקלען און מע דאַרף פועלן בא דער טאָכטער, זי זאָל זיך באַ־קלערן, מע דאַרף איר עפענען די אויגן, זי זאָל זען, וואָס באַריס איז ווערט, זי זאָל וויסן, אַז מיט שיינקײַט אַליין לעבט מען ניט אויס די וועלט.

פירע אַרקאַדיעוונע האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'שטייט איר פאָר א שווער שטיקל אַרבעט, נאָר זי איז געווען זיכער, אַז סאַפּקאַלסאָף וועט איר געלינגען עפענען די אויגן עמאַטשקען, זי איז דאָך פאַרט איר טאָכטער. ווען באַריס פלעגט קומען צו זיי אין שטוב אָן שיקלען, איז פירע אַרקאַדיעוונע באַזונדערס געווען צופרידן. זי האָט אים אופגענומען פאַר א גאַסט, געשמייכלט צו אים, אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. זי פלעגט אים פאַרבעטן צום טיש עסן מיטיק אָדער טרינקען טיי מיט געבעקס און בעשאַסמײַסע אַרײַנוואַרפן א וואָרט, די טאָכטער זאָל ניט הערן, אַז דעם געשמאַקן האָניק־לעקעך האָט אָפּגעבאַקן איר עמאַטשקע אָדער אַז דעם רעצעפּט אַף אָפּרעגלען אײַנגעמאַכטס פון רויזן־בלעטעלעך האָט געבראַכט די טאָכטער און זי, עמאַטשקע אַליין, איז געשטאַנען מיט א זייגער בא דער פּליטע און געקוקט, אַז אַלץ זאָל זײַן צו דער מינוט. זאָל ער וויסן, אַז עמאַטשקע האָט בא איר ליב ניט נאָר זיך לערנען, נאָר אויך טאָן עפּעס אין שטוב.

פירע אַרקאַדיעוונע האָט זיך נאָכגעפרעגט בא באַריסן, איבערהויפּט די לעצטע צײַט, אַף זײַן מוטער, זיך אינטערעסירט, וואָס מאַכט זי מיטן געזונט, און אַז באַריס האָט געהאַלטן באַם אַוועקגיין, פלעגט זי איבערגעבן יעווע יעפימאָוונען א האַרציקן גרוס.

מיט דער טאָכטער איז זי לעצטנס ווידער געווען זייער גוט, נאָכגעגעבן איר אַלצדינג. נאָר ווי פאַרבײַגייענדיק טוט זי אַמאָל א זאָג עמען, זי זאָל זיך צוקוקן צו באַריסן. איר, פירע אַרקאַ־דיעוונען, דאַכט זיך, אַז פאַר דער לעצטער צײַט איז ער גאָר שענער געוואָרן, הײַנט ווען ער רעדט, שיטן זיך דאָך פּערל פון זײַן מויל. מע זעט, אַז דער דאָזיקער באָכער וועט א סאַך דער־גרייכן. עמע האָט ניט דערווידערט, פאַרקערט, זי האָט באַשטעטיקט, אַז באַריס איז זייער א ווויי־לער באָכער, א פייִקער און א קלוגער, ער איז אויך א געטרײַער כאַווער. און פירע אַרקאַדיעוו־נע האָט שוין אָנגעהויבן מיינען, אַז אַלץ גייט אַף א גוטן וועג...

■

ווען עזרע איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין שטוב איז עמעצער פאַראַן. ער ווייסט דאָך אָבער גאַנץ גוט, אַז שיקל האָט זיך פאַרהאַלטן אַפן זאַוואָד, איז ניט אַנדערש, דער אייניק איז געקומען. דאַנקען מיט זײַנע שטיק! באַהאַלט זיך אויס ערגעץ,

וואַרט, ביז דער זיידע וועט זיך פאַרטראַכטן, וועט ער אַרויסשפּרינגען פון זײַן באַהעלטעניש און הינטן־אַרומער אים אַרומכאַפּן.

נייִן, עזרע האָט באַשטימט ניט לאָזן זיך אָפּנאַרן. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין וואַנע־צימער, אין קיך, נאָכדעם איז ער שטילערהייט אַרײַנגעגאַנגען אין איין צימער, אין צווייטן, געזוכט מיט די אויגן אין יעדער ווינקל. אין שטוב איז קיינער ניט געווען.

עזרע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעם דאַנקעס שרײַבטישל, ער געדענקט גוט, אַז הײַנט אינדערפרי האָט ער אָפּגעריסן דאָס בלעטל פונעם קאַלענדאַר און אונטערגעכעזשבנט, אַז צו דאַנקעס קומען איז געבליבן נאָך גאַנצע צוויי מעסלעס. וואָס זשע כאַלעמען אים זיך איצט פּוסטע כאַלוימעס? ער האָט זיך ווידער געלאָזט גיין איבער די צימערן. אָן דאַנקען איז פּאָרט אומעטיק. עזרען ווײַזט זיך אויס, אַז דאַנקע איז דאָ ערגעץ נאָענט, אַז ער הערט דעם אייניקלס פאַרטײַעטן אָטעם. קעדיי ניט טראַכטן מער וועגן דעם, נעמט ער גרייטן צום טיש. ביז שיקל וועט קומען, וועט ער דערווײַל באַווײַזן אָנוואַרעמען דעם מיטיק. ס׳וועט דורכגיין מאָרגעדיקער טאָג און איבערמאָרגעדיקער, און דאַנקע וועט זיך אומקערן אַהיים.

ווען עמעצער האָט אַפּדערעמעסן אויפגעעפנט די קאָרידאָר־טיר און עזרע האָט מיט זײַנע אייגענע אויערן דערהערט, ווי מע פּאָרעט זיך באַם הענגער, האָט ער אַפילע דעם קאָפּ ניט אויסגעדרייט. געווען זיכער, אַז דאָס איז שיקל. נאָר מיטאַמאָל איז פאַר זײַנע אויגן אויסגעוואַקסן דאַנקע. געשטאַנען א פאַרברוינטער און א צעשטראַלטער, זײַנע ווײַסע ציין האָבן א בלישטשע געטאָן אַף דער גאַנצער שטוב.

— זיידע, איך בין געקומען, — דאַנקע האָט א פּאַטש געטאָן אין די דלאָניעס, אַרומגעכאַפּט עזרען מיט בײדע הענט און זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו אים.

עזרע איז נישטוימעס געוואָרן, ניט געקאָנט רירן מיט קיין איווער, קוים אויסגעשטאַמלט:

— פונוואַנען האָסטו זיך גענומען?

— פון די הויכע הימלען, — האָט דאַנקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך. — זיידע, דו ווייסט, זיידע, די גאַנצע צײַט האָב איך געהאַט א געפיל, אַז דו פּאָרסט מיט מיר אַפן דאַמפער. איך האָב אַפילע באַנאַכט געהערט, ווי דו האָסט מיך אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע, אָט אַזוי, — האָט ער געוויזן, וויִאַזוי דער זיידע האָט אים אײַנגעדעקט.

ער האָט גענומען דערציילן, ווי איינמאָל האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז דער זיידע האָט זיך באַוויזן אין אָפענעם פענצטער פונעם גרויסן צימער, אַרויסגעקוקט אין הויף אַרײַן און גערופן: „דאַנקע, דאַנקע, אין שטוב אַרײַן!“, און ער, דאַנקע, האָט פון שלאָף זיך צעשריגן אַף א קאָל: „איך גיי, זיידע, איך גיי!“. די כעוורע, וואָס זײַנען מיט אים געשלאָפן אין איין קאַיוטע, האָבן זיך דערשראָקן אַף טויט, זיי האָבן אים אויפגעוועקט, און ער איז זיי גרייט געווען צערײַסן אַף שטיקער, האַלעמײַ זיי האָבן אים געפּאַטערט אַזאַ גוטן כאָלעם.

דאַנקע האָט זיך הילכיק צעלאַכט, עזרע האָט אים פון דער גרינג געפּאַטשט אין פּלייצע און אויך גענומען לאַכן. געלאַכט צופרידן, מיט האַנאָע, און ווי ניט אומיסטן האָבן זיי בײדע זיך אַרומגענומען און אָנגעהויבן זיך דרייען איבער דער שטוב, קינדיק פאַר געלעכטער.

אַלץ איז גוט און פײַן, אָבער עזרע וויל וויסן, פאַרוואָס איז דאָס אייניקל געקומען פריִער אַף גאַנצע צוויי מעסלעס. דאַנקע כאַפּט זיך ניט דערציילן. ער וויל, דער זיידע זאָל אַליין טרעפן. וואָס איז ער, עזרע, א טרעפער? פונוואַנען זאָל ער וויסן? זאָגט דאַנקע, אַז זײַן זיידע ווייסט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ אַפן ווונק און מע דאַרף אים קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן, נאָר אויב ער וויל שוין יאָ, אַז דאַנקע אַליין זאָל אים אַנטפּלעקן דעם סאָד, איז עס קיין שום סאָד ניט. ער האָט ניט געוואָלט זיך שלעפּן מיטן דאַמפער גאַנצע צוויי מעסלעס, איז ער אַוועק אין אַעראָפּאָרט, געקויפט א בילעט און פאַר קאַרגע דרײַ שאָ געקומען מיטן אַעראָפּלאַן פון כערסאָן קיין קיִעוו. וואָס זשע איז דאָ שלעכטס? ער, דאַנקע, איז נאָך קיינמאָל ניט געפלויגן, האָט ער דאָך געמוזט אַמאָל א פּרווו טאָן.

עזרע קוקט אַף זײַן אייניקל און קלײַבט נאַכעס. א זאַוועריוכע מיט אַלע פּישטשעווקעס. וויל ער גיין — גייט ער, וויל ער פליִען — פליט ער. ווער איז גלײַך צו עזרען! דאַנקע איז אין דער היים, די שטוב איז געוואָרן פול מיט אים. מע וועט שוין קאָנען שפּילן א שאָך, מע וועט אינצווייען זיצן באַם טעלעוויזאָר און קוקן א פוטבאָל־מאַטש. שיקל קאָן זיך דאָך ניט אײַנהאַלטן אין שטוב, אַלעמאָל געפינט ער נײַע גענג און אַן אַנדער אַרבעט.

אַף מאָרגן איז עזרע שוין ניט געגאַנגען צופוס אַהיים, ער האָט זיך אויפגעזעצט אַפן טראָלייבוס, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז דאַנקע וואַרט אַף אים. אָבער ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, האָט ער דאַנקען ניט געטראָפן. וואָס זאָל דאָס הייסן? דאַנקע האָט דאָך הײַנט באַדאַרפט אָפּקאָכן דעם וואַרמעס, גרייטן צום טיש. עזרע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט אין הויף אַרײַן. דאָרטן האָט מען אויך קיינעם ניט געזען. וואָס קאָן דאָס זײַן?

און געשען איז אזא געשיכטע:

דאנקע האָט זיך אָפגיך אָפגעפּאַרטיקט מיט זײַנע שטוב־ארבעטן, ער האָט אָפגעקאָכט ווארמעס, אפילע באוויזן אויסקלאָפן דעם שטויב פון די צוויי טעפּיכער, האקלאל, אופגעראמט אין יעדן ווינקל. נאָכדעם האָט ער ניט געהאט וואָס צו טאָן, איז ער ארויסגעגאנגען אין הויף ארײַן, זיך אומגעדרייט איינער אליין. ארײַנגעגאנגען צו מארען. די באָבע האָט געזאָגט, אז מארע איז אוועק אפן דניעפּער זיך באָדן, זי דארף מיסטאם איינגיכן קומען, ווײַל זי איז אוועקגעלאָפן אהינצו נאָך קאיאָר.

דאנקע האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דערצו האָט זיך אים שטארק פארוואָלט א יאָג טאָן אפן מאָטאָציקל, קיינער פון די שטוביקע זאָל ניט זען און ניט וויסן. ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּרווט זיך דורכיאָגן מיט די שטילע גאסן, דאָרט, ווו מע זעט ניט קיין מיליציאָנערן, קיין „רעכט“ האָט ער דאָך דערווײַל ניט.

דאנקע האָט געטראכט, אז ביז דער זיידע מיט שיקלען וועלן קומען פון דער ארבעט, וועט ער באווײַזן זיך דורכלופטערן. ניט לאנג געטראכט, האָט ער ארויסגעפירט פון גאראזש דעם מאָטאָציקל, ארופגעשפּרונגען אף אים, ווי א געניטער מאָטאָציקליסט, און אוועקגעיאָגט.

אלץ וואָלט גוט געווען, קיינער וואָלט פון גאָרנישט ניט געוווסט, דארף זיך טרעפן אן אומגליק. ווען דאנקע איז שוין געפאָרן צוריק, האָט אים אף דער גאס, קימאט לעם דער שטוב, אָפּגעשטעלט א מיליציאָנער און געהייסן באווײַזן די רעכט. דאנקע האָט אפילע ניט געפּרווט פּלעכטן קיין ליגונים, ער האָט זיך גלײַך מוידע געווען, אז קיין רעכט האָט ער ניט, ער דארף ערשט איינגיכן אָפּגעבן דעם עקזאמען. דער מיליציאָנער האָט אים אופמערקזאם אויסגעהערט, אים געבעטן, מעכילע, ארויפקריכן פונעם מאָטאָציקל און זיך זייער שיין אליין אופגעזעצט אף דער מאשין. איידער ער האָט געלאָזט דעם מאָטאָר, האָט ער באפוילן, דער באלעבאָס פונעם מאָטאָציקל זאָל מיט אלע דאָקומענטן זיך יאווען אין מיליציע. מיט דעם איז ער אוועקגעפאָרן, און רוף אים קנאקניסל.

דאנקע איז געבליבן שטיין, ניט ווייסנדיק, וואָס צו טאָן מיט זיך. וווהין זאָל ער איצטער גיין? ער זאָל ניט געווען יאָגן, ווי א מעשוגענער, וואָלט דעם מיליציאָנער ניט אײַנגעפאלן אָפּשטעלן די מאשין. וואָס זשע זאָל ער טאָן איצט? וואָס וועט ער זאָגן שיקלען און וויאזוי וועט ער קוקן דעם זיידן אין די אויגן? פּונקט אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען מארע. זי האָט נאָך פונדערווײַטנס געזען, אז עפּעס קומט פאָר בא דאנקען מיטן מיליציאָנער, און זיך געלאָזט לויפן. דאנקע איז געווען בלאס, ווי די וואנט. ווען זי האָט אים געפרעגט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, האָט ער בלויז א ציטער געטאָן און מיט פינטלענדיקע אויגן געקוקט אף איר מאָדנע פארכידעשט, ווי ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל געזען. ער האָט זי טאקע שוין לאנג ניט באגעגנט, און מארע איז פאר דער צײַט אזוי ווי אן אנדערע געוואָרן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א העל־בלוי קלייד, אף די פּיס שיכלעך מיט הויכע קנאפל. זי איז גאָר וווקסיקער געוואָרן. ס'איז שוין גאָר ניט יענץ קליינינקע מיידעלע אין די קורצע הייזלעך. דער קאָפּ איז שוין אויך מער ניט פארקעמט בא איר ווי בא א יינגל. ווען דאנקען איז איצטער גוט אפן הארצן, וואָלט ער פון איר געמאכט טיטעל — כויזעק און טויזנט מאָל כויזעק.

— וואָס זשע שטייסטו ווי א טאם, וואָס שווײַגסטו? — מינטערט אים מארע.

וואָס זאָל ער טאָן? אז ער וועט שרײַען, וועט אים דען עפּעס העלפן?

מארעס פּענעמל האָט זיך ווייטעקדיק פארקרימט. זי האָט באהאלטן די הענט אפן רוקן און דאָרטן געבראָכן די פינגערלעך, — דאנקע זאָל ניט זען. מיט וואָס קאָן זי אים העלפן, אז ס'האָט זיך געטראָפן אזא אומגליק? ווען זי זאָל געווען זײַן אין דער היים, וואָלט זי דען דערלאָזט, ער זאָל ארויספאָרן פון הויף. נאָר איצט מוסערן דאנקען וויל זי ניט, ער איז אזוי אויך דערשלאָגן. זי נעמט אים אָן פאר א האנט, פּונקט ווי קליינערהייט, ווען זיי פלעגן ביידע גיין פונעם קינדערגאָרטן, און, פירנדיק אים אהיים, ווי א קליין קינד, הייבט זי אים אָן צו טרייסטן. אף איר פּענעמל באווײַזט זיך א שמייכל, זי רעדט קלוימערשט האָפערדיק. ס'איז ניט מעסוקן, דער הימל איז נאָך ניט בא דער ערד. מע וועט דארפן באצאָלן שטראָף, און אלץ וועט זײַן גוט.

— שטראָף, — האָט דאנקע א ברום געטאָן, — און טאָמער וועט מען בא שיקלען צונעמען די רעכט, וועל איך דאָך מוזן אנטלויפן פון קיעוו.

— וווהין וועסטו לויפן, נארישער קאָפּ? — האָט מארע געפּרווט לאכן.

— צו דער מאמען, — האָט דאנקע זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט, אליין א פארוווּנדעטער, וואָס אזא געדאנק האָט אים מיטאמאָל א בליץ געטאָן אין קאָפּ.

— גיי שוין, גיי, — האָט מארע אוועקגעמאכט מיט דער האנט, — און וואָס וועט דײַן זיידע טאָן אָן דיר?

— פונוואנען זאָל איך וויסן? — האָט דאנקע א שווערן זיפץ געטאָן און געלאָזט זיך פירן ווײַטער.

מארע האָט געפּלוידערט, געפּרוּווט זײַן פריילעך, זי האָט אים געייצעט גיין אין שטוב אַרײַן זיך דורכריידן מיטן זיידן. זאָל דער זיידע, ביז שיקל וועט קומען, אליין צופאָרן אין מיליציע. אים וועט מען אָפּגעבן דעם מאָטאָציקל.

מיט לאנגזאמע טריט האָט דאנקע זיך אופגעהויבן אף די טרעפּ. ס'איז אים געווען שווער, פונקט ווי ער וואָלט געטראָגן א מאסע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע און געכאַפּט א קוק אף צוריק, אין הויף אַרײַן. מארע איז נאָך דאָרטן געשטאנען, זי האָט געפּאָכט מיט דער האנט, געוואונקען מיט אירע אייגעלעך, ער זאָל גיין, ער זאָל פאר קיינעם קיין מורע ניט האָבן.

שטילערהייט איז דאנקע אַרײַנגעגאנגען אין שטוב. עזרע האָט באַלד פארשטאנען, אז עפּעס האָט מיטן אייניקל געטראָפן. ער האָט א בורטשע געטאָן:

— וווּהין טראָגט עס דיך ארום?

דאנקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט עפּעס א מאָדנע קאָל געזאָגט:

— זיידע...

— נו, וואָס איז שוין דאָרטן?

— א קליין געשיכטעלע האָט זיך פארלאָפן... — און דאנקע האָט דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען.

עזרע האָט זיך געלאָזט גיין איבערן צימער. אַלץ האָט געקאָכט אין אים. נאָר אויסערלעך איז ער געווען רויִק. ער האָט געפרעגט, ווו האָט דאנקע גענומען א שליסל אף עפענען דעם מאָטאָציקל, שיקל האָט אים געגעבן, צי ער האָט אים עפּשער אליין אוועקגעלאַקכנט.

דאנקע האָט זיך אויסגעגלײַכט און א קוק געטאָן אפן זיידן פון אונטן ארוף:

— איך בין דען א גאנעוו? איך האָב אליין געמאכט א שליסל.

— און ווער מאכט שליסלען צו פרעמדע טירן? מאַלאַכים?

— נו, גוט! ווילסט מיך פּײַנלען מיט א פּײַל? נעם בעסער א האמער און גיב א קלאַפּ.

עזרע האָט אָפּגעמאָסטן דעם אייניק מיט א בייזן בליק. מע האָט געהערט, ווי עזרעס טריט ווערן אַלץ הילכיקער. דאנקע האָט אין זיך געציילט דעם זיידנס יעדן שפּאַן.

פּלוצעם האָט עזרע זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די האנט און באפוילן דערלאנגען דעם שליסל. דאנקע איז ניט זיכער צוגעגאנגען צום זיידן, אים אָפּגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט געבעטן.

עזרע האָט פון אלע זײַטן לאנג און אופמערקזאם באטראכט דעם שליסל און באדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אזוי מאכט מען שליסלען? — האָט ער אָנגעהויבן, אײַנהאלטנדיק דעם קאס, — מע דארף דאָך זײַן א קאליקע אףביידע הענט! ווער פּײַלט עס אזוי? — האָט ער הילכיקער גענומען ריידן. — ווו האָסטו געזען אזא צינגל? האָסט ניט געקאָנט פארקײַלעכיקן? — ער האָט א שלײַדער געטאָן דעם שליסל אפן טיש. — אזוי ארבעט זאוועריוכע? — האָט ער זיך שוין צעשריגן. — מיר איז דאָך א ווייסטער ביזאָיען. קאליקע, פארטאטש!

דאנקע איז געשטאנען א געפּלעפּטער, ער האָט ניט פארשטאנען, וואָס קומט דאָ פאָר. דער זיידע האָט צו אים טײַנעס פארן שליסל. און אינעם מאָטאָציקל האָט ער גאָר פארגעסן צי וואָס? גיי דערציייל א מײַסע, אז ער, דאנקע, האָט קיין צײַט ניט געהאט זיך צאצקען מיט אָט דעם שליסל. ער האָט אים אפגיך צוגעפּײַלט, אבי אופשליסן דעם מאָטאָציקל, מער האָט ער גאָרנישט ניט באדארפט. אָבער וואָס טוט מען איצט? מע מוז בייגן דעם קאָפּ. קיין אנדער ברירע איז ניטאָ, און דאנקע האָט גענומען בעטן דעם זיידן, ער זאָל גיין אין מיליציע און זיך פּרוּוון אָפּנעמען דעם מאָטאָציקל, ביז שיקל וועט קומען. עזרע האָט ניט געײַלט: גיין אין מיליציע איז שוין שפּעט, און דער זון דארף אָט־אָט קומען.

דערהערט, ווי שיקל עפנט די טיר פון קאָרידאָר, האָט דאנקע א ציטער געטאָן, נאָר טייקעף זיך גענומען אין די הענט, צוגעגאנגען צום דיוואן, זיך אנידערגעזעצט. ווען שיקל האָט זיך באוויזן אף דער שוועל, האָט דאנקע פארשטאנען, אז יענער ווייסט שוין אַלץ. שיקל האָט א קוק געגעבן אפן שײַנעם שליסל, וואָס איז געלעגן אפן טיש, צוגעגאנגען גלײַך צו דאנקען און אים אָפּגעלאָזט א פּאטש אין פּאָנעם.

דאנקע האָט זיך אפילע קיין ריר ניט געטאָן, בלויז א פינטל געטאָן מיט די אויגן און געבליבן זיצן, ווי א צוגעצוויאַקעטער צום אָרט.

עזרע האָט א צוק געטאָן מיט די אקסלען. ער האָט געטראַכט: אויב שיקל וועט נאָכאמאָל אופהייבן א האנט, וועט ער ניט שווײַגן, אָבער וואָס וואָלט ווײַטער געווען, קאָן ער זיך גאָר ניט פאָרשטעלן. אייגנטלעך, קומט זיי ביידן א כיילעק, אי שיקלען, אי דאנקען, נאָר עזרע וויל

ניט ווײַזן, ווי איבעראַשט ער איז פון דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, און ער שווײַגט אַקשאַ־נעסדיק. דאָס דאָזיקע אָנגעשטרענגטע שווײַגן האָט ווי געשלאָגן שיקלען. ער איז לאַנגזאַם צו־געגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאַנקע זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געלאָזט זיך גיין צו דער טיר. שיקל האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערעוועט פון פענצטער, עזרעס יעדער אייווער האָט זיך אָנגעשטרענגט, ביידע האָבן אומרויִק געקוקט דאַנקען אין פּלייצע. זיי האָבן געוואַרט, דער באַכער וועט זיך אָפּשטעלן, ער וועט עפּעס זאָגן, אָבער דאַנקע האָט אַף רגע נאָר זיך פאַר־האַלטן אַף דער שוועל און ניט געײַלט אַרויס אין קאָרידאָר. באַ עזרען און שיקלען איז געווען איין געדאַנק: ער גייט אַוועק פון שטוב. און דאַנקע האָט גאָר פאַרקערעוועט צו דער קיך, דאָרטן האָט ער אָנגעטאָן זײַן פאַרטעכל, אָנגעצונדן די גאַז־פּליטע און זיך געשטעלט וואַרעמען דעם מיטיק, נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין צימער, פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ ווײַסן סערוועט, גענומען גרייטן די טעלער, לעפל און גאָפּלען, אָנגעשניטן ברויט. הײַנט איז דאַנקעס טאָג, ער איז „די באַלעבאָסטע" אין שטוב.

עזרע האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, שיקל האָט פאַרנומען זײַן אָרט. דערווײַל האָט נאָך קיינער ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. דאַנקע האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אין טעלער. עזרע מיט שיקלען האָבן די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזט פון דאַנקען. דער ערשטער האָט זיך אָנגערופן עזרע:

— אַ געשמאַקער באָרשטש, איך וויל נאָך אַ ביסל.

דאַנקע האָט דעם זיידן אָנגעגאָסן נאָך אַ ביסל. דעמלט האָט שיקל אויפגעהויבן זײַן טעלער.

— דאַנקע, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל אויך.

מע האָט געגעסן און זיך געקוויקט.

מיטאָמאָל האָט זיך דערהערט אַ טראַסקען פון אַ מאָטאָציקל. אַלע האָבן אויפגעהערט עסן. דער מאָטאָציקל האָט פאַרקערעוועט אין הויף אַרײַן, זיך אָפּגעשטעלט, פאַרשטילט געוואָרן. אַלע דרײַ האָבן זיך איבערגעקוקט. פון הויף האָט זיך דערטראָגן מאַרעס קאָל:

— דאַנקע! דאַנ־קע!

דאַנקע האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, צוגעלאָפן צום פענצטער, דערזען דעם מיליציאָ־נער מיטן מאָטאָציקל און אַרויס פון שטוב. נאָך אים האָבן זיך געלאָזט לויפן שיקל מיט עזרען. ווען אַלע דרײַ זײַנען צו צום מיליציאָנער, האָט יענער געזאָגט צו דאַנקען:

— דו, באָכער, האָסט צו פאַרדאַנקען דײַן שוועסטערל, אַניט... — דערנאָך האָט ער איבערגעלייענט אַ שטרענגע לעקציע אַלע דרײַ זאַוואָריוכעס און זיך אָפּגעזעגנט. בעשאַסמײַסע איז מאַרע ניט געשטײַעט. מע האָט ניט באַוויזן אַפילע זי צו פרעגן, וויאַזוי האָט זיך איר אײַנ־געגעבן אָפּשרײַען באַם מיליציאָנער דעם „מאַלעכהאַמאָוועס".

דאַנקען האָט זיך ניט געגלוסט אומקערן אין שטוב אַרײַן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף דער באַנק לעבן גאַראַזש און גענומען אויספײַפן אַ פריילעך ניגנדל, פּונקט ווי עס וואָלט אים געווען גוט אַפן האַרצן, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן. כאָטש ער איז געזעסן מיט דער פּלייצע צום הויז, דאָך האָט ער געפילט, אַז דורכן קיך־פענצטער שפּירט דער זיידע נאָך יעדער באַוועגונג זײַנער, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, פאַרוקט די הענט אין די קעשענעס און געלאָזט זיך גיין, קעדיי זיך באַהאַלטן פונעם זיידנס אויגן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אינעם טישל, וואָס איז געשטאַנען אונטערן באַרנבוים. אַרום און אַרום האָבן זיך אַף דער ערד געוואַלגערט אָפּגעפאַ־לענע ווילדע באַרלעך. די באַרלעך ליגן זיך און שווײַגן, זיי אַרט גאָרניט, באַרלעך האָבן ניט קיין נעשאָמעס, זיי פאַרמאָגן בלויז טערפּקן זאַפט, וואָס קאָן דערוואַרגן אַ מענטשן. אַזוי טראַכט זיך דאַנקע. אים איז פריקרע, וואָס אין דרויסן איז שיין און וואַרעם. בעסער וואָלט איצט גע־גאָסן אַ רעגן, בעסער וואָלט געדונערט און געבליצט, וואָלט ער אַף צולאָכעס דעם זיידן און שיקלען געשטאַנען אונטערן רעגן, אים וואָלט ניט געאַרט, ער זאָל זיך פאַרקילן און שלאָף ווערן, עפּשער וואָלט דעמלט די מאַמע געקומען צו פאָרן און אים צוגענומען פונדאַנען. ער שטעלט זיך פאָר, ווי דער זיידע אינײנעם מיט שיקלען וואָלטן אים, דאַנקען, געבעטן, ער זאָל בלײַבן כאָטש נאָך אַף איין יאָר. דער זיידע וואָלט געלאָזט אַ טרער באַם געזעגענען זיך. ניין, דאַנקע וואָלט זיך מיט זיי ניט געזעגנט אויך.

פאַרטיפט אין זײַנע מאַכשאָוועס, האָט דאַנקע ניט געהערט און ניט געזען, ווי מאַרע איז אויסגעוואַקסן לעבן באַרנבוים. אַ שטילע איז זי געשטאַנען הינטער דאַנקעס פּלייצע און אים באַטראַכט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער באָכער האָט אַרײַנגעכאַפּט אַ גוטן כיילעק פונעם זיידן. מאַרע האָט אַ זיפץ געטאָן. דאַנקע האָט זיך אויסגעקערעוועט, זי דערזען און אויך אַ זיפץ געטאָן. מאַרעס קוקערלעך האָבן געגנישטערט איבער דער ערד, קלוימערשט זיי זוכן עפּעס.

מארע שווײַגט. שווײַגט דאנקע אויך. ער איז נײַגעריק צו וויסן, ווי־אַזוי פונדעסטוועגן האָט זי אויסגענאַרט באַם מיליציאַנער דעם מאַטאַציקל. אָבער פרעגן באַ איר שטייט אים ניט אָן. זי מאַכט זיך קלוימערשט טאַמעוואַטע, איז זאָל זײַן אַזוי. אינמיטנדערינען האָט זיך דאָס נעפּעשל פארפּוצט, אָנגעטאָן אן אנדער קלייד, האַלט צעשפּרייט די הענטלעך, פּונקט ווי זי וויל גאָר גיין אַ טענצל.

מיטאַמאָל קערעוועט זי זיך אויס און לאָזט זיך אוועקגיין.

— וווהין טראָגט עס דיך? — פרעגט דאנקע.

— איך וועל דיר ברענגען נאַטען, עפּשער וועט דיר גרינגער ווערן אפן הערצעלע.

— קיינער בעט דיך ניט.

— דאַרף מען ניט, — טוט זיך מארע אַ דריי אַף אַ קנאַפּל, הייבט אויף אַ האַנט אין דער הייך, טוט אַ שפּרונג, רײַסט אָפּ אַ בלעטל פונעם בוים און פארקלעפּט מיט דעם אירע ליפּעלעך.

— וואָס שפּרינגסטו אַזוי, וואָס פּאַלדעוועסטו זיך, קאָנסט זיך נאָך איבערברעכן.

— ניט דײַן אייסעק, דו מיינסט, אַז דיר איז אָנגעפּעפּערט אפן הארצן, דאַרף מיר פאַר־גיין אין די אויגן? באַלד פלי איך, — האָט זי אַ בלאָז געטאָן אפן בלעטל און ווידער פארשלאָסן איר מײַלכל. זי איז גאָר נאָענט צוגעגאַנגען צו דאנקען: — און אַז איך וועל וועלן וויסן, פאַר־וואָס ביסטו אַזוי אָנגעבלאָזן, וועסטו מיר דערציילן?

— יאָ, — האָט דאנקע אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער באַק און שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט אײַנגערוימט מארען אַ סאָד: — שיקל האָט מיר אָפּגעלאָזט אַזאַ פּאַטש, אַז ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— ניט עמעס, ניט עמעס, — האָט מארע אָנגעהויבן טרייסלען מיטן קאָפּ. — שיקלס פּאַטש טוט ניט וויי, שיקל איז אַ גוטער. און ער האָט דיך שטאַרק ליב, איך ווייס דאָך.

— סײַווי וועל איך אוועקפאָרן, — האָט דאנקע מיט קאַס געזאָגט.

מארע האָט פארשוויגן, זי האָט מער ניט געוואָלט אים ריידן אין דער גאַל אַרײַן. מע דאַרף דאָך פארשטיין: טאַקע ווײַל דאנקע ווייסט, אַז שיקל האָט אים זייער ליב, טוט אים נאָך מער וויי, האַלעמײַ יענער האָט אים אַ פּאַטש געטאָן.

— ווייסטו וואָס, — זאָגט מארע, — קום בעסער אין קינאָ. געלט אַף בילעטן און אפילע אַף אײַזקרעם האָב איך.

דאנקע נייטיקט זיך ניט אין איר געלט. אַף קינאָ און אַף אײַזקרעם איז באַ אים שטענדיק פאַראַן אין קעשענע. אַבי ניט אומקערן זיך אין שטוב, איז ער מאַסקים גיין מיט מארען אין קינאָ.

מע איז שווײַגנדיק אַרויס אַף דער גאַס. לעם נאַטעס הויף האָט מארע זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט מיט די אויגן געפרעגט, צי זאָל זי אַ לויף טאָן רופן זײַן הארצקלעמעניש, עפּשער וועט זי אויך וועלן גיין אין קינאָ. דאנקע האָט אַ שלעפּ געטאָן מארען פאַר דער האַנט:

— קום, — ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן אײַנדעקן די שטאָט. אין די פענצטער האָבן זיך אָנגעצונדן פײַער־לעך. אינגיכן האָבן אויך די גאַס־לאַמטערנס ווי אופגעכאַפּט זיך פון שלאָף און גענומען לײַכטן. דאנקע מיט מארען זײַנען געגאַנגען איבער די שטאָטישע גאַסן. מע האָט ניט געפרעגט איינס באַם אנדערן, אין וועלכן קינאָ־טעאַטער האָט מען זיך עס געלאָזט גיין, אַף וואָס פאַר אַ פילם. דאנקע האָט גאָר געפרעגט:

— מארע, דו געדענקסט דײַן מאַמען?

— ניין, איך געדענק ניט.

— און דעם טאַטן געדענקסטו אויך ניט?

מארע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין.

— און זיי האָבן זיך דיר קיינמאָל אפילע ניט געכאָלעמט?

מארע ווייסט שוין גוט: אַלעמאָל, ווען דאנקען איז שווער אפן הארצן, פרעגט ער זי, צי זי געדענקט די מאַמע אירע. פּאַשעט וווּנדערלעך, ווי האָט ער עס געטראָפן, אַז ערשט ניט לאַנג האָבן זיך איר געכאָלעמט די עלטערן. זי האָט אים אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר כאָלעם. איר האָט זיך געכאָלעמט, אַז זי בלאָנקעט איבער דער שטאָט און קאָן ניט געפינען יענע אַטעליע, וווּהין זי דאַרף אַרויס אַף דער אַרבעט. איר האָט שטאַרק פארקלעמט באַם הארצן. וואָס הייסט זי האָט פארגעסן, וווּהין זי דאַרף גיין? דער דיאַדיאַ זאַוועריוכאַ האָט דאָך ערשט פרי־ער מיט צוויי טעג זי געבראַכט צו פירן אהינצו, זי באַקענט מיט סאָפיע יאַקאָוולעוונען, און מע האָט אָפּגערעדט, אַז איבערמאָרגן זאָל מארע קומען צו דער אַרבעט. מארע איז אופגעשטאַנען גאַנצ־פרי, זיך אופגעזעצט אפן טראָלייבוס, געפאָרן און געפאָרן און פאַרפאָרן ערגעץ אין אויסרײַ־

סעניש. זי איז געשטאַנען א צעטומלֿטע און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. זי האָט שוין געוואָלט פאָרן צוריק, איז באַם טראָלֿייבוס געווען אזא שטופעניש, אז מע האָט נאָענט ניט געקאָנט צוגיין.

מאַרע האָט זיך אויך מיט אַלֿע קויכעס געשטופּט, געשריגן: „לאָזט מיך, איך וועל פאַר־שפּעטיקן אָף דער ארבעט!“, נאָר קיינער האָט זיך אָף איר אפילֿע ניט אומגעקוקט. פּלוצעם האָט זי עמעצער אָנגענומען פאַר א האַנט, און זי האָט דערהערט, ווי מע רעדט צו איר:

— טאָכטערקע מײַנע, וואָס דאַרפסטו שרײַען, זיך שטופּן אזוי? קום מיט מיר. אָן שטייט דער טאַטע מיט א מאַשין, וועט ער דיך אָפּפירן אָף דער ארבעט, און דו וועסט ניט פאַרשפּע־טיקן.

די מאַמע האָט אָפּגעפירט מאַרען צו דער מאַשין. מאַרע האָט זיך אוועקגעזעצט פון פאָרנט לֿעם טאַטן. זי האָט זיך גאָרניט געווונדערט, פּונקט ווי ס'איז א געוויינלֿעכע זאַך אזוי פאָרן אין מאַשין נאָענט לֿעם פאָטער און די מאַמע זאָלֿ זיצן הינטער אירע פּלֿייצעס. פּלוצעם האָט די מאַשין זיך אָפּגעשטעלֿט, און מאַרע האָט דערזען די אַטעלֿיע, וואָס זי האָט געזוכט. האָט זי צעפּראַלֿט דאָס טירלֿ, ארויס פון דער מאַשין און אפילֿע זיך ניט געזעגנט מיט די עלֿטערן! און דאָ האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט באַלד געפּרוּווט זיך דערמאָנען, וויאַזוי האָבן אויסגעזען אירע טאַטע־מאַמע, און ניט געקאָנט. פאַר אירע אויגן זײַנען געשטאַנען צוויי שאָטנס, און שוין. פאַרוואָס האָט זי זיך ניט אָנגעקוקט אין זיי, זי זאָלֿ זיי אָף אייביק פאַרגעדענקען? מאַרע איז געווען אין כּעס אָף זיך און פון פאַרדראָס זיך צעוויינט. זי האָט געוויינט שטילֿער־הייט, נאָר סײַווי האָט די באָבע דערהערט, צוגעגאַנגען צו מאַרעס בעטלֿ און געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר א וויינען אינמיטנדערינען.

אדהײַעם קאָן מאַרע זיך ניט מוחל זײַן, וואָס זי האָט ניט געזעגנט זיך מיט טאַטע־מאַמע.

דאַנקע האָט אָנגעשטרענגט געהערט, וואָס מאַרע דערציילֿט אים. ער האָט איר גאָרניט געזאָגט, בלֿויז שטײַפער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. זיי האָבן געבלֿאָנקעט איבער די גאַסן און גאָר פאַרגעסן, אז זיי דאַרפן גיין אין קינאָ.

(סאָף קומט)

מענדל ליפשיץ

זוכן אן אייגענעם ניגן...

• • •

ס׳איז מיר שווער צו זינגען,
שוויַיגן איז ניט גרינגער,
ווארף איך אָפּ זיי ביידן,
פּרווו זיך רויִק ריידן.

ריידן איז נאָך שווערער,
רויִק — שווער נאָך מערער,
ווערט ניט אויסגעלאָשן
פון מײַן פּײַן דאָס לאָשן.

פּײַן קען אַלע שפּראַכן,
וואָלט איך זיך צעוויינען,
רירט קיין טרער ניט קיינעם, —
וועל איך בעסער לאַכן.

• • •

ערשט נאָך האָבן ביימער זיך באַבלעטערט,
שוין באַבלעטערן זיי זיך אָפּסניַי,
כ׳האָב אין לעבן קיינמאָל גאָרנישט ניט
פאַרגעטערט
נאָך אַזוי, ווי אָט די זון פון מײַ.

כאַזערט איבער זיך דער מײַ־טאָג ווידער —
מיט די פייגל, מיטן צוויט, ווי שניי,
צו די פייגל ברענג איך מײַנע לידער —
„מאַכט זיי נאָך און נײַ פאַרבלײַבט, ווי זיי״.

איך אַליין וואָלט אויך זיך אייביק וועלן בײַטן,
נאָר פאַרבלײַבן זאָל איך אומגעענדערט יונג,
איבער מיר זאָל נאָכאַנאַנד דער מײַ־טאָג
צינדן זיך און לעשן, ווי א פונק.

• • •

די גאַנצע וועלט כ׳האָב ליב,
און ס׳ווערט די וועלט נאָך ליבער,
ווײַל ס׳איז מיט איר געקניפּט
די ליד פון אַלע לידער.

מײַן ליד — מײַן מי — און זי,
ווי צוויי פאַרבענקטע שוועסטער,
ווי איך, זי ליבט מײַן מי —
זי איז מײַן פרײַנט מײַן בעסטער.

און זיך, און זי, די וועלט —
ווי אונטער שטאַרקע שלאָקסן,
אַלץ האָב איך אײַנגעשטעלט,
דער נײַער דאָר זאָל וואקסן.

• • •

גיך טראָגט זיך דורך די שווינדלדיקע שאָ
און ווערט ניט, ווי דער ווײַן פון לאָגל;
קיין אייביקער באַוועגער איז ניטאָ, —
די לערנער און די קענער זאָגן.

דער מענטש זאָל פרײַ זײַן פון פאַרשקלאַפונג
און פּילבאר זײַן ווי שטאָל און הארט ווי
שטיין,
איך וועל אזא באַוועגער שאַפן,
אז אייביק זאָל ער גיין, און גיין, און גיין...

• • •

זאָג ניט יאָ און זאָג ניט ניין,
מעגסט אפילע שוויַיגן,
ס׳וועט דײַן וואָרט צו מיר דערגיין, —
אויגן איבערצײַגן.

זאָג ניט ניין און זאָג ניט יאָ,
שוויַיגן מעגסט אפילע,
דײַנע אויגן וואונדער־בלאָ
ריידן, ווי א טפילע.

• • •

מיר כאָלעמט זיך אַלץ נאָך, אַז איך בין אַ יונגער,
און שלאַנק בין איך, שלאַנק, און שיין בין איך, שיין,
מײַן אומרו, מײַן דאָרשט און מײַן האַרציקן הונגער
עס קאָן ניט פאַרשטילן דער טײַוול אַליין...

מײַן וואָר איז דעם כאָלעם אײַנגאַנצן אַ הייפעך,
און גראָ בין איך, גראָ,
און קראַנק בין איך, קראַנק,
נאָר ווייסט עס דער טײַוול, פאַרוואָס עפּעס גלייב איך,
אַז דאָס איז אַזוי זיך און גאָרניט אויף לאַנג.

און זײַן, ווי אַמאָל, וועל איך ווידער אַ יונגער,
און שלאַנק זײַן כ׳וועל שלאַנק, און שיין זײַן כ׳וועל שיין.
מײַן אומרו, מײַן דאָרשט און מײַן האַרציקער הונגער,
מיט אים נאָר באַשערט איז אַ לעבן מיר גיין.

• • •

ווער ס׳איז פאַרליבט, — צוליב ליבע איז ווערט
זוכן אַן אייגענעם ניגון אויף דר׳ערד;
ווער ס׳טראָגט אַ האַרץ פול מיט סינע און האַס,
גייט ער זיך זוכן דעם ניגון אין גאַס...

איך ליב און איך האַס, פון דערפון מינאַסטאַם
נעמט זיך צוזאַמען מײַן פרייד און מײַן פלאַם,
כ׳וויל, אייביק זאָל לײַכטן דער ניגון, ווי מײַ,
כ׳געפין און פאַרליר אים און זוך אָפּדאָסנײַ.

• • •

טײַלסטו מיטן פרײַנט דעם ביסן,
איז עס צוליב דײַן געוויסן,
דײַן געוויסן זאָל זײַן ריין, —
טוסט עס צוליב זיך אַליין.

טײַלסטו מיטן פרײַנט די פריידן,
איז עס צוליב וויל פוןביידן,
דיך אַליין עס שטאַרקט, דערהייבט,
און דײַן פרײַנט פאַרשאַפט עס פרייד.

טײַלסטו מיטן פרײַנט די טרוימען,
הייסט עס שענקען דופט פון בוימער,
וואַרעמקייט פון טיפן האַלדז,
שענקען ס׳הייסט דײַן כאַוואַר אַלץ.

• • •

טו מיך, רועך, ניט קיין ריר,
שרײַ ניט אומגעדולדיק,
ניט דו מיר און ניט איך דיר
זײַנען עפּעס שולדיק.

גיי מיך, שלעכטער ווינט, פאַרבײַ,
ס׳איז ניט קיין אַנטפּלעקונג —
גיין באַנאַנד וועט סײַוויסײַ
אונדז קיין אָרט ניט קלעקן.

איך אָן דיר וועל ווי־עס־איז
זיך מײַן אָרט געפינען,
נו, און דו האָסט גרינגע פיס
און אַ לײַכטן זינען.

דיר דער וועג איז שטענדיק פרײַ,
באַרג פאַר דיר צעשפּאַלט זיך;
גיי מיך, שלעכטער ווינט, פאַרבײַ,
נאָענט ניט פאַרהאַלט זיך.

• • •

ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי,
וואָס עס פאַלט, נעם גיי פאַרשטיי.

ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט,
ערד און הימל עפּעס טראַכט,

עפּעס טראַכט און עפּעס קלערט,
ניט קיין הימל, ניט קיין ערד,

גראָווס און גראָווס דעם ראַנד
פאַרשטעלט, —
סאָף נאָיאַבער אויף דער וועלט.

• • •

נאטאן זאבארע

אין די לעצטע טעג

א בינע־שטיק אין פינף בילדער

פערזאָנען:

רודאָלף קריצינגער — א שווישפּילער.
עוועלין — זײַן פרוי.
קארל ווילינג־שראם — א שטורמבאנפירער.
בעאטע — זײַן פרוי.
עריקע — זייער קינד.
הילדע — ווילינגס פרײַנדן.
דאָקטאָר דעריע.
עדיט, קאמילע — קראנקן־שוועסטער.
גיונטער, גיזעלע — פארליבטע.

האנס קעזלער — א טאפעצירער.
פאָן זאסען — א פריוואט־דעטעקטיוו.
יוזעף קעמניץ — א פידלער.
ברונאָ וויסמאר — א קריגס־אינוואליד.
פרוי פראסט — אן אייגנטימערן פון א ביר־האלע.
קאפיטאן פון דער סאָוועטישער ארמיי.
איבערזעצער (אָטאָ קריצינגער).
דורכגייער, וואָס באהאלטן זיך אויס אין בונקער, סאָוועטישע סאָלדאטן, סאניטארן.

דאָס ערשטע בילד

28 אפּרעל 1945. א לופט־אטאקע אין בערלין. אין א רויִנירטן בונקער — אן אָנגעלויף פון דורכגייער, וואָס זוכן א שוץ. מע שטופּט זיך, מע שפּארט זיך וואָס טיפער און ווײַטער. דער קעלער איז אָפּגעלאָזט, ס'איז צו זען, אז ער דינט שוין לאנג ניט פאר קיין לופטשוץ־באהעלטעניש, נאָר מענטשן אין א נויט געפינען דעם וועג אהערצו. איין שטראָם ברענגט דעם צווייטן. ס'איז שוין דאָ פאראן א היפּשער עולם און מע קומט נאָך אלץ צו.

שטימען:

— ווונדערבאַר, ס'איז דאָך אַן עכטער לופטשוץ־קעלער.

— פאַנטאַסטיש. גיי ריכט זיך, אַז דאָ זאָל זיך נאָך פאַרהיטן עפּעס אַזוינס.

— דאָס איז אומשאַצבאַר.

— כ'האָב דיר געזאָגט, לויף נאָך מיר. אַז מענטשן לויפן...

— מאַלע וואָס מענטשן לויפן, אַז מע זעט ניט קיין איין גאַנץ הויז.

— מיר זײַנען עפּשער געלאָפן צען מינוט, און אַלץ רויִנען און רויִנען...

פרוי פראַסט (אַ מיטליאָריקע דיקע פרוי, לויפט אַרײַן אַ פאַרסאָפּעטע). סאַראַ געמיין פאַלק! איך בין אָן אָן אָטעם געבליבן. איך קום דאָרטן צו צו אַ קעלער, שטייט ער, דער וואַכטמײַסטער, און לאָזט מיך ניט אַרײַן, איך זאָל אים נאָר אַ שײַן געבן. אַ פאַרפלוכטע אָרדענונג! ער לאָזט נאָר אַרײַן מיט שײַנען.

— ווו איז עס אַזוי?

פראַסט. דאָרט, בײַ עקע ברונען־שטראַסע, בײַ קאַרל מאַנהיימס געווערקע[1].

— ס'איז וווּנדער, וואָס זיי שטייען נאָך גאַנץ, די געווערקע.

— יאָ, דאָרטן לאָזן זיי נאָר אַרײַן די פאַבריק־אַרבעטער.

— מענטש, בײַ אַזוינע לופט־אָנגריפן, ווען דאָס פײַער וויקלט זיך, דאַכט זיך, אונטער די פיס, איז וויאַזוי קאָן מען קיין מענטשן ניט אַרײַנלאָזן?

— אַזוינס איז נאָך אין בערלין ניט געווען. אינמיטן העלן טאָג איז געוואָרן שטאָקפינצטער.

— ס'אַ שרעק צו זאָגן, פליִיִכט עטלעכע טויזנט פלוגצויגע...[2]

— סאַקראַמענטאָ, דאָס זײַנען די פאַרפלוכטע אַמיס[3].

— מענטש, איך האָב געזען די אַעראָפּלאַנען, דאָס זײַנען די טאָמיס[4], זיי פליִען נידעריק, בוכשטעבלעך איבער די קעפּ.

קעזלער. נו, אַלזאָ, מײַנע הערשאַפטן, אָנע ערגער[5]. דאָ האָט איר די אַמיס מיט די טאָמיס צוזאַמענגענומען.

— און נאָך אַ צוגאָב די רוסן, אָן זיי באַגייט מען זיך ניט.

פראַסט. ליבער גאָט, זיי וועלן אונדז אײַנגאַנצן קאַפּוט מאַכן.

קעזלער. נו, אַלזאָ, אָנע ערגער. ווי האָט עס געהאַט געזאָגט דער הער פעלדמאַרשאַל? ווען אַף די הימלען פונעם דויטשן רײַך וועלן זיך באַווײַזן דעם פײַנטס פלוגצויגע, דאַן הייס איך ניט גערינג, נאָר מײַער.

— כאַ־כאַ־כאַ, פײַן געזאָגט, ער איז פאַנטאַסטיש, דער הער פעלדמאַרשאַל.

— און ווו איז ערגעץ דעם הער מײַערס לופטוואַפע[6]?

קעזלער. אַהאַ, דער דיקער גערינג! ווען אַ מענטש איז דיק, איז ער אימער אין גוטער לוינע[7]. נו, אַלזאָ...

— נו, געווג שוין צו קלאַטשן!

— היי, דו, ווער ביסטו דאָרטן, לומפּ איינער?

קעזלער. ווער דערלויבט עס זיך צו זידלען? דאָ איז אַן עפנטלעך אָרט.

— מענטש, מאַך צו דעם מיסטקאַסטן.

— הערט אויף, זײַט ניט קיין דומקעפּ[8].

— לאָזט מיך נאָר צו צו אָט דעם דומען קערל[9].

— ער האָט רעכט! אין אַזאַ צײַט זאָלצן אַף די ווונדן...

— אָנשטאָט צו גיין אָפּן שלאַכטפעלד פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד...

— ער איז נאָך געזונט אײַזן, ער קאָן נאָך גיין אין פאָלקסשטורם.

— לאָזט, לאָזט מיך נאָר צו צו אים!

— רוע, רוע, מײַנע הערן, מאָמענטמאַל[10].

אַ יונגע פרוי (קומט צו צום אַרײַנגאַנג). שטאָלצע, ווירדיקע בערלינער זײַט מוטיק, איך האָב פאַר אײַך אַ גוטע נאַכריכט[11]. נאַט, זעט, לייענט, די אַרמיי פונעם גענעראַל ווענק איז שוין הינטער דער שטאָט, האַלט זיך פעסט, פאַרלירט ניט די האָפענונג. דער זיג איז נאָענט.

— און די רוסן, די רוסן ווו זײַנען?

— די רוסן זײַנען שוין הינטער שפּאַנדאַו, אין בערלין־שטאַקען.

— וואָס שטאַקען, זיי זײַנען שוין אַרײַנגעדרונגען אין פּאַנקאָוו.

---

[1] פאַבריקן (דײַטש); [2] אַעראָפּלאַנען; [3] אַמעריקאַנער; [4] ענגלענדער; [5] אָן צאָרן, אָן פאַרדראָס. „אַלזאָ, אָנע ערגער" — קעזלערס באַליבטער אויסדרוק, ער ניצט אים, ווי אַ מין באַרויִקונג־שפּרוך; [6] לופט־פלאָט; [7] שטימונג; [8] נאַראָנים; [9] נאַרישן יונג; [10] איין מאָמענט, ביטע; [11] ידיִעה.

קעזלער. נו, אַלזאָ, אַנע ערגער. מע שלאָגט זיך שוין אַף דער שיינהאַוזער אַלייע...

עס באַווײַזן זיך עדיט און קאַמילע מיט א קראַנקן־בעטל, אַף וועלכן עס ליגט דאָקטאָר דעריע.

שטימען. מאַכט א וועג! היי, מאַכט א וועג! מאַכט פּלאַץ! דו קענסט זיך דאָך א רוק טאָן, מענטש!

— אָט האָט איר א שפּאָגל־פרישן אָפּפער.

— ערשט פון אונטער דער באָמבע.

פּראַסט. גאָט דו ליבער, וואָס וועט זײַן מיט אונדז?

קעזלער. אַנע ערגער, נו אַלזאָ, ווו האָט עס מיט אים געטראָפן?

עדיט. אום גאָטעס ווילן! ס׳האָט מיט אים גאָרניט געטראָפן.

קאַמילע. דאָס איז אונדזערער א קראַנקער פון קײַזער־ווילהעלם־אינסטיטוט.

עדיט. מיר האָבן אים געטראָגן אין דער רענטגען־געבײַדע אַף דער ברונען־שטראַסע, און דאָ פּלוצעם דער אַליאַרעם.

קאַמילע. אַזא שרעקלעכער אָנגריף! מיר זײַנען געלאָפן פון רויִק צו רויִק, ביז מיר האָבן דערזען, ווי מענטשן לויפן אַהערצו.

דעריע. נאַרישע קינדער, כ׳האָב זיי געזאָגט, לאָזט מיך איבער, ראַטעוועט אײַערע יונגע לעבנס. (ער פּרוּווט אופשטיין.)

קאַמילע. וואָס איז געשען, הער דאָקטאָר?

דעריע. לאָזט מיך אופשטיין, צו וואָס פאַרנעמען אַזויפיל פּלאַץ? זאָלן נאָך מענטשן אַרײַנקומען.

עדיט. ניין, ניין, אום גאָטעס ווילן. דאָס איז געפערלעך, זיי וועלן אײַך דאָ אומוואַל־גערן.

דעריע. מיר איז עס שוין גאַנץ עגאַל, אַלציינס, טײַערינקע.

שטימען. מאַכט א ביסל פרײַער! איר זעט דאָך — א שווער־קראַנקער.

פּראַסט. גאָט דו ליבער, מיר וועלן דאָ דערשטיקט ווערן.

שטימען. מאַכט פרײַער דעם פּלאַץ! מע קאָן זיך דאָך א רוק טאָן א ביסל, ס׳איז נאָך דאָ גענוג רוים.

קעזלער (שטופּט זיך מיטן צוזאַמענגעדרענגטן אוילעם). נו, אַלזאָ, מער רוים, מער לעבנס־רוים, אַנע ערגער! (דער אוילעם לאַכט.)

פּראַסט. ווען מע זאָל דאָ וויניקער טומלען, וואָלט דאָ מער לופט געווען. ס׳איז שוין ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. גאָט דו ליבער!

דער אוילעם רוקט זיך אַלץ טיפער.

קאַמילע (צו א דערבײַשטייענדיקן). גוט אַזוי, א ביסל מער לופט. (ווײַזט אַף דעריען.) דער איז א באַרימטער געלערנטער, אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, דאָקטאָר יורי[1].

עס קומען אַרײַן פון דרויסן גיזעלע און גיונטער.

גיזעלע (קליין, דאַר, זיבעצן־אַכצן יאָר אַלט, די קליידונג אירע: א שאַל אַפן קאָפּ, א לאַנג קלייד און א פאַרבלאַזטע קאַפּטע. די קליידער, צו גרויסע אַף איר, מאַכן זי עלטער ווי זי איז. מיט איין האַנט האַלט זי זיך באַם האַרצן, מיט דער צווייטער קלאַמערט זי זיך אין גיונטערן). אַזא פײַער, קוים פאַרלאָפן!

גיונטער. אַבי מיר זײַנען שוין צווישן מענטשן.

גיזעלע. האָסט שטאַרק מוירע געהאַט? איך אויך. נאַ דיר א שטולע[2] ברויט.

זי דערלאַנגט אים א בוטערבראָד, ער גיט זי א קוש און טוט א ביס. זי בײַסט אויך פון דעם זעלבן שטיק. אָט אַזוי עסן זיי: ער א ביס, זי א ביס, און בייסמײַסע, באַהאַלטענערהייט, שפּיליעט זי אים צו צום רעקל א צייכן פון דער היטלער־יוגנט.

גיונטער. איך פריי זיך אַזוי, וואָס מיר זײַנען שוין דאָ.

גיזעלע. און וואָס מיר זײַנען שוין בײדע צוזאַמען. שיין, איאָ?

גיונטער. יאַוואָל, איך האָב שוין ניט געגלייבט, אַז מיר וועלן זיך אַרויסדרייען פון אים, פון דײַן ברודער.

גיזעלע. ברודער רופסטו אים? ער איז מיר מער קיין ברודער ניט, אָט דער הונט!

---

[1] דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן; [2] א שטיק.

ג י ו נ ט ע ר. כאַפּט אים דער טײַוול, אַבי מיר האָבן זיך שוין אַרויסגעכאַפּט.

ג י ז ע ל ע. ער האָט דאָך מיך געוואָלט דערשיסן. דו פאַרשטייסט, ער האָט מיר די גאַנצע צײַט געדראָעט מיט דעם פּיסטויל, איך זאָל אים נאָר זאָגן, ווו דו ביסט. ווען ניט די מוטער, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען. זי איז אים צו די פיס געפאַלן, זי האָט געוויינט, געגוואַלדעוועט, זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ.

ג י ו נ ט ע ר. דאַנערוועטער! ווער האָט עס אים געזאָגט, ווו איך געפין זיך?

ג י ז ע ל ע. גערטע, דײַן טײַערע פרײַנדין, יאָ, יאָ, קאָנסט מיר גלייבן. די מוטער האָט געזען, ווי זיי האָבן זיך געשושקעט אפן הויף. דערנאָך איז ער אַרײַן אין אָנגעצונדענער און מיט אַ גוואַלד: „דו ביסט אַ פאַרעטערן, ניט גענוג וואָס דו גייסט אַליין ניט קעגן פײַנט, באַהאַלטסטו אים נאָך אויס, דעם פייגלינג"[1].

ג י ו נ ט ע ר. איך בין ווירקלעך אַ פייגלינג, גיזעלע.

ג י ז ע ל ע. נו, גוט, גוט, באַ מיר ביסטו מײַן העלד.

ג י ו נ ט ע ר. און איך בין נאָך געווען אַן אַרטסלייטער.

ג י ז ע ל ע. נו, וואָס וואָלסטו שוין געהאָלפן? די מוטי האָט אויך געזאָגט דאָס זעלבע. אַבי גיין אַף אומקום?

ג י ו נ ט ע ר. דאָס איז וואָר. יאָ, ס'איז גאָרניט אַזוי לײַכט צו שטאַרבן, ווען מע איז אַלט אַכצן יאָר.

ג י ז ע ל ע. דו וועסט לעבן, מיר וועלן ביידע לעבן. (קושט אים.) אַזאַ גליק דיך צו האָבן לעבן זיך, דיך ליב האָבן.

ג י ו נ ט ע ר. איך בין אויך איבערגליקלעך.

ג י ז ע ל ע. און אַז ס'וועט אויסקומען, וועלן מיר שטאַרבן צוזאַמען.

ג י ו נ ט ע ר. יאַוואָל.

ג י ז ע ל ע. כ'וועל זאַפּאַרט די אָדערן זיך אופשנײַדן, ווען עס וועט מיט דיר, גאָט באַהיט, עפּעס געשען.

ג י ו נ ט ע ר. דאָס איז ריכטיק, בעסער שטאַרבן צוזאַמען, אָט אַזוי־אָ, אַרומגענומען. (זיי נעמען זיך אַרום און שושקען זיך.)

עס קומען אַרײַן ק אַ ר ל ו י ל י נ ג־ש ר אַ ם און הילדע.

ו י ל י נ ג (אַ געזונטער, קרעפּטיקער מאַן, אין אַן עסעס־אוניפאָרם, מיט אַ קליין רענצל אין דער האַנט. הילדע איז אַ סאַך ייִנגער פון אים. קאַרלווישט זיך דעם שווייס פון געזיכט). טפו, אַזויפיל מענטשן דאָ, צום טײַוול!

ה י ל ד ע. האַלט נאָר גוט דאָס רענצל!

ו י ל י נ ג. קוואַטש[2]. (זיי גייען טיפער צום אוילעם.)

ו י ס מ אַ ר (באַווײַזט זיך אַף דער שוועל, אַף קוליעס, אַן אַ האַנט, ער בלײַבט שטיין באַם אַרײַנגאַנג און באַקוקט דעם אוילעם מיט פרעכע בליקן). גאָט דו ליבער, אַן עכטער פּאַראַדיז[3] דאָ. אין אַלע בונקערס שנאַפּן אַרום סאָלדאַטן, פּאָליציי, מע זוכט אַרום און אַרום, און דאָ אַזויפיל געזונטע אײַזערנע קערלעך מיט אַלע גלידער. (ער מאַכט אַ פּאָר טריט נעענטער צום אוילעם.) היי, מײַנע הערן, שעמען מעגט איר זיך, אַנשטאָט גיין פאַרטיידיקן דאָס רײַך, אַנשטאָט צו נעמען אַ ביקס אין האַנט צי אַ פאַוסט־פּאַטראָן און אַרויסטרעטן קעגן פײַנט, ליגט איר דאָ פאַרשטעקט אין די לעכער, ווי די מויזוואָרפן. היי, איר!

— אַ־האַ, ווו וועסטו זיי נעמען, די ביקסן?

— ווער וועט אונדז געבן ביקסן?

ו י ס מ אַ ר. ביסטו קראַנק מיט די הוילע הענט זיך שלאָגן? ביסט נאָך, דוכט זיך, פאַר די זעכציק.

— נו, נו, שווײַג, דו בורשע־יונג, ניט דײַן זאַך איז אונדז צו מוסערן. (באַווײַזט אַף ווילינגן.) ס'זײַנען דאָ עלטערע פון דיר.

— ווער דערלויבט אים צו פּלוידערן, אָט דעם שווײַנע־הונט![4]

ו י ס מ אַ ר. וואָס? איך בין עס דער שווײַנע־הונט, האַ? צוליב דעם האָב איך אַ האַנט מיט אַ פוס פאַרלוירן, אַז יעדער דומער קערל זאָל מיך... ווו איז ער, דער פייגלינג?!

עס ווערט אַ טומל, בייסן טומל באַווײַזט זיך פ אָ ן ז אַ ס ע ן, אַ דאַר, רירעוודיק מענטשל מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט זוכן עמעצן, דערזעט קאַרלען און לויפט שנעל צוריק צום אַרײַנגאַנג, ווו ער הייבט אָן רופן קאַרלס פרוי.

---

[1] פאַכדן; [2] שטוס, פּלאַפּלערײַ; [3] גאַניידן; [4] כאַזער־הונט.

פאָן זאסען. פראו ווילינג! פראו ווילינג!

וויסמאר. ווען איר זײַט שוין יאָ אזוינע פייגלינגען, העלפט מען כאָטש מיט וואָס־ניט־איז אונדזערע העלדן, די פראָנט־קעמפער. אין שטאָט בויט מען איצט באריקאדן, דער פראָנט איז שוין הינטער דער שטאָט.

— ער האָט רעכט, אף אלעקסאנדער־פלאץ בויט מען פיל באריקאדן.

— ריכטיק, איך האָב עס אליין געזען.

— וואָס מיר באריקאדן, וואָס קענען זיי שוין העלפן, די באריקאדן? אומזיסט די ארבעט.

קעזלער. ס'איז דאָס זעלבע, ווי זיך אונטערנעמען אויסוואשן א נעגער, ער זאָל ווײַס ווערן, נו, אלזאָ, אָנע ערגער! (געלעכטער.)

וויסמאר. דויטשע מענער זײַט איר? הינט זײַט איר! אָט זאָל זאָגן דער הער שטורם־באנפיורער, צי איך האָב קיין רעכט ניט: ווער עס באהאלט זיך, ווער עס טרעט איצט ניט ארויס קעגן פײַנט, דער איז א הונט, יאָ, יאָ, א הונט.

ווילינג (קערט זיך אָפּ פון אים). נו, גענוג שוין, גענוג, לאָזט צורו.

קעזלער. נו, אלזאָ, בעסער בלײַבן א לעבעדיקער הונט, איידער א טויטער לייב.

פראָסט (מיט א וויינענדיקער שטים). מײַן ליבער גאָט! און מײַן קליין הינדכען, מײַן ליבלינג, מײַן שאץ, איז ערשט הײַנט אינדערפרי צעריסן געוואָרן פאר מײַנע אויגן אף פיץ־פיצלעך. (צעוויינט זיך.)

קעזלער. אָנע ערגער, גנעדיקע פראו. אָט די פארפלוכטע ליבלינגען, די הינדכען, זיי נעמען שטענדיק אוועק באם אָרעמען דויטשע דעם בעסטן ביסן פון מויל. (געלעכטער.)

באם ארײַנגאנג באווײַזט זיך בעאטע ווילינג מיט איר קינד עריקע.

פאָן זאסען. ווארפט זיך ארײַן, פראו ווילינג, זאָפאָרט. נו, טעמפּאָ, שנעלער א ביסל, זיי זײַנען ביידע דאָ. אָט. (ער באווײַזט אף ווילינגן מיט הילדען, וואָס שטייען אויסגעדרייט צו אים מיט דער פלייצע. בעאטע מיטן קינד לויפט אף שנעל דורך, מע זאָל זי ניט באמערקן, און פארוקט זיך אין א זײַט.)

עריקע. מוטי, אָט איז דער פאפא.

בעאטע (האלט איר צו דאָס מויל). שטיל. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, דו זאָלסט ניט רעדן.

עריקע. אָבער, מוטי, לאָז מיך צום פאפא.

בעאטע (פארוקט זי נאָך ווײַטער). שווײַג שטיל און שטיי אָט דאָ, דער פאפא זאָל דיך ניט באמערקן.

עריקע. פארוואָס אזוי, מוטי?

בעאטע. ניט דײַן זאך, אזוי דארף זײַן.

עריקע. אָבער איך וויל וויסן פארוואָס?

בעאטע. זײַ שטיל, האָב איך דיר געזאָגט! און פאָלג, וואָס מע הייסט דיר. אָט דאָ זאָלסטו שטיין און זיך פון אָרט ניט רירן. אומדערטרעגלעכע, דו.

ווילינג (קוקט זיך ארום, גיט הילדען דאָס רענצל און ווישט זיך אָפּ דעם שוויס פון פאָנעם). עס האָט אונדז שטארק ניט אָפּגעגליקט...

הילדע. נו, ערגער זיך ניט, קארלכען.

ווילינג. כ'האָב דיך געוואָרנט: מאך עס שנעלער, האָסטו זיך אָנגעהויבן פוצן, ווי צו דער האָכצײַט[1].

הילדע. נו, זײַ ניט בייז, קארלכען, איך האָב דאָך ניט געקאָנט אזוי ווי איך גיי און שטיי, אינעם מאָרגנראָק.

ווילינג. קוואטש. איצט וועסטו שוין קאָנען, ווען דאָס אויטאָ איז שוין רעקווירירט. וועסט שוין איצט גיין ווי דו שטייסט און גייסט.

הילדע. זײַ אביסכען נעט צו מיר, קארלכען. און זײַ ניט אזוי צערודערט. (פאוזע.) וואָלסטו שוין בעסער געוועזן צוגעפאָרן מיטן אויטאָ גלײַך צו מיר.

ווילינג. קוואטש. וואָס וואָלט געווען, ווען זי דערזעט מײַן אויטאָ לעם דײַן הויז?

הילדע. גרויסער גאָט, ווען מיר רײַסן זיך נאָר ארויס פון דער העלע![2]

ווילינג. יאוואָל, ווען דו זאָלסט באלד געוועזן גיין, וואָלטן מיר שוין איצט געווען בא דער עלבע.

הילדע. ס'איז פורכטבאר. מיר זאָלן כאָטש ארויס מיטן לעבן גאנץ. דו הערסט, ווי עס קראכט?

---

[1] כאסענע; [2] געהענעם.

פּאַן זאַסען (וואַקסט אויס לעם זיי ווי פון אונטער דער ערד). **האָבן זיי ניט קיין אנגסט, פֿרײַלן, איך דענק, אַז דאָ וועלן זיי ניט אָנגרײַפֿן. ס׳איז דאָ דער גאַנצער קוואַרטאַל זאַוויזאַ[1] צעשטערט, האָב איך ניט רעכט, הער שטורמבאַנפֿירער?**

ווילינג (אומצופרידן). **קוואַטש.**

הילדע. איך בין אַזוי אומרויִק, קאַרל.

פּאַן זאַסען. וואָס פֿאַר אַ שמוציקע באַנדע עס האָט זיך דאָ פֿאַרזאַמלט. איך האָב זיי אַלע פֿאַרצייכנט, הער שטורמבאַנפֿירער, אָט דעם קערל (ווײַזט אָף קעזלערן) **האַלט איך שוין אָפּן אויג, כ׳וועל אים שוין פֿון מײַנע הענט ניט אַרויסלאָזן.**

עוועלין (ווען זי דערזעט מיטאַמאָל דעם שטורמבאַנפֿירער, ווערט זי צעטומלט, אָבער דאָס, וואָס ער דרייט זיך אויס פֿון פּאַן זאַסענען און גייט אָפּ ווײַטער, באַרויִקט זי). **קום אַהער,** רודי (שלעפּט אים מיט זיך), **אָט דאָ וועלן מיר שטיין בלײַבן. דאָ האָסטו ניט וואָס מוירע צו האָבן אין דײַנע טרעגערישע אַרבעט-קליידער.**

רודאָלף. לאָז מיך גיין פֿונדאַנען, עווכען, איך בעט דיך, קום אַוועק!

עוועלין. נו, צוליב וואָס? ליבער, טײַערער, פֿאָלג מיך, לאָמיר דאָ בלײַבן, קיינער קען דיך דאָ ניט. שפּיליע זיך נאָר גוט צו. (זי פֿאַרשפּיליעט אים דעם פּידזשאַק אָף אַלע קנעפּ.)

רודאָלף (רײַסט זיך פֿון איר׳ע הענט). **ס׳איבלט מיך דאָ, לאָז מיך.**

עוועלין. נו, טו מיר צוליב, טײַערער, נו, איך בעט דיך, זײַ פֿאַרזיכטיק.

רודאָלף. אַזויפֿיל זיך אָנגעליטן, און ניט געווען מיט זיי צוזאַמען. עס איבלט מיך פֿון אָט דעם גלאָמפּ (ווײַזט אָף ווילינגן).

עוועלין. אָבער דו הערסט דאָך, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן אין אַזאַ פֿײַער?

רודאָלף. מיר זײַנען די גאַנצע צײַט געווען אונטער פֿײַער, אַלע יאָרן.

עוועלין. האָבן מיר דאָך געמוזט, רודי. אָבער איצט, ווען עס האַלט שוין אָט-אָט בײַ זייער בראָך, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און מיר זײַנען געראַטעוועט. אָ, גרויסער גאָט, לאָמיך עס נאָר דערלעבן, און נאָכער טו מיט אונדז, וואָס דו ווילסט.

רודאָלף. נו, נו, שאַ, הער אויף.

עוועלין. אַזויפֿיל יאָרן מאַטערניש...

וויסמאַר (דערזעט רודאָלפֿן). **נאָך איינער, דאָנערוועטער! קוקט אים נאָר אָן, און אָט אַזאַ באַהאַלט זיך אויך אויס!**

— נאָר ער שימפּט, נאָר ער האַלט אין איין שילטן.

וויסמאַר. ווײַל איך קאָן ניט לײַדן, איך קאָן עס ניט פֿאַרטראָגן, כ׳האָב מײַן בלוט פֿאַרגאָסן, און דאָ גייען אַרום אַזוינע געזונטע יונגען. הער שטורמבאַנפֿירער, זאָגט אַליין, איז דאָס אַ... (ווילינג גייט אָפּ, וויסמאַר נאָך אים.) **איך זאָג, דאָס פֿאַרדריסט, ניט עמעס? אונדז, די אַלטע קעמפּער, הער שטורמבאַנפֿירער...** (ער פֿאַרגייט אים פֿון פֿאָרנט. זיי באַגעגענען זיך פּאָנעם צו פּאָנעם.) **שראַם! איך, איך... איר קענט דאָך מיך! איך האָב דאָך געדינט בײַ אײַך אין רע-גימענט[2], אין דער זאָנדערקאָמאַנדע, אין שאַוליי. איר דערקענט מיך ניט? הער שטורמבאַנפֿירער, מײַן נאָמען איז וויסמאַר, בראָנאָ וויסמאַר.**

ווילינג. קוואַטש. (דרייט זיך אויס און גייט אַוועק פֿון אים, וויסמאַר נאָך אים.)

וויסמאַר. געדענקט איר ניט, הער שטורמבאַנפֿירער, דעם אָבעריעפֿרייטאָר וויסמאַר אין שאַוליי, וואָס אין ליטאַוען? איך וועל אײַך אַפֿילו דערמאָנען, הער שראַם...

ווילינג. קוואַטש, זאָג איך.

הילדע. עס דוכט זיך אײַך אויס. דער שטורמבאַנפֿירער הייסט ניט שראַם, זײַן נאָמען איז ווילינג.

> **ווילינג דרייט זיך אויס און דערזעט בעאַטען. פֿון דערשטוינונג פֿאַלט בײַ אים אַרויס דאָס רענצל פֿון די הענט. הילדע, אַ דערשראָקענע, הייבט אוף דאָס רענצל און טרעט אָפּ אין אַ זײַט.**

ווילינג (צעטומלט). **האַטשכען[3], ווי קומסטו אַהער? מ... מ...** (פּאַוזע.)

עריקע. פּאַטי, איך בין דאָ מיט דער מוטי. (בעאַטע טוט זי אַ שלעפּ אין דער זײַט און לאָזט זי ניט רעדן.)

ווילינג. האַטשכען, מ... מ...

---

[1] סיִוואָוויסיַי; [2] פּאָלק; [3] אַ צערטל-אויסדרוק.

באטע. איצט האסטו באוויזן, ווער דו ביסט, איצט זע איך דיך שוין. ווען האסטו געמיינט אפנארן? זי (ווײַזט אפן קינד), מיך? האסט מיר אײַנגערעדט, אז דו גייסט אפן פראנט, אפן שלאכטפעלד. דו גייסט ברענגען דעם זיג — האסטו מיך געטרייסט, און אוועק ביסטו צו אט דער פליישיקער צויג (ווײַזט אף הילדען), אט דאס איז דער זיג דײַנער, דער אנטשיידענער, דער ענדגילטיקער?

וױלינג. נו, האטשכען, בארויק זיך, בארויק זיך.

באטע. בארויק מיך ניט, איך ווייס, איך ווייס אלץ. כ'האב זיך שוין אלץ דערוווסט. איך ווייס אפילע, אז עס שטייט שוין דארט און ווארט אף דיר די מאשין, דו זאלסט קאנען וואס שנעלער אנטלויפן און ראטעווען די אייגענע פעל.

וױלינג. דאס איז קוואטש, האטשכען.

באטע. שווײַג, פארענטפער זיך ניט, צו גוט קען איך דיך, קארל, איך קען דיך שוין ניט דעם ערשטן טאג, ביסט א גרויסער העלד געווען דארט, אין אסטען ערגעץ, און איצט, ווען דער בראך איז געקומען...

ווױסמאר. ריכטיק, איך בין פולקאם אײַנשטימיק מיט אײַך, מאדאם.

באטע. איצט, אז די רוסן זײַנען שוין באלד אין שטאט, ביסטו אזא האז, ווי אלע אנדערע.

דעריע. אזא שאנדע, די שפרעע האט גאר ניט אזויפיל וואסער אפצושווענקען אט די שאנד.

— אט אזוי זײַנען זיי אלע איצט, די עסעס־לײַט.

ווױסמאר. אין שנײַדעמיולע האט זיי די ווערמאכט גוט אנגעקלאפט די ביינער, זיי זאלן זיך ניט צעלויפן.

— אבי מע שלעפט די אלטע לײַט מיט די קינדער צום קאמף, און אליין...

— אליין אנטלויפט מען, און אונדז לאזט מען דא איבער.

קעזלער. אנע ערגער, מיר האבן מיט וואס צו צעצאלן זיך פאר זייערע זינד. די רוי־נען, דאנקען גאט, לאזן זיי אונדז איבער.

וױלינג. רויק, באפעל איך! שטיל זאל זײַן. און דו, האטשכען, האב צײַט!...

באטע. שרעק מיך ניט, קארל, איך האב שוין איצט פאר גאר קיין מוירע ניט, מיר איז שוין איצט אלציינס, איך בין נאר צופרידן, וואס אף דיר מיט איר איז אויך געקומען א צײַט.

וױלינג (נעמט זי פאר א האנט). קום פונדאנען.

באטע (רײַסט זיך ארויס, עריקע אן איבערגעשראקענע אנטלויפט פון זיי ביידע). שלעפ מיך ניט, ריר זיך ניט צו צו מיר, דו האסט איצט ווען צו שלעפן. שלעפ אט די, מיט וועמען דו אנטלויפסט, און מיין ניט, אז איך בין דיך געקומען אפריידן פון איר. כ'וואלט נאר געוואלט וויסן, איידער דו פארשווינדסט, וואס טראכסטו וועגן קינד? דו ביסט דאך א פאטער, און דאס קינד איז דאך אויך דײַן קינד. דאס איז דאך ניט קיין אסט־קינד, דאס איז דאך א דײַטשיש קינד פון אן עכט־דײַטשישן פאטער.

קעזלער. נו, אלזא! די עכטע דײַטשן, די פארשטייער פון דער מוטיקער און קריגערי־שער ראסע, האבן זיך קיינמאל ניט געצאצקעט מיט זייערע פרויען און קינדער.

קארל. האלט די שנאוצע[1], דו לומפ איינער.

באטע. עריקע! ווו איז דאס קינד? עריקע! (זי לאזט זיך זוכן דאס קינד.)

פראסט. סארא העסלעך מויל דער מאן האט (ווײַזט אף קעזלערן).

קעזלער. פארצײַען זי מיר, גנעדיקע דאמע, אט דאס העסלעכע מויל האט אמאל אין די אלטע גוטע צײַטן גאנץ פײַן אויסגעזען, אנע ערגער. ס'האט פיל קושן באקומען און נאך מער צוריק געגעבן. (אלע לאכן.)

פראסט. אן עכטער דויטשע וועט ניט אפשפעטן פון אן אומגליקלעכער פרוי אין אזא שרעקלעכער צײַט.

קעזלער. ווען איך בין ניט קיין עכטער דויטשע, וואלט איך שוין לאנג אנגעשפארט ווער ווייסט ווו.

— אט דער קערל דארף שוין ניט נאך א ווארט אין טאש קריכן.

קעזלער. וואס אנבאלאנגט דער שרעקלעכער צײַט, האב איך מײַנע דרײַ מיטלען, אנע ערגער! א גלאז ביר, א ליולקע מיט טאבעק און א ביסל געדולד, אויסדויער.

הילדע (צו קארלען). פארוואס לאזטו יעדן לומפ...

וױלינג. מ... מ... פארמאך דאס מויל, האב איך באפוילן.

---

[1] פארמאך דאס מויל.

פּאָן זאַסען. דערלויבט, הער שטורמבאַנפֿירער, וועל איך אים צומאַכן דאָס מויל, באַ מיר גייט עס איינס און צוויי מיט אַט די לײַט.

— גאַנץ ריכטיק, מע דאַרף אים אָנלערנען, אַט דעם געמיינעם קערל.

וויסמאַר. איר זײַט דאָ אַלע ניט בעסער.

— נאָר דו איינער ביסט גוט.

— זײַ ניט צו קלוג.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם גרויסן העלד.

וויסמאַר. וואָס דען מיינט איר, איך בין געראָטן אין אײַך? אַט זאָל זאָגן דער הער שטורמבאַנפֿירער, ער קאָן אײַך געננוי דערציילן וועגן מיר. ניט וואָר?

הילדע. קום פונדאַנען, קאַרלכען.

ווילינג. גיב דאָס רענצל. (זיי לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג.)

באַאַטע (קומט זיי אַנטקעגן מיט אַ גוואַלד). **ניטאָ דאָס קינד! ווו איז עריקע? ווו איז זי אַהינגעקומען?** (אירע רייד ווערן פֿאַרהילכט דורך אַ מוירעדיקן קנאַל, ס'הערט זיך נאָר איר געשריי: „עריקע! עריקע!״.)

עס הילכט אָפּ נאָך אַ שטאַרקערער קנאַל, אַ קוויטשערײַ, אַ יעלאָלע. עס הייבט אָן קראַכן איבער די קעפּ. די מענטשן פֿאַלן צו דער ערד, ניורען זיך צונויף, גלײַך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אויף זיי געפֿאַלן.

דאָס צווייטע בילד

אין צוויי טעג אַרום. דאָרט, ווו ס'איז געווען דער אַרײַנגאַנג אין בונקער, איז אַ באַרג מיט ברוכוואַרג, וועלכער האָט פֿאַרשאָטן אַ סאַך פֿון די, וואָס האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן. די מערהײַט פֿון די לעבנגעבליבענע זעט מען ניט. מע הערט נאָר זייערע שטימען פֿון דער טיף פֿון בונקער, ווו זיי אַרבעטן, רײַסן שטיקער טונק, צעוואַרפֿן די ציגל, פּרוּוון דורכשלאָגן אַן אַרויסגאַנג. **באַאַטע** ליגט אויף אַ באַרג שטיינער באַם פֿאַרשאָטענעם אַרײַנגאַנג מיט ביידע הענט אײַנגעקלאַמערט אינעם אָנוואַלגער. באַ דער וואַנט, אויפֿן טראָגבעטל, זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ **דאָקטאָר דעריע,** לעבן אים **עדיט.**

עדיט. לייגט זיך בעסער צו, דאָקטאָר.

דעריע. דאַנקע, דאַנקע שיין.

עדיט. אום גאָטעס ווילן. צו וואָס זיצן, ווען פֿאַר אײַך איז פֿיל בעסער, אַז איר ליגט.

דעריע. ניין, ניין, ס'איז מיר גוט אַזוי, כ'וועל נאָך האָבן געננוג צײַט צו ליגן.

עדיט. כ'וועל אײַך דאָס געלעגער איבערבעטן. דערלויבט, איך קאָן אײַך, דאָקטאָר, צולייגן צוקאָפּנס מײַן זשאַקעט, ס'איז מיר זייער הייס אין אים. (זי טוט עס.) אַזאַ היץ דאָרטן... און שטויב... ווען מע זאָל כאָטש וויסן, אַז ס'איז ניט אומזיסט, אַז מע וועט אַמאָל קומען צום ציל.

דעריע. צו וואָס פֿאַר אַ ציל קאָן מען שוין קומען?

עדיט. דער איינציקער ציל, דאָקטאָר, איז לעבן. ס'ווילט זיך אַזוי ניט שטאַרבן, אויסגיין פֿון הונגער...

דעריע. יאָ, ס'איז ווירקלעך אַ שרעקלעכער טויט, מײַן טאָכטער.

עדיט. ווער ווייסט, וויפֿל ס'וועט נאָך אויסקומען צו מאַטערן זיך. אַ מאָדנע זאַך, דאָקטאָר, איך פֿיל נאָך גאָר קיין הונגער ניט. ס'גייט דאָך שוין דער צווייטער טאָג באַלד צו ענדע. (עס הערט זיך קאַמילעס קאָל: „דיטע, דיטע״. עדיט טוט אַ זיפֿץ.) נו, פֿאַרצײַעט מיר, איך גיי.

דעריע. גיי, טאָכטער, גיי. עפּשער פֿאָרט? כאָטש ס'איז שווער צו גלייבן.

באַאַטע (וויינענדיק). הייליקער יעזוס!

דעריע. ניטאָ, ניטאָ מער קיין הייליקער יעזוס. אויך דאָרט, אויבן, הענגט ער אָן אײַזערנער, אַ נאַקעטער, אײַנגעוועבט אין שפּינוועבס, מיט פֿאַרדרייטע פֿיס, מיט אַ צעקרימט מויל און מיט צוגעמאַכטע אויגן. אויגן, וואָס זעען גאָרנישט ניט. לאַכלוטן גאָרניט. (פּאַוזע.) יאָ, כ'האָב, דוכט זיך, קיינעם ניט געפּײַניקט, כ'האָב קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן פֿאַר מײַן גאַנץ לעבן, און דאָך, דאָך פֿאַרשעלט איך די שוואַרצע מינוט, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. (פּאַוזע.) אַזאַ אומריין בלוט באַ מיר, אַזאַ פֿאַרדאָרבן האַרץ, אַ האַרץ, וואָס איז אַזוי געמיין און וויל ניט שטאַרבן. אַזאַ שאַנד, דאַפֿקע איצט, אַט דאָ־אָ, ווען איך בין שוין באַם ראַנד פֿון טויט, ווען איך ליג שוין נײַן איילן אין דער ערד, האָב איך אַזוי ווי אויף צולאָכעס אָנגעהויבן פֿילן אַן איבער־

פלוס פון מאָדנע נאָגנדיקע בלינדע טײַוועס, גלײַך ווי יעדער גליד אין מיר וואָלט אופגעעפנט זיבן מײַלער, פארהונגערטע, פארשמאכטע, פול מיט גיריקײַט, מיט זשעדנעקײַט און מיט א מין כײַיִשן צאפּל: עסן... עסן... כ׳וואָלט ארײַנגעשטאָפּט אין מײַן קראנקן קערפּער אן אָקס א גאנצן.

ג י ז ע ל ע (קומט ארײַן מיט גיונטערן, ביידע פאר־שוויצטע, פארשטויבטע, מיד פון דער ארבעט). אָט דאָ לאָמיר זיך צוזעצן, כ׳האָב שוין קיין קויעך ניט. (זעצט זיך אוועק אף די שטיינער.)

ג י ו נ ט ע ר. מיר זײַנען מיט דיר גוט ארײַנגע־פאלן, טײַערע. צי וועלן מיר נאָך ארויס פונדאנען? איך גלייב ניט.

ג י ז ע ל ע (שלעפּט ארויס פון א זאק א פּאָר גרינע יעגער־הויזן, דערלאנגט זיי אים). נא, צי ארוף אף די, וואָס דו טראָגסט, וועט זיך אזוי ניט ווארפן אין די אויגן. וויאזוי האָב איך גאָרניט באמערקט, אז אף דיר זײַנען דאמען־הויזן? אין דער ענגשאפט האָט קיינער קיין אכט ניט געלייגט, אָבער איצט, ווען ס׳איז ווייניק מענטשן... ער האָט אף דיר אזוי אָנגעשטעלט זײַנע קוקערס, אָט דער שוויַגער מיטן פידל, אָט דער יוזעף...

ג י ו נ ט ע ר. פּלאַפּל ניט צופיל. (לאָזט זיך אוועקגיין.)

ג י ז ע ל ע. גיי ניט אוועק, לאָמיר זיך אָפּרוען א ביסל.

ג י ו נ ט ע ר (טוט זיך א וואלגער לעבן איר, זאָגט אומיסטן זייער הויך). פארפאלן... אָט אזוי, ליבינקע. בין איך אפן שלאכטפעלד ניט געפאלן, זײַנען מיר פון א באָמבע ניט אומגעקו־מען, וועלן מיר דאָ פון הונגער אויסגיין.

ג י ז ע ל ע. פארליר ניט דעם מוט, גיונטער, וועסט זען, מיר וועלן נאָך ארויס פונ־דאנען.

ג י ו נ ט ע ר. אומזיסט די האָרעוואניע. אז ס׳איז ניטאָ מיט וואָס... מיט די הוילע הענט, סײַדן, קאָן מען עפּעס א סאך אופטאָן?

ג י ז ע ל ע. מיט די הוילע הענט קאָן מען אויך עפּעס דערגרייכן. געדענקסט ראָבינזאָן קרוזאָ?

ג י ו נ ט ע ר. נארישקײַטן. איך גלייב ניט אין קיין מײַסע־ביכלעך. אויסער דעם, האָט ראָבינזאָן קרוזאָ געהאט א הימל איבערן קאָפּ און די ערד אונטער די פיס, און מיר וואָס? א פינצטערן קייווער.

ג י ז ע ל ע. איך בענק אזוי נאָך דער זון, גיונטער, די לעצטע טעג האָט זי שוין אזוי געוואָרעמט. ווען ניט די באָמבעס... ס׳איז דאָך פרילינג אף דער וועלט. ווי קען מען אין אזא צײַט זײַן פארצווייפלט? (זי נעמט אים ארום, ווייל אים א קוש טאָן, ער שטויסט זי אָפּ.)

ד ע ר י ע (צו זיך). שווער, פײַנלעך שווער צו קוקן אף זיי. גלײַך ווי איך וואָלט א קער געטאָן דאָס געזיכט צו מײַן אייגענער יוגנט, ווען איך קוק אין פארקלעמטער בענקשאפט אף מײַן מוטערס א באקאנטע און ס׳טויכט אין מיר אוף צו שארף און צו פרי מײַן ערשטע גלוסטונג. איך פאל צו איר צו א דערשטיקער און נעם לײַדנשאפטלעך קושן אירע שיינע קני. (זיפצט.) דאָס בעסטע אף דער ערד — דאָס לעבן — האָט מען אזוי פארשוועכט, דאָס שענסטע אף דער וועלט — די ליבשאפט — האָט מען אזוי פארמיִעסט...

בעאטע הייבט אָן שטיקן אין זיך א געוויין.

ג י ז ע ל ע (שטילערהייט). זע, זי וויינט, לאָמיר אים גיין זאָגן.

ג י ו נ ט ע ר. לאָז צורו.

ג י ז ע ל ע. זי האָט נאָך דעם קאָפּ ניט אופגעהויבן נאָך דער היסטעריק. שוין באלד צוויי טעג. כ׳האָב געמיינט, זי איז פון זינען אראָפּ...

ג י ו נ ט ע ר. הער אוף.

ג י ז ע ל ע. ביסט הונגעריק, גיונטער? זײַ זיך מודיע. איך — אבסאָליוט ניט, ס׳הייבט מיך אפילע ניט אָן צו ארן. וויפל קאָן א מענטש לעבן און ניט עסן? ווארשײַנלעך... איך מיין א טאָג פינף, זעקס, און עפּשער נאָך מער.

ג י ו נ ט ע ר. שוין בעסער זיך אַליין דערשטיקן, איידער שטאַרבן מיט אַזאַ נאַרישן טויט.

ג י ז ע ל ע. ווייסט, גיונטער, וואָס איך האָב געהערט? מע קאָן שטילן דעם הונגער, אַז מע זויגט אַ פֿינגער, דעם אייגענעם פֿינגער, אָט אַזוי־אָ. נעם דו אויך, טו אַ פּרוּוו. (זי נעמט אַ פֿינגער אין מויל, מיטאַמאָל טוט זי אַ שפּײַ אויס.) טפֿו! זע, זע, ווי עס זײַנען שמוציק די הענט מײַנע. טפֿו, ווען ס'זאָל כאָטש זײַן מיט וואָס אָפּצוּוואַשן.

ג י ו נ ט ע ר. ביסט אַזוי נאַריש! אַף מײַן ערנוואָרט, אַ פּוסטער פּלוידערזאַק.

ג י ז ע ל ע. נו, זײַ אַף מיר ניט בייז, גיונטער.

ג י ו נ ט ע ר. ווען ס'איז דאָ אַ ביסל וואַסער, וואָלט איך עס גערן גענומען צום גומען.

ג י ז ע ל ע. נו, זײַ כאָטש אַ ביסל גוט צו מיר, גיונטער. נו, איך בעט דיך, פֿאַרגעס זיך, טראַכט אַפֿילו ניט דערפֿון. אָט דאָס טראַכטן ברענגט דיך צו פֿאַרצווייפֿלונג. שטעל דיר פֿאָר, מיר זײַנען צוזאַמען אין אַ רעסטאָראַן, אין „סאַוואָי“, אָדער ניין, ניין, אין „פּעמינאַ“. אין „פּע־מינאַ“ איז בעסער. דאָרט זײַנען אַ סאַך פּאַלמעס און קאַקטוסן. דער קריג איז שוין געענדיקט, און אין יעדן עס־לאָקאַל שפּילט מוזיק און ס'איז דערלויבט צו טאַנצן... און איך מיט דיר... איך אין מײַן העל־ברוינעם קלייד, אָט דאָס, וואָס מיט די שליאַרקעלעך...

דעריע צעלאַכט זיך.

ג י ו נ ט ע ר. דו קוק, ווי מע לאַכט דיך אויס.

ג י ז ע ל ע. דאָס לאַכט איר פֿון מיר, דאָקטאָר?

ד ע ר י ע. ניין, דאָס לאַך איך ניט, דאָס באַדויער איך אַזוי, עס טוט מיר ווײ.

ג י ז ע ל ע. אָבער ס'וועט דאָך ווירקלעך זײַן אַזוי, ווען מיר וועלן אַרויס פֿונדאַנען. פֿי־לײַכט גייט שוין דער קריג צו ענדע, און ווי נאָר מיר וועלן זיך אַרויסראַטעווען...

ד ע ר י ע. יאָ, מײַן טאָכטער, דעמאָלט ערשט וואָלט איך געדאַרפֿט פֿאַלן צו דײַנע פֿיס און זיך פֿאַרכלינען אין אַ געוויין.

ג י ז ע ל ע. פֿון גרויס פֿרייד, זיכער.

ד ע ר י ע. ניין, ניט פֿון פֿרייד, נאָר דערפֿון, וואָס איך וואָלט געזען דעם גרויסן דערנער־וועג, וועלכער שטייט דיר נאָך פֿאָר אין דײַן יונג לעבן. די אַלע שטרויכלונגען... איינער אַ רוס האָט עס נאָך אין זײַן צײַט אַזוי געניאַל פֿאָרויסגעזען.

ג י ז ע ל ע (פֿאַרכידעשט). אַ רוס גאָר?

ד ע ר י ע. יאָ, יאָ, דער געניאַלער דאָסטאָיעווסקי, אַ רוסישער שרײַבער.

ג י ז ע ל ע. אַ רוס? אָט פֿון די זעלבע, וואָס באַלאַגערן איצט בערלין? גאָט דו ליבער! (זי טוט אַ פּליעסקע מיט די הענט.)

„גאָט דו ליבער!“ — דערהערט זיך אַ פֿאַרצווייפֿלט וויינענדיק קאָל פֿון דער פֿרוי פּ ר אָ ס ט.

זי קומט אַרײַן אַ פֿאַרבלוטיקטע, לעבן איר — ע ד י ט, ק אַ מ י ל ע. קאַמילע נעמט אַראָפּ פֿון זיך דאָס קאָפּטיכל, צערײַסט עס אַף פּאַסן און בינדט איר איבער די האַנט.

פּ ר אָ ס ט. איך וועל עס ניט איבערטראָגן, לאָזט מיך שטאַרבן. פֿאַרוואָס בין איך בעסער ניט באַגראָבן געוואָרן אונטער אָט דעם באַרג, ווי די אַנדערע? איך וויל שטאַרבן, לאָזט מיך שטאַרבן.

ק אַ מ י ל ע. דערווײַל לאָזט זיך איבערבינדן די האַנט.

ע ד י ט. אום גאָטעס ווילן, מאַכט ניט מיט די הענט, האַלט רויִק די האַנט, מע מוז דאָך דאָס בלוט ווי־ניט־איז אָפּשטעלן.

ק אַ מ י ל ע. אַזאַ נאַרישקײַט, אַזאַ ווילדקײַט! מע קאָן דאָ אומקומען פֿון זיי.

פּ ר אָ ס ט. וואָס דאַרפֿט איר מיך ראַטעווען, אַז איך שטאַרב סײַווי, אַז איך גיי אויס. מיר וועלן דאָ אַלע שטאַרבן, מיר וועלן פֿונדאַנען ניט אַרויסקריכן.

ק ע ז ל ע ר (קומט אַרײַן מיט יוזעפֿן). וועלן מיר ניט אַרויסקריכן, וועט מען אונדז פֿאַר די האָר אַרויסשלעפּן, אָנע ערגער.

פּ ר אָ ס ט. פֿאַרשמאַכטע, הונגעריקע...

ק ע ז ל ע ר. נו, אַלזאָ, וועט ערשט דעמאָלט קעדײַ זײַן אָרגאַניזירן אַ גוט אָוונט־עסן.

פּ ר אָ ס ט. אַז עס נעמט גאָר קיין עק און קיין ענדע ניט. מע האָט שוין אַרויסגעשלעפּט אַזויפֿיל ציגל, מיט שטיינער, מיט אײַזנס, מיט דער רועך ווייסט וואָס, קומט מען ערשט צו צו אַ שפּאָגל־נײַער וואַנט פֿון אײַן גאָס! וואָס טוט מען דערצו, אַז ס'ניטאָ מיט וואָס אַ ריר צו טאָן און די קויכעס גייען שוין אויך באַלד אויס...

ק ע ז ל ע ר. נו, אַלזאָ, מע וועט זיך שוין אַן אייצע געבן. מע האָט זיך שוין דאָרט גענו־מען גראָבן אין אַן אַנדער אָרט.

י ו ז ע ף. איך האָב פון אָנהייב געזאָגט, אַז מע דאַרף זיך נעמען לינקס. איך געדענק, די גאַנצע רעכטע זײַט איז דאָרט פון אויבן פאַרוואָלגערט.

פ ר א ס ט. דאַרף איך לעבן? קען מען לעבן אױף דער וועלט? דאָ איז פאַרוואָלגערט, דאָרטן איז אײַנגעפּעסט געמויערט. אַז אָט דער געמיינער פאַרפלוכטער יודע האָט זיך פאַרמויערט, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געקליבן לעבן אייביק.

ק ע ז ל ע ר. ווי קומט אהער א יודע?

י ו ז ע ף. וועלכער יודע?

פ ר א ס ט. אָט דער שמוציקער ווערטהיימער, ס'האָט דאָך געהערט צו אים, אָט דאָס גרויסע וואַרענהויז[1] אױף א גאַנצן קוואַרטאַל.

י ו ז ע ף. מע וואָלט עפּשער בעסער געדאַרפט געווען גלײַך דאָ אָנהייבן גראָבן. דאָ ווייסן מיר כאָטש, אַז ס'איז געווען אַן אַרײַנגאַנג.

ק א מ י ל ע. מיט אונדזערע קויכעס איז דאָ אַן אַרבעט אױף א פּאָר וואָכן.

ק ע ז ל ע ר. נו, אַלזאָ, אָנע ערגער, וועט ניט קלאָפּן דאָרט, וועלן מיר איבערגיין אהער. מיר זײַנען אונטער דער מאַכט פון די אומשטענדן.

פ ר א ס ט. גאָט דו ליבער, ער וועט ערשט איבערגיין אהער! נעם מיך צו פונדאַנען, לי־בער גאָט. (צעוויינט זיך אױף א קאָל.) קערט מיר אום דאָס שערל, וואָס האָט איר בא מיר אוועק־גענומען דאָס שערל! לאָזט מיר זיך אופשנײַדן די אָדערן ביז צום סאָף. אַז איך וויל גאָרניט אזא העסלעכן טויט, אזא טויט מיט מאַטערנישן...

ע ד י ט. אום גאָטעס ווילן, באַרויִקט זיך שוין אַמאָל, גענוג שוין צו פּילדערן.

ק א מ י ל ע. זעט, וויפל מענטשן איר האָט אָפּגעווענדט פון דער אַרבעט מיט אײַער מעשוגאַס.

ק ע ז ל ע ר. נו, אַלזאָ, גייען מיר פּאָרזעצן.

מיט אים צוזאַמען גייען אוועק י ו ז ע ף, ק א מ י ל ע, ע ד י ט, ג י ו נ ט ע ר, ג י ז ע ל ע.

פ ר א ס ט. ס'איז מיר אוואדע א ווילדע שאַנד, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, ווי זאָל איך ניט וויינען און ניט קלאָגן: אזא לעבן, אזא זעטיק לעבן, ווי איך האָב געהאַט בא מיר אין דער קאַפּ־פע... האָט דען עמעצער געוווּסט פון א מאַנגל אין עסן צי פון לעבנסמיטל־קאַרטן? איר קענט פרעגן אױף דער דאַנציקער שטראַסע, אױף גאַנץ פּרענצלאַוער־בערג, ווער האָט ניט געוווּסט, אַז בא פרוי פראַסט קאָן מען אַרײַנקומען צו יעדער צײַט און אָנשטענדיק אָפּעסן. אָ, מײַנע טײַערע ליבע קליִענטן! צו מיר פלעגן דאָך אַרײַנקומען די פאַרנעמסטע לײַט. און איצט, אָ, גאָט דו ליבער, אזא בראָך, אזא גרויזאַמער שיקזאַל! האָבן דאָרט א פולן קעלער מיט אַלדאָסגוטס און דאָ שטאַרבן פון הונגער. איר לאַכט פון מיר געוויס.

ד ע ר י ע. ניטאָ מער קיין טרערן און אויך ניט קיין געלעכטער. מיר זײַנען דאָ אַלע מאַכטלאָז.

פ ר א ס ט (צו דעריען, שטיל, ווי א סאָד). איך פאַרשטיי גאָרניט אָט די פרוי. פאַרלאָרן אזא קינד, איר האָט געזען דאָס מיידעלע אירס? א מאַלעכל, ניט קיין קינד, אַן עכטעס ענגע־לײַן, און זי זאָל עס אפילע אַרויסלאָזן א קרעכץ. (אין דער הייך) גאָט דו ליבער, אָנשטאָט דעם קינד, וואָלט שוין בעסער אָט דער קריפּל, אָט דער קאַליקע אומגעקומען. ער קאָן דען עפּעס טאָן? איר זאָלט זען, ווי ער אַרבעט דאָרט, ער האָט דאָך נאָר איין פוס, לייגט ער זיך אוועק אױף אַלע פיר און מיט דער איינער האַנט קאַלופּעט ער און קאַלופּעט. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט (נאָכאַמאָל שטיל), ער איז א שטיילער, יאָ, יאָ, אַן עמעסער גאַנעוו, ער האָט זיך שטי־לערהייט צוגעכאַפּט צום שטורמבאַנפיורערס רענצעלע און האָט עס שוין געהאַט אופגעעפנט, האָט עס יענער דערזען, איז פרעגט שוין גאָרניט, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן! גאָט דו ליבער, דער שטורמבאַנפיורער האָט אים געוואָלט דערשיסן. ווען ניט די מענטשן, וואָלט ער אים אָפּן אָרט דערשאָסן. און דער קריפּל שרײַט: איך האָב אויך א כיילעק דערין, הער שראַם! און די פרײַנדן זײַנע האַלטן אין איין שרײַען, אַז ער הייסט גאָרניט שראַם, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געהייסן שראַם, ער הייסט גאָר ווילינג, קאַרל ווילינג.

ב ע א ט ע (שפּרינגט אוף). שראַם, ער הייסט יאָ שראַם, שוין צוועלף יאָר, אַז מע רופט אים אזוי: ווילי שראַם. איך בין נאָך דערוויַיל זײַן ווײַב, און איך וועל עס באַשטעטיקן. (זי לאָזט זיך האַסטיק אהין, ווו מע אַרבעט, און שטויסט זיך אָן אין וועג אױף רודאָלפן מיט וואָלינען, וועלכע קומען אַרײַן. פרוי פראַסט גייט נאָך בעאַטען.)

ר ו ד א ל ף. איך מוז אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס רעקל, ס'איז הייס אױף דערשטיקט צו ווערן.

---

[1] אוניווערסאַלער מאַגאַזין.

װעלין. אָבער, רודי...

רודאָלף. לאָז מיך צורו, איך בעט דיך.

װעלין. צי װילסטו דען ניט לעבן, רודי? פילײַכט װעלן מיר זיך נאָך ראַטעװען פון אָט דעם קיװער, װילסטו, אַז ער זאָל דיך נאָך דאָ... דו האָסט געזען, װי ער איז אָנגעפאַלן אױפן אינװאַליד?

רודאָלף. איך בין דאָך ניט קײן אינװאַליד, עװוכען, איך האָב דאָך נאָך, א דאַנק גאָט, צװײ געזונטע הענט...

װעלין. אָבער דו ביסט... האָסט שױן פאַרגעסן, װי דײַן לעבן איז געװען אין געפאַר יעדן טאָג, יעדע שאָ, יעדע מינוט.

רודאָלף. איצט — אױס, איצט װיל איך שױן מער ניט...

װעלין. אָט דאָ צװישן אַזױפיל פײַנט פילסטו זיך שױן מער ניט אין סאַקאָנע? איך דערקען דיך גאָרניט, רודי. (ער רײַסט פון זיך דאָס רעקל, זי לאָזט אים ניט.) װי דיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיך צו פּײַניקן, װי דו באַמיסט זיך מיר װײ צו טאָן!

רודאָלף. איך בין מיד, עװוכען, פאַרװאָס פאַרשטײסטו מיך ניט, איך בין מיד ביז צום שטאַרבן. פון אָט דער פינצטערער גרוב, פון אָט די מענטשן דאָ, פון אָט דעם לעבן, װאָס הענגט אױף א האָר. לאָז מיך כאָטש דאָ שטאַרבן מיט זעלבסטװירדע. צי באַמערקסטו דען ניט די פאַרװונדערטע בליקן, װאָס זײ װאַרפן אױף מיר, אױף אַזא קרעפּטיקן מאַן אין בלי פון יאָרן, װאָס איז ניט אין דער װערמאַכט. (ער טוט האַסטיק א שמײַס אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל, אױפן אָרבל טוט א בלענד די געלע לאַטע. זי װאַרפט זיך אַרוף אױף זײַן האַנט, װי זי װאָלט װעלן די לאַטע פאַרשטעלן.)

װעלין. װי געשטראָפט איך בין פון דיר! שױן װיפל מאָל האָסטו מיך ביזן בלוט באַלײדיקט, װיפל מאָל האָסטו מײַן האַרץ געשניטן, װי מיט א מעסער, אָבער ס'איז מיר זיס די לײד, ס'איז מיר לײַכט דער שװערסטער אָל בלױז פאַר מײַן צורירן זיך צו דיר, פאַר אײן מאָל זײַן געצערטלט פון דיר. זײַ צאַרט צו מיר, רודאָלף!

ס'קומט אַרײַן בעאַטע, נאָך איר קאַרל װילינג, הילדע. עװעלין דערזעט זײ און אין שרעק קלאַמערט זי זיך נאָך שטײַפער אײַן אין רודאָלפס אָרעם. רודאָלף רירט זיך ניט פון אָרט. בעאַטע שפּאַנט אַרום אַן אופגערעגטע, הילדע שטױסט װילינגן, ער זאָל רעדן מיט בעאַטען.

װילינג (גײט צו צו בעאַטען). װי שעמסטו זיך ניט, האַטשכען, אַזא קװאַטש צו רעדן. באַדענק זיך, האַטשכען, דאָס איז דאָך צוליב דײַנע אינטערעסן אױך. איך דאַרף דיר זאָגן... איך מעכטע... איך מוז דיר זאָגן אונטער פיר אױגן, בלײַב נאָר שטײן א מינוט. (ער פּרוּװט זי אָפּשטעלן.)

בעאַטע (רײַסט זיך פון אים). לאָז אָפּ.

װילינג. דו דאַרפסט אַזױ ניט זײַן, האַטשכען, זײַ שטאַרק, עס טוט מיר אױך גענוג װײ אונדזער עריקע.

בעאַטע. זאָלסט ניט דערמאָנען דעם קינדס נאָמען! דו הערסט, װאָס איך זאָג דיר.

װילינג. מאַך קײן קראַך ניט, האַטשע, איך מוז מיט דיר רײדן ערנסט, װעגן װיכטיקע אָנגעלעגנהײַטן.

בעאַטע. מיט קײן קינדער־מערדער רעד איך ניט.

װילינג. װאָס מײנסטו דערמיט, בעאַטע? איז עס דען מײַן שולד?

בעאַטע. יאָ, דײַנע, און אַז דו װילסט, װעל איך דיר נאָך מער זאָגן. װען דו װאָלסט ניט געװען קײן קינדער־מערדער, װען דו װאָלסט ניט געװען אַזױפיל קינדער...

הילדע (מיט א געשרײ). שעמען מעגסטו זיך, בעאַטע.

װילינג. איך װעל דיר...

הילדע (פאַרמאַכט אים דאָס מױל). שװײַג, קאַרל! באַדענק זיך, בעאַטע, װער דו ביסט! פאַרגעס ניט, אַז דו ביסט א דײַטשישע פרױ. עפשער ניט איך דאַרף עס דיר זאָגן, אָבער איך װיל, דו זאָלסט מיך פאַרשטײן, בעאַטע. מיר לעבן איצט איבער דעם גרעסטן אומגליק, װאָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק. אין אַזא בראָך, אין אַזא שרעקלעכער צײַט דאַרף מען פאַרגעסן אין אַלדאָס קלײנלעכע, פּערזענלעכע.

בעאַטע. איך זע, איך זע, װי דו פאַרגעסט.

הילדע. כ'װײס, איך פאַרשטײ, אַז עס ברענט אין דיר דער אײפער, איז נאַ, נעם אים, קאַרלען, איך טרעט אים דיר אָפּ. און מיך, קאַרלכען, נעם דערשטיקט. דערשיס מיך, און זאָל זי ניט האָבן צו װעמען צו אײפערן. אָבער אים זאָלסטו לאָזן צורו, בעאַטע. ער טראָגט אױף זיך איצט די פאַראַנטװאָרטלעכקײַט פאַרן שיקזאַל פון פאָלק. אין דער צײַט, װען דער פײַנט איז

שוין אפן האַלדז, דאַרף מען דאנקען גאָט, וואָס אזא מענטש, ווי קאַרל, לעבט נאָך. מע דאַרף צופאַלן צו אים, אים אַרומנעמען און קושן די פאַלדן פון זײַנע קליידער, ווײַל נאָר אַזעלכע, ווי ער, קאָנען אונדז נאָך עפשער ראַטעווען פונעם אָפּגרונט.

ב ע א ט ע. זיך האָט ער שוין אָפּגעראַטעוועט, און דיך אויך, די מאַשין וואַרט דאָך דאָרטן אַף אײַך.

ה י ל ד ע. און דאָס, וואָס דו האָסט פאַר אזא מענגע מענטשן, וואָס, מעגלעך, ווער פון זיי איז אין לאַגער פון אונדזערע פײַנט, אַנגערופן קאַרלען קינדער־מערדער, איז קאָן איך דערוף ענטפערן איינס: וואָס ער זאָל ניט האָבן געטאָן אלס פאַרטײַ־געגאָסע, האָט ער עס געטאָן צוליב דעם דײַטשישן פאָלק, זאָלן עס געדענקען די אַלע, וואָס האָבן אים אמאָל באַשאָטן דעם וועג מיט בלומען און איצט שלײַדערן זיי אין אים שטיינער.

בייס דעם דאָזיקן געשפּרעך רײַסט עוועלין מיט די הוילע פינגער, מיט די ציין די געלע לאַטע פון רודאָלפס אַרבל. רודאָלף איז אזוי פאַרכושט, אז ער לייגט ניט קיין אַכט דערוף. עוועלינס הענט ציטערן, האַלטנדיק דאָס אָפּגעריסענע שטיקל שטאָף. זי ווייסט ניט ווו עס אהינטאָן, און עס פאַלט פלוצעם אַרויס בא איר פון די הענט. זי האָט מוירע זיך אָנצובייגן עס אופהייבן, שאַרט זי עס אַוועק מיט די פיס.

ו י ל י נ ג. האַטשכען, זײַ ניט נאַריש, איך האָב אַלץ אַף דיך צו... דו זאָלסט זיך ראַטעווען, מיר זאָלן זיך אַלע ראַטעווען. נאַ, זע, כאַפּ א קוק (ווײַזט אַפן רענצל). אבי מיר זאָלן נאָר אַרויסקריכן פון אָט דער לאָך. דו זעסט, מיט דעם קאָן מען קומען, ווו דו ווילסט אין וועסטן[1], אין דער שווייץ, קיין שפּאַניע, קיין אַמעריקע אפילע, מיר וועלן צוזאַמען, אַלע דרײַ...

ב ע א ט ע (טוט אים א שטויס אַפּ מיטן רענצל, וואָס טוט א קלונג. ער באַמיט זיך מיט אַלע איווּרים, עס זאָל זיך ניט צעעפענען פאַר אַלעמען אין די אויגן). **אידיאָט!**

ר ו ד אָ ל ף (צעלאַכט זיך הויך אַף א קאָל). **אידיאָט... כאַ־כאַ־כאַ.**

ו י ל י נ ג. **זאָפאָרט אַנשטומט ווערן, דו געמיינער הונט.**

ר ו ד אָ ל ף (לאַכט). **כאַ־כאַ־כאַ, איך פּלאַץ, איך ווער פאַריקט[2].**

ע וו ע ל י ן (דערשראָקן). **הער אוף, רודאָלף.**

ו י ל י נ ג. **לאָך, לאָך, דו הונט, דו וועסט בא מיר נאָך לאַכן מיט יאַשטשערקעס.**

ר ו ד אָ ל ף. **דאָס ווייס איך נאָך ניט — ווער בא וועמען עס וועט לאַכן. דערווײַל לאַך איך. כאַ־כאַ־כאַ.**

ע וו ע ל י ן. **נו, הער שוין אוף.**

ר ו ד אָ ל ף. **ווי קען מען אופהערן? אידיאָט... כאַ־כאַ־כאַ. אָט דאָס נעבעכדיקע רענצעלע אַליין וועקט אין מיר דעם געלעכטער, כאַ־כאַ־כאַ. אַזויפיל אָנגערויבט, אַזויפיל גרויסע מעכ־טיקע לענדער דעראָבערט און געבליבן בא דעם קליינעם רענצעלע, און דאָס ווייסט מען אויך ניט, ווו מע זאָל עס פאַרשטעקן. כאַ־כאַ־כאַ! איך וואָלט אײַך געראַטן, איר זאָלט אינדרײַען זיך צעטיילן מיט דעם, וואָס איר האָט דאָרט, און עס אַראָפּשלונגען. עסן איז דאָך סײַוויסײַ ניטאָ וואָס.**

ה י ל ד ע. **איצט זע, בעאטע, ווי די פײַנט...**

ר ו ד אָ ל ף. **כאַ־כאַ־כאַ, אָט די דאָזיקע איז קלוג, כאַ־כאַ־כאַ, זי, האָב איך מוירע, וועט זיי ביידן אַראָפּדרייען דעם קאָפּ, אָט די שלעמע.**

ו י ל י נ ג. **האָב צײַט, איך וועל עס דיר פאַרגעדענקען, דײַן שמוציקער קאָפּ וועט פליִען, נאָך איידער דו וועסט זיך אַרומקוקן.**

ר ו ד אָ ל ף. **דערווײַל קלײַבסטו זיך פליִען, נאָר פאַרוואָס עפּעס אזוי ווײַט? אין אַזעלכע ווײַטע ערטער, אזש קיין שפּאַניע, קיין אַמעריקע... דו האָסט דאָך אַזויפיל גוטעפרײַנט דאָ, אין דער נײַער אייראָפּע. נאָר אומעטום זײַנען שוין די רוסן איצט, און אין דײַטשלאַנד זײַנען שוין אויך די רוסן, און אין בערלין שוין אויך, כאַ־כאַ־כאַ.**

ו י ל י נ ג (לאָזט זיך גיין, דערזעט זיך וואַלגערן די געלע לאַטע, הייבט זי שנעל אוף). **א יודע־צייכן! דאָנערוועטער, ווער? צו וועמען געהערט עס? ווער איז דאָ דער שמוציקער יודע? וועמעס איז עס?** (ער ווענדט זיך צום דאָקטאָר דעריע.) **דו?**

ר ו ד אָ ל ף (רײַסט אַרויס דעם צייכן פון זײַן האַנט און טשעפּעט אים צו באַם האַרצן). **איך!**

ו י ל י נ ג. **אָט ווי־אַזוי, און דו לעבסט נאָך?**

ר ו ד אָ ל ף. **ווי דו זעסט.**

---

[1] אַף מײַרעוו; [2] מעשוגע.

װ י ל י נ ג. איז נאָ! איך זע, דו ביסט מיר צו קולטורעל. (שלעפּט שנעל אַרויס דעם פּיס־טויל.) מיט אַ יודע מאַך איך עס קורץ און פּאַרטיק.

רודאָלף הייבט זיך אָן ראַנגלען מיט אים. עװעלין שרייַט און באַפאַלט װילינגן. דער פּיסטאָלעט אין זייערע ביידנס הענט שיסט אויס אַף אַרויף. ענדלעך רייַסט אים רודאָלף אַרויס.

ע װ ע ל י ן (וואַרפט זיך אַף װילינגן). איך וועל דיר די אויגן אויסשטעכן. אַזויפיל יאָרן אים אויסגעהיט! ווי דאָס אויג אין קאָפּ האָב איך אים געהיט, קוים דערלעבט דעם סאָף איי־ערן. איך וועל דיר דעם מיִעסן פּאַרצעף דייַנעם אַף שטיקלעך צערייַסן!

רודאָלף וואַרפט אַרויס אַף דער ערד די קוילן פונעם פּיסטאָלעט, צענעמט אים האַסטיק אַף באַזונ־דערע טיילן און צעוואַרפט זיי אין אַלע זייַטן, איבערלאָזנדיק עפּעס וואָס בא זיך אין קעשענע. דער אַרייַנגעקומענער יוזעף קלייַבט צונויף די פּיסטאָלעט־טיילן פון דער ערד.

ר ו ד אָ ל ף. איצט קאָנסטו אים אָנלאָדן. איצט שטייען מיר ביידע אונטער איין דאַך, איצט זייַנען מיר ביידע גלייַך, איינס אַף איינס, אָן דעם פייַער־געווער, ביטע שיין.

ה י ל ד ע שטופּט אָפּ קאַרלען). לאָז, דו ווועסט זיך נאָך מיט אים אָפּרעכענען.

ע װ ע ל י ן (שלעפּט אַוועק רודאָלפן). פּאַרטשעפּע זיך מיט זיי ניט, גענוג שוין, לאָז אים אָפּ, זיי ווועלן דיך דאָ אַלע...

ר ו ד אָ ל ף. האָב קיין מוירע ניט, צו טייַער האָט מיר מייַן לעבן געקאָסט, איך זאָל זיך לאָזן צעבייַסן פון אַזאַ מויז.

ה י ל ד ע. ייִדישע פרעכהייַט, דאָס זאָגט ער, ווען ער איז אַליין געלעגן פאַרשטעקט ווי אַ מויז אין אַ לאָך.

ד ע ר י ע. יאָ, יאָ, זיי זייַנען געלעגן פּאַרשטעקט, אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן בא זיי צוגענו־מען די לופט, האָט זיי אויסגעהיט פון שימל; די זאַלץ, מיט וועלכער מיר האָבן מיט אַזויפיל האַס באַשאָטן זייערע ווונדן, האָט זיי אָפּגעהיט אין זייער פרישקייַט...

יוזעף נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פון דעריען.

װ י ל י נ ג. דאָנערוועטער, כ'האָב געמיינט, מיר האָבן זיי שוין אויסגערייכערט, די פּאַס־קודסטווע שמוציקע יודענשאַפט, דו זע, ווי זיי זייַנען נאָך אומעטום דאָ. דער אויך... (ווייַזט אַף דעריען.)

ד ע ר י ע. אַ, ניין, דאָס רעדט אַ דייַטש. מיר האָבן זיי געהאַלטן צוועלף יאָר פאַרשטעקט, און אַליין האָבן מיר געפּרירט אַף די רוסישע פעלדער... און אָט קומט דער פרילינג, וועט איר זען, ווער עס וועט פריִער אָנהייבן צו גרינען.

פון דאָרט, ווו מע אַרבעט, דערטראָגט זיך אַ טומל, מע שרייַט „בראַוואָ!", „האָך!", „הוראַ!", אַלע בלייַבן שטיל, דערשטוינט, ביז עס באַווייַזן זיך קעזלער, פאָן זאַסען, פרוי פראַסט, גיזעלע מיט גיונטערן, אַלע מיט פולע הענט, אָנגעפּאַקטע מיט קאָנסערוון־באַנקעס, פלעשער ווייַן.

ק ע ז ל ע ר. נו, אַלזאָ, אָנע ערגער. וואָס שטייט איר ווי די גלאָמפּן? מיר זייַנען געראַ־טעוועט!

פ אָ ן ז אַ ס ע ן. מענטשנס קינד, וואָס אַמפּערט איר זיך דאָ? מיר האָבן דאָרט אַנטדעקט אָן אויצער, אַ גאַנצן אויצער.

ג י ז ע ל ע. נאַט, זעט, קוקט אָן!

פ ר אָ ס ט. גאָט דו ליבער, אַ גאַנצן קעלער מיט אַזויפיל לעבנס־מיטלען, מיט פליישׂ־קאָנסערוון, מיט פרוכטן, מיט ווייַנען, מיט וואָס ניט?! כאַטש נעם און עסן אַ קנייַפּע.

נאָך איידער זי ענדיקט, זייַנען שוין אַלע אַוועק אַף צוריק, לאָזנדיק דאָ בלויז דעם דאָקטאָר דעריע און פרוי פראַסט.

דאָס דריטע בילד

אין אַ פּאָר שאָ אַרום. דאָס אָרט, ווו מע האָט געפונען די פּראָדוקטן. אַרום און אַרום זייַנען צעוואָרפן צעעפנטע קאַסטנס, שאַכטלען. יעדערער זיצט אין זייַן ווינקל און איז פאַרטאָן אין דער אַכילע. מע עסט גלייַך פון די פושקעס מיט די הוילע פינגער, מע פאַרטרינקט מיט ווייַן פון די פלעשער. לעם דער פ ר ו י פ ר אָ ס ט איז אַ גאַנצער באַרג מיט קאָנסערוון־פושקעס

און מיט פלעשער, זי קײַט געשמאַק אַף בײדע באַקן. ג י ו נ ט ע ר מיט ג י ז ע ל ע ן זיצן ניט
װײַט פון איר און מע האָדוועט אײנס דאָס אַנדערע. מע פּאַרטרינקט פון אײן פלאַש. לעם
ב ע א ט ע ן זיצט פ אָ ן ז א ס ע ן, ער עסט און טײַנעט עפּעס מיט איר אײַן. ניט װײַט פון
זײ זיצט װ י ס מ א ר, כאָטש ער איז פאַרטאָן אינעם טרינקען, הערט ער זיך צו צו זײער
געשפּרעך. אין א װינקל לעבן ד אָ ק ט אָ ר ד ע ר י ע זיצן ק א מ י ל ע, ע ד י ט און ע װ ע ל י ן.

פ אָ ן ז א ס ע ן (צו בעאטען). מענטשנס קינד, מאַכט זיך ניט אומגליקלעך, איר האָט איצט די בעסטע געלעגנהײַט...

ב ע א ט ע. איך בין שוין סײַווי אומגליקלעך.

פ אָ ן ז א ס ע ן. מע זאָגט דאָך אײַך, אַז סע קלאַפּט בא זײ ניט. ער זיצט שוין דאָרט אײ־נער אַלײן, און זי ערגעץ אַנדערש. קומט, קומט, װעט איר זען.

ב ע א ט ע. הער פאָן זאסען, איך בעט אײַך, לאָזט מיך צורו.

פ אָ ן ז א ס ע ן. אָבער ס׳איז דאָך א זינד פאַר גאָט, מענטשנס קינד. אזא גוטס! עס װעט אײַך קלעקן אַפן גאַנצן לעבן, אַף עטלעכע לעבנס. איר האָט דען אַן אַנונג, װאָס דאָרט טוט זיך? װי א פּרינצעסן װאָלט איר געלעבט, װי א פירשטן.

ב ע א ט ע. איך בין שוין געװען א פירשטן, גענוג פאַר מיר.

פ אָ ן ז א ס ע ן. װאָס רעדט איר, פּרוי װילינג? ס׳איז דאָך א פאַרברעכן, בוכשטעבלעך א פאַרברעכן, אַז דאָס אַלץ זאָל אַרײַנפאַלן צו אַזא הור. מענטשנס קינד, זי װעט זיך פון אים ניט אָפּטשעפּען, אויב איר װעט ניט טאָן דערינען.

ב ע א ט ע. זאָל זי, זאָל זי, ס׳װעט איר באַצאָלט װערן.

פ אָ ן ז א ס ע ן. פּאַסן זי מיר אויף. איך בין אײַך א פרײַנט צי ניין? זאָגט מיר, זאָגט, איך בעט אײַך, װאָלט זיך װער אַן אַנדערער אונטערגענומען אין אזא שרעקלעכער צײַט, װען די שטאָט װערט באַשאָסן פון הארמאַטן, װען באָמבעס פאַלן אַן אויפהער איבערן קאָפּ, נאָכשפּירן, נאָכפאָרשן א פאַמיליען־פּאַראַט, און נאָך פון װעמען, פון אַן עססעס־שטורמבאַנפירערער?

ב ע א ט ע. איך בין אײַך זײער דאַנקבאַר, הער פאָן זאסען, איך גלײב, איך װעל אײַך נאָך קאָנען מער באַלױנען.

פ אָ ן ז א ס ע ן. ניט דאָס איז װיכטיק, ליבנסווירדיקע פּרוי. איך מײן דאָך ניט זיך, איך מײן דאָך פונײַערטװעגן, אַזא פאַנטאַסטישע געלעגנהײַט טרעפט זיך אײן מאָל אין טויזנט יאָר. איר קאָנט דאָך א מאַגנאַטן װערן און רײַך מאַכן אַלע אײַערע פרײַנט. פּאַסן זי מיר אויף, כ׳װעל אײַך דערקלערן. (שטילערהײט.) איר דאַרפט בלויז מיט אים גוט װערן און אומבאַדינגט זען, אַז דאָס רענצל זאָל זײַן בא אײַך אין די הענט. דעמלט װעט זי צו אים קײן צוטריט ניט האָבן. בא װעמען ס׳װעט זײַן דאָס רענצל, מיט דעם װעט ער זײַן. פאַרשטענדלעך? האָט איר מיך גוט פאַרשטאַנען? (זי שװײַגט.) מענטשנס קינד! ניין, דערלויבט, איך קאָן עס אַזוי ניט לאָזן, איך בין א מענטש פון טאַט, איך מוז... איך װעל אַלײן גײן און אים ברענגען אַהער, איך מוז אײַך איבערצײַגן.

ב ע א ט ע. הער פאָן זאסען...

פ אָ ן ז א ס ע ן. מאָמענטמאַל, פאַרלאָזט זיך שוין אַף מיר.

ער לאָזט זיך גײן, װיסמאַר פאַרשטעלט אים דעם װעג מיט דער קוליע און טוט אים א שלעפּ צו זיך.

װ י ס מ א ר. װאָס האָװעט איר דאָרט אַרום איר?

פ אָ ן ז א ס ע ן. ס׳איז בײַטיק, ס׳איז זײער װיכטיק פאַר אונדזער זאַך. פּאַסן זי מיר אויף. מע דאַרף זען זײ צונױפירן, װעט ער זיך פאַרגעסן, װעט ער זײַן פאַרנומען מיט איר.

װ י ס מ א ר. פאַרנעמט זיך ניט מיט קײן נאַרישקײַטן, דער יודע האָט אים אַנטװאָפנט, אַנעם געװער איז ער אויס העלד, פאַרלאָזט זיך שוין אַף מיר, מע מוז נאָר... (זאָגט אים עפּעס אַפן אויער.)

פ אָ ן ז א ס ע ן (שפּרינגט אָפּ). װי קומסטו גאָר דערצו, מענטשנס קינד? ניין, ניין, דאָס מאַך איך ניט.

װ י ס מ א ר. הער נאָר אויס, איך זע, אַז דו דרײסט זיך שוין אַפן קאָרעק, אַבי איך האָב דיר דערצײלט, װאָס דאָרטן אינעם רענצעלע טוט זיך, און איצט, װי דענקסטו, דו װעסט מיך אויסמײַדן? דו זעסט אָט די קוליע?

פ אָ ן ז א ס ע ן. מענטשנס קינד, דו װעסט קאַליע מאַכן די גאַנצע זאַך מיט דײַן נאַרישן קאָפּ. איך זע שוין, איך זע שוין פאָרויס. מעגסט זיך שוין פאַרלאָזן אַף מיר. איך בין, גאָט צו דאַנקען, שוין דרײַ און צװאַנציק יאָר א פּריװאַט־דעטעקטיװ, פאַרשטײסט, האָסט אַן אַנונג? מע דאַרף עס דאָך אַלץ צוגרײטן, מע מאַכט עס דאָך ניט גלאַט אַזוי, כאַפּ־לאַפּ, מע דאַרף זיך גוט

צוגרייטן און באוואָרענען. און ערשט דערנאָך, בא דער ערשטער מעגלעכקײַט, ווי נאָר מיר וועלן ארויס פונדאנען, איז איינס־צוויי, ביז ער וועט זיך ארומקוקן...

ו י ס מ א ר. נו, גוט, גיי! אָבער געדענק, מיך וועסטו ניט אָפּנארן. (פאָן זאסען אָפּ. וויסמאר טרינקט פון דער פלאש ווײַן און פארקוקט זיך אף גיונטערן מיט גיזעלען, וועלכע האלטן זיך ארומגענומען אין איין לאנגן קוש.) זעט נאָר, זעט, קוקט זיי אָן, קוקט אים נאָר אָן, אָט דעם יונג, ווי ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו איר, וועסט דאָך פון איר אויסזויגן דעם גאנצן מארך.



י ו ז ע ף. טשעפּע זיי ניט. אָט אזוי האָב איך ליב, דאָס איז דאָס ריכטיקע! בראוואָ, בראַוויסימוס! לעבן זאָל די יוגנט, לעבן זאָל די ליבע! (ער נעמט ארויס דעם פידל פון שייד, הייבט אָן שפּילן, זינגענדיק דערבײַ. אלע כאפּן אונטער דאָס לידל און זינגען מיט.)

דאָס וואר אין שענעבעק
אם מאָנאט מײַ,
א שיינעס מיידעלײַן
וואר אויך דאבײַ.
זי האט דעם יונג אירן
זאָ הייס געקיסט,
ווײַל דאס אין שענעבעק
געמיטלעך איסט.

גיזעלע און גיונטער זינגען און טאנצן.

פ ר א ס ט (מיט א פול געפּאַקט מויל, קוקט א לויכטנדיקע). גאָט דו ליבער, ווי גוט עס וואר, ווי שיין עס וואר. ווען וועל איך עס שוין ווידער דערלעבן צו זען בא זיך אין דער קנײַפּע! ס'איז דאָך בא מיר אזא געמיטלעכער טאנץ־זאַל.

ו י ס מ א ר (טוט פלוצעם א וואַרף די קוליע אף דער ערד און נעמט גוואלדעווען). דאָנער־וועטער! צום טײַוול! איך בין דאָך א פאנטאסטישער טענצער, איך האָב דאָך געטאנצט אין די שענסטע הויפּטשטעט, אין פאריז, אטען, אין בודאפּעשט, אין ווארשאו, מיט די בעסטע מיידלעך האָב איך איבערגעטאנצט, פרימע מיידן... אָט דאָס פארשאָלטענע שאולײַ בלויז און אָט דער פארפלוכטער שראם!.. נו, זאָגט אליין, מײַנע הערשאפטן, האָב איך דען זיך מיט עפּעס פארזינדיקט? האָב איך דען ניט אויסגעפּילט אימער אַלע באפעלן פון דער מאכט? אין די שווערסטע יודען־אקציעס ווער האָט אָנטיילגענומען? אָט זאָל ער זאָגן, דער פארפלוכטער פייגלינג! ער איז אויך א פייגלינג. יאָ, יאָ. איך געדענק עס נאָך גוט, ווי א פרוי האָט אים די גאנצע מאָרדע צעקראַדאשעט,

ווען מיר האָבן אנומלטן געלאָדן די וואגאָנען מיט קינדער. מיר האָבן זי קוים פון אים אָפּגעריסן, און ער האָט פאר גרויס שאנד, וואָס מיר האָבן דאָס אלע צוגעזען, ווי א ווילדע כּיַע דאָס קינד אַף דער העלפט צעריסן פאר דער מוטער אין די אויגן!

ש ט י מ ע ן. גאָט, דו ליבער! שוידערלעך... אזא ווילדקײַט! מע דארף זײַן א בעסטיע...

ק א מ י ל ע (צו ווייסמארן). דו ביסט גוט באַזויפן, פלוידערסטו דער טײַוול ווייסט וואָס.

ו ו י ס מ א ר. נו, גוט, בין איך באזויפן, זאָל זײַן אזוי. אָבער פארוואָס האָט ער מיך איבערגעפירט אין דער ווערמאכט, וויל איך ויסן? געשיקט גלײַך אין פײַער, איך זאָל א האנט מיט א פוס פארלירן, הא, פארוואָס? וואָס האָב איך פארזינדיקט? איז דאָס א גרויסער פארברעכן, אויב איך האָב אנומלטן בייס אן אקציע אויסגעבאהאלטן צוויי מיידלעך? דאָס זײַנען דאָך געווען פרימע מיידלעך, געטלעכע באשעפענישן, זאָג איך אײַך. כ'האָב אָפּגעמאכט מיט זיי — איינע מיר, די צווייטע דעם אָבעריעפרייטאָר זיגל. אָבער, כא־כא־כא, דעם אָבעריעפרייטאָר האָט די שלמע דערשטאָכן, נאָך איידער זי איז מיט אים צום בעט געגאנגען, און מײַנע איז אין טומל פארשווּנדן. איך קוק זיך ארום — טיו־טיו־טיו, דאָס פייגעלע איז ארויסגעפלויגן...

ק א מ י ל ע. מאך צו דאָס שמוציקע מויל דײַנס, זעץ זיך שוין אוועק אין געהאקטע ווונדן. (זעצט אים אוועק, ער נעמט זי ארום.)

ו ו י ס מ א ר. נו, גוט, גוט, דו ביסט אויך פרימע, ערשטער קלאַס. אָט אזוי זיץ לעם מיר, פייגעלע מײַנס, לאָמיר זיצן צוזאמען, נא, טרינק. (זי זיצט אף זײַנע קני און האלט אים צו דאָס מויל.)

ע ו ו ע ל י ן. זאָל ער רעדן, צוליב וואָס פארמאכסטו אים דאָס מויל? זאָלן מענטשן הערן, וועלן זיי כאָטש וויסן זייער שולד, וועלן זיי כאָטש וויסן, פארוואָס זיי האָבן צו באצאָלן.

ע ד י ט. עס וועלן צאָלן די, וואָס זײַנען די פארברעכנס באגאנגען.

ע ו ו ע ל י ן. ניין, דו וועסט צאָלן, און איך, און דער אָרעמער אומשולדיקער דאָקטאָר, מיר וועלן אלע צאָלן.

ד ע ר י ע. וואָס האָב איך שוין צו צאָלן בא מײַנע גראָווע האָר און טיפע קנייטשן...

י ו ז ע ף. ווער איז שולדיק, אז עס געפינען זיך אף דער וועלט אזעלכע אויסוווּרפן?

ע ד י ט. יעדער לאנד, יעדער פאָלק האָט פארברעכער.

פ ר א ס ט. וואָס האָבן מיר געוווּסט, גאָט דו ליבער, מיר, די איינפאכע אָרעמע הויז־פרויען?

ע ו ו ע ל י ן. די איינפאכע אָרעמע הויז־פרויען!.. אזעלכע הויז־פרויען האָבן מיך מיט מײַן מאן ארויסגעטריבן פונעם שוץ־קעלער, זיי האָבן ניט געוואָלט זיך ראטעווען פון די באָמבעס צוזאמען מיט א יודע. אזא הויז־פרוי, ווי איר, האָט אויסגעזידלט דעם קוילן־מאן דערפאר, וואָס ער ברענגט מיר די קוילן. ווען איר האָט געציטערט איבער אײַערע נישטיקע לעבנס אין די שוץ־קעלערס, בין איך מיט מײַן מאן געזעסן צווישן ווענט, וואָס האָבן זיך געטרייסלט. אָבער, גאָט, ווי גליקלעך בין איך געווען, ווען איך האָב נאָך יעדן אָנגריף געזען די רוּינען. דאָס הארץ האָט זיך אין מיר געלאָשן, ווען איך האָב געהערט, ווי עס פליִען אָן אלץ נײַע אעראָפּלאַנען, איך בין געווען דאנקבאר יעדער באָמבע, וואָס האָט געטראָפן אין ציל, איך האָב נאָר געבעטן גאָט, ער זאָל שטארקן די הענט פון אונדזערע פײַנט, זיי זאָלן גאר ניט אופהערן צו באהאָלען אונדז מיט פײַער, כאָטש איך אליין האָב געציטערט, ווי א בלאַט.

ק א מ י ל ע. און איר ווילט זאָגן, אז איר זײַט א דײַטשישע פרוי? אָט אזוי רעדט א פרוי, אין וועמעס אָדערן עס פליסט דײַטשיש בלוט?

ע ו ו ע ל י ן. ניין, איך וויל עס גאָרניט זאָגן, איך שעם זיך צו זײַן איצט א דײַטשישע פרוי.

ק א מ י ל ע. נו, פארשטענדלעך, וואָס קאָן מען נאָך דערוואַרטן פון א פרוי, וואָס איז באגאנגען ראסן־שאנדע, וואָס האָט איר לײַב פארקויפט צו א יודע?

ר ו ד א ל ף (קומט אָן, לייענענדיק אין דער הייך דעם מאָנאָלאָג פון האמלעטן). „...וואָס איז פאר אים העקובע? וואָס קער ער זיך אָן מיט העקובען, וואָס ער קלאָגט אזוי איבער איר? וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען ער טראָגט די זעלבע פײַן, וואָס איך? דער צושויער־זאל וואָלט געבאָדן זיך אין טרערן, ער וואָלט מיט זײַנע רייד די ווענט געשפּאָלטן, דאָס פּובליקום צעטרייסלט, דער פארברעכער וואָלט פאר פּאכעד אויסגעגאנגען, און די באשיידנקײַט, דעם אומשולד און אלע, וואָס קאָנען מיט אויג און אויער אופנעמען, וואָלט ער דערשיטערט ביז צו מעשוגאַס".

ד ע ר י ע. מאָדנע, אין אן אָרט, ווו עס שפּירט זיך דער רייעך פון בלוט און שאנדע, ווען עס דוכט זיך, אז אלץ אין דער וועלט וואָלט באדארפט צעמאָלט ווערן אין שטויב, איז א ביסל אויסטערליש צו הערן א זאץ פון שעקספּירן.

ר ו ד א ל ף. „אָ, ראכע! איך ביך א זון פון א דערמאָרדעטן פאָטער, וועמען עס רופן צו

נעקאָמע דער הימלֿ און דער געהענעם״. כא־כא־כא. איך בין אויך א זון פון א דערהארגעטן פאָטער, איך בין דערצו נאָך א פאָטער פון א דערהארגעטן זון, און איך בין א זון פון א דער־הארגעטער מוטער, א ברודער פון געשענדעטע שוועסטער און דערמאָרדעטע ברידער. וואָס וועט איר זאָגן דערצו? פאר האמלעטן איז העקובעס שיקזאלֿ א מינדערווערטיקער עפּיזאָד. און פאר מיר? וואָס איז פאר מיר אפילֿע האמלעטס טראגעדיע קעגן מײַן אייגענער? אָ, ניין! ווען איך וועלֿ נאָך אמאָלֿ שפּילן, וועט די ראָלֿ זײַן וועגן מיר אליין, א ראָלֿ, וווּ איך וועלֿ זײַן דער שוישפּילֿער און דער העלד איינצײַטיק.

ד ע ר י ע. זײַט איר דען א שוישפּילֿער?

ר ו ד אָ לֿ ף. יאוואָלֿ, מײַן הער. איך האָב די ערע זיך פאָרצושטעלֿן, געוועזענער שוישפּילֿער רודאָלֿף קריצינגער, אין כאראקטער־ראָלֿן געווען, ווי מע פלֿעגט זאָגן בא אונדז אין בערלֿין, גאנץ שארמאנט.

ד ע ר י ע. כ׳האָב פארשטאנען, כ׳האָב גלֿײַך פארשטאנען, ווען איר האָט געלֿייענט שעקס־פּירן, ווי אן עכטער שוישפּילֿער, ווי א גרויסער שוישפּילֿער.

ר ו ד אָ לֿ ף. כ׳האָב געהאט די ערע צו קענען פּערזענלֿעך דעם עסטרײַכישן יודע גאָלֿד־מאן, דעם שפּעטער בארימטן מאקס ריינהארדט, בא וועמען איך האָב געהאט דאָס גליק צו ארבעטן א געוויסע צײַט. (צו עדיט.) איר האָט זיכער דעם נאָמען אפילֿע ניט געהערט — ריינהארדט? און מײַן ברודער אָטאָ האָט מיר געשריבן, אז אין די אלֿע לֿענדער, וווּ ער איז אויסגעווען, ווייסט מען גאנץ גוט וועגן דעם ריינהארדט־טעאטער. מיך האָט גערעטעוועט אָט די רייך־ארישע פרוי מײַנע, מײַן ווײַבעלע (ער נעמט זי ארום), זי האָט זיך בעשום־אויפן ניט גע־וואָלֿט אָפּזאָגן פון מיר. און אים, דעם ברודער מײַנעם, האָבן די נאציס פון לֿאנד צו לֿאנד געטריבן, פון שטאָט צו שטאָט, פון בערלֿין קיין פּראָג, פון פּראָג קיין ווין, פון ווין קיין ווארשע, פון דאָרט קיין לֿעמבערג, און פון לֿעמבערג... מער ווייס איך פון אים ניט. דאָרטן האָבן זיי אים, פילֿײַכט, דעריאָגט, די נאציס.

ד ע ר י ע. אויך א שוישפּילֿער?

ר ו ד אָ לֿ ף. א שטיוולֿפוצער, מײַן פרײַנט. אין די אלֿע הויפּטשטעט — אן איינפאכער שטיוולֿפוצער. איז ווי לֿאנג קאָן עס א יודע בא די פאָרשטייער פון דער העכסטער ראסע זײַן א שטיוולֿפוצער? (צעלאכט זיך.)

ע ו ו ע לֿ י ן. נו, גוט, גענוג שוין, בארויִק זיך (ווישט אים דעם שווייס פון שטערן), ביסט באשניפּסט, ביסט גאנץ היפּש שיקער, ער האָט שוין אזא לֿאנגע צײַט עס ניט פארזוכט, אָרע־מער מײַנער.

ד ע ר י ע. איך מוז אײַך זאָגן, מײַן פרײַנט, אָט קוק איך אף אײַך, איך האָב אײַך זייער גוט אויסגעהערט, און ס׳קומט מיר אפּן זינען דער צעדערבוים, דער שטאָלֿצער, שטארקער, שלֿאנקער צעדערבוים, פאר וועלֿכן איך האָב שטענדיק גרויס רעספּעקט. דעם דאָזיקן בוים קומט אָן דאָס וואקסן ניט אזוי גרינג. בא אונדז אין דײַטשלֿאנד וואקסט ער, ווי באוווּסט, אין די הערצעגבירגע, און ער מוז גענוג אויסגעריסן ווערן פאר יעדן סאנטימעטער ווּקס. די בערג זײַנען דאָרטן באזייט מיט גראניט־שטיינער און די ביימער מוזן ארומשלֿענגלֿען מיט די וואָרצ־לֿען די דאָזיקע שטיינער און זוכן א באָדן, פונוואנען זיי זאָלֿן קאָנען שעפּן נערונג פאר זיך. און דאָך וואקסן זיי. עס טרעפט, אז די שטיינער לֿיגן אָנגעלֿייגט פּלֿאסטנווײַז איינער אפּן צווייטן, און אויבן, אף אָט די פּלֿאסטן, שטייען אָט די ביימער מיט די נאקעטע וואָרצלֿען איבער דעם געשטיין, ערשט ערגעץ אונטן, באַם צופוסנס, דערגרייכן זיי דעם באָדן, אזוי אז עס דאכט זיך אמאָלֿ, אז זיי וואקסן, די ביימער, אינדערלֿופטן. אָבער זיי שטייען פונדעסטוועגן גאנץ פעסט און וואקסן. און אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילֿע דערהויבן צו א גוואלֿדיקער הייך, נאָך מער, זיי שטייען אָפּט פעסטער, ווי אנדערע ביימער, וואָס וואקסן זיך באקוועם אין די טאָלֿן, ווײַלֿ זיי זײַנען צוזאמענגעוואקסן מיט אָט די ארומגעפלֿאָכטענע שטיינער, און קיין שום שטורעמווינט...

ר ו ד אָ לֿ ף (מיט א געשריי). גענוג!

ד ע ר י ע. איך דערציילֿ עס אײַך... איך בין ניט קיין דיכטער, מײַן הער, און קיין באָטא־ניקער אוואדע ניט. איך זאָג עס אײַך, ווײַלֿ איך בין א היסטאָריקער, און ווי א היסטאָריקער האָב איך רעספּעקט פאר אָט דעם געוויקס, ווײַלֿ אָט אזוי שטייען פעסט אין לֿעבן אויך יענע פעלֿקער, וועלֿכע זײַנען ערשט שטארק געוואָרן נאָך דעם, ווי זיי האָבן בײַגעקומען די שווער־סטע פּײַנען און שטרויכלֿונגען.

ר ו ד אָ לֿ ף. גענוג! צו טײַער, צו טײַער צאָלֿ איך פאר דעם פעסטשטיין אף אָט דעם פאר־שאָלֿטענעם שטיינערנעם באָדן, אָט דער באָדן ברויכט בלֿוט אָנשטאָט ערד־זאפט. איך האָב

מײַנע אַלע נאָענטע, מײַנע אַלע גוטעפֿרײַנט פֿאַרלירן אפֿן אָפּפֿער־טיש[1] פֿון אַט דעם פֿאַר־שאָלטענעם באָדן. עס לוינט מיר ניט, עס לוינט זיך ניט.

ע ו ו ע ל י ן. נו, ערגער זיך ניט, זײַ ניט אופֿגערעגט. (זי דערזעט אַרײַנקומען ווילינגן מיט הילדען.) איצט דאַרפֿסטו אינגאַנצן ניט ריידן.

ר ו ד אָ ל ף. פֿאַרוואָס ניט ריידן, פֿאַרוואָס זאָל איך איצט ניט ריידן? עס האָט דאָך אַמאָל געמוזט קומען אָט די מינוט, ווען אַפֿילע אַ שטיין זאָל עפֿענען דאָס מויל און ניט נאָר ריידן, נאָר גוואַלד שרײַען. און איצט איז זי געקומען. איצט, ווען איך זע אָט די טראַגיש־פֿאַרקרימטע געזיכטער זייערע (ווײַזט אויף די אַרײַנגעקומענע), דורכגעדרונגענע מיט שרעק, קאָן איך זאָגן, וואָס איך וויל, און כ'האָב שוין ניט וואָס צו שרעקן זיך.

ק אַ ר ל. קוואַטש. עס קומט גאָר ניט קיין פֿראַגע, מיר ווייסן נאָך ניט, ווער עס דאַרף מער זיך שרעקן.

ר ו ד אָ ל ף. איך ווייס עס שוין יאָ, איך ווייס עס גאַנץ גענוי. די רוסן זײַנען שוין, זיכער, אין בערלין, און ביז מיר וועלן זיך פֿונדאַנען אַרויסגראָבן, אויב מיר וועלן, איבערהויפּט, פֿונדאַנען אַרויסקריכן, וועלן שוין די רוסן זײַן אַ סאַך, אַ סאַך ווײַטער פֿון בערלין. איז וויל איך דאָ ניט באַגראָבן ווערן מיט מײַן צאָרן, גענוג וואָס איך האָב ביז אַהער שטענדיק געהאַלטן אַרײַנגע־רוקט מײַן קאָפּ טיף אין די אַקסלען, אַזוי ווי אין אַ קנופּ פֿון אַ שטריק.

ה י ל ד ע. אַ שאָד, וואָס דער קנופּ איז געווען צו שוואַך פֿאַרצויגן.

ו י ל י נ ג. יאַוואָל. ווער האָט זיי דאָ נאָך איבערגעלאָזט אויף דער דײַטשישער ערד?

ר ו ד אָ ל ף. אָט זעט, קוקט אים אָן, אָט שטייט ער — אַ הערשער איבער פֿעלקער. אין אָט דעם גלאָמפּ, וואָס קאָן אויף זײַן אייגענער שפּראַך קיין געדאַנק ניט אַרויסברענגען, זע איך די אַרמיניס, וועלכע האָבן געשטורעמט די אַנטיקע וועלט, די קונסט־וועלט פֿון די רוימער און גריכן, איך זע אין אים די וואַנדאַלן, וועלכע האָבן פֿאַרגאָסן טײַכן בלוט, די פֿירער פֿון די קרייץ־צוגן אין דער פֿינצטערער נאַכט פֿונעם מיטלאַלטער, און איצט זײַנען זיי געקומען, אָט די אויסוווּרפֿן מיטן מיטאָס פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיטן טויזנטיאָריקן קיניגרײַך, כאַ־כאַ־כאַ! אָבער דאָס איז דאָך אַפֿילע קיין מיטאָס ניט, מײַנע הערשאַפֿטן, דאָס איז דאָך בלויז אַ פֿאַרס.

ה י ל ד ע. ווי געמיין און פֿרעך ער איז, דער יודע.

ע ד י ט. צוליב וואָס, הער דאָקטאָר, פֿאַרפֿירט איר גאָר מיט אים אַזעלכע געשפּרעכן, צו וואָס נוצט עס אײַך?

ו י ל י נ ג. דער איז דאָך אויך אַ פֿראַנקמאַסאָן, אַ יודנלעקער.

ק אַ מ י ל ע. אַ מאָדנע זאַך, איך בין געווען אין זייער פֿיל לענדער פֿון אייראָפּע און איך האָב געזען, אַז אומעטום האָט מען זיי אַזוי פֿײַנט, ווי דאָ בײַ אונדז, נאָך עפּשער פֿיל שטאַרקער.

ד ע ר י ע. אין אַמעריקע, ווען די ערשטע ווײַסע פֿלעגן אַרויסגיין אויף יאַגד, האָבן זיי געטריבן פֿאַר זיך די געפֿאַנגענע אינדיאַנער, די דאָזיקע מענטשן זאָלן פֿאַלן אַלס די ערשטע קאָרבאָנעס, קעדיי די כײַע, אָן אָנגעזעטיקטע מיט בלוט, זאָל פֿאַרלירן די פֿייִקײַט צום ווידער־שטאַנד, זי זאָל אײַנדרעמלען...

ק אַ ר ל. קוואַטש, אַמעריקע איז אויך גאַנץ היפּש פֿאַרפּאַסקודעט מיט דער יודענשאַפֿט.

ד ע ר י ע. דאָס זעלבע האָבן מיר געטאָן מיטן ייִדישן בלוט. אין יעדן דעראָבערטן לאַנד האָבן מיר מיט זייער בלוט געוואָלט לעשן דעם צאָרן פֿון די פֿעלקער, פֿאַרשיקערן און זיי אײַנ־שלעפֿערן.

עס קומען אַרײַן ק ע ז ל ע ר מיט פֿ אָ ן ז א ס ע נ ע ן, זיי טראָגן ביידע אַ קעסטל מיט פֿלעשער ווײַן.

ק ע ז ל ע ר. נו, אַלזאָ, מײַנע הערשאַפֿטן, איך זע, אַז איר רעדט בלויז פֿון טרינקען און דערווײַל שטייט איר אַלע ניכטער, ווי פֿאַרן פֿריסטער. איז, ביטע שיין, אָנע ערגער, עכטער פֿראַנצויזישער סעקט.

פֿ אָ ן ז א ס ע ן. ס'איז געווען רעכט פֿאַרשטעקט. מיר האָבן איבערגעראַיעט אַלע קאַסטנס.

ו י ס מ א ר (טוט דער ערשטער אַ כאַפּ אַ פֿלאַש). סאַקראַמענטאַ, פּרימאַ, עכטער שאַמ־פּאַניער.

ק ע ז ל ע ר. האַלט, דאָס איז פֿאַר די דאַמען. אַלזאָ (דערלאַנגט די פֿרויען פֿלעשער ווײַן, זיי נעמען ניט). וואָס איז? (ער קוקט אויף זייערע ערנסטע אָנגעצויגענע פּנעמער.) וואָס טוען

---

[1] מיזבייעך.

זיי, מײַנע דאַמען? עס טוט מיר לייד. (ער עפנט א פלאַש, אנדערע מענער טוען אים נאָך). צו וואָס פאַרטרוימט זײַן? טרוים איז שוים.

פאַן זאַסען (טראָגט צו ווילינגן אַן אָפענע פלאַש). **ביטע, הער שטורמבאַנפיורער.**

הילדע (נעמט צו די פלאַש). **גיי בעסער צו איר, קאַרל, איך וועל דאָ זײַן.**

פאַן זאַסען. יאַ, יאַ, איצט איז דער ריכטיקער מאָמענט, איך האָב מיט איר גערעדט. זי לאָזט זיך בייגן.

ווילינג לאָזט זיך גיין.

הילדע (קערט אום ווילינגן). **גיב דאָס רענצל אַהער.** (קאַרל טוט עס, גייט אָפּ, הילדע גייט צו צו די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע שטייען אָפּגעזונדערט און סוידען זיך.)

קעזלער (ווײַזט אָף זיי). **קוקט זיי נאָר אָן, אַזעלכע טײַערע בלימעלעך, איינס און איינס, א שאָד, וואָס איך בין שוין צו אַלט, און ווען איך בין יונג געווען, זײַנען זיי נאָך געווען גאָר קלייניטשקע.**

וויסמאַר. נו, הער אַבער, איז פּראָזיט![1] (טרינקט פון דער פלאַש.) **פּרימע, ערשטע סאָרט.**

קעזלער. איך בין ניט קיין אַבער.

יוזעף. ער איז אַן איינפאַכער קעלנער, ניט קיין אַבער.

וויסמאַר. איז, הער שעף, צו געזונט!

קעזלער. איך בין קיין שעף ניט.

פאַן זאַסען. מענטשנס קינד, ער איז דאָך בא אונדז דער גענעראַל־שעף.

קעזלער. איך בין ניט קיין גענעראַל־שעף, איך בין בלויז אַן איינפאַכער טאַפּעצירער.

וויסמאַר. און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז א וואַנצן־פאַרניכטער.

קעזלער. אָף דער וועלט זײַנען פאַראַן מער נאַראָנים ווי מענטשן, און יעדער נאַר שטעלט זיך עפּעס פאָר. נו, אלזאָ, מײַנע הערשאַפטן, די דײַטשישע ענערגיע און פלײַס איז נאָך ניט פאַרשוווּנדן, אָנע ערגער, פּראָסט[2].

שטימען. פּראָזיט! צום וואָל! צו געזונט!

קעזלער. פּראָסט, מאַדאַם פּראָסט.

פּראָסט (זיצנדיק אָף איר אָרט, מיט א גענעץ). **אוי, ווען איך האָב דאָ בעסער מײַן בעט, וואָלט איך א גוטן דרעמל געכאַפּט.**

קעזלער. אָנע ערגער, מאַמאַטשע, די נאַרע איז קליין און שלאָפן מוזן אַלע. איז פאַר־לייגט מען א פוס אָף א צווייטנס געזיכט און מע שלאָפט אײַן.

פאַן זאַסען. מענטשנס קינד, מיט אַט אַזא פּיסל! זי וואָלט דאָך מיר צעקוועטשט די גאַנצע פיזיאָנאָמיע.

וויסמאַר. דײַן פיזיאָנאָמיע איז שוין אַזוי אויך א צעקוועטשטע.

קעזלער. נו, אלזאָ, איז ווידערהאָלן מיר, פּראָסט!

רודאָלף עפנט אויך א פלאַש.

וועלין. טרינק שוין מער ניט, רודי.

רודאָלף (גיט איר פון זײַן פלאַש). **נעם פאַרזוך.**

וועלין (פאַרזוכט). **נו, גענוג, איך האָב מוירע, זאָלסט אזויפיל טרינקען.**

גיזעלע (טרינקט מיט גיונטערן פון איין פלאַש). **שייך, פאַנטאַסטיש, דו זע, ווי עס איז גוט דאָ. דער דאָזיקער טאַפּעצירער, אַזא גאַנץ פײַנער מענטש, און דער יודע, זע נאָר דעם יודע! כ'האָב זיך גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז א יודע קאָן אַזוי בראַוו זײַן.**

גיונטער. ער האָט אַפילע ניט קיין קרומע נאָז.

גיזעלע. און זע נאָר, סאַרא בלויע אויגן ער האָט, און אַזא געזונטער מאַן!

גיונטער. זי איז פיל שענער פון אים, די פרוי זײַנע.

יוזעף (צו גיונטערן). **איר טרינקט?**

גיונטער. מיר טרינקען.

יוזעף. און טאַנצן?

גיונטער. מירן נאָך טאַנצן אויך.

יוזעף. איך האָב געזען, ווי איר טאַנצט, אַזוי טאַנצן די סלאַוון. וויאַזוי רופט מען דיך?

גיזעלע. מע רופט אים גיונטער.

יוזעף. און דיך?

---

[1] א טאָסט — צו געזונט! [2] דאָס זעלבע, וואָס פּראָזיט.

גיזעלע. גיזעלע.

יוזעף. ביסט א טשעכן?

גיזעלע. גאָט באהיט, פונוואנען נעמט איר עס?

יוזעף. מיך רופט מען יוזעף. איז אָט, טײַערינקע, פאר מיר שרעקט זיך ניט, איך בין א דײַטש, נאָר ניט פון יענע. איך בין א גאנץ אנדערער. (צו גיונטערן.) גיב די האנט, שרעק זיך ניט, לאָמיר זײַן באפרײַנדעט. (זיי גיבן זיך די הענט, יוזעף טוט א פארשאר דעם ארבל בא גיונטערן און דערזעט די לאגער־טאטויִרונג). אזוי איז עס, איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן. פונוואנען געלאָפן? פון לאגער? פון טורמע?

גיזעלע (צעטומלט). מיר זײַנען ביידע בערלינער, ערגעץ צווישן... איך... ערנוואָרט, איך ווין אף...

יוזעף (לאָזט זי ניט ריידן). ש־ש, מע דארף ניט.

גיזעלע. מיר האָבן זיך ביידע ליב, איך בין מיט אים פון דער היים אנטלאָפן.

יוזעף. זייער גוט, האָט זיך ליב, נאָר מע דארף נאָך עפּעס ליב האָבן. און מער דערציילט מיר ניט קיין לעגענדעס. קיינער וועט דערפון ניט וויסן. זײַט דערוויַיל דאָס, וואָס איר זײַט, ביז מיר וועלן ארויסקריכן פונדאנען. און דאָרט וועט עפשער גאָט געבן, און ס׳זײַנען שוין דאָ די רוסן. ביסט אויך א טשעך?

גיונטער (פארלוירן). ניין, א פּאָליאַק.

יוזעף. מירן אײַך ארויסהעלפן, אויב פון אויבן איז נאָך אלץ, ווי פריִער, איך בין דאָ ניט איינער.

קעזלער. אלזאָ, מײַנע הערשאפטן, די פלעשער ווערן ליידיק און די קעפּ פולער.

וויסמאר. א שאָד, וואָס ס׳איז קיין ביר ניטאָ.

קעזלער. יאוואָל, א שאָד. ביר מאכט שווער דעם בויך, און דאָס נעמט אוועק א ביסל די שווערקייט פונעם קאָפּ.

רודאָלף. דערפון נעמען זיך אזויפיל נארישע קעפּ צווישן די ביר־טרינקער.

יוזעף (מיט א שמייכל). א פארפלוכטער יודע, אָט דער ווערטהיימער, ער האָט שוין ניט געקאָנט פארזאָרגן אויך א פאס ביר פאר די אָרעמע דײַטשן.

וויסמאר. און טאקע א ביסל באָנען־קאָפּע[1] אויך.

פראסט (גענעצט). אך, ווו נעמט מען איצט א גוטע, ברוינע טאזע באָנען־קאָפּע?

וויסמאר (טראָגט איר אונטער א פלאש). ביטע שיין, מאדאם.

קעזלער. אלזאָ, מײַנע הערשאפטן, איז געמיטלעך... מעסיק, ווי דײַטשן האָבן גערן. דעריקער איז אָרדענונג און מעסיקײַט, אָנע ערגער. פּראָזיט! אָבער גרינטלעך, ביז צו ענדע.

אלע טרינקען.

יוזעף (באווײַזט גיונטערן מיט גיזעלען אף קעזלערן, סוידעסדיק). אָט דער איז אונדזער... און נאָך עמעצער... מע וואָלט נאָך געדארפט דעם ייִדן, ער האָט אייניקע טיילן פונעם געווער. דאָס איבעריקע האָב איך צונויפגעזוכט. אפילע די פּאטראָנען. דעם פּיסטאָלעט דארפן מיר ווי דאָס לעבן. איך האלט דאָ אן אויג אף איינעם אן אויסוווּרף.

גיונטער. אפן שטורמבאנפירער?

יוזעף. דער איז אן אָפענער זעקס־און־זעכציק. אזעלכע איז ניט שווער צו דערקענען. יענער איז גאָר אן אנדער מין פרוכט. מע דארף אים קאָנען צעבײַסן.

פאָן זאסען. מענטשנס קינד, מיט א פאָר שאָ צוריק זײַנען מיר אלע ארומגעגאנגען מיט פארטריקנטע גומענס, און איצט...

גיונטער (באווײַזט אף פאָן זאסענען). אָט דער?

יוזעף. ניין. ווּעסט זיך דערוויסן, ווען מע וועט דארפן. מיר וועט ער ניט גלייבן, דער ייִד. מיר, דעם דײַטש, זיכער ניט. אין לעצטן פאל זאָג אים, ווער דו ביסט, באווײַז אים דײַן לאגער־צייכן, זאָל ער אָפּגעבן די געווער־טיילן, גיב אים צו פארשטיין, ווי ס׳איז דאָ נייטיק, דער פּיסטאָלעט זאָל זײַן א גאנצער. איר ביידע מוזט אים אײַנריידן.

גיונטער. מיר וועלן פרווון.

יוזעף. גוט, פּרוּווט.

קעזלער (זינגט, און אלע זינגען מיט).

עס גייט אלעס פאָריבער,
עס גייט אלעס פארבײַ,

---

[1] קאווע אין קערנער.

נאָך יעדן דעצעמבער
קומט ווידער א מײַ.

ג י ז ע ל ע. אוי, גיונטער, עס איז דאָך שוין ווירקלעך מײַ, מאָרגן איז מײַ. אין דרויסן מוז שוין זײַן עכטער פרילינג. גאָט, ווי גוט עס איז! (קושט אים.)

ו י ס מ א ר (זינגט).

עס גייט אלעס פאָריבער,
עס גייט אלעס פארבײַ,
מײַן מאן איז אין רוסלאנד,
און דאָ האָב איך דרײַ.

ע ו ו ע ל י ן. רודי, קום פונדאנען. איך קאָן ניט לײַדן אָט דעם טומל.

עס קומט ארײַן ו י ל י נ ג, זוכט הילדען. פאָן זאסען לויפט צו צו אים.

פ אָ ן ז א ס ע ן. איז אלץ אין אָרדענונג, הער שטורמבאנפיורער?

ו י ל י נ ג. ס׳וועט זײַן רעכט.

פ אָ ן ז א ס ע ן. אָט זעט איר, כ׳האָב עס גוט געמאכט, כ׳האָב מיט איר געגוג צו טאָן געהאט, ביז איך האָב זי איבערגערעדט.

ו י ל י נ ג (אומצופרידן). קוואטש. ווער האָט אײַך איבערהויפט געבעטן האָבן מיט איר צו טאָן?

פ אָ ן ז א ס ע ן. מענטשנס קינד, דאָס איז דאָך מײַן באשעפטיקונג, איך האָב בלויז געטאָן מײַן פליכט. איך בין דאָך מער ניט, ווי א פּריוואט-דעטעקטיוו. דינגט איר מיך, וועל איך טאָן פונײַערטוועגן.

ו י ל י נ ג. ס׳וועט זײַן רעכט, כ׳וועל אײַך נאָך באדארפן.

פ אָ ן ז א ס ע ן. איך בין גרייט צו דינען, הער שטורמבאנפיורער.

ווילינג אָפּ.

ק ע ז ל ע ר (שוין גוט באטרונקען, שטעלט זיך אַף א קאסטן). אלזא, מײַנע הערשאפטן, די ערד איז ווי א קײַלעכיקע פאס...

ו י ס מ א ר. כא־כא־כא, אָט דאָס הייסט געהוליעט. און אין אזא גרוב! ווער וואָלט זיך געריכט?

י ו ז ע ף. פריי זיך נאָך ניט, דו ווייסט נאָך ניט, ווען דו וועסט ארויס פון אָט דער גרוב.

ג י ז ע ל ע (צו יוזעפן). שפּילט עפּעס צום טאנצן.

ג י ו נ ט ע ר. יאָ, יאָ, מיר האָבן עס אזוי גערן.

ק ע ז ל ע ר. רויק, רויק! די ערד איז א קײַלעכיקע פאס, און די פאס איז פול מיט ביר...

ו י ס מ א ר. און מיט באָנען־קאָפע.

ק ע ז ל ע ר. יאוואָל, און מיט באָנען־קאָפע אויך. אָנע ערגערן! און די מענטשן זײַנען קליי־נינקע באשעפענישן אַף דער פאס, צעזייט און צעשפרייט אָן שום אָרדענונג. נו, אלזא, איז די פאס דרייט זיך און די באשעפענישן שטויסן זיך און קענען צום קוואַל, דאָס הייסט צום צאפן, צו דעם ביר, ניט דערגרייכן...

פ אָ ן ז א ס ע ן. מענטשנס קינד, ער איז שיקער, דער טאפּעצירער, ער איז דאָך שוין אינגאנצן באטרונקען.

ק ע ז ל ע ר. אָנע ערגערן! אלזא, שלאָגט מען זיך, גוואַלדעוועט מען, און דאָס שאפט א ווונ־דערלעך קאָמפּליצירטע סימפאָניע, אזוי צו זאָגן, א לעבנס־סימפאָניע...

ג י ו נ ט ע ר (צו יוזעפן). נו, שפּילט עפּעס.

ג י ז ע ל ע (טאנצט דערווײַל מיט גיונטערן. צו יוזעפן). דערנאָך וועל איך מיטן ייִדן... בייסן טאנצן וועל איך פּרווון א רעד טאָן.

ו י ס מ א ר. וואָס פאר א טאנצן, טאנצן איז פארווערט. א מארש גיב. (ער הייבט אָן זינ־גען און מאכן מיט דער איינער האנט.)

ק ע ז ל ע ר. מײַנע הערשאפטן, רויק, רויק. לאָזט ענדיקן, די סימפאָניע וועלן מיר אָנרופן וועלט־געשיכטע. אלזא, מײַנע הערשאפטן, וועלן מיר צוערשט ריידן וועגן דער מוזיק, נאכער וועגן דער וועלט און צום סאָף וועגן געשיכטע. (יוזעף שטעלט אָן די סטרונעס.) שלאָגט זשע ניט איבער, איך האָב ליב פילאָסאָפירן, דאָס איז בא מיר א קרענק אזא.

ו י ס מ א ר. שפּילט שוין אמאָל א מארש! וויפל דארף מען זיך בעטן בא אײַך?

ק ע ז ל ע ר. דרײַ קרענק האָב איך — פילאָסאָפיע, א ליולקע מיט טאבעק און א גלאָז

ווײַסביר. יאָ, און מוזיק. (טרינקט אויס די רעשט ווײַן פונעם פלעשל.) אלזאָ, מײַנע הערשאפטן, דער געשמאקפולער אײדעלער רויטווײַן שטראָמט מיר שוין אזוי פונעם האלדז, אז איך ווער פארפלייצט. אלזאָ, אָנע ערגער! (ער לאָזט זיך צום ארויסגאנג.) אדיע, מײַנע הערשאפטן, איך פיל, אז איך גיי אָפּ מיט בלוט. אף ווידערזען, מײַנע הערשאפטן, אף ווידערזען אינעם פאראדיז! (גייענדיק שטויסט ער זיך אָן אין דער ארײַנגעקומענער הילדע. לעם איר איז ווילינג.) אך, דאָס איז ווירקלעך א פאראדיז! (הילדע שטויסט אים אָפּ פון זיך, דער אוילעם טומלט און לאכט. יוזעף הערט ניט אוף צו שפּילן, גיונטער מיט גיזעלען טאנצן.)

ו י ל י נ ג (הוסטנדיק). היי, היי, איר!..

פ אָ ן ז א ס ע ן. מאָמענטמאל, לאָזט א וואָרט ריידן.

ו י ל י נ ג. איך מיין, ווער וועט דאָ ארבעטן פאר אונדז? צי איר דענקט דאָ פייגערן ווי די הינט, אין אָט דעם קוואטש? גענוג צו זויפן און צו פרעסן, ווי די שווײַנען, זעט, וואָס איר האָט דאָ אָנגעפרעסן. מע דארף אלץ, וואָס איז פארבליבן, צונויפזאמלען און ארויסגעבן יעדן איינעם לויט א נאָרמע, ראציאָנענווײַז.

ש ט י מ ע ן. ריכטיק! גערעכט!

ק ע ז ל ע ר. נו, און דעם יודע? א יודן־נאָרמע?

ה י ל ד ע. דאָ זײַנען ניטאָ קיין יודן און ניט־יודן.

ע ד י ט. ווען מע ליגט נײַן איילן אין דער ערד, זײַנען אלע גלײַך.

י ו ז ע ף. מע דארף בעסער זוכן, עפשער וועט מען געפינען, מיט וואָס צו ארבעטן.

פ אָ ן ז א ס ע ן. מענטשנס קינד, מיט די עלנבויגנס דארף מען ארבעטן, אבי ארויס פון־דאנען.

י ו ז ע ף. איז גענוג געפלוידערט.

פ אָ ן ז א ס ע ן. איז טעמפּאָ, טעמפּאָ, שנעל, שנעל! (צו פרוי פראסט.) און דו אויך, מאמאטשע, ביסט זיך שוין אויסגעשלאָפן. אין דער היים, אז מיר וועלן ארויס, וועסטו דער־שלאָפן.

אלע לאָזן זיך צום ארויסגאנג.

דאַס פערטע בילד

אין א פאָר טעג ארום. דער זעלבער פלאץ, וואָס אין דריטן בילד, אָבער אלץ איז שוין מער־ווײ־ניקער אין אָן אָרדענונג. די פארשיידענע קעסטלעך, פושקעס, שאכטלען זײַנען צונויפגעלייגט, צונויפגעשטעלט, איבערגעדעקט מיט ראָגאָזשעס. אין איינזיקע ערטער זײַנען פון די קאסטנס געמאכט געוואָרן געלעגערס. פון פאָרנט ליגט בלויז די פרוי פראסט, א קראנקע פון איבערעסן זיך. ארום איר שטייען נאָך אלץ צעעפנטע קאָנסערוון־פושקעס, פון וועלכע זי פרווט פון צײַט צו צײַט א לעק טאָן.

פ ר א ס ט. איך בין פארפאלן. אזא שיין לעבן, ווי איך האָב געהאט, און איצט אזא מיִעסער טויט. גאָט דו ליבער! ווי א הונט אין א נאָרע, אָן א דאָקטער, אָן א פרײַנט. וואָס זײַנען דאָס פאר א קראנקן־שוועסטער, אז זיי זאָלן ניט קאָנען געפינען קיין הילף צו מײַנע ווייטעקן? (שרײַט.) שוועסטער! שוועסטער!

ע ד י ט (קומט ארײַן). נו, וואָס, פרוי פראסט?

פ ר א ס ט. איך בין דאָך אזוי קראנק, אזוי קראנק, אלץ גייט מיר ארוף אהער, צום הארצן, און ס׳דריקט און ס׳שטיקט.

ע ד י ט. נו וואָס קאָן איך אײַך דאָ העלפן, פרוי פראסט? ווען מיר זײַנען אויבן, וואָלט איר שוין פון לאנג געזונט געוואָרן. אָבער דאָ? איר ווייסט דאָך, ס׳איז אפילע קיין קאַפּ וואסער ניטאָ.

פ ר א ס ט. איז וואָס זשע די רעפּוע? דארף איך אָט אזוי־אָ אויסגיין?

ע ד י ט. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, די איינציקע רעפּוע איז ניט עסן, גאָרניט עסן.

פ ר א ס ט. גאָט דו ליבער! וואָס הייסט עפּעס ניט עסן? מע קאָן דאָך א פּאָפּלעקציע באַ־קומען.

ע ד י ט. דאָס האָט איר זיך אָנגעמאכט מיטן צופיל עסן. איצט וועט איר מוזן איבערוואַרטן א טאָג צווייַ, ביז ס׳וועט זיך אײַנשטעלן.

פ ר א ס ט. נו און דערנאָך?

ע ד י ט. דערנאָך וועט איר עסן.

פ ר א ס ט. און זיי וועלן וואַרטן אף מיר?

ע ד י ט. ווער איז דער זיי?

פ ר א ס ט. איך מיין, איר אלע. און וואָס וועל איך טאָן, אז דערנאָך וועט שוין ניט זײַן וואָס צו עסן? ניין, א דאנק אײַך, דאנקע שיין... (כאַפּט עפּעס פון א קאָנסערוון־פּושקע.)

ע ד י ט. דאָס איז סאַם, זאָג איך אײַך. אום גאָטעס ווילן, איר סאַמט זיך אָפּ מיט אײַערע אייגענע הענט. דערלויבט, לאָמיך אײַך איבערמעסטן די טעמפּעראַטור. (זי טוט עס. דערזעט, ווי קאַמילע לויפט געשווינד ארײַן און נעמט נישטערן אינעם דאָקטאָרס טראָגבעטל.) וואָס זוכסטו דאָרטן, קאַמילע? וואָס איז געשען?

ק א מ י ל ע. ווי איך קען אים ניט לײַדן! איך וועל נאָך ווען־עס־איז אים ארײַנפּאָרן אין דער צורע.

ע ד י ט. וועמען איז?

ק א מ י ל ע. אָט דעם העסלעכן יודע. ער איז אזוי אומדערטרעגלעך פרעך. זאָלסט הערן, וואָס ער רעדט דאָרטן מיטן דאָקטאָר!

ע ד י ט. לאָז אים צורו, קאַמילע. דו זאָג מיר בעסער, וואָס וועט זײַן מיט אונדז? גלייבסטו, אז מיר וועלן זיך נאָך אמאָל ראַטעווען פונדאַנען?

ק א מ י ל ע. ווער קאָן וויסן? איך צווייפל שוין אויך אין דעם.

ע ד י ט. מיט א פּאָר שאָ צוריק, ווען איך האָב זיך צוגעזעצט אָפּרוען, האָב איך צוגעלייגט דעם אויער צו דער וואַנט, און ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסדוכטן, אז איך הער עפּעס א שאָרך דאָרטן, שטימען... עפּשער א צען מינוט האָב איך מיר אזוי זיך אײַנגעהערט. איך בין אזוי איבעראַשט געוואָרן, אז דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן אָף ארויסצושפּרינגען. ס'איז מיר גאָר ארויס פונעם קאָפּ, אז דאָס הער איך דעם גערויש פון אינווייניק, פון אונדזעריקע באַ דער ארבעט... מע קאָן מעשוגע ווערן פון אָט דעם אַלץ.

ק א מ י ל ע. און וואָס מיינסטו, ווי וועט זײַן, אז מיר וועלן שוין ווי־ס'ניט־איז ארויס פונדאַנען און דאָרט אויבן זײַנען זיי שוין?.. די רוסן...

ע ד י ט. אויב זיי זײַנען שוין דאָרט? איך ווייס דיר ניט, וואָס צו זאָגן...

ק א מ י ל ע. איך וועל עס ניט איבערטראָגן.

ע ד י ט. גאָט, אָט די פאַרדומפּטע לופט דאָ! אָט די לויערנדיק טעמפּע שטילקײַט, וואָס ארום אונדז... איך דערמאָן זיך... אין די קינדער־יאָרן האָב איך א כאַלעם געזען... ערגעץ בין איך אין א פאַרשלאָסענער הייל, ווו ס'איז אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן טאָג און נאַכט...

פ ר א ס ט (מיט א קרעכץ). אָך, וואָס האָט איר זיך פאַרעדט דאָרטן? און דעם קראַנקן, אוי... לאָזט מען איבער אָף גאָטס באַראָט.

ע ד י ט. איין מאָמענט, פרוי פראָסט (קוקט אָפן טערמאָמעטער), קיין טעמפּעראַטור. ס'איז בלויז א קליינע פאַרגיפטיקונג. ווען איר זאָלט האָבן מיט וואָס גוט אויסשווענקען דעם מאָגן? עפּשער סײַדן מיט א לײַכטן ווײַן? האַ?

ק א מ י ל ע (ענטפערט דערויף ניט). דו זאָג מיר, עדיט, אָבער אָן סענטימענטן. דו האָסט גאָרניט באַמערקט באַם הער דאָקטאָר?

ע ד י ט. איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט.

ק א מ י ל ע. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, איך בין שטאַרק אַנטוישט אין אים. איך האָב אים אָנגעהויבן צו האַסן. דער מאַן איז... ער איז אונדזערער א פײַנט... יאָ, יאָ, וווּנדער זיך ניט. איך האָב שוין לאַנג געהאַט א פאַרדאַכט. נאָך אין שפּיטאָל, ווען ער האָט זיך אזוי לײַדנשאַפטלעך יעדן טאָג נאָכגעפרעגט, ווי האַלט עס מיט די שלאַכטן, ווו זײַנען שוין די רוסן און די אַמיס. דו געדענקסט, ווי ער האָט אַנומלטן אָפּגעכויזעקט פון אונדזערער א ראַדיאָ־מיטיילונג? איך האָב נאָך דעמלט געוואָלט אָנעמען שריט... איצט בין איך שוין זיכער. ערשט אָט דאָ נעכטן... איך האָב זיך געמאַכט, אז איך שלאָף, הער איך, ווי ער סוידעט זיך מיטן יודע... ער דערציילט אים, אז ער האָט א העפט, ווו ס'זײַנען פאַרצייכנט אַלע פאַרברעכנס, נאָך פון פאַר דער היטלער־צײַט און אויך פון איצט. ער טראָגט אים שטענדיק מיט זיך. ער האַלט אים ערגעץ דאָ באַ זיך.

ע ד י ט. וויאַזוי קאָן עס זײַן? מיר זײַנען דאָך שטענדיק מיט אים.

ק א מ י ל ע. דאָס וווּנדערט מיך אויך. ווו קאָן ער עס האַלטן? דו האָסט קיינמאָל גאָרניט באַמערקט באַ אים?

ע ד י ט. איך... ניין.

ק א מ י ל ע. איך מוז עס געפינען. איך וועל עס פאַרניכטן.

ע ד י ט. אום גאָטעס ווילן, קאַמילע! זאָלסט אפילע ניט וואַגן. דו ווייסט דאָך ניט, וואָס דאָס איז פאַר א העפט? עפּשער איז דאָס א וויסנשאַפטלעכע ארבעט זײַנע?

ק א מ י ל ע. א וויסנשאַפטלעכע ארבעט... וואָס קאָן פאַרניכטן ווער ווייסט וויפל דײַטשישע מענער און פרויען. און וואַרשײַנלעך האָט ער אונדז אויך ניט אויסגעמיטן, דעם שפּיטאָל אונדזערן, נאָך יענער געשיכטע מיט די קריגסגעפאַנגענע...

ד ע ר י ע (אַרײַנקומענדיק מיט רודאָלפֿן). נײַן, נײַן, מײַן פֿרײַנט, נײַן, איך בין מיט לײַב און לעבן אַ דײַטש. אַן עכטער דײַטש. כאָטש די ווײַטע אָפּשטאַמונג מײַנע איז פֿון די פֿראַנצויזישע הוגענאָטן, אָבער איך מײַנע אָדערן פֿליסט שוין ריין דײַטשיש בלוט און מײַן מויעך איז פֿאַרוועבט מיטן דײַטשישן גײַסט. מיטן גײַסט פֿון קאַנטן, געטען, וואַגנערן... אַ, וואַגנער!.. דײַטשישע מוזיק, בעטהאָווען, מאָצאַרט, באַך. ס׳איז דאָך אַ וועלט אַ גאַנצע...

ר ו ד אָ ל ף. יאָ... די דײַטשישע מוזיק. דאָס געמיטלעך־זינגעוודיקע דײַטשלאַנד. שטילע לידער וועגן פֿרוי און ליבע, צאַרטע ליריק, אײדעלע שטימונג — און דערבײַ סיסטעמאַטישע מאָרד־אַקציעס. זינגען און טויטשלאָגן, געזאַנג און גרויזאַמע, בעסטיאַלישע טאַטן.

ד ע ר י ע. אָט אַזוי זײַנען איבערהויפּט די מענטשן, מײַן ליבער פֿרײַנט. אַ גרענעץ ווי אַ האָר די דין טײלט אָפּ דעם מענטשן פֿון דער חיה, אַ בלאָז ווי אױף אַ שפּינוועבס, און די גרענעץ איז שוין פֿאַרבײַ.

ר ו ד אָ ל ף. וויפֿל זומער־מאָנאַטן האָב איך אַוועקגעגעבן דער שטאָט, ווו ס׳איז געבוירן מאָצאַרט. אױף אָט די באַרימטע זאַלצבורגער פֿעסטשפּילן![1] און ווייסט איר, וועד ס׳האָט מיר געקלאַפּט אין פֿלייצע נאָך איינעם אַן אַרויסטריט? דער גענעראַל סעקט. אָט דער געמיינער פֿאַרברעכער, דער פֿאָטער פֿון דער בליצקריג־אידיי — דער אידיי פֿון דער גרעסטער בלוטבאָד, וואָס די וועלט האָט ווען־עס־איז געזען. אַרויסוואַרפֿן זאָל אים די ערד דאָרט, ווו ער געפֿינט זיך!

ק א מ י ל ע (אופֿגערעגט). דאָקטאָר, איר מיסברויכט מיט אונדזער פֿרויען־שוואַכקײַט און איר טוט, וואָס איר ווילט. נו צוליב וואָס דרייט איר זיך אַרום, ווען דאָס איז פֿאַר אײַך שעדלעך אין אָט דער שטויביקער פֿאַרפֿרעסטער לופֿט?

ד ע ר י ע. די לופֿט איז דאָ אומעטום די זעלבע.

ק א מ י ל ע. אַפֿילע אין שפּיטאָל פֿלעגט איר אַזויפֿיל ניט אַרומשפּאַצירן, ווי דאָ. לייגט זיך בעסער צו. עס איז פֿאַר אײַך אויך שעדלעך אָט דאָס אויפֿרעגן זיך, דאָס ריידן אַזויפֿיל.

ר ו ד אָ ל ף. יאָ, יאָ, זי האָט רעכט. רוט זיך אויס, הער דאָקטאָר. מיר וועלן נאָך צײַט האָבן צו שמועסן. ניט אַזוי גיך קריכן מיר אַרויס פֿונדאַנען. נאָר אַלצײנס, מע מוז גיין אָקערן מיט דער נאָז די ערד אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט. עפּשער פֿאָרט... (אָפּ.)

ק א מ י ל ע. גיי אויך, דיטע. און איך וועל אויסמעסטן דעם דאָקטאָר די טעמפּעראַטור. (עדיט אָפּ.) ס׳איז שרעקלעך, דאָקטאָר, אָט דאָס ליגן דאָ, ווי די מױלוואָרפֿן אין דער ערד, אָן אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג. מע קאָן פֿון זינען אַראָפּ. (זי לייגט אים דעם טערמאָמעטער אונטער דער האַנט.)

ד ע ר י ע. צו וואָס דאַרף איך עס?

ק א מ י ל ע. שוין באַלד אַ מעסלעס, אַז מיר האָבן ניט געמאָסטן די טעמפּעראַטור, און איר האָט נאָך געגעסן אַזוינס, וואָס קען אײַך פֿאַרשאַטן. וויאַזוי פֿילט איר זיך?

ד ע ר י ע. אַזוי זיך.

ק א מ י ל ע. פֿאַרצײַעט מיר, הער דאָקטאָר, געוויס איז עס ניט טאַקטיש פֿון מײַן זײַט. אָבער איך מוז אײַך זאָגן. עס פֿאַרדריסט, ביזן בלוט פֿאַרדריסט עס מיך... איר לאָזט זיך באַלײדיקן פֿון אָט דעם יודע.

ד ע ר י ע. וויאַרום?

ק א מ י ל ע. ווי וואַגט ער עס צו זידלען אַזאַ גרויסן דויטשע, ווי דעם גענעראַל סעקט? ווי נידעריק מיר זײַנען געפֿאַלן, אַז מיר קאָנען דאָס אַלץ אויסהערן און שווײַגן. און פֿון וועמען? פֿון אַ שמוציקן יודע?

ד ע ר י ע. טאָכטער מײַנע...

ק א מ י ל ע. איר וועט מיר ניט אײַנריידן, הער דאָקטאָר, פֿאַרענטפֿערט זיך ניט. אין אַזאַ טראַגישער צײַט, ווען אונדזער פֿאָלק שטייט באַם ראַנד פֿון אומקום, דאַרפֿט איר, אויב איר זײַט נאָר אַן עכטער דײַטש, זײַן צוזאַמען מיטן פֿאָלק און ניט ריידן, ניט האָבן קיין פֿאַרקער מיט אונדזערע פֿײַנט. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס פֿאַראַט.

ד ע ר י ע. פֿאַראַט, זאָגסטו?

ק א מ י ל ע. יאָ, יאָ...

ד ע ר י ע. אין אַ שטאָקפֿינצטערער נאַכט, אין אַ גוסרעגן מיט אַ האָגל און שטורעם האָט צו מיר אָנגעקלאַפּט אַ פֿויגל, און איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז אַ טויב... כ׳האָב געטאָן מײַן הייליקע פֿליכט, כ׳האָב דעם פֿויגל צו זיך אַרײַנגעלאָזט, ס׳האָט מיך געפֿרייט צו טאָן אַ גוטע זאַך, זיך דערבאַרעמען אױף אַ גאָטס באַשעפֿעניש. מיט אָט דעם געדאַנק בין איך רויִק אײַנגעשלאָפֿן. אָבער ווען די דאָזיקע טויב האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבער מײַן שלאָפֿנדיקן קערפּער און האָט

[1] פֿײַערלעכע (״יובילײ״) פֿאַרשטעלונגען.

געגומען פיקן און פיקן מײַן לײַב מיטן ווזט פון א וואמפיר, ווען עס לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז גאָר קיין טויב ניט געווען, נאָר א שפּאַרבער, א שפּאַרבער, וואָס האָט מײַן האַרץ דורכגעלעכערט און מײַן קערפּער צעפּליקט אַף שטיק־שטיקלעך, בין איך דער פאַרעטער, האָ? הייס איך א פאַרעטער? (קאַמילע, אַן אופגערעגטע, פּרוּווט קלוימערשט אַרויסנעמען דעם טערמאָמעטער, טאַפּט אָן דעם העפּט און כאַפּט אַרויס די האַנט ווי אַן אָפּגעבריטע. ער זעצט פּאָר ריידן.) איך האָב אַלץ געזען. איך האָב פאַר די צוועלף יאָר זיך געגנוג אָנגעזען מיט שווידערלעך־ווילדע פאַרברעכנס, ברוטאַלע מערדערײַען, פּײַניקונגען און רויב, נאָר מער פון אַלץ האָב איך געזען דומהײַט, נאַרישקײַט. אזא ווילנלאָזע געהאַרכזאַמקײַט, עפּעס אזא אונטערטעניקײַט פון עכטע קנעכט... איז אויב עמעצער קאָן ניט און וויל ניט זײַן קיין קנעכט, הייסט עס פאַראַט?

ק א מ י ל ע (שלעפּט האַסטיק אַרויס פון זײַן בוזעם אָנשטאָט דעם טערמאָמעטער א גראָבן העפט). און דאָס וואָס איז? איר מיינט, איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז? איר זײַט א פאַרעטער! יאָ, יאָ, דאָס איז פאַראַט. ניט קיין דײַטש זײַט איר, נאָר א געמיינער פאַרעטער. (רײַסט בלעטלעך פונעם העפט.)

ד ע ר י ע (מיט א שרעקלעך קאָל). וואָס טוט איר? מײַן אויצער, מײַן רעטונג... מײַן ווערק... מײַן אַרבעט... (אַף זײַן געשריי קומען צו לויפן רודאָלף, עוועלין, עדיט, קעזלער. קאַמילע וואַרפט דעריען דעם העפט, ער פאַרשטופּט אים אין בוזעם און נעמט אופּ־קלײַבן די צעריסענע העפט־בלעטלעך.) זעט, וואָס זי האָט מיט מיר געטאָן! גאָט, דו אַלמעכ־טיקער! די לעצטע האָפענונג... דאָס לעצטע ווערק מײַנס, געשריבן פאַרן טויט.

ע ד י ט. אום גאָטעס ווילן, קאַמילע, וואָס האָסטו געטאָן?

ק א מ י ל ע. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס ס'האָט מיר געהייסן דאָס געוויסן. דאָס געוויסן און דער אינסטינקט פון א דײַטשישער פרוי.

ר ו ד אָ ל ף. אָט אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, הער דאָקטאָר. צום אָנהייב, ווען מע איז נאָך געווען שטאַרק און מעכטיק, האָט מען געצונדן, געבערענט אַף די שײַטערהויפנס, און איצט, אין אָנמאַכט, בא די לעצטע קראַמפּן רײַסט מען פּאַשעט מיט די הענט...

ע ד י ט. האָסט עס ניט געדאַרפט טאָן, קאַמילע. האָסט פאַרגעסן, אז דו ביסט א קראַנקן־שוועסטער, און דער הער דאָקטאָר איז דײַן פּאַציִענט. די מעדיצין־עטיק...

ק א מ י ל ע (שלאָגט איר איבער). ניטאָ קיין עטיק. יעדער עטיק איז פאַלש, אויב זי ברענגט שאָדן דעם דײַטשישן פאָלק. איך האָב עס נאָך ניט פאַרגעסן. (דעריע גייט לאַנגזאַם אַרויס, נאָך אים די איבעריקע. מיט קאַמילען בלײַבט נאָר עדיט.) אַלציינס. איך וועל שוין ניט אויסמײַדן מײַן שיקזאַל. איך ווייס עס גאַנץ גוט. (מיטאמאָל צעוויינט זי זיך און פאַלט צו צו עדיט אַפּן האַלדז.) מיר וועלן דאָך סײַווי אומקומען, איז שוין בעסער אַליין שטאַרבן, ווי עס שרײַבט מיר וואַלדעמאַר אין זײַן לעצטן בריוו, שוין פון די שלאַכטן בא שטעטין... שרײַבט ער מיר... (זי צעוויינט זיך שטאַרקער.) איך בין גרייט יעדע שאָ... יעדע מינוט... בעסער אַף זיך אַליין א האַנט אַרופלייגן, איידער דער פײַנט...

פ ר א ס ט (שיסט אויס מיט א געוויין פון איר ווינקל). גאָט דו ליבער! פאַרוואָס זאָלן מיר אזוי יונג פון דער וועלט אוועקגיין?

ע ד י ט. נו, נו, באַרויק זיך, קאַמילע. פּילײַכט, איז נאָך דאָ א האָפענונג. פּילײַכט, וועט מען אונדז ענדלעך דערהערן...

ק א מ י ל ע. איך גלייב שוין ניט. ווער וועט אונדז דערהערן? אז ס'איז דאָ א טויטע, רויִנירטע גאַס. קיינער קומט אהערצו ניט.

ע ד י ט. וויש ניט די אויגן מיט אזעלכע שמוציקע הענט. (באַטראַכט די אייגענע הענט.) גאָט, ווי די הענט מײַנע זעען אויס, קוק נאָר אָן! קיין איין פינגער קיין גאַנצער, און אזויפיל קויט.

ד ע ר י ע (באַווײַזט זיך ווידער. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט נאָך געזוכט די רעשט פון די צעריסענע זײַטלעך, בלײַבט ער פּלוצעם שטיין אַן אויסגעגלײַכטער פאַר קאַמי־לען). דו ביסט א ווינערן. יאָ, יאָ, איך בין אין דעם זיכער. ניט אומזיסט האָט דער קלוגער ביסמאַרק געזאָגט אמאָל: דעם גרעסטן אומגליק וועט ברענגען דעם דײַטשישן פאָלק עסטרײַך. איז דאָס ניט ריכטיק, האָ? דער פּיורער אונדזערער... און אָט אזעלכע ווי דו... (קאַמילע און עדיט, דערשראָקענע, רוקן זיך אַרויס, דעריע צו זיך אַליין.) שיר ניט אַלץ פאַרלוירן. אזויפיל יאָרן עס פאַרהיט. די לעצטע כאַדאָשים טראָג איך עס מיט זיך, ווי מײַן טײַערסטן אויצער. און דאָ... ווער ווייסט, אַף וויפל ס'האָט שוין דעם ווערט אָנגעווירן... (ער לייגט צונויף די צעריסענע שטיקלעך פונעם העפט און פּאַרוקט זיי טיפער אין בוזעם.) שוין געווען בעסער עס לאָזן אין דער היים. איז דאָרט דער אידעם, און דאָ די קראַנקן־שוועסטער... ווער האָט זיך עס גע־קאָנט ריכטן?

ר ו ד אָ ל ף (קומט אַרײַן). דאָקטאָר, זעט! זעט נאָר, הער דאָקטאָר, וואָס איך האָב דאָ געפונ־



נען צווישן ברוכווארג. ס׳איז צו באַווונדערן! אַ פּאַן אָן אַ האַקן־קרייץ, איר זעט? (ער וויקלט פאַנאַנדער אַ רויט שטיק לײַוונט.) אָ, איר האָט, אַפּאָנעם, פאַרגעסן, אַז ס׳איז הײַנט מײַ?

ד ע ר י ע. מײַ שוין? און ס׳וואָלט באַדאַרפט זײַן פרילינג.

ר ו ד אָ ל ף. צום באַדויערן, איז אונדזער פרילינג דאָ אָן אַ זון, און אָן געגנוג לופט אַפילו. (ער רײַסט אָפּ אַ פּאַס און מאַכט זיך אַ רויטן באַנט אויפן אַרבל.) איר וועט מיר גלייבן? ס׳האָבן מיך קיינמאָל ניט באַגײַסטערט אָט די זאַכן, דעמאָנסטראַציעס, מאַרשירן, מאַסן־לידער, טומל. נאָר זינט זיי האָבן דעם מײַ גענומען פאַר זיך, זינט דער ערשטער מײַ איז אויך זייער יאָמטעוו געוואָרן... דאָס בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף אָט דער פּאָן, זי זאָל רויט ווערן, איז געווען בלוט פון מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר פעלקער־ברידערשאַפט, פאַר פרײַהײַט, פאַר גערעכטיקײַט, און אין די דאָזיקע קאַמפן האָט שוין מײַן שטאַם אויך ניט קיין קליינעם כיילעק. האַ? ניט וואָר, הער דאָקטאָר? (דעריע, נאָך אַלץ אַ דערשלאָגענער, שווײַגט.) אַנטשולדיקט, דאָקטאָר. אָט די פּאָן... דאָס געפּינען זי האָט מיך אַזוי צערודערט, אַז איך האָב פאַרגעסן אין אײַער אומגליק. פאַרצײַעט מיר! נאָר איך דענק, מע דאַרף ניט, מע דאַרף זיך ניט אַזוי פאַרלירן. איך ווייס, ס׳טוט וויי, ס׳איז אַ גרויסע פּײַן צוזען, ווי מע האָט פאַרניכטעט דײַן מי. ס׳זײַנען אָבער געווען מענטשן, בײַ וועמען מע האָט פאַרניכטעט ניט נאָר זייער מי, נאָר אויך זיי אַליין האָט מען אומגעבראַכט.

ד ע ר י ע. אָט דאָס איז דאָך טאַקע. וועגן דעם האָב איך דאָך אַזויפיל נאָכגעטראַכט. איך האָב אַ סך פון זיי געקענט פּערזענלעך און בין בײַגעווען בײַ זייער בראָך...

ע ו ו ע ל י ן (אַרײַנקומענדיק). ווו ביסטו עס אַהינגעקומען, רודי? צײַט צו עסן (דערזעט דעם רויטן באַנט אויפן מאַנס אַרבל.) וואָס הייסט עס? וואָס איז פּלוצעם?

ר ו ד אָ ל ף. ס׳איז הײַנט מײַ, דער ערשטער צי דער צווייטער מײַ, מײַן טײַערע. (ער רײַסט פאַר איר אָפּ אַ באַנט.) נאַ, טו עס אויך אָן (ער בינדט אָן דעם באַנט אויף איר אַרבל), הײַנט איז אונדזער מײַ, עווכען. מעגלעך, אַז דער לעצטער. אָבער דאָך... ביז איצט איז דער מײַ געלעגן אויף די סקווערן, אויף די שטאָט־פּלעצער, אויף די טראָטוארן אויסגעשפּרייט מיט בלײַ. ער האָט געיאָמערט אונטער דעם טראָט פון די מאַרשירנדיקע נאַצי־הינט. הײַנט, וואַרשײַנלעך, מאַרשירן זיי שוין ניט.

ע ו ו ע ל י ן (רײַסט אַראָפּ פון זיך און פון אים די באַנטן). ניין! וואָס טויג עס דיר? ס׳זאָל זיך ווידער אָנהייבן אַ קראַך, און זיי זאָלן אַלע זיך אויף דיר אַרופוואַרפן... האָב געדולד! ס׳וועט אַלץ קומען מיט דער צײַט. איך בעט דיך, דו קענסט דאָך, ווען דו ווילסט, זײַן געהאָרכזאַם, ווי אַ קינד...

ס׳קומען אַרײַן די איבעריקע, צעזעצן זיך אויף די קאַסטנס און מע נעמט עסן, יעדערער איז פאַרטאָן מיט זיך און מיטן עסן. שפּעטער פון אַלע באַווײַזט זיך ו י ל י נ ג, נאָך אים ה י ל ד ע. זיי פאַרוקן זיך אין אַ ווינקל. זי לאַשטשעט זיך צו אים.

ה י ל ד ע. נו וואָס האָסטו געטאָן, קאַרלכען? צוליב וואָס האָסטו איר אָפּגעגעבן דאָס רענצל? האָסט דאָך געקענט אָן דעם צו איר גוט זײַן. מיר האָבן דאָך גערעדט מיט דיר... איך ווייס... איך זע... דו וועסט מיך שוין פאַראַטן. איך זע, אַז דו האָסט זי שוין ווידער גערן. דו נאַרסט מיך, קאַרל...

ו י ל י נ ג. קוואַטש. לאָמיר נאָר אַרויסקריכן פון אָט דער לאָך, וועסטו זען...

ה י ל ד ע. פאַרוואָס זשע האָסטו איר אָפּגעגעבן דאָס רענצל? זי וועט דאָך דיך אַזוי אָפּ־

שווינדלען, אז דו וועסט זיך אפילע ניט באוויַזן ארומקוקן. אָט וועסטו זען, ווי זי וועט מיט איר דעטעקטיוו פארשווינדן, איידער עפּעס וואָס... איך מיש זיך שוין ניט...

ו ו י ל י נ ג. קוואטש. דער דעטעקטיוו איז מיַינער. ער ארבעט שוין איצט אַף מיר.

ה י ל ד ע. יעדנפאלס, נעם דאָס רענצל צו פון איר. זאָל עס בעסער זיַין בא דיר.

ו ו י ל י נ ג. ס׳קומט גאָר ניט קיין פראגע, דאָס טו איך ניט.

ה י ל ד ע. פארוואָס, קארלכען?

ק א ר ל. זאָל זי דענקען, אז ס׳איז אין אָרדענונג. אז דאָס רענצל איז בא איר אין די הענט, מיינט זי, אז איך בין אויך אירער.

ה י ל ד ע. קארלכען... מיַין ליבלינג... מיַין פראכט... און פיליַיכט... ניין, ניין, סיַיווי וועלן מיר זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט שיידן. און אויב ס׳וועט אויסקומען צו שטארבן, וועלן מיר אויך צוזאמען. יאָ? ביסט איַינפארשטאנדען[1]? דו וועסט מיך אזוי האלטן ארומגענומען, און איך וועל שטארבן אַף דיַינע קני, אונטער דיַינע קושן. דו וועסט קושן מיַינע בריסטן, דו האָסט דאָך אזוי ליב מיַינע וויַיסע בריסטן, וועסט ארונטערבייגן דיַין קעפּכען, און פון אונטן ארוף זיי קושן... יאָ, יאָ, אָט אזוי. (זי לאכט צופרידן, בייס ער טוט עס.) כאַ־כאַ־כאַ, ס׳איז מיר אזוי גוט מיט דיר!

ב ע א ט ע (רײַסט זיך פלוצעם אריַין, פאַן זאסען נאָך איר. ער פארהאלט זי, אָבער זי רייַסט זיך ארויס פון זיַינע הענט און לויפט צו זיי צו מיט א צעעפנט רענצל). ווידער מיט איר, מיט אָט דער צויג! נאָ, וואַרג זיך מיט דעם. איך דארף עס ניט. איך וויל עס ניט! (זי טוט א שיט ארויס איבער זיי מיט גאָלדענע זאכן, צירונג און בליַיבט אליין צעטומלט, גליַיך ווי זי וואָלט שוין כאראַטע האָבן אַף דעם, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן.)

ש ט י מ ע ן (דערשטוינט). סארא אויצער!.. בריליאַנטן! גאָלד! גאָט דו ליבער, אָט דאָס איז א רויבזאק! זע נאָר, גיונטער...

וויסמאר גאנוועט זיך צו עפּעס א כאפּ טאָן.

ע ו ו ע ל י ן. גאָט, ווו נעמט זיך אין איינע הענט אזויפיל גוטס?!

ר ו ד א ל ף. פון די שרעטעלעך, מיַין טיַיערע. געדענקסט דאָס מיַיסעלע וועגן די שרעטעלעך? דאָס האָבן זיי באזאָרגט דעם הערשער פון איירָאָפּע, דעם פאָרשטייער פון דער העכערער ראסע... זיי זיַינען דאָך מער ניט ווי שרעטעלעך, טויגעניכצן...

ע ו ו ע ל י ן. לאָז זיי אָפּ, זאָלן זיי זיך דערמיט שלאָגן קאָפּ אין וואנט.

ר ו ד א ל ף. ניין, פארקערט. איך וויל אויך ביַיזיַין בא אזא שוישפּיל.

ע ו ו ע ל י ן. וועט זיך שוין ווידער אָנהייבן א קאמף...

ר ו ד א ל ף. קאמף האָב איך ליב. איך בין א בינע־מענטש. אַף דער בינע, אפילע צוויי בענקלעך, אז זיי שטייען, שטייען זיי ניט גלאַט אזוי, קעמפן זיי צווישן זיך... און, אויסער דעם, אינטערעסירט מיך טאקע צו וויסן, ווו פארדינט מען עס אזא ריַיכטום? בא וועלכן געביט, פּראָפעסיע, באשעפטיקונג? פאר וועלכער ארבעט צאָלט מען עס מיט גאָלדענע אוירינגלעך, האַרבאנדן, פינגערלעך... מיט פייסעכדיקע גאָלדענע בעכערלעך. (ער בייגט זיך אָן איבער די זאכן, ווי ער וואָלט זיי וועלן באטראכטן.)

ק ע ז ל ע ר. נו, אלזאָ, אָנע ערגער. דער שטורמבאנפיורער איז, וויַיזט אויס, ניט נאָר א מיליטערמאן, ער איז אויך א מין ארכעאָלאָג, וואָס מאכט ארכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען אין פרעמדע שראנקען.

ו ו י ל י נ ג. טרעט אָפּ פונדאנען!.. וואָס גלאָצט איר מיט די אויגאנעס אפן גוטס פונעם ריַיך? איך וועל זיי, די שוויַינען... הילדע, האטשכען...

פ א ָ ן ז א ס ע ן. דערלויבט, הער שטורמבאנ... איך וועל אויך העלפן...

ה י ל ד ע (לאָזט אים ניט צו). ניין, ניין! קיינער בעט איַיך ניט.

זי מיט ווילינגן וואַרפן די אויצרעס צוריק אין רענצל. איינציַיטיק מיטן קלימפּערײַ דערהערט זיך פון ערגעץ א טעמפּ קלאַפּ. אלע הערן זיך צו. ס׳לויפן אריַין ע ד י ט מיט ק א מ י ל ע ן. זיי זיַינען דערשראָקן. זיי שלאָגן איינער דער צווייטער איבער די רייד.

ע ד י ט, ק א מ י ל ע. דאָס קלאַפּט מען פון דאָרטן, פון אויבן, דאָרט הערט מען בעסער, נאָר ס׳איז איצט שטילער געוואָרן...

ש ט י מ ע ן. שאט, שטילער! וואַרט צו מיט איַיערע שערבלעך! שטיל זאָל זיַין. (דאָס טעמפּע קלאַפּן באַנייט זיך ווידער. מיט א גרעפּילדער לאָזט מען זיך צום אָרט, פונוואנען עס גייען די קלאנגען.) מיר זיַינען געראטעוועט! דאָס דערלאנגט מען זיך צו אונדז!

---

[1] מאסקים.

אַלע לויפן אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס הערן זיך די קלאַנגען. עס בלײַבן ווילינג, הילדע מיט בעאַטען, וואָס קלײַבן די רעשט פון זייער אויצער. אויך דעריע געפינט א צעריסן זײַטל, וואָס ער האָט פריִער ניט באמערקט. ער שטויסט זיך צונויף מיט ווילינגן.

ו ו י ל י נ ג (אופגעבראכט). מארש פונדאנען, דו יודנלעקער! מיינסט עפּעס א כאַפּ טאָן! בא מיר כאַפּט מען ניט.

ה י ל ד ע (פארכאפּט ווילינגן בא דער האנט). מאַך קיין קראַך ניט. לאָז אים אָפּ. איצט איז ניט די צײַט דערויף.

ד ע ר י ע. שלאָגן מיך גאָר? און איך מיין... ניט מיט קיין קראפט דארפסטו איצט גיין. דײַן געווער איז בא יענעם, דײַן גאָלד וואלגערט זיך אונטער די פיס, ווי שערבלעך. און פונעם גאנצן רוים איז דיר געבליבן די פיר איילן אונטער דער ערד, מער גאָרנישט ניט. וואָס קוקסטו אָף מיר? פארשטייסט מיך ניט? ס׳דערגייט צו דיר ניט? דארפסט עס אלץ צום טײַוול. אויב דו האָסט א קאָפּ אָף די פּלייצעס, צעוואָרף און צעשטעק עס. מיט דעם וועסטו זיך איצט ראטעווען, אויב די רוסן זײַנען שוין דאָרט...

דאָס פינפטע בילד

אין עטלעכע שאָ ארום. דאָס אָרט. פונוואַנען ס׳הערט זיך פון צײַט צו צײַט דאָס קלאַפּן. אלע בא דער ארבעט. מע רײַסט אלץ מיט די הענט: קלעצער, שטיינער, דערבײַ מאַכט מען זיך גרינגער, אויסרופנדיק „איינס, צוויי, נעמען!"

ק ע ז ל ע ר. מאַמענטמאל, מײַנע הערשאפטן, ס׳איז שטיל געוואָרן. (אלע הערן זיך צו, ביז ס׳קומט ווידער א טעמפּער הילך.) נייך, ס׳הילכט! נו, אלזאָ, אָנע ערגער, איז נאָכאמאָל, עך, איינס, צוויי, נעמען! איינס, צוויי, נעמען!

פ אָ ן ז א ס ע ן (שטיל, צו ווילינגן). מענטשנס קינד, איר באגרײַפט כאָטש, ווו איר זײַט אין דער וועלט? איר מוזט זיך ראטעווען. יעדע מינוט איז טײַערער פון גאָלד.

ו ו י ל י נ ג. הם... הם... פּילײַכט, נאָר...

פ אָ ן ז א ס ע ן. איך בין מער ווי זיכער, אז דאָס זײַנען די רוסן. אונדזערע האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן. אין אזא געפערלעכער צײַט.

ו ו י ל י נ ג. הם... הם... מירן נאָך זען.

פ אָ ן ז א ס ע ן. זיי זוכן דאָ דעם געהיימען געווער־סקלאַד פון דעם „ווערוואָלף". וואַרשײַנלעך, האָט מען זיי שוין אונטערגעזאָגט. ס׳האָבן זיך שוין געפונען די גוטע לײַט דערצו.

ו ו י ל י נ ג. ווער ווייסט עס?

פ אָ ן ז א ס ע ן. איך ווייס עס. דאָ האָט מען אָף עקע ברונען־שטראסע פארבאהאלטן פּיל געוועור. איך ווייס, וואָס איך זאָג. איר מעגט זיך אָף מיר פארלאָזן. (אָפּן אויער.) איך האָב פארבינדונגען מיטן „ווערוואָלף". אָט אזוי! מענטשנס קינד, איך מיין דאָך אײַער נוץ.

ו ו י ל י נ ג. מירן נאָך זען.

פ אָ ן ז א ס ע ן. וואָס הייסט, איר וועט ערשט זען? ס׳ברענט יעדע מינוט. איצט איז נאָך דאָ צײַט. נאָכדעם קאָן שוין זײַן צו שפּעט.

ו ו י ל י נ ג. קוואטש. איך גלייב ניט, ער זאָל אײַנגיין...

פ אָ ן ז א ס ע ן. מענטש, דאָס פארלאָזט זיך שוין אָף מיר. פאר גאָלד וועט דער יודע פארקויפן זײַן גאָט און טאטע־מאַמע פאר א צוגאָב. איך קען זי גוט, די יודנשאפט.

ו ו י ל י נ ג. יאוואָל... איך האָב געמיינט, זיי זײַנען שוין אָף דער וועלט ניטאָ... נו, גוט... פּרוווט...

פ אָ ן ז א ס ע ן. אָט אזוי רעדט. מיר וועלן אים פארפּוצן אין דער עסעס־אוניפאָרם, אז ס׳וועט גיין א רויך.

ו ו י ל י נ ג. קוואטש, ס׳וועט ניט געלינגען.

פ אָ ן ז א ס ע ן. ס׳וועט געלינגען. ס׳וועט שויך זײַן אין אָרדענונג. אבי מע וועט אים געבן עטלעכע גאָלדשטיק...

די צוקומענדיקע הילדע און בעאַטע נעמען דעם דעטעקטיוו אָן א זײַט און סוידען זיך מיט אים. די ארבעט ווערט פאָרגעזעצט. „נאָכאמאָל, איינס, צוויי, נעמען! איינס, צוויי, נעמען!" ס׳ווערט אָפּגעריסן א גרויסער לאָדן, און אלע בלײַבן שטיין פאר א צעמענט־וואַנט פון איין גאַס.

ק ע ז ל ע ר. נו, אלזאָ! איצט וועלן מיר שוין גאָרניט מאכן. איצט קאָן מען עס נאָר רײַסן מיט די צײַן.

שטימען. אנו, שטילער! שטיל זאָל זײַן, רוּע, רוּע! דאָרט אַרבעט מען, איר הערט? אבי דאָרט בלײַבט מען ניט שטיין!

וויסמאַר. זיי האָבן מיט וואָס. ס'וועט שוין בא זיי לאַנג ניט געדויערן.

דער אוילעם צעגייט זיך צוביסלעך, אַנדערע רוען דאָ אָפּ. דאָקטער דעריע זיצט אַף דער ערד און איז פאַרטאָן מיטן צונויפשטעלן די שטיקלעך צעריסענע בלעטלעך פונעם העפט.

עדיט. דאָקטאָר, איך וועל אײַך ברענגען אַהער דאָס בעטל, איר טאָרט ניט זיצן אַף דער הוילער ערד.

דעריע (קוקט זיך ניט אום). אַוועק, אַוועק פון מײַנע אויגן! איך טאָר מיט אײַן לופט צוזאַמען מיט אײַך ניט עטעמען. (דערזעט עדיטן.) האָ? ניין, מע דאַרף ניט. איך האָב געמיינט, אַז ס'איז יענע. דאַנקע שיין. אַנטשולדיקט, איך באַדאַרף מער ניט קיין שוועסטער, קיין בעט־לעך, איך בין שוין פולקאָם געזונט.

עדיט. זי איז אַזוי אויך גאַנץ געווגוג אומגליקלעך. איר דאַרפט איר פאַרגעבן.

דעריע. האָ? פאַרגעבן, זאָגסטו? איז דען איצט אַ צײַט פון פאַרגעבן?

עדיט. זי האָט גענוג אָן אײַך. איר זאָלט זען, ווי זי לעבט איבער. זי וועט זיך דאָס לעבן נעמען.

דעריע (הייבט זיך אוף און לאָזט זיך גיין, עדיט נאָך אים). זאָל זי, זאָל זי, זי האָט עס ערלעך פאַרדינט.

פאָן זאַסען (צו וועלין). מענטשנס קינד, ס'איז שוין ניטאָ וואָס צו באַראַטן זיך. איצט קאָנט איר אים נאָך רעטן. נאָכדעם קאָן שוין זײַן צו שפּעט. איר הערט, ווי זיי דערלאַנגען זיך?

וועלין. איך טו עס ניט. ניין!

פאָן זאַסען. אויב איר וועט ניט זאָגן איצט: „יאָ", איז פאַרפאַלן. איר פאַרשטייט, וואָס מע רעדט צו אײַך?

וועלין. ניין, ניין.

פאָן זאַסען. מענטש! איך בין אײַך ניט קיין פײַנט! איר זײַט אַ דײַטשישע פרוי, צו־ליב אײַך טו איך עס.

וועלין. רעדט ניט איבער מיר, ס'וועט גאָרנישט ניט זײַן.

פאָן זאַסען. טאָמער איז נאָך געבליבן צוויי־דרײַ טעג, ביז זיי וועלן ענדלעך אַרײַן, די רוסן, דאַרפט איר אים אויסהיטן אָט דאָס שטיקל צײַט, דאַן וועט איר וויסן, אַז איר האָט אים געראַטעוועט.

וועלין. ער וועט אפילו ניט וועלן הערן דערפון.

פאָן זאַסען. און איר ווו זײַט? אַזויפיל יאָרן זיך אָנגעליטן אַלץ צוליב אים, אַזאַ צײַט זיך אָפּגעמאַטערט, און איצט צוליב אַ נאַרישקײַט אומקומען? איך שטעל מיך פאָר, וואָס איר האָט איבערגעטראָגן? מײַן קוזינע איז אויך פאַרהייראַטעט פאַר אַ יודע. זי איז אין שווינדזוכט אַרײַנגעטריבן געוואָרן.

וועלין. אָבער איך קאָן גאָרניט העלפן דערצו.

פאָן זאַסען. וואָס הייסט, איר קאָנט ניט? ווער נאָך קאָן העלפן, אויב ניט איר? נאָר איר. אַזאַ קלײניקײַט זאָל ער אײַך ניט טאָן צוליב. יעדנפאַלס, איז עס דאָך פאַרזײַנטוועגן, צוליב זײַן רעטונג.

וועלין. איך קען דאָך מײַן מאַן.

פאָן זאַסען. מענטשנס קינד, וויל מען ראַטעווען דאָס לעבן, קוקט מען אַף גאָרנישט ניט. וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט אַף אַ האַלבער שטונדע זיך איבערטאָן אין דער אוניפאָרם? בלויז ביזן איבערלויפן אַהיים. דאָס וויכטיקסטע, וואָס אײַך וועט קיינער ניט פאַרהאַלטן. קיי־נער וועט ניט וואַגן אײַך אָנרירן אַפילו.

וועלין. ס'וואָלט זיכער גוט געווען...

פאָן זאַסען. מענטש איינער, וואָס פאַרלירט ער דערבײַ? זײַנען עס די „רוסקי", איז דאָך געוויס גוט, האָט ער ניט וואָס צו מוירע האָבן. זײַנען דאָס אונדזערע, וועט ער זיך דערמיט ראַטעווען. איך האָב אים קוים צוגערעדט, דעם לומפּ... ער האָט פאַרוואָרפן מיט הענט און מיט פיס. מיר האָבן אים אָבער געדראָעט, אַז פון אויבן זײַנען שוין זיכער די רוסן, וועט ער אין צי־ווילן בעסער מאַכן (ער דערזעט אַרײַנגיין רודאָלפן מיט דעריען, רוקט ער זיך אָפּ פון וועלין).

רודאָלף. אַזאַ וויכטיקע זאַך, ווי קומט עס, איר זאָלט דעם העפט ניט געווען באַהאַלטן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן? אַזעלכע זאַכן האַלט מען ניט ווו־ניט־איז. ווער ווייסט, וואָס ס'מאַכט זיך...

דעריע. איר האָט רעכט, איר האָט געוויס רעכט.

ע ו ו ע ל י ן (גייט צו צו זיי). רודי, טײַערינקער (זי נעמט אים ארום), עס איז מיר אזוי שרעקלעך, עס ציטערט אין מיר יעדער גליד.

ר ו ד אָ ל ף. פארוואָס פלוצעם?

ע ו ו ע ל י ן. יעדער קלאַפּ פון דאָרטן, פון אויבן, אז כ׳דערהער, רײַסט זיך מיר אָפּ דאָס הארץ.

ר ו ד אָ ל ף. וואָס איז געשען?

ע ו ו ע ל י ן. און וואָס וועט זײַן, אויב... איך וויל עס גאָר פארן מויל ניט ברענגען... מיר קומען ארויס, און זיי זײַנען נאָך דאָרט... און די לײַט דאָ...

ר ו ד אָ ל ף. וויפל מאָל, עווכען, ווען איך בין געגאנגען אף צוואנגס־ארבעט, האָב איך אָנגעשריבן פאר דיר די דאטע און אונטער דער דאטע מײַן נאָמען?.. עס זאָל פארבלײַבן בא דיר, אויב איך וועל זיך ניט אומקערן, דאָס שטיקל פאפיר מיט מײַן אונטערשריפט... איז הײַנט... הײַנט איז א גלענצנדע דאטע...

ע ו ו ע ל י ן. רודי, שעמען מעגסטו זיך, אפילע אין שפאס זאָלסטו אזוי ניט ריידן...

ר ו ד אָ ל ף. ניין, ניין, מײַן טײַערע, האָסט רעכט. אויב איך האָב ביז איצט מיט אלע מײַנע נעגל זיך געקלאמערט אינעם לעבן, איז איצט, ווען ס׳צעהעלט זיך דער באגינען... דער גנאָד פאר דער מענטשהײַט... צו פײַנלעך וואָלט געווען... ניין, איך גלייב, און דו גלייב אויך, דו מוזט...

ע ו ו ע ל י ן. ווען עס וואָלט אזוי געווען!

ר ו ד אָ ל ף. איך וואָלט נאָך געוואָלט... דו ווייסט? ניט נאָר מיט די אויגן זיי זען, נאָר אויך מיט די הענט זיי אָנרירן, און ווען ס׳וועט מעגלעך זײַן, צופאלן מיט די ליפן צו זייער קלייד, זיך אנידערוואלגערן און אײַנדרעמלען... אײַנדרעמלען לעבן די רעטער אונדזערע אף די טרעפ, אף דער שוועל פונעם גליק... עפשער וועט א וואונדער געשען, און איך וועל מיטאמאָל פארגעסן אין אלע קאָשמארן, אין אלע פײַנען...

ע ו ו ע ל י ן. ביסט מיד אזוי איצט, טײַערינקער, אָרעמער...

ר ו ד אָ ל ף (לייגט אוועק דעם קאָפּ אף אירע קני). איך בין שוין אזוי מיד צוועלף יאָר. צוועלף יאָר אָן א מײַ, אָן א פרילינג... און דאָרט, אויבן, אויב ס׳איז אזוי, ווי איך גלייב, איז דאָרטן שוין מײַ און ס׳איז אויך א נײַער פרילינג. די ערד איז איצט אָנגעלאָדן מיט קראפט, מיט נײַע געבורטן, וואָס רײַסן זיך פון די אינגעווייידן. יעדער ביימל, יעדעס גרעזל שפרודלט שוין דאָרט מיט פרייד פון נײַגעבוירן, מיט פרייד פון נײַע פליכטן.

ע ו ו ע ל י ן. און אויב ס׳איז נאָך דערווײַל אלץ א טרוים?..

ר ו ד אָ ל ף. איז אויך גוט! איז לאָמיר טרוימען! דערמאָן זיך אין אונדזערע ארויספאָרן יעדן פרילינג אין דאָרף. נאָך פאר דער היטלער־צײַט. איך האָב ליב געהאט צו קוקן, ווי דער אקער זינקט טיף ארײַן אין באָדן און ווי די ערד־שיכטן ווארפן זיך איבער, ווי לעבעדיקע גלידער...

ע ו ו ע ל י ן. און איך האָב אויך ליב געהאט, ווען ס׳האָט פרילינגדיק גערעגנט...

ר ו ד אָ ל ף. יעדער טראָפּן וואסער פון יענע רעגנס האָט געקאָנט שטילן דעם דאָרשט. אך, ווי איך בין דאָרשטיק! צום טײַוול, ווו איז ערגעץ דער ווײַן? ניט שוין האָב איך קיין רעכט ניט גוט באנעצן דעם גומען?

ע ו ו ע ל י ן. ניין, ניין, רודאָלף! איך וועל דיך ניט לאָזן. איצט ניט. איצט דארפסטו זײַן ניכטער. אין אזא אנטשיידענעם מאָמענט... קום אהער... זעץ זיך נאָכאמאָל אנידער... לאָמיר נאָר גוט באטראכטן. לאָמיר זיך באדענקען... מיר שפילן איצט מיטן לעבן. מיר שטעלן איצט אין קאָן אונדזערע אלע פײַנען אין לײַדן פאר די לעצטע יאָרן. דו הער זיך אײַן אינעם קלאַפּן... דאָס זײַנען זיי, די פארפלוכטע נאציס... דאָס זוכן זיי מענער צו די שלאכטן. די רוסן, אויב זיי זײַנען שוין אין שטאָט, איז וואָס האָבן זיי דאָ צו גראָבן? וואָס קאָן זיי דאָ אינטערעסירן?

פ אָ ן ז א ס ע ן (ווי ער וואָלט דאָ פלוצעם אויסגעוואקסן). קיינע רוסן, הער שפילמײַסטער! די רוסן האָבן דאָ ניט וואָס צו זוכן. פאסן זי מיר אויף, הער שפילמײַסטער. איר קענט מיך ניט. איך בין אײַך א פרעמדער. נאָר איך פיל אײַך מיט. איר זײַט אין זייער א געפערלעכער לאגע.

ר ו ד אָ ל ף. איז וואָס ווילט איר זאָגן דערמיט?

פ אָ ן ז א ס ע ן. איך וויל זאָגן... ע... ע... ע. איך האָב דאָ גערעדט מיט אײַער פרוי... איר האָט א מעגלעכקײַט צו פארבעסערן די לאגע...

ר ו ד אָ ל ף. וואָס פאר א מעגלעכקײַט?

פ אָ ן ז א ס ע ן. אײַער פרוי האָט מיך געבעטן... פאסן זי מיר אויף... איך האָב א רעד געטאָן מיטן הער שטורמבאנפיורער...

רודאָלף. וואָס?! דו, עוועלין?... איך דערקען דיך ניט...

עוועלין. נו ערגער זיך ניט, רודי! באַרויִק זיך...

רודאָלף (צו פאָן זאַסען). קאָנקרעט. וואָס ווילט איר מיר זאָגן?

פאָן זאַסען. מענטשנס קינד, וואָס דענקט איר? איך מיין דען עפּעס שלעכטס? איך האַלט איינפאַך... אַז איר דאַרפט מיט אים אַ רעד טאָן. פּרוּווט זיך מיט אים צו פאַרשטענדיקן. מע ווייסט דאָך ניט, וועמעס שיקזאַל ס'האָט אויסגעשפּילט. וואָלט איר געדאַרפט מיט אים זיך איבערבעטן, אים פאַרצײַען.

רודאָלף. יאָ, איך וועל אים פאַרצײַען, איר קאָנט עס אים איבערגעבן, אָבער ניט פריִער, ווי מע וועט אים אופהענגען.

פאָן זאַסען. מענטש איינער, איר שפּילט אַף אַ שלעכטער קאַרט. באַטראַכט זיך, וואָס איר האָט צו טאָן. ס'איז אַ ריזיקע, אַ געפערלעכע ריזיקע, געדענקט...

רודאָלף. מאַרש פון מײַנע אויגן, איך זאָל פון דײַן אָטעם ניט הערן...

עוועלין. ווי שעמסטו זיך ניט, רודי? וואָס האָסטו צום מענטשן?

רודאָלף. און דו אויך... מײַנע געהירן ברענען, מײַן גאַנצער קערפּער איז אָנגעצונדן מיט גיפט פון האַס, מיט אַ לעכצונג דערלעבן זען זייער סאָף... און דו... דו לאָזט זיך איצט ריידן מיט אַזאַ אויסוואָרף.

עוועלין. מע דאַרף זיך אַמאָל ניט ווילנדיק מאַכן, רודי. ווען דו האָסט געוואָלט, האָסטו געקאָנט פאַרגעסן, און דו האָסט שטענדיק דײַן האַס געצוימט...

רודאָלף. יאָ, אָבער ווי גרויס ס'איז ניט געווען די נויטווענדיקײַט צו פאַרגעסן, איז דער ווילן צו געדענקען געווען נאָך אַ גרעסערער, שטענדיק אַזוי, נאָך באַזונדערס איצט...

עוועלין. איידער אַזוי זינלאָז אַרײַנפאַלן צו זיי אין די הענט אַרײַן... אָ, גאָט...

רודאָלף. דערויף האָב איך סאַם און אויך אַ מעסער. איך האָב עס ביז איצט ניט געטאָן, איך האָב זיך געראַנגלט מיט די לעצטע קויכעס, קעדיי אויסצופילן דעם געבאָט פון איבער־בלײַבן, פון פאַרזעצונג... וועל איך איצט באַ זייער סאָף זיך לאָזן פאַרניכטן פון זייערע הענט?..

גיזעלע (גייט צו צוזאַמען מיט גיונטערן צו רודאָלפן און עוועלין). איך גלייב זיך גאָר־ניט, אַז מיר זײַנען געראַטעוועט. איר הערט, ווי דאָס קלאַפּן ווערט וואָס אַמאָל הילכיקער און האַסטיקער!

גיונטער. געראַטעוועט... מע וועט מיך זיכער גלײַך שלעפּן אין פאָלקסשטורם.

גיזעלע. נו פאַרוואָס זאָלסטו שטענדיק אויסלייגן צום שלעכטן? איך בין אַזוי גליקלעך, וואָס איך וועל נאָכאַמאָל זען די זון. ס'איז דאָך שוין מײַ, גיונטער... מײַ! מײַ אַף דער וועלט. פרייען וועט זיך די מוטער מיט מיר! (קושט גיונטערן.) זי מיינט געוויס, אַז איך בין שוין טויט.

רודאָלף (אין שפּאַס). ווען איך בין אײַער מוטער, וואָלט איך אײַך נאָכגעגאַנגען פּוס־טריט.

גיונטער. זי איז שוין גאָרניט אַזאַ פאַרשײַטע, ווי איר מיינט.

רודאָלף. דאָס זע איך אַליין. און זי האָט נאָך באַ דער זײַט אַזאַ יונגגן...

עוועלין. וואָס האָסטו צו דער יונגער פּאָר? רודי.

גיונטער. איך ווייס ניט, וואָס ער האָט צו אונדז, נאָר איך דאַרף יאָ צו אײַך...

רודאָלף (אופגערעגט). איר אויך, יונגערמאַן? איר ווילט מיר אויך עפּעס פאָרלייגן?

גיונטער (פאַרלוירן). יאָ, איך האָב אײַך געוואָלט...

רודאָלף (מיט צאָרן). דאַנקע שיין. אַ גרויסן דאַנק. איך וועל זיך שוין באַגיין ווי־ניט־איז אָן אײַער הילף...

גיונטער. אַנטשולדיקט, איך מיין גאָר עפּעס אַנדערש... באַ אײַך איז דאָך מער ניט, ווי איין דעטאַל...

רודאָלף. איר האָט אַ טאָעס, יונגערמאַן, באַ מיר איז אַלץ פאַראַן. אַלע דעטאַלן (באַ־ווײַזט אָפן שטערן), מיט אַלע שרײַפּעלעך.

גיונטער (פאַרשעמט). ניט דאָס מיין איך, הער שווישפּילער. (אָפן אויער.) איך מיין די דעטאַל פונעם פּיסטאָלעט.

רודאָלף. אַך, אָט וואָס? צוליב וואָס טויג עס דיר?

גיונטער. ניט מיר, אונדז אַלעמען... איך בין דאָך אויך...

רודאָלף. אַן אַנטיפאַשיסט. זיכער. וואָס דען? איצט זײַנען אַלע אַנטיפאַשיסטן. קלאָר ווי דער טאָג.

גיונטער (מיט פאַרדראָס). און דאָס וואָס איז? (ער פאַרשאַרט דעם אַרבל, באַווײַזט דעם לאַגער־צייכן.) קלאָר ווי דער טאָג?

רודאָלף. פון קאַצעט אַנטלאָפן?

ג י ו נ ט ע ר. פון דער טורמע. מע האָט זי צעבאָמבירט. אַלע זײַנען זיך צעלאָפן, און איך מיט אָט דעם מיידל (באַווײַזט אַף גיזעלען), גוט, וואָס מיר האָבן אָט דאָס (באַווײַזט אַף זײַן און גיזעלעס קליידונג) געפונען אין אַ צערוינירט הויז!

ר ו ד אָ ל ף. איצט איז קלאָר, איצט פאַרשטיי איך. (נעמט אים אַרום.) אָט אַזעלכע דײַטשישע יוגנטלעכע האָב איך גערן.

ג י ו נ ט ע ר. איך בין ניט קיין דײַטשישער יוגנטלעכער. איר האָט דאָך געזען (ווײַזט אַפן אַרבל), „אָסט“ איז דאָרט אָנגעשריבן...

ר ו ד אָ ל ף. וויפל זשע ביסטו אַלט?

ג י ו נ ט ע ר. מיר איז איצט אַכצן. צו פערצן יאָר האָט מען מיך פאַרטריבן אַהער. פון לאַגער האָט מען מיך אין טורמע פאַרשטעקט...

ר ו ד אָ ל ף. איז אַף וואָס דאַרפסטו די דעטאַל פונעם פּיסטאָלעט? נאַ, נעם זי.

ג י ו נ ט ע ר. אַ דאַנק. דאָס איבעריקע האָבן מיר. אַלע טיילן זײַנען צונויפגעזאַמלט. אַפילע די פּאַטראָנען. איצט זײַנען מיר מיט געווער אין דער האַנט.

ר ו ד אָ ל ף. זייער גוט, איר זײַט אַ פײַנע פּאָר. (נעמט אַרום גיונטערן מיט גיזעלען.) דיר, דעם איינציקן, קאָן איך געטרויען געווער אין דער האַנט, ווײַל ביסט אַ זון פונעם פאָלק, וואָס באַפרײַט אונדז.

ג י ו נ ט ע ר. איך בין ניט קיין רוס, כ׳בין אַ פּאָליאַק...

זיי לאָזן זיך גיין. עס קומען אַרײַן ב ע א ט ע מיט ה י ל ד ע ן.

ב ע א ט ע. נו, וואָס איז געוואָרן?

ה י ל ד ע. גאָרניט.

ב ע א ט ע. וואָס הייסט גאָרניט?

ה י ל ד ע. דער יודע וויל ניט.

ב ע א ט ע. און ווו איז קאַרל?

ה י ל ד ע. ער איז אַוועק זיך איבערטאָן. איצט דאַרפן מיר זיך האַלטן צוזאַמען. דו הערסט, ווי זיי קלאַפּן שוין פון אויבן.

ב ע א ט ע (האַלט דאָס רענצל מיט ביידע הענט אַף דער ברוסט). אָ, יעזוס...

ה י ל ד ע. גאָט דו ליבער, וואָס וועלן מיר טאָן? וויאַזוי וועלן מיר איבערלויפן כאָטש ביז צו דיר, הילדע? קאַרל האָט געזאָגט... (זי נעמט זיך שעפּטשען מיט איר.)

וו י ס מ א ר. זעט, זעט, ווי מע שעפּטשעט זיך שוין ווידער. זיך שוין אײַנגעטיילט. זיי מיינען, אַז דאָס רענצל וועט אַרויס פונדאַנען אָן מיר. אָ, ניין! איך שווער אײַך בײַ דער איינער האַנט מײַנער...

ה י ל ד ע. נו, טו זשע ניט קיין נאַרישקײַטן, מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט...

וו י ס מ א ר. דאָס זײַנען גאָר קיין נאַרישקײַטן ניט. איך האָב דאָרטן אַ גרעסערן טייל, ווי איר ביידע מיטן שטורמבאַנפירער צוזאַמען. ניט ער האָט דאָס אַלץ צונויפגעזאַמלט בײַ די אַקציעס, נאָר אַזעלכע ווי איך און טאַקע איך אַליין. און דאָס וואָס איז? (ער באַווײַזט אַפן פּראַטעז און אַפן ליידיקן אַרבל.)

פ ר א ס ט (קומט אַרײַן מיט קאָנסערוון־פּושקעס אין ביידע הענט). ס׳זאָלן כאָטש ניט זײַן קיין באָמבעס, איך זאָל כאָטש קאָנען אַהיימקומען. האַ, ווי מיינט איר?

וו י ס מ א ר (צו הילדען און בעאַטען). איר וועט זיך פון מיר ניט אַרויסדרייען, אָ, ניין! שאַ, און ווו איז ער ערגעץ?.. אַהאַ... ער האָט שוין מוירע צו באַווײַזן די נאָז זײַנע, קאַ־קאַ! ער פאַרשטייט שוין, אַז ס׳האַלט מיט אים שלעכט. בײַ מיר וועט ער זיך ניט אויסבאַהאַלטן, אָ, ניין!

ב ע א ט ע (צו הילדען). קום אַוועק פון אים.

ה י ל ד ע. יאָ, ער איז אומדערטרעגלעך.

וו י ס מ א ר (פאַרשטעלט זיי דעם וועג). איר גיט עס מיר אָפּ, וועט איר בעסער מאַכן. ווען ניט, וועל איך גלײַך אָנווײַזן אַף אײַך. אויב איר ווילט ניט האָבן קיין אומגליקן, איז גיט עס אַהער. דערנאָך וועט שפּעט זײַן, געדענקט!... שאַט, ווייסט איר וואָס? איך גיי אַף אַ קאָמפּראָמיס. גיט מיר די העלפט. אָבער שוין צעטיילט אַלץ אַף האַלב, דאַן זײַנען מיר קוויט. נו מאַכן מיר עס? געדענקט, עס זאָל אײַך דערנאָך ניט באַנק טאָן. בײַ מיר וועט קיינער ניט צונעמען וואָס איז ווערט אַ פּעניג. ווער ס׳זאָל ניט זײַן, צי אונדזערע, צי ניט אונדזערע... ציילט מיר שוין אַפן אָרט אויס די העלפט, זאָג איך, אַז איר זײַט מײַנע. (צו הילדען.) דו ביסט מײַן זעליקע פרוי, און זי מײַן שוועסטער. אַף אַ קריגס־אינוואַליד ווער וועט האָבן אַ פאַרדאַכט? איך קאָן עס אויך צעשטעקן אָט דאָ אונטערן פּראָטעז... און אינעם ליידיקן אַרבל אונטערהענגען...

הילדע. **שיין! גוט! איך גיי איַין... וואָס זאָגסטו, בעאַטע?** (בעאַטע שאָקלט מיטן קאָפּ אָף יאָ.)

וויסמאַר. **איז גיט עס אַהער!**

הילדע. **ניט דאָ! ביסט פֿון זינען?**

וויסמאַר. **אָ, ניין. נאָר דאָ!**

הילדע. **ווי קאָן איך? און אַז ער וועט דערזען?**

וויסמאַר. **דער שטורמבאַנפֿיורער? איך האָב פֿאַר אים קיין מוירע ניט. איצט האָב איך שוין פֿאַר אים קיין מוירע ניט. איר הערט, ווי ס'דונערט?**

הילדע. **קום אַהער** (זי נעמט אים אין אַ זײַט, און זיי שעפּטשען זיך. דאָס קלאַפּן ווערט אַלץ שטאַרקער.)

עדיט (צו דער ווײַנענדיקער קאַמילע). **איצט האָסטו שוין ניט וואָס צו ווײַנען, קאַמילע.**

קאַמילע. **איז וואָס? זאָל איך גיין אַ טאַנץ?**

עדיט. **מעגסט גיין אַ טאַנץ. נאָר ניין, פֿרייען זיך איז נאָך צו פֿרי.**

קאַמילע. **אַפֿילע אויב דאָרט זײַנען נאָך אונדזערע, איז אויך ניטאָ וואָס צו טאַנצן. ווער ווייסט, מיט וואָס ס'וועט זיך נאָך ענדיקן?**

עדיט. **דאָרט זײַנען שוין זיכער די „רוסקי".**

קאַמילע. **איז געוויס ניטאָ מיט וואָס זיך צו פֿרייען.**

עדיט. **און ווײַנען דערוף וועל איך אויך ניט. איך האָב שוין גענוג אויסגעווײנט בײַ מײַן לעבן. געווען אַזאַ צײַט.**

קאַמילע. **איך הייב דיך ניט אָן צו פֿאַרשטיין, עדיט.**

עדיט. **און וועסט טאַקע ניט פֿאַרשטיין. לאָמיר איצט בעסער ניט ריידן דערפֿון. גוט? לאָמיר בעסער שווײַגן. איך בין אַזוי אומרויִק. איך קאָן דיר איצט גאָרניט זאָגן, עפּשער שפּע־טער... דאָרט, אויבן...**

קאַמילע. **איך דערקען דיך ניט, עדיט... דו באַהאַלטסט עפּעס פֿון מיר. דו ביסט אַזוי ווי איבערגעביטן געוואָרן. דו ביסט גאָר אַן אַנדערע...**

עדיט. **יאָ, יאָ, אַן אַנדערע. נאָר לאָמיר שווײַגן... שווײַגן און האָפֿן...**

פּראָסט (צו קעזלערן). **ווי מיינט איר, איז שוין דער קריג צו ענדע?**

קעזלער. **נו, אַלזאָ! אויב די רוסן זײַנען דאָרט, איז אָנע ערגער, איז דאָס אַן ענדע.**

יוזעף. **זיכער, די רוסן.**

עוועלין. **אָ, גאָט, ווען דאָס איז וואָר!**

בײַ קאַמילען רופֿט דער זאָג אַרויס אַ גרעסערן געוויין. בעאַטע, קוקנדיק אָף איר, צעווייינט זיך אויך. הילדע רעדט נאָך אַלץ מיט וויסמאַרן, פּראָסט צעכליפּעט זיך.

קעזלער. **וואָס האָט איר זיך אַלע צעיאָמערט? פֿילײַכט וואָלט מען עפּעס געהערט...** (צו יוזעפֿן, שטיל.) **שוין צײַט צו באַהאַנדלען.**

יוזעף. **גוט, נעם זיי צונויף!** (ער גייט אָפּ אין אַ ווינקל. קעזלער פֿירט צו אים צו גיונ־טערן מיט גיזעלען, אָף יוזעפֿס ווונק גייט אויך צו עדיט.) **דאָס געוועהר איז איצט בײַ אונדז. דער פּיסטאָלעט, ווידער אַ צונויפֿגעשטעלטער, אַן אַנגעלאָדענער, ליגט בײַ מיר אין טאַש. דאַרפֿן מיר, קאַמעראַדן, איצט באַשטימען... איך וויל, איר זאָלט וויסן, דאָ געפֿינט זיך אַ מענטש, נאָך וועלכן איך גיב שוין אַכטונג בײַ אַ האַלב יאָר. אייגנטלעך, איז דאָס ניט מײַנע אַ פּער־זענלעכע זאַך, דאָס פֿיל איך אויס דעם ווילן פֿון אַ גרופּע קאָמוניסטן פֿון האַמבורגער אונ־טערערד. איר זאָלט פֿאַרשטיין די וויכטיקײַט פֿון מײַן ציל, וועל איך אײַך בלויז זאָגן: דער מענטש, אַ געוועזענער געריכט־פֿאָרשער נאָך בײַ דער ווײַמאַר־רעפּובליק, האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין דער פּאַרטיי, ער זאָל דערנאָך בײַ דער נאַצי־צײַט קענען אויסגעבן אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער. איך וואָלט אים שוין לאַנג געקענט אָפּראַמען פֿון וועג: די פֿרײַלן עדיט ווייסט דערפֿון. אָבער מיר דאַרפֿן אים איצט האָבן אַ לעבעדיקן, סײַ צוליב דעם, ער זאָל נאָכן זיג געשטעלט ווערן פֿאַר אַן אָפֿענעם פֿאָלקס־געריכט, ווי אויך צוליב דעם, ער זאָל אופֿדעקן זײַנע פֿאַרבינ־דעטע, די פֿאַרברעכער, וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפֿן. מיר זײַנען איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז אויב דאָרט זײַנען נאָך די נאַציס, קאָן ער פֿון אונדז אַנטרונען ווערן. דאָס טאָר ניט דערלאָזט ווערן. אין לעצטן פֿאַל וועט מען אים מוזן פֿאַרניכטן. איינער פֿון אונדז וועט זיך מוזן אײַנשטעלן... זײַן לעבן אײַנשטעלן...**

קעזלער. **איך בין אונטער אַ פֿאַרדאַכט אויך דאָ. און פֿון אויבן איז אָפּגערעדט. אויסער אַלעמען, בין איך איינער אַליין. די גאַנצע פֿאַמיליע מײַנע איז אומגעקומען פֿון די באָמבעס. אין**

די אלע שוידער־יאָרן האָב איך זיך אויסגעדרייט אָן קאַצעטן, איז וויפל דער שיר אזא אלטער עלנטער פלאָקן, ווי איך, זאָל זיך פלאָנטערן פאר די פיס?

יוזעף. וואַרף שוין דייַנע שפּאַסערייַען, האַנס. אינעם באַנייַטן דייַטשלאַנד וועט פאַר דיר זייַן אַן אָרט אין די פאָדערשטע רייען, און ביסט נאָך גאַנץ בראַוו אַף עלנט ניט זייַן, אויך מיר אַן אלטער פלאָקן...

גיונטער. מיר וועלן עס טאָן, איך מיט גיזעלען. זי איז, ווי אַן עכטע אַריערן, אַ דייַטשקע פון די סודעטן, זי רעדט דייַטש שענער פון אַ בערלינערן, זי וועט זיך אויסדרייען. און איך? אַזוי צי אַזוי, וועל איך נאָך מוזן אַרייַנפאַלן צו זיי אין די הענט...

יוזעף. ניין, מייַן ליבער, דו ביסט נאָך אַזוי יונג, דאַרפסט נאָך לעבן און לעבן. אויסער אַלעמען, בין איך בּאַ דער מיינונג, אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן מיט דייַטשישע הענט. ס׳איז אונדזערע אַ וווּנד, און מיר דאַרפן זי אויפשנייַדן. מיר האָבן אַזוי ווייניק געטאָן נאָך צו פאַרניכטן אונדזער אַלעמענס פייַנט.

עדיט. דאַן וועל איך עס טאָן.

יוזעף. אָ ניין, טייַערינקע... אין דייַנע יאָרן. דו האָסט אַזוי אויך גענוג געטאָן. דו ביסט אונדזער צוקונפט, דייַטשלאַנדס שטאָלץ און האָפענונג...

ס׳גייט צו זיי צו רודאָלף מיט דעריען, דער געשפּרעך ווערט אָפּגעהאַקט אינמיטן.

רודאָלף. מיר אַמפּערן זיך דאָ מיטן הער דאָקטאָר, איך וואָלט געוואָלט וויסן אייַער מיינונג...

דעריע. איך האָב געוווּסט פונעם ערשטן טאָג... ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דעם קריג מיט די רוסן, בין איך געווען זיכער, אַז מיר האָבן פאַרשפּילט.

קעזלער. נו אַלזאָ, אָנע ערגער, אַבי אַן ענדע...

יוזעף. אַ וווּנדער דאָך! קימאַט פיר יאָר, אַז זיי האָבן גאָרניט געקאָנט מאַכן מיט אונדזער ווערמאַכט, מייַן זון איז שוין געווען בּאַ מאָסקאַו...

דעריע. „טישע יעדעש, דאַלשע בודעש" זאָגט אַ רוסיש שפּריכוואָרט, דאָס הייסט פאַר לאַנגזאַם, וועסטו ווייַט קומען. די רוסן האָבן אין פאַרלויף פון זייער געשיכטע פאַר פיל יאָרהונדערטער אָנגעזאַמלט פאַרנונפט, מוטיקייַט, גרייטקייַט צו זעלבסטאָפּפער, ליבע צו גערעכטיקייַט. איז ווּהין האָט געזאָלט אהינקומען אָט דער גרויסער שאַץ פונעם רוסישן פאָלק, ווּהין האָט ער געזאָלט פאַרטאָן ווערן, אויב ניט אַף גרויסע, גאָר גרויסע טאַטן, וועלכע זייַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן פאַר די לעצטע דרייַסיק יאָר? פון יאָר צו יאָר זייַנען זיי געוואָרן אַלץ שטאַרקער און קרעפטיקער, און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אָט דער גלענצנדער אַנסאַמבל פון פיזישער און גייַסטיקער דערהויבנקייַט, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ לייַכט־טורעם אין דער וועלט. נאָר אַזעלכע בלינדע, ווי מיר, האָבן ניט געקאָנט אייַנזען אָט דאָס לייַכטן. בלויז אַזוינע קורצזיכטיקע, ווי מיר, האָבן ניט געקאָנט פאַרויסזען אָט די מעכטיקע קראַפט, וואָס וועט שטורעמען און אייַנברעכן...

זייַנע רייד ווערן איבערגעריסן דורך אַ פאַרשטאַרקט קלאַפּן. ס׳ווערט אַדורכגעבראָכן די וואַנט. אַלע קוקן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אָט וועט געלייזט ווערן דער גורל זייערער. ס׳לויפן אַרייַן וויילינג און פאָן זאַסען. זיי האָבן זיך געביטן מיט די קליידער. ווייסמאַר באַמערקט עס דער ערשטער.

ווייסמאַר. קוקט זיי נאָר אָן. כאַ־כאַ־כאַ! פּרימאַ! ערשטע קלאַס! ער מיינט, דאָס וועט אים ראַטעווען...

קעזלער. נו, אַלזאָ, גאַנץ אָנשטענדיק!

רודאָלף. אָט דאָס, פאַרשטיי איך, איז אַ קאָמעדיע מיט איבערטאָן זיך.

קעזלער. און וואָס איז דאָס פאַר אַן עסעס־שטורמבאַנפיורער? זעט נאָר, ווי אייַנגעשרומפּן ער איז.

עוועלין (ווייַזט אַף ווילינגן). דער איז גאָר אַרויסגעוואַקסן פון די קליידער.

ווייסמאַר. אָט אַזוי גייט עס ניט... איך וועל דער ערשטער אויסגעבן.

קעזלער. דאַרפסט ניט, ער וועט אַליין פאַלן. ער וועט שטאַרבן פון אַ צו ענגן שניפּס, וואָס וועט פון זיך אַליין זיך פאַרציִען בּאַ אים אַפן האַלדז, נאָך דעם ווי מע וועט אַרויסשטויסן דאָס טאַבורעטל פון אונטער זייַנע פיס.

רודאָלף (באַמערקט, ווי פאָן זאַסען רייַסט אַראָפּ פון דעם מונדיר די סוואַסטיקע און וואַרפט זי אָפּ אין אַ זייַט. רודאָלף הייבט זי אויף און מאַכט נאָך ווילינגן, ווען יענער האָט געפּונען די געלע לאַטע). אַ נאַצי־צייכן? דאָנערוועטער! הונדערט טייַוולען... ווער? וועמעס איז עס? ווער איז דאָ דער פאַרפלוכטער נאַצי?.. דער שווייַנע? דו? דו? (ווייַזט אַף פאָן זאַסענען.) דו?

פאַן זאַסען. גאָט באַהיט, וואָס איז אײַך אַפּן זינען געקומען? איך בין קיינמאָל קיין פּעגע[1] ניט געווען.

רודאָלף (צו ווילינגן). איך האָב זיך ביז אהער (באַווײַזט אַפּן האַלדז) געבאָדן אין בלוט און אין שאַנדע. מע האָט אף מיר ווי אף אַ וואָרעם געטראָטן, נאָר איך האָב שטענדיק געהאַלטן דעם קאָפּ ניט געבויגן. און דו... האָסט זיך שוין אײַנגעשרומפּן אין די קליידער פון אָט דעם ווייזעלע... און גלײַך ווי דו וואָלסט קיינמאָל דײַן טעמפּן קאָפּ ניט געהאַט אף די פּלייצעס... (די וואַנט ברעכט זיך, דאָס פאַרהילכט זײַנע רייד, פון דרויסן הערן זיך אויסגעשרייען, מע זאָל זײַן פאָרזיכטיק, מע זאָל זיך ניט שפּאַרן. ווי נאָר רודאָלף כאַפּט אויף, אַז מע רעדט אויך אף רוסיש, צעשרײַט ער זיך אף אַ קאָל.) די „רוסקי"! די רוסן זײַנען דאָרט... עווכען, לאָמיך דיך אַרומנעמען! (ס'קומט אים צו דער האַנט דער דאָקטאָר דעריע, וואָס שפּאַרט זיך צו דער עפענונג. רודאָלף לאָזט אים דורך פאָרויס, נאָר יוזעף פאַרהאַלט דעם דאָקטאָר און שלעפּט אים אף צוריק.)

יוזעף. אײַלט זיך ניט. מיר וועלן באַווײַזן... (ער פירט אים אָפּ אין אַ זײַט, דאָרט, וווּ ווייסמאַר רײַסט פון בעאַטעס הענט דאָס רענצעלע. הילדע וואַרפט זיך אף ווייסמאַרן, און דער דרײַפּאַקיקער קנויל וואַלגערט אום די פרוי פראָסט, פון וועמעס הענט ס'קײַקלען זיך אַרויס קאָנסערוון־פּושקעס. יוזעף צו דעריען). עלמאַר ווירט, אַן אַרבעטער פון דער פירמע בלאָם און פאָס אין האַמבורג.

דעריע (צעטומלט). ווער? איך?

יוזעף. ניין, איך. אזוי, אַז מיר זײַנען באַקאַנט.

דעריע. איך מיט אײַך? ניין, איך קען אײַך ניט.

יוזעף. פאַרשטייט זיך, אַז איר קענט מיך ניט. בלויז דער יודע, דער שוישפּילער, קאָן געוויס זיך אזוי פאַרענדערן, ווי איר, און אזוי גלענצנד שפּילן די ראָל פון אַ הומאַניסט, אַ געלערנטן, און דערצו נאָך אַ נאַצי־קעגנער.

דעריע. איר זײַט ניט באַם זינען! איר נעמט מיך אָן דער טײַוול ווייסט פאַר וועמען!

יוזעף. גענוג! מאַכט אַן ענדע צו דער שפּיל. אַלע אײַערע יאָרן, דאָס גאַנצע לעבן האָט איר אין איין שפּילן.

דעריע. וואָס פאַר אַ פאַרלוימדונג? מענטשן טײַערע! וואָס טראַכט אָט דער מענטש אויס אף מיר?

יוזעף. איך געדענק אײַך נאָך פונעם דרײַ־און־צוואַנציקסטן יאָר, ווען איר האָט אַגיטירט קעגן אופשטאַנד פונעם האַמבורגער פּראָלעטאַריאַט.

דעריע. אַך, קעגן אופשטאַנד אין דרײַ־און־צוואַנציקסטן יאָר? דאָס יאָ... דאָס איז ווירקלעך געווען. האָט איר זיך איצט דערמאָנט דעריען? נאָך אַזאַ בלוטבאָד?.. אויסער אַלעמען, זײַנען דאַן... דעמלט זײַנען אַפילע ניט אַלע צעקאָ־מיטגלידער געווען פאַרן אופשטאַנד.

יוזעף. איך ווייס, געווען אויך אַזעלכע. קעזלער, דו האַלט אַן אויג אַפן עסעס־מאַן.

קעזלער. דאָס פּוילישע ייִנגל מיט זײַן מיידל פאַרנעמען זיך מיט אים.

יוזעף. מע דאַרף זען, ער זאָל דאָרט זיך ניט נעמען דאָס לעבן. (מיטן פּיסטאָלעט אין האַנט, צו דעריען.) אָבער קיינער פון די, וואָס זײַנען געווען קעגן אופשטאַנד, זײַנען דערנאָך ניט געוואָרן קיין פּראָוואָקאַטאָרס, אזוי ווי איר.

דעריע (אויסער־זיך). וואָס נאָך וועט איר אף מיר אויסטראַכטן? איך בין שוין העכער צוועלף יאָר אַ קאָמוניסט. איך האָב פאַרהיט מײַן פּאַרטיי־קאַרטע. איך האָב פּערזענלעך געקענט טעלמאַנען.

יוזעף. איך ווייס. איך ווייס. צום באַדויערן, איז דאָס ריכטיק. דעם צווייטן מאַרט 1933, אַ טאָג פאַר זײַן אַרעסט, זײַט איר געווען בײַ אים אין שאַרלאָטענבורג אף דער שלאָסענשטראַסע.

דעריע. מע האָט מיך אויך אין עטלעכע טעג אַרום אַרעסטירט.

יוזעף. יאָ, צוליב דעם, מע זאָל אײַך אין אַ וואָך אַרום אָפּשיקן קיין אויסלאַנד. און וועגן אײַער זײַן אין לאַגער דערמאָנט אַפילע ניט. מיר ווייסן, אַז איר האָט אַלע אַכט יאָר אין אויסלאַנד געטרײַ געדינט דער געסטאַפּאָ. איר האָט זיך אַהיים אומגעקערט, ווען ס'איז צעפּויקט געוואָרן, אַז די ווערמאַכט שטייט שוין בײַ די טויערן פון מאָסקווע.

אין דער עפענונג, וואָס אין דער וואַנט, באַווײַזט זיך מיטן אויטאָמאַט אף דער ברוסט דער ערשטער סאָוועטישער סאָלדאַט.

[1] פּאַרטײַ־גענאָסע, מיטגליד פון דער נאַציסטישער פּאַרטיי.

ס אָ ל ד א ט. פֿײַן האָט איר זיך דאָ פֿאַרשטעקט, אין אַזא טיף. אײַער גליק, וואָס מיר קאָנטראָלירן אַלע פֿאַרשאָטענע בונקערס אַף אָט דער גאַס. איז וויפֿל צײַט זײַט איר דאָ געווען באַגראָבן?

ש ט י מ ע ן. א וואָך, געוויס. זעקס מעסלעס.

ר ו ד אָ ל ף. צוועלף יאָר, טײַערינקער, גאַנצע צוועלף יאָר!

ס אָ ל ד א ט. באַלד וועט איר אַרויס פֿונדאַנען. זיך נאָר ניט שטופּן, מיר וועלן דאָ קיינעם ניט איבערלאָזן.

ק ע ז ל ע ר. אָנע ערגער! מיר וועלן שוין ווי־ניט־איז אַליין ניט בלײַבן! נאָר דאָ זײַנען פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס מע וועט מוזן אַרויספֿירן מיט אָט דעם־אָ (באַווײַזט אַפֿן אָווטאָמאַט.)

ס אָ ל ד א ט. דאָס קאָן מען... זאַמלט זיך נאָר אַלע צונויף אָט דאָ, בײַ דער עפֿענונג... מע זאָל קיינעם ניט דאַרפֿן זוכן.

דורך דער עפֿענונג קומט אַרײַן א ק אַ פּ י ט אַ ן. ס׳קומען אַרײַן ס אַ נ י ט אַ ר ן מיט א טראָג־בעטל. אַן א י ב ע ר ז ע צ ע ר פֿרעגט, צי ס׳זײַנען דאָ פֿאַראַן קראַנקע, פֿאַרוווּנדעטע, נאָר קיינער רופֿט זיך ניט אָפּ. איין פֿאָן זאַסען, וואָס איז אַף האַלב אַרויסגעקראָכן פֿונעם עסעס־מונדיר, וויל דורך. דער סאָלדאַט פֿאַרהאַלט אים.

פֿ אָ ן ז א ס ע ן. איך ניט קיין נאַצי. נאַצי דאָרט (באַווײַזט אַף ווילינגן, וועלכן עס פֿירן גיונטער און גיזעלע.) קום צו, קום צו, טײַערינקער, ס׳וועט דיר שוין גאָרניט העלפֿן.

ג י ו נ ט ע ר (צום קאַפּיטאַן). אַן עסעס־אָפֿיצער, גענאָסע קאַפּיטאַן. מיר האָבן אים דאָ אַנטוואָפֿנט. צוגענומען א פּיסטאָלעט.

י ו ז ע ף (דערלאַנגט דעם פּיסטאָלעט). פֿאַרנעמט אויך אָט דעם (באַווײַזט אַף דעריען, וועמען קעזלער האַלט פֿאַר דער האַנט.) לויט דער אויפֿגאַבע פֿון האַמבורגער קאָמוניסטישער אונטערערד האָב איך אים געדאַרפֿט אויסגעפֿינען... ערשט דאָ אין בערלין האָב איך זיך אַף אים אָנגעשטויסן. ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן, ווי א קראַנקער, אין דער קליניק בײַם קײַזער־ווילהעלם־אינסטיטוט. דאָס איז א פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט געדינט דער געסטאַפּאָ. ער האָט אויסגעגעבן קאָמוניסטן.

ק אַ פּ י ט אַ ן. א דאַנק, גענאָסע. (באַפֿעלט דעם סאָלדאַט, ער זאָל אַרויספֿירן ווילינגן און דעריען. דער סאָלדאַט טוט עס.) זײַנען דאָ נאָך פֿאַראַן קאָמוניסטן?

י ו ז ע ף. פֿאַראַן. דער גענאָסע קעזלער איז פֿון בערלינער אונטערערד. איך האָב זיך מיט אים פֿאַרבונדן, ווען כ׳בין אָנגעקומען אַהער. און דאָס איז פֿרײַלן עדיט, א טאָכטער פֿון על־טערן קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין א קאַצעט. זי האָט מיך אַרופֿגעבראַכט אַף די שפּורן פֿונעם פּראָוואָקאַטאָר.

ק אַ פּ י ט אַ ן. א דאַנק, פֿרײַלן עדיט, א דאַנק, גענאָסע. (דריקט זיי ביידן די הענט.)

ק ע ז ל ע ר. אָנע ערגער, אָט זײַנען נאָך... א גוטער יונג פֿון פּוילן, פֿון דער טורמע גע־לאָפֿן, און דאָס איז זײַן מיידל...

ג י ז ע ל ע. פֿון טשעכיע, גוסטינע קאַפּ.

ג י ו נ ט ע ר. און מיך רופֿט מען קאַזימיר ריוסטיק.

ק אַ פּ י ט אַ ן (דריקט זיי די הענט). איז וויפֿל זײַט איר אַלט בײדע צוזאַמען? (עמעצער פֿאָרעט זיך בײַ אים פֿון הינטן. ער דרייט זיך אויס, דערזעט רודאָלפֿן.)

ר ו ד אָ ל ף. רודאָלף קריצינגער, געוועזענער שוישפּילער פֿון מאַקס־ריינהאַרדט־טעאַטער.

ק ע ז ל ע ר. פֿאַרוואָס געוועזענער? א קינסטלער איז קיינמאָל ניט קיין געוועזענער. איר וועט נאָך זײַן, קריצינגער, א שוישפּילער אינעם באַנײַטן בערלין.

י ו ז ע ף. ער איז א ווױלער מענטש, רודאָלף קריצינגער.

ק אַ פּ י ט אַ ן. וויאַזוי זאָגט איר? קריצינגער? אונדזער איבערזעצער רופֿט מען אַזוי. אָטאָ קאַרלאָוויטש, וווּ זײַט איר דאָרט? דאָ האָט זיך געפֿונען א מענטש מיט אײַער פֿאַמיליע־נאָמען.

א י ב ע ר ז ע צ ע ר. טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן, דאָ האָבן זיי באַהאַלטן צירונג מיט איידל־שטיינער...

ע ו ו ע ל י ן (צו רודאָלפֿן). זיי האָבן דאָרט דאָס רענצעלע מיט שטיינער פֿאַרוואַלגערט. זיי האָבן געמיינט, זיי וועלן עס אַרויסשלעפּן נאָכדעם, ווי אַלע וועלן זיך צעגיין. זיי האָבן גע־מיינט, איך וועל זיי לאָזן זיך באַנוצן מיטן אָנגערויבטן.

ר ו ד אָ ל ף. גוט האָסטו געטאָן, עווכען, זייער גוט האָסטו געטאָן! גענאָסע קאַפּיטאַן...

ק אַ פּ י ט אַ ן. וואַרט א ווײַלע. אָט קריצינגער רופֿט מיך טאַקע...

אַלע לאָזן זיך נאָכן קאַפּיטאַן צום אָרט, וווּ מע צעוואַרפֿט די שטיינער, קעדײַ אַרויסבאַקומען דאָס רענצעלע.

ווי סמאר (צום קאַפּיטאַן). **איך האָב דער ערשטער דערזען, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אינעם רענצעלע. כאָטש ער האָט עס ניט ארויסגעלאָזט פון דער האַנט. איך ווייס, ווו ער האָט עס אַנגערויבט, איך וועל אײַך דערציילן.**

פּראַסט (צום קאַפּיטאַן, ווײַזט אָף בעאַטען). **דאָס איז זײַן ווײַב, דאָס ריכטיקע ווײַב דעם שטורמבאַנפירערס, און דאָס איז זײַן הור, די מויד זײַנע... ניין, ניט די** (ווענדט אָפּ דעם קאַפּיטאַנס בליק פון קאַמילען און באַווײַזט אָף הילדען), **אָט די גראָבע שטיק.**

קאַמילע. **ניקס נאַצי, איך רויטע קרויץ, קראַנקן־שוועסטער...**

מע באַקומט ארויס דאָס רענצעלע פון אונטער די שטיינער, מע צעעפנט עס. יעדערער אָף זײַן אויפן דריקט אויס זײַן דערשטוינונג. די גרעסטע איבערראַשונג פאַר אַלעמען איז אָבער, ווען עס דערהערט זיך פּלוצעם א פרייד־אויסגעשריי. דאָס האָט רודאָלף די גאַנצע צײַט געזוכט און ענדלעך דערזען דעם איבערזעצער.

רודאָלף. **אָטאָ! ברודער מײַנער...**

אָטאָ (כאַפּט אים אַרום). **רודאָלף, טײַערער, דו לעבסט?!**

מאַטל גרוביאַן

פרישע בינטלעך זאנגען

אטלאנט

איינער א ליימענער פּאַרעץ —
ער האָט דעמלט געהאט א שטארקע האנט,
האָט מיך אין זײַן שטיינערנעם מויער
אײַנגעמויערט אין דער וואנט.
און האָט נאָך דערצו פון שטיין
דעם גרויען
אופגעהאנגען אף מיר א באַלקאָן.
באקט מיך זומער די זון און ווינטער
דער פראָסט מיט אײַז פארקאָוועט,
איך שטיי און האלט אין דער הייך די הענט,
גיב אָפּ דעם וואָס לעבט אייביק קאָוועד
פאר אופהענגען אף מײַנע אקסל פון
שטיין א באַלקאָן.
וואָלט א שטורעמווינט
דעם מויער א וואקל געטאָן,
וואָלט א דונער פון הימל פאַלן,
ווארף איך אראָפּ פון אקסל דעם אלטן
באַלקאָן
און אנטליף באָרוועס און נאקעט,
ווי די מאמע האָט מיך געהאט,
אויסהיילן מײַן שטיינערן הארץ
אין די נײַע, קישעפדיקע
קווארטאלן.

די שפּעטע קווייט

דער פראָסט זאָל קושן אזא צארט וועזן,
מיט מײַנע הענט כ'וואָלט אים דערשטיקט,
ניטאָ קיין גוטער גאָט און ניט געוועזן,
די קווייט אין איר זילבער־קלייד
טויט אין ווינטער־גאָרטן ליגט.
צי איז עס די מאָס פון אירע זינד
פאר אזא אומווירדיקער שטראָף?..
ס'טוט נאקעט זי אויס דער ווינט,
אזש די הימלען פון בושע זיך פארבן,
ווער ווייסט, וואָס באַם ראנד פון איר סאָף
די קווייט בעט פאר איר שטארבן?

דער הימל זאָל צעווייקלען זיך ברייט,
זײַן נאָענט זאָל מיט איר יענער שטערן,
מיט וועמען אפילע דער טויט ניט צעשיידט,
פארקערט, דאָס אײַז קאָן צעגאנגען ווערן,
ווען די ליבע איז ניט מיט ווײַסע פאָדעם גענייט.
אין ווינטער־גאָרטן מײַן מאמע שטייט
און לייגט אײַן די וועלט:
טאָכטער מײַנע, שפּעטע פײַערדיקע קווייט,
דעם גאנצן ערדקײַלעך וואָלסט מיט ראָסע
פארגאָסן,
מיט דער זון צוריק די אויגן אופגעשלאָסן,
ניט שרעקלעך איז דער ווינטער און די קעלט,
שרעקלעך איז, וואָס א האלבע וועלט
איז אײַנגעשלעפערט און דערפרוירן —
יענער הויכער לויטערער שטערן איר פעלט,
דער פרילינג, וואָס זי האָט אין וועג פארלוירן.

אין וואלד

א וועווערקע האָט אינדערפרי
פארזוכט א בלאָט,
געטאנצט פון בוים אף בוים.
כ׳האָב דאָס כּײַעלע פארגעטערט,
נאָר, ווי דו ווייסט,
עס איך ניט קיין בלעטער
ניט אף פרישטיק און ניט שפעטער,
ווען די זון מיט א רייפעלע
גאָלד דעם וואלד באזוימט.
און דערצו איז גלאַט
ניט גוט, ווען פּאָעטן
טאנצן פון בוים אף בוים,
ווען די זון מיט א רייפעלע
גאָלד דעם וואלד באזוימט.
פּאָעטן דארפן לעבן אף איין בוים.

אף איין פוס

אף איין פוס שטייט דער פויגל
בא א יאם אזא גרויסן —
ס׳איז הארבסטיק און קיל אין דרויסן.
אונדזער פויגל לאָזט אראָפּ דעם פוס
דעם צווייטן.
איך שטיי אויך אף איין פוס
בא מײַן טיפן ווייטעק —
ער איז אומענדלעך. כ׳האלט ניט אויס,
און, ווי דער פויגל,
איך לאָז פון אונטער מײַן פליגל
דעם צווייטן פוס ארויס.

די פרוי

די פרוי האָט געוויינט און באצאָלט
פארן אש פון איר מאן און פארן ליימענעם קריגל.
זי האָט געהערט, ווי סע קלינגט זײַן קאָל,
אים אזא הויכן געזען און געשוויגן.
ווי קריכט עס ארײַן אזא גוואר אין א קריגל?
מיט א זײַט וועג איז געגאנגען
א יונגערמאן אזוי ווי א ניגן, —
עפשער העלפן אײַך, פרײַנדן, די ערד
צעגראָבן, די שטיינער צעשלאָגן,
וואָס טיף אף ניין איילן דאָ ליגן? —
בא דער פרוי איז שיר פון די הענט
ניט ארויסגעפלויגן דאָס הייליקע קריגל,
ווי בא א מיידל האָט איר פּנים געברענט:
— איך דארף אײַך דעם עמעס זאָגן,
ס׳איז עפשער צופיל אומבאשיידן און שארף,
א שטארקן מענטשן איך דארף,
וואָס אלע ווינטן מעגן אים וויגן,
נאָר ער זאָל מײַן קריגעלע אש טראָגן,
און איך זאָל דאָרט רויִק ליגן.
עפשער העלפן אײַך, פרײַנדן, די ערד
צעגראָבן, די שטיינער צעשלאָגן?

מײַן שטוב

ווײַל מײַן שטוב האָט אָפּגעברענט,
קויף איך פארן לעצטן העמד
אלע שענסטע פארבן
און מאָל צוריק מיר אויס א שטוב
אין שטעטעלע מײַן הארבן.
קומט קיין שטוב אלץ ניט ארויס —
א העמד מיט לאנגע ארבל.

ווײַל אין פײַער מ׳האָט מיך געברענט,
פון לײַב דאָס העמד —
ניט אין הימל־פארבן,
מאָל איך צ׳ריק מיר אויס מײַן העמד,
קומט א שטוב בא מיר ארויס —
כ׳זאָל אינדערפרעמד ניט שטארבן.

און פון טרוים די שיינע ווענט
צעשאָקלען מער איך וויל ניט.
איך מאָל מײַן שטוב און מאָל די ווענט,
און דאָס העמד איך צעשפּיליע
און פארוק אין דעם מײַן צאר.
בלויז מײַן כּאלעם לאָז איך שוועבן,
און אויב ניט פּלאצן ס׳וועט מײַן הארץ,
איבערקנעטן וועל איך מײַן לעבן.

מאָלן וועל איך טאָג און נאכט
יענע צײַט מיט טיפע קארבן,
סײַ מײַן שטוב, וואָס האָט א דאך,
סײַ דאָס העמד מיט לאנגע ארבל.

דאָס פערד

מײַנע נעכט און מײַנע פארטאָגן
האָבן מיך אײַנגעשפּאַנט
אין אָן אָנגעלאָדענעם וואָגן
מיט כאַלוימעס און מיט הימל
און מיט פרישע בינטלעך זאַנגען,
און איך, ווײַזט אויס, דאָס פערד,
בין פון וועג אַראָפּגעגאַנגען
און דערפילט א הייסן רימען,
שיר צעטראָגן איך האָב דעם וואָגן

מיט כאַלוימעס און מיט דעם טראָפּן
ריינעם הימל,
מיט די פרישע בינטלעך זאַנגען.
אַפן לײַב נאָך שטייט א סימען!
אָן א בײַטש און אָן א רימען,
וואַלגער אָן אַף מיר דעם הימל,
די כאַלוימעס — אונדזער אויצער
און פארמעגן, —
וועל איך אײַנשלינגען די וועגן.

באַם יאַם

הירשעלעך שפרינגען צום יאַמישן ברעג,
פרעג איך, צי פרעגן באַם יאַם איך מעג:
— וואָס זשע, האָבן זיי מער ניט
ווו צו הוליען און שפרינגען?

ענטפערט דער יאַם מיר: — ייִנגל,
שפרינגען מע דארף, ביסקל ס׳שפרינגט זיך,
זינגען מע דארף, ביסקל ס׳זינגט זיך,
און נאָכדעם די זון פאַלט אַרײַן אין יאַם —
און דאָס איז דער זין פון לעבן מיסטאַם!

באַ דער זײַט

ווען אָנשיטן ערד מע וועט אַף מיר א מאַסע —
און ווי אַלטן שריפט אין א קאַסע,
מיך האַלטן מע וועט ערגעץ באַ דער זײַט,
וועל איך נאָך מײַן לעבן
זייער בענקען, נאָך אָט דער הימל־ווײַט,
איבער מײַן געביין וועט פאר דער צײַט
אויסוואַקסן א בוים מיט גרינע בלעטער,

דער ווינט וועט א סטעזשקע
צו מיר אויסטרעטן,
און מײַן כאַלעם וועט נאָכאַמאָל זיך וועבן
און פעלן וועסטו מיר באַם איינזאַמען פלויט,
נאָר עפשער ווייס איך ניט, וואָס זײַן וועט
שפּעטער?

איינס בלויז שרעקט —
די שטילקײַט פון טויט.

סקולפּטאָר נאָום מאָגילעווסקי

אויטאָפּאָרטרעט

דאָס מיידל מיטן האמער



דאָס זיצנדיקע מיידל

קינסטלער הערש אינגער

פון דער סעריע איליוסטראציעס
צו שאָלעם־אַליכעמס ווערק

1. דער פידלער

2. „מעסושעלעך" (רוּועלע)

3. „מעסושעלעך"
(קאסריִעל דער וואסערפירער
און די קאסרילעכע)

4. „קאסרילעווקער סרייפעס"
(עליע מיט דער קישקע)

מײַער יעלין

דורך פֿײַער און וואַסער

פֿאַרצויגענע וווּנדן

כ׳פֿרעג זיך נאָך, ווּ די גאס איז, די שטוב, וועלכע איך זוך. מע מאכט מיך באלד אופמערקזאם, אז כ׳בין אראָפּגעשטיגן א ביסל צו פרי — געדארפט צופאָרן מיטן טראָלייבוס נאָך אן אָפּשטעל.

ס׳פארדריסט מיך אָבער ניט. ס׳איז בעעמעס ציקאווע כאפּן א קוק אפן אמאָליקן בײַשטאָטישן ראיאָן פון קאָוונע, מײַן היימשטאָט. כ׳בין לעצטנס דאָ ניט קיין אָפטער גאסט. מיט א קײַמעלאָן פון גאנצע פופצן יאָר צוריק האָט מיך אהער געהאט געבראכט די ארבעט איבער א דאָקומענטאלן בוך וועגן די היטלעריסטישע רעציכעס אין די פאָרטן פון דער אלטער קאָוונער פעסטונג. און איצט...

איך פּרוּוו זיך דערמאָנען, אָריענטירן. ניט צו זען די הילצערנע שטיבלעך, די ברעטערנע פלויטן ארום זיי. צי בין איך אפן ריכטיקן אָרט? נאָר אָט באמערק איך, ווי צווישן די נײַ־אויסגעוואקסענע הײַזער טוען זיך א טוק באקענטע היגלען און אָנשיטן, באוואקסענע מיט אלטן גראָז, די אײַזערנע שטאקעטן־צוימען און רויטע ציגלנע מויער־ווענט פונעם זעקסטן פעסטונג־פאָרט. גלײַך דערבײַ — דער פּיטשינקער בעסאלמען מיט די ריזיקע ברידער־קוואָרים, איבער וועלכע עס הויערט א דענקמאָל פאר פינף און דרײַסיק טויזנט דורך די היטלעריסטן פארפּײַניקטע סאָוועטישע אָפיצערן און שלאכטלײַט. און פאר דעם פאָרט־טויער — אף א פּאָסטאמענט — א גרייער טאנק. באם באפרײַען קאָוונע פון די היטלעריסטן האָט דער שטאָלענער גיבער איינער פון די ערשטע זיך ארײַנגעריסן אין דער דאָזיקער פארשטאָט. שטייט ער איצט מיט דער אויסגעשטרעקטער הארמאטן־רער — א דענקמאָל, א וואָרענונג און דערמאָנונג.

יאָ, אויך א דערמאָנונג.

דער צופאל, דער הארבער צופאל האָט געוואָלט, מע זאָל מיך מיט קארגע דרײַסיק יאָר צוריק דאפקע אהער טרײַבן אף צוואנג־ארבעט. מיט א בריגאדע פון געטאָ. געלע לאטעס — בא יעדן איינעם אף דער ברוסט און רוקן. קאָנוואָירן פון אלע זײַטן. מע ברענגט אונדז גראָבן טראנשייען, מישן בעטאָן. מע שטייט מיטן קאנטשיק איבער אונדז... א ווייטעק, אן אָפּגעטעמפּטער ווייטעק ווערט וואך. אזא, ווי בייס אן אמפּוטירטער אייווער נעמט נאָיען, וויי טאָן.

כ׳טשוכע זיך אויס, טרייסל אָפּ פון זיך, ווי א שטיקנדיקע לאסט, דעם אָווּאר־קאָשמאר. די אָקופּאציע־כאשכעס צעווייען די פריש־אויסגעוואקסענע פילשטאָקיקע הײַזער־אנסאמבלען און דער לעבעדיקער מענטשן הו־הא דאָ ארום, דער געפּאָך פון קינדער־הוידעלקעס און זאָרגלאָזער געפילדער פון הילכיקע שטימעלעך, וואָס טראָגט זיך פון דערבײַיִקע שפּיל־פּלעצער. דאָס אלץ הײַטערט אוף דאָס געמיט, דעם כמורלעכן טאָג פון ערעוו־פרילינג.

דער מאָדנער צופאל. איך זוך דאָך ווידער א באגעגעניש מיט דער גרויליקער פארגאנגענהײַט. ריכטיקער, מיט א מענטשן, וואָס רופט צו זיך ארויס אינטערעס דאפקע צוליב די דורכגעמאכטע אומגלייבלעך־דראמאטישע פּעריפּעטיעס בייס דער היטלעריסטישער אָקופּאציע. איך גיי מיט א קיוון אופוועקן אײַנגעשטילטע ווייטעקן, צערײַען פארצויגענע וווּנדן.

צו דעם דאָזיקן שריט האָט מיך באוועגט סײַ דער בוך פונעם דײַטשישן שרײַבער אפּיץ — „נאקעט צווישן וועלף" און דער פילם, וואָס איז

אוויוועַ נאָכן ענדיקן דעם טעכניקום

אוויוועס איז פאָלגעוודיק, געדולדיק ביז פאַרנאַכט. דאַן נעמט זי אויסגיין פון בענקעניש נאָך דער מאַמען. ביגנייווע פון דער גוטער מומע שאַרט זי אָפּ דאָס געבלימטע פענצטער־פּאָרהענגל, כאַפּט אַ קוק אין דרויסן. יאָ, דער אָוונט פאַלט צו. באַלד דאַרף די מאַמע צוריקקערן זיך פון דער אַרבעט. זי זעט מענטשן אָף דער גאַס — פרעמדע, אומבאַקאַנטע. אויך דײַטשן גייען פאַרבײַ. די זעלביקע, ווי אין געטאָ. אין גרינע, גרויגרינע אוניפאָרמעס. פאַר שרעק אַנטלויפט זי פון פענצטער. שאַרט זיך ווידער צו, הייבט אוף דאָס פאָרהענגל. בריגאַדעס ייִדן טרײַבט מען צוריק אין געטאָ אַרײַן. עפשער וועט זי דערזען די מאַמען? מאַמע, מאַמעלע!

און ניט די רויִקייט פון דער נײַער היים, ניט די לאַסקעס פון דער בעעמעס גוטער מומע, ניט אירע ווייכע רייד און זאַט עסן, וואָס אוויווע האָט דאָ געהאַט, האָבן ניט געקאָנט פאַרבײַטן די מאַמען. יעדן פאַרנאַכט טשאַטעוועט זי בײַ אַ שפּאַרונע לעבן עטוואָס אָפּגעשאַרטן פאָרהענגל — זוכט מיט אַ ווייפולן בליק: עפשער וועט זיך פאָרט באַווײַזן די מאַמע?

צו דער גוטער מומע קומען אַרײַן אַן עלטערע פרוי, אַ צווייטע. זיי שושקען זיך, טוען צומאָל אַ קוק מיט ראַכמאָנעס אָף אוויוועןן. און זי, אוויווע, איז אָנגעשפּיצט, כאַפּט אוף אָפּגעריסענע ווערטער פון זייער גערייד און פאַרשטייט, אַז אין שטאָט ווערט אומרויִקער פון טאָג צו טאָג. דאַרף מען זוכן אַ זיכערער אָרט אין דאָרף. מע מוז פונדאַנען אַוועקפאָרן. אוויווע דרינגט אַרויס פון זייערע רייד, אַז אין געטאָ איז שוין גאָר ביטער. אַלעמען וועט מען דאָרט אומברענגען, אַלעמען! איר מאַמע! וואָס וועט געשען מיט דער מאַמען?

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, בייס די מומע איז אָף אַ ווײַל אַרויס, האָט אוויווע ווידער דערזען דורכן פענצטער, ווי מע טרײַבט פאַרבײַ ייִדן. האָט זי מער ניט אויסגעהאַלטן. אַרופגעכאַפּט דאָס מאַנטעלע און אַרויסגעלאָפן פון שטוב. מיטן צוגעשמידטן בליק צו דער געטריבענער מאַכנע מענטשן אָפן ברוק איז זי נאָכגעגאַנגען אָפן טראָטואַר. געזוכט אינעם אוילעם די מאַמע. און ניט ווערן פאַרגעסן! דער סוינע דאַרף פאַר אַלץ באַצאָלן, און ער וועט באַצאָלן!

באַם שילדערן קאָמפּליצירטע לעבנס־פּראָצעסן, אַ שרײַבער אַ רעאַליסט מיט אַ ברייטן פאַרנעם, מיט אַ רײַכער בילדערישער שפּראַך.

ליידער איז אַלץ, וואָס מייער יעלין האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן 1933—1941, פאַרלוירן געגאַנגען. ס׳איז אויך אומגעקומען זײַנער אַ בוך דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכן ער האָט געהאַט צוגעגרייט צום דרוק. דער זעלבער גוירל — פאַרלוירן גיין, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש — האָט דערוואַרט אויך דעם אווטאָר: שוין אין סאַמע אָנפאַנג פון דער אָקופּאַציע האָבן די פאַשיסטישע ראָצכים אים געהאַט געפירט צו צעשיסן צוזאַמען מיט זײַן פרוי און טעכטערל. אַלפּי־נעס זײַנען זיי געבליבן לעבן. די האַרבע גרויזאַמע צײַט האָט דעמלט אויסגעוויילט דעם ניצל געוואָרענעם מייער יעלינען פאַרן באַל־פּינקעס פון דער קאָוונער געטאָ, פון דעם נײַנטן פאָרט, פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל.

דאָס אויסוויילן אים פאַר דער דאָזיקער שליכעס איז פאָרגעקומען, אַפּאָנעם, אַזוי:

אין איינעם אַ טאָג, ווי עס ווערט דערציילט וועגן דעם אין דער נאָוועלע „די אייביקע פּען“, האָט אין אַ סלאָבאָדקער געסל פון דער קאָוונער געטאָ אים אָפּגעשטעלט אַן אומבאַקאַנטער מענטש און קימאַט ווי באַפוילן זיך טייקעף נעמען פאַר דער פּען — פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס קומט פאָר הינטערן שטעכיקן דראָט, גאָרניט דורכלאָזן! ס׳טאָר גאָר ניט ווערן פאַרגעסן! דער סוינע דאַרף פאַר אַלץ באַצאָלן, און ער וועט באַצאָלן!

ווען דער אווטאָר האָט געענטפערט דעם אומבאַקאַנטן, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו שרײַבן — די ראָצכים האָבן, פירנדיק אים שיסן, צוגענומען בײַ אים די פּען, — האָט דער אומבאַקאַנטער אָפּגעגעבן יעלינען זײַן אָנגעלאָדענע פילפעדער. ער האָט זי אים אונטערגעטראָגן, ווי מע טראָגט אונטער אַ שלאַכטמאַן אַ ביקס.

מיט דער דאָזיקער אָנגעלאָדענער פילפעדער האָט מייער יעלין, געפינענדיק זיך אין געטאָ, געשריבן זײַן באַוווּסטן ציקל דאָקומענטאַלע דערציילונגען „בלוט און וואָפן“, וואָס באַווײַזט זיך פון צײַט צו צײַט אָף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ און ווערט יעדעס מאָל אופגענומען פונעם לייענער מיט שטײַגנדיקן אינטערעס. דעם דאָזיקן ציקל האָט דער אווטאָר געשריבן בעסאָד, שטעלנדיק אין געפאַר דאָס אייגענע לעבן. מיט דער זעלבער פילפעדער, וואָס די גרויזאַמע צײַט האָט אים אָנגעטרויט, האָט ער, נאָכן אַרויסרײַסן זיך פון געטאָ אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, פאָרגעזעצט פאַרשרײַבן און זעצט ביז איצט פאָר צו פאַרשרײַבן אַלץ, פון וואָס ער איז געווען אַ לעבעדיקער איידעס אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע.

„בלוט און וואָפן“ — דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון זײַנע ביכער, וואָס זײַנען דערשינען נאָך דער מילכאָמע אין ייִדיש, רוסיש, ליטוויש: „פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער

דער גוירל איז גנעדיק געווען צו אוויווען און איר מוטער — גאַנצע צוויי יאָר זײַנען זיי בע־שאָלעם אַרויס פון אַלע אַקציעס און נעגישעס. די מאַמע האָט מען געטריבן צו דער צוואַנג־אַרבעט. אוויווע פלעגט אַף איר וואַרטן אַ גאַנצן טאָג — אַ דערשראָקענע, אָנגעשפּיצטע צו יעדן שאָרך. טאָמער גייען דײַטשן, טאָמער שיסט מען אין געטאָ, דאַרף זי מיט אַלע געבליבענע אינעם שטיבל באַהאַלטן זיך אַפן בוידעם.

אַ גאַנצן טאָג אין אָנגעשטרענגטן וואַרטן, די מאַמע זאָל ענדלעך קומען. און דאַן, פאַרנאַכט — אַרומכאַפּן זי, קושן, האַלדזן און ניט וועלן אָפּ־לאָזן. די מאַמע פלעגט פאַר אוויווען ברענגען אין אַ קענדעלע אַ ביסל געקעכץ, אַ שטיקל געשמאַק ברויט, צומאָל אַפילע אַ נאַשערײַ. די מאַמע פלעגט דערציילן וועגן אַ גוטער מומע פון שטאָט, וואָס העלפט זיי.

און אַרום — פאַרצאָרעטע מענטשן, וואָס ריידן שטענדיק וועגן הונגער, וועגן דער אַלטעגלעכער אויסקומעניש, וועגן דערנידעריקונגען, שיסע־רײַען, האַריגעס; אַ שטענדיקע מוירע פאַר כאַ־פּענישן אַף אַרבעט, פאַר אַרויספירענישן און פאַרשלעפּונגען.

אַזוי — צוויי יאָר. אַזוי ביז איינעם אַ קילן אָוונט. די מאַמע האָט אַרופגעשלעפּט אַף אוויווען קימאַט אַלע העמדלעך און קליידלעך, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. אָנגעטאָן אין שיכלעך אַף העכערע קנאָפּל. אָנגעטשעפּעט געלע לאַטעס אַפן האַרץ און רוקן — אויסגעשטאַט צו גיין אין שטאָט „אַף אַרבעט מיט דער נאַכט־וואַכטע"... אַ טומל, אַ האַרמידער. מע שטופּט זיך באַם באַלויכ־טענעם פון אַ פּראָזשעקטאָר געטאָ־טויער. פּלו־צעם איז פינצטער־כוישעך געוואָרן.

— שטעלט זיך פאָר, כ'געדענק, ווי די מאַמע האָט איבערגערעדט, אַז דאָס האָט יאַנקעלע גע־מאַכט אַ קורצשלוס, מיר זאָלן אין דער פינצטער קאָנען אַדורכשמוגלען זיך דעם געטאָ־טויער, — דערקלערט מיר אוויווע. זי שטויסט זיך אָן, אַז איך ווייס, אַז יאַנקעלע איז דאָס פּיפּיקע און דריי־סטע באָכערל, דער ייִדישער „ציילער" פון די גענומענע געטאָ־אַסירים צו דער צוואַנג־אַרבעט.

אין דער פינצטער האָבן ביידע, אוויווע מיט דער מאַמען, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, אַדורכגעשלײַכט זיך דעם קאָנטראָל און באַלד אַרויס פון יענער זײַט געטאָ־צוים. זיי האָבן זיך געטראָגן, האַסטיק דערווײַטערט זיך פונעם האַר־מידער, פון די ייִדן, וועלכע מע האָט געטריבן אין באַוואַכטע קאָלאָנעס צו דער אַרבעט. די מאַמע האָט באַלד אַראָפּגענומען פון זיך און פון אווי־ווען די געלע לאַטעס, און איצט האָבן ביידע, ווי אַלע שטאָט־אײַנוווינער, געשפּאַנט איבערן טראָ־טואַר. לעסאָף אַרײַנגעכאַפּט זיך צו עפּעס אַן על־טערער ליטווישער פרוי אין אַ קליין הילצערן שטיבל.

— וועסט איצט בלײַבן באַ דער גוטער מו־מע, — האָט אוויווען אָנגעזאָגט די מאַמע, — זײַ אַ פאָלגעוודיק מיידעלע. דאָ וועט דיר גוט זײַן. דאָ וועלן די דײַטשן דיך ניט טשעפּען.

בלוט און וואָפן

(צו מייער יעלינס זעכציקסטן געבורטסטאָג)

די קײַלעכיקע דאַטע פונעם געבורטסטאָג באַ אַ שרײַ־בער, און, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר באַ אַ שרײַבער, פאַלט זעלטן וועגן צונויף מיט דער קײַלעכיקער דאַטע פון דער שעפערישער טעטיקײַט. האָט מען טאַקע אָפּט־מאָל אָפּגעמערקט די דאָזיקע צוויי דאַטעס באַזונדער. דעם איבנאָן אָבער האָט דערבײַ שטענדיק פאַרנומען דער ליטעראַרישער יובילײַ, ווײַל סאָפּקאָלסאָף איז דאָך דער איקער — דער שאַפונגס־פּעריאָד אין דער ביאָגראַפיע פונעם שרײַבער. עמעס, ניט זעלטן טרעפט, ווען אויך דער גאַנצער לעבנסוועג פונעם קינסטלער שטעלט פאָר אַ באַדײַטנדיקן אינטערעס פאַרן לייענער — דאָס איז באַזונדערס שײַעך יענע שרײַבער, וואָס האָבן אַליין אַק־טיוו אָנטיילגענומען אין די גרויסע, צומאָל היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע ווערן אָפּגעשפּיגלט אין זייערע ווערק.

צו די דאָזיקע שרײַבער געהערט בעלי־סאָפּעק מייער יעלין — איינער פון די אָנגעזעענע פּראָזע־מײַסטערס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַ־טור, וועמען ס'איז דעם 3 אָקטיאַבער געוואָרן זעכציק יאָר. אָן ערעך אין דער זעלבער צײַט איז געוואָרן זיבן און דרײַסיק יאָר, זינט ער האָט פאַרעפנטלעכט זײַן ערשט ווערק. דער באַל־יויוול אָבער האַלט, אַז אויך די דאַטע פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט איז אַ קײַלעכיקע, ווײַל ביז 1940, ביזן יאָר, ווען אין ליטע איז ווידער אויפגע־שטעלט געוואָרן די סאָוועטנמאַכט, איז ליטעראַטור געווען פאַר אים, ווי קימאַט פאַר אַלע דאָרטיקע שרײַבער פון זײַן דאָר, אַ בײַזאַך. אין דער בורזשואַזער „קאָוונער ליטע" מיט איר קאָרעוו צוויי הונדערט טויזנטיקער ייִדישער באַפעל־קערונג איז, אייגנטלעך, ניט געווען קיין איין פּראָפעסיאָ־נעלער ייִדישער שרײַבער! די אַלמאַנאַכן און זאַמלונגען, וואָס זײַנען פון צײַט צו צײַט דערשינען, האָבן די אווטאָרן אַרויסגעלאָזט אַף זייער אייגענער קאָסט, אַף מיטלען, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון זייערע בידנע ניט־ליטעראַ־רישע פאַרדינסטן.

אין די דאָזיקע אַלע אויסגאַבעס זײַנען שטענדיק געווען פאַרטראָטן ביידע זין פונעם אָנגעזעענעם פּראָגרעסיוון ביבליאָטעק־טוער לייזער יעלין — דער בוי־אינזשעניר מייער און זײַן ייִנגערער ברודער, דער העלדיש אומגע־קומענער כאַים, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין קאָוו־נער געטאָ.

מייער יעלינס לידער, נאָוועלן און סקיצן האָבן צוגע־צויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט פון די ברייטע לייע־נער־קרײַזן. די שאַפונג פונעם דעמלט יונגן אווטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'איז צוגעקומען אַ שרײַבער מיט אַ שאַרפן כוש פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיט אַן אייגענעם צוגאַנג

אוויווע נאָכן ענדיקן דעם טעכניקום

אוויווע איז פאָלגעוודיק, געדולדיק ביז פאַר־נאַכט. דאַן נעמט זי אויסגיין פון בענקעניש נאָך דער מאַמען. ביגנייווע פון דער גוטער מומע שאַרט זי אָפּ דאָס געבלימטע פענצטער־פאַר־הענגל, כאַפּט א קוק אין דרויסן. יאָ, דער אוונט פאַלט צו. באַלד דאַרף די מאַמע צוריקקערן זיך פון דער אַרבעט. זי זעט מענטשן אָף דער גאַס — פרעמדע, אומבאַקאַנטע. אויך דײַטשן גייען פאַר־בײַ. די זעלביקע, ווי אין געטאָ. אין גרינע, גרוי־גרינע אוניפאָרמעס. פאַר שרעק אַנטלויפט זי פון פענצטער. שאַרט זיך ווידער צו, הייבט אוף דאָס פאָרהענגל. בריגאַדעס יידן טרײַבט מען צוריק אין געטאָ אַרײַן. עפשער וועט זי דערזען די מאַ־מען? מאַמע, מאַמעלע!

און ניט די רויקייט פון דער נײַער היים, ניט די לאַסקעס פון דער בעעמעס גוטער מומע, ניט אירע ווייכע רייד און זאַט עסן, וואָס אוויווע האָט דאָ געהאַט, האָבן ניט געקאָנט פאַרבײַטן די מאַ־מען. יעדן פאַרנאַכט טשאַטעוועט זי בא א שפּאַ־רונע לעבן עטוואָס אָפּגעשאַרטן פאָרהענגל — זוכט מיט א ווייפולן בליק: עפשער וועט זיך פאַרט באַווײַזן די מאַמע?

צו דער גוטער מומע קומען אַרײַן און עלטערע פרוי, א צווייטע. זיי שושקען זיך, טוען צומאָל א קוק מיט ראַכמאָנעס אָף אוויווען. און זי, אוויווע, איז אָנגעשפּיצט, כאַפּט אוף אָפּגעריסענע ווער־טער פון זייער גערייד און פאַרשטייט, אַז אין שטאָט ווערט אומרויִקער פון טאָג צו טאָג. דאַרף מען זוכן א זיכערער אָרט אין דאָרף. מע מוז פונ־דאַנען אוועקפאָרן. אוויווע דרינגט אַרויס פון זייערע רייד, אַז אין געטאָ איז שוין גאָר ביטער. אַלעמען וועט מען דאָרט אומברענגען, אַלעמען! איר מאַמע! וואָס וועט געשען מיט דער מאַמען?

אין איינעם א פאַרנאַכט, בייס די מומע איז אָף א ווײַל אַרויס, האָט אוויווע ווידער דערזען דורכן פענצטער, ווי מע טרײַבט פאַרבײַ יידן. האָט זי מער ניט אויסגעהאַלטן. אַרופגעכאַפּט דאָס מאַנ־טעלע און אַרויסגעלאָפן פון שטוב. מיטן צוגע־שמידטן בליק צו דער געטריבענער מאַכנע מענטשן אָפּן ברוק איז זי נאָכגעגאַנגען אָפּן טראָטואַר. געזוכט אינעם אוילעם די מאַמע. און

באַם שילדערן קאָמפּליצירטע לעבנס־פּראָצעסן, א שרײַ־בער א רעאַליסט מיט א ברייטן פאַרנעם, מיט א רײַכער בילדערישער שפּראַך.

ליידער איז אַלץ, וואָס מייער יעלין האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן 1933—1941, פאַרלוירן געגאַנגען. ס'איז אויך אומגעקומען זײַנער א בוך דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכן ער האָט געהאַט צוגעגרייט צום דרוק. דער זעל־בער גוירל — פאַרלוירן גיין, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש — האָט דערוואַרט אויך דעם אוטאָר: שוין אין סאַמע אָנפאַנג פון דער אָקופּאַציע האָבן די פאַשיסטישע ראָצ־כים אים געהאַט געפירט צו צעשיסן צוזאַמען מיט זײַן פרוי און טעכטערל. אַלפּי־נעס זײַנען זיי געבליבן לעבן. די האַרבע גרויזאַמע צײַט האָט דעמלט אויסגעווײלט דעם ניצל געוואָרענעם מייער יעלינען פאַרן באַל־פּינקעס פון דער קאָוונער געטאָ, פון דעם נײַנטן פאָרט, פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל.

דאָס אויסוויילן אים פאַר דער דאָזיקער שליכעס איז פאָרגעקומען, אַפּאָנעם, אַזוי:

אין איינעם א טאָג, ווי עס ווערט דערציילט וועגן דעם אין דער נאָוועלע „די אייביקע פען", האָט אין א סלאָבאָד־קער געסל פון דער קאָוונער געטאָ אים אָפּגעשטעלט אַן אומבאַקאַנטער מענטש און קימאַט ווי באַפוילן זיך טייקעף נעמען פאַר דער פען — פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס קומט פאָר הינטערן שטעכיקן דראָט, גאָרניט דורכלאָזן! ס'טאָר גאָר־

ניט ווערן פאַרגעסן! דער סוינע דאַרף פאַר אַלץ באַצאָלן, און ער וועט באַצאָלן!

ווען דער אוטאָר האָט געענטפערט דעם אומבאַקאַנטן, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו שרײַבן — די ראָצכים האָבן, פירנדיק אים שיסן, צוגענומען בא אים די פען, — האָט דער אומבאַקאַנטער אָפּגעגעבן יעלינען זײַן אָנגעלאָדענע פילפעדער. ער האָט זי אים אונטערגעטראָגן, ווי מע טראָגט אונטער א שלאַכטמאַן א ביקס.

מיט דער דאָזיקער אָנגעלאָדענער פילפעדער האָט מייער יעלין, געפינענדיק זיך אין געטאָ, געשריבן זײַן באַ־וווּסטן ציקל דאָקומענטאַלע דערציילונגען „בלוט און וואָפן", וואָס באַווײַזט זיך פון צײַט צו צײַט אָף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און ווערט יעדעס מאָל אויפ־גענומען פונעם לייענער מיט שטײַגנדיקן אינטערעס. דעם דאָזיקן ציקל האָט דער אוטאָר געשריבן בעסאָד, שטעלנ־דיק אין געפאַר דאָס אייגענע לעבן. מיט דער זעלבער פילפעדער, וואָס די גרויזאַמע צײַט האָט אים אָנגעטרויט, האָט ער, נאָכן אַרויסרײַסן זיך פון געטאָ אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, פאָרגעזעצט פאַרשרײַבן און זעצט ביז איצט פאָר צו פאַרשרײַבן אַלץ, פון וואָס ער איז געווען א לעבעדיקער איידעס אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע.

„בלוט און וואָפן" — דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון זײַנע ביכער, וואָס זײַנען דערשינען נאָך דער מילכאָמע אין ייִדיש, רוסיש, ליטוויש: „פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער

אזוי דערגאנגען ביז דער געטאָ. צוגעשארט זיך צו די מענטשן, וואָס האָבן גענומען זיך שטופּן באם טויער.

— ווילסט אריַין? — האָט א מאנצבל זי שטיל א פרעג געטאָן.

אוויווע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך באהאלטן צווישן די מענטשן.

— ווי, מיידעלע, ביסט אָן לאטעס! — האָט עמעצער זי צוגעטוליעט צו זיך, פארשטעלנדיק מיט די מאנטל־פּאָלעס. און אין דער טונקל, אינעם געדראנג און מישמאש האָבןביידע אדורכגעשליַיכט דעם טויער.

ערשט אין געטאָ האָט אוויווע זיך פארלוירן. ניט געוווּסט, ווי קומען „אהיים". זי האָט ארומ־געבלאָנקעט, געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט. מענטשן האָבן זי סאָפּקאָלסאָף געבראכט צו דער מאמען.

אריַין איז אוויווע א בארויגעזע, האלעמיַי מע לאָזט זי איבער אפן באראָט פון פרעמדע מענטשן.

דערזען זי, האָט די מאמע פארבראָכן מיט די הענט:

— אוויוועלע, וואָס האָסטו געטאָן, אוויוועלע!

— כ׳קאָן ניט אָן דיר...

די מאמע האָט זי צוגעדריקט צום הארצן, גע־קושט און געוויינט. געוויינט און געקושט:

— וועווריקל מיַינס, אומרויִק ברעקל מיַינס... אוויווע געדענקט עס אדהיַיעם.

אָן דער מאמען

מע פארגארטלט אלץ ענגער דעם צוים ארום דער געטאָ, מע צעשלעפּט די מענטשן. די געטאָ ווערט פארוואנדלט אין א קאָנצלאגער מיט א נאָך שטרענגערן רעזשים, ווי ביז איצט. און וואָס הארבער עס ווערט זייער לאגע, אלץ דרייסטער פארמעסטן זיך די אסירים. זיי לויפן פון די אר־בעט־פּלעצער, קריכן דורכן צוים, ניט געקוקט אף די פּילצאָליקע קאָרבאָנעס. זיי רײַסן זיך אין וואלד צו פּארטיזאנער.

און כאָטש די מאמע איז יונג, דרייסט און אונ־טערנעמעריש, וואָס קאָן זי טאָן, אז אירע הענט זײַנען געפּענטעט — אוויווע. זי מוז ווידער אײַנ־אָרדענען דאָס קינד בא מענטשן אויסערן שטעכ־דראָט. ניט איין מאָל איז זי געווען געצוווּנגען צוליב איר קינד צו ריזיקירן — אראָפּנעמען די געלע לאטעס, ארומגיין איבער דער שטאָט ווי אָן „אריִערן", האגאם איר „טיפּיש" פּאָנעם, אירע שווארצע אויגן און טונקעלע האָר האָבן זי א ליאדע רעגע געקאָנט אויסגעבן. און האָבן זי, קענטיק, ארויסגעגעבן. פון איינעם א פּרווו צו געפינען פאר אוויווען א באהעלטעניש איז די מאמע ניט צוריקגעקומען...

ניטאָ די מאמע, ניטאָ! אוויווע איז געווינט געווען צו ווארטן אף איר, האָט זי ווײַטער גע־דולדיק געווארט. געשוויגן, ניט געוויינט. גע־לייגט זיך שלאָפן אין איר ווינקל און געשוויגן.

געטאָ" (געשריבן צוזאמען מיט ד. געלפּערנען), „פאר איין נאכט", „אין די פּאָרטן פון טויט", „פינף מינוט נאָך צוועלף", ווי אויך פונעם בוך „זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט", וואָס דער יובילאר האָט איצט צוגעגרייט צום דרוק.

און דאָ דארף ווערן געזאָגט מיט דער פולער שטים: מייער יעלין איז דער, וועלכער האָט דער ערשטער באשריבן די פּראָטים פון דעם, וואָס איז זיך פארלאָפן אינעם ניַינטן פאָרט און אין די אנדערע פאָרטן פון דער קאָוונער פעסטונג אין די יאָרן פון דער היטלערישער מאגייפע.

די מערהײַט פון יעלינס דערשינענע ביכער זײַנען דאָ־קומענטאלע, דאָס זײַנען ביכער פון גרויסער דערקענטע־ניש־ווערט. זיי גיבן אָבער ניט קיין פולע פאָרשטעלונג וועגן יעלינען אלס קינסטלער. ווי א באדײַטנדיקער פּראָזע־מײַסטער האָט יעלין זיך אנטפּלעקט פארן סאָוועטישן לייע־נער הויפּטזאכלעך אינעם לעצטן יאָרצענדליק, וואָס ווערט באצייכנט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראטור ווי דער פּעריאָד פון „סאָוועטיש היימ־לאנד". מיטן דערשײַנען פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט יעלין באקומען א מעגלעכקײַט ניט נאָר צו פארעפנטלעכן אין אָריגינאל זײַנע פריִער אָנגעשריבענע ווערק, וואָס האָבן אים אויסגעטיילט צווישן די שעפער פון דער ייִדי־שער סאָוועטישער פּראָזע, ווי איינעם פון אירע אייגנאר־טיקסטע מײַסטערס, נאָר ער איז אויך אופגעפּאָדערט גע־וואָרן צו שאפן נײַע ווערק, און דאָס איז באזונדערס וויכטיק.

די הארבע גרויזאמע צײַט האָט ארופגעלייגט איר שטעמפּל אף דער שאפונג פון מייער יעלינען — ניט בלויז אף דער טעמאטיק, נאָר אויך אף די קינסטלערישע מיטלען: אף דער ארכיטעקטאָניק פון בויען דעם סוזשעט, אף דער שפּראך, אפן פּייזאזש. דער אינהאלט פון זײַנע ווערק — בלוט און וואָפן — האָט געפונען די אנטשפּרעכיקע קינסטלערישע פאָרם.

געוויס האָט דער אווטאָר, שרײַבנדיק אין געטאָ זײַנע דאָקומענטאלע דערציילונגען, ניט אויסגערעכנט, אז ער וועט זוכה זײַן צו זען זיי אָפּגעדרוקט. ער האָט אָבער קיין רעגע ניט געסאָפּעקט — און דאָס לאָזט זיך פילן אין יעדער זײַן דערציילונג, — אז די פארשריבענע זײַטלעך פּאפּיר וועלן ניט בלײַבן אף אייביק פארשטעקט אין דער באהעלטעניש, וואָס ער האָט פאר זיי געפונען, און דאָס האָט אים געגעבן קויעך און מוט, ער זאָל, א הונגעריקער און דערפרוירענער, נאָך א שווערן טאָג צוואנגס־ארבעט, קיינמאָל ניט וויסנדיק, ווי אלע אין געטאָ, וואָס דערווארט אים אין א שאָ צי צוויי ארום, זיך נעמען צו דער פּען. בא אזעלכע באדינגונגען, ווען יעדע מינוט איז אויסגערעכנט, איז ניט געווען קיין צײַט פאר זײַטיקע רייד און לירישע אָפּווײַכונגען. דאָס האָט אין א באשטימטער מאָס אים געלערנט שרײַבן קורץ, און פונדאנען, דענק איך, נעמט זיך, וואָס יעדער וואָרט אין דער שורע בא יעלינען איז

אַרומגעבלאָנקעט איבער דער געטאָ, געזוכט, געוואַרט אַף דער מאַמען.

אומזיסט געוואַרט. אַליין, אַליין אַף דער וועלט איז אַוויווע געבליבן. דערצו — אין געטאָ.

האָבן די צימער־שכיינים גענומען זאָרגן זיך וועגן איר. אויך מענטשן פון דערבײַיקע שטיבער פלעגן איר יעדן טאָג, קומענדיק פון שטאָט, ברענגען עפּעס עסן. פלעגן אַרומוואַשן זי, אַרומזען, פאַריכטן אַ קליידל.

„מיר איז גוט, איך בין אַ יאָסעם", — האָט געקאָנט זאָגן אַוויווע, ווי מאָטל פּייסי דעם כאַזנס בא שאָלעם־אַליכעמען.

אַוויווע געדענקט ניט קיין נעמען. ווייסט אויך ניט, ווי ס׳האָט געהייסן די פרוי, וואָס האָט זי אין דער לעצטער מינוט, בײַס איינער אַן אַכזאָריעסדיקער מענטשן־כאַפּעניש באַהאַלטן אַפן בוידעם, אונטערן דאַך באַם קאַרניז. אָנגעוואָרפן אַף איר ברוכוואַרג, שמאַטעס און אָנגעזאָגט ליגן שטיל, ווײַל מע כאַפּט הײַנט קינדער...

אין דרויסן האָבן געבושעוועט די מאַלאַכיי־כאַבאָלע. מיט שפּירהינט, מיט העק און קירקעס געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. געגנישטערט, געזוכט קינדער און זקיינים. אויפגעבראָכן דילן, שיידווענטלעך, שטעלכלעך. די געפונענע אייפּעלעך, ווי שײַטלעך האָלץ, געוואָרפן אין געדעקטע לאַסט־אויטאָס. דורך הויכריידערס האָבן פרייעכע מאַרשן פאַרטויבט די האַרצרײַסנדיקע געשרייען פון די אומגליקלעכע עלטערן, דאָס געיאָמער פון פאַרורטיילטע קינדערלעך.

אַוויווע איז געלעגן אַפן בוידעם צונויפגעקאָרטשעט, אײַנגעשרומפּן און פאַרטײַעט. מיטן געהער נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס געשעט אין דרויסן. אָט האָט זיך דערנענטערט דער טומל. ס׳האָט זיך צעסקריפּעט דער הילצערנער לייטער, וואָס פירט צום בוידעם, צעוויגט די ברעטער אונטער שווערע טריט. דאָ גלײַך דערנעבן האָבן זיך צעהאָלדערט דײַטשן און גענומען נישטערן אין אַלע ווינקעלעך. אַ שאַר געטאָן אַרום אַוויווען. אַ האַרטער שאַרפער קעגנשטאַנד האָט זיך אײַנגעשטאָכן אינעם הויפן שמאַטעס, וואָס האָט זי געהאַט פאַרדעקט. האַרט פאַרבײַ איר האָט זיך אַ גליטש געטאָן דאָס שטאָל פונעם באַגנעט. און אַ צווייט מאָל. ווידער פאַרבײַ...

— פאַרטיק, געגאַנגען! — און די שווערע טריט, וואָס האָבן זיך געטאָפּטשעט אַפן בוידעם, זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן.

איבערגענעכטיקט אין דער באַהעלטעניש, איז אַוויווע דאָ אָפּגעלעגן אויך אַף מאָרגן — אין געטאָ איז ווײַטער אָנגעגאַנגען די כאַפּעניש.

אַפן דריטן טאָג איז זי אַראָפּגעקראָכן. דער הונגער, דער שרעקלעכער דאָרשט האָבן זי אַראָפּגעטריבן. און מער נאָך — די ווייטעקדיקע נאָגעניש:

— מאַמע, ווו ביסטו, מאַמע?

אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט, און די שורע גופע איז אַ ביז גאָר געפּרעסטע, קיין וואָרט ניט אַרײַנצושטעלן. צום באַוווּנדערן: מיטיילנדיק אַפילע וועגן אַזעלכע געשעענישן, ווי די קינדער־אַקציע, ווען די הימלען אין געטאָ האָבן זיך געשפּאָלטן פון יעלאָלעס, האָט דער אַווטאָר אויך אויסגעמיטן סענטימענטאַלקײַט, ווי עס מײַדט דאָס אויס אַ סאָלדאַט אַפן שלאַכטפעלד. קורצקײַט, וואָס איז, ווי טשעכאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, די לײַבלעכע שוועסטער פון טאַלאַנט, איז איינע פון די הויפּט־אייגנשאַפטן פון יעלינס שרײַבערישער באַגאַבונג.

די דאָזיקע אייגנשאַפט פון יעלינס סטיל — פּינקטלעכקײַט און שפּאָרעוודיקײַט פון די קונסט־מיטלען — איז אויך אייגנטימלעך די ווערק, וועלכע מייער יעלין האָט לעצטנס געשאַפן. דער בוילעטסטער באַווײַז דערצו זײַנען די פינף דערציילונגען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אינעם 7־טן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פון הײַנטיקס יאָר, דערציילונגען, וואָס דערשיטערן מיט זייער וואָרהאַפטיקײַט און זײַנען אָנגעשריבן מיט אַ גרויסער קינסטלערישער קראַפט:

„אַ פאַריינצלטע ליכט־פּאַסמע טוט אַ בלאָנדזשע אינעם פינצטערן קעלער, טוט אַ בלאָנדזשע און כאַפּט פּלוצעם אַרײַן אין אירע גיריקע פינגער דאָס פּאָנעם פון דער דאָקטערן, פאַרבלענדט עס ווייטעקדיק, ווי אָפּגיסנדיק מיט אָקרעפּ...

און דאָס לאַמטערנדל, ווי ס׳וואָלט באַקומען לאָשן: „היי, שיינקײַט־קיניגן, אויך דו קומסט מיט!"

זי פאַרקוועטשט אירע אָפּגעבריטע אויגן־לעפּלעך.

עמעצער טוט זי אַ ריס פאַר די האָר. מע נעמט זי שלעפּן איבער די פאַנאַנדערגעוואָלגערטע פרויען, ווי איבער פאַרגליווערטע כוואַליעס. וואָס ווילן פון איר די, וועלכע כאַפּן זי אָן פאַר די הענט און פיס? די ערד גליטשט זיך אַוועק..." („וואָס וויינט איר, דאָקטערן?").

און אָט איז דער אָנהייב פון דער דערציילונג „צוליב אַ לעבן", אַ דערציילונג, וואָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר מייער יעלינס שאַפונג, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר טיפער און גרויסער ליבע צום מענטשן, מיט איר הומאַנישקײַט, מיט איר רוף „העלפן דעם לײַדנדיקן" און „אויסראָטן דאָס בייז":

„די לופט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט נאַכט, מיט האַרבסטיקער קרירע, מיט אַ געדיכטן וואַסער־פּולווער. גוסרעגנס האָבן געהאַט דורכגעווייקט די ערד דורך און דורך. האָט זי, אַן איבערגעטרונקענע, אַרויסגעשטויסן פון זיך אַ מוטנע פליסיקײַט און פאַרפולט איטלעכן קנייטש און פאַרטיפונג אַף איר אויבערפלאַך. ווי פילנדיק, אַז די ערד וועט אים מער ניט אײַנזאַפּן, האָט דער רעגן אויפגעהערט. בלויז אַ ווער־ווייסט־ווּהין אײַלנדיקער ווינט פלעגט ווײַלעווײַז אָנכאַפּן אַן אַרומוואָגלענדיקן

אלעמענס קינד

סאָף מארט 1944. אַף מאָרגן נאָך דער „קינ־דער־אקציע“, דער אכזאָריעסדיקסטער פֿון אַלע באגאנגענע אכזאָריעסן אין קאָוונער געטאָ. וויסט זײַנען די געסלעך פֿון דער ארומגעגראטעוועטער יִדן־שכונע. פֿארפֿרעסט אין א גרויל־פֿולער מאָ־רעשכוירע.

פּלוצעם — א לעבעדיק פּינטעלע, א קליין באַ־וועגלעך קלומעקל אַף דער גרויער אויסגע־שטאָרבענער גאס: א פֿארבאָטן לעבן איז ווי פֿון אש אופגעשטאנען, געקומען צו־זיך, האָט זיך געטאָן א צאפּל.

די שנײַדערן סאָרע עפּשטיין האָט מיר דאָ ניט לאנג דערציילט:

— כ'האָב מיך דערשראָקן, דערזעענדיק א קינד אפן בּרוק, אין דער פּוסטער גאס. אויב ס'האָט איבערגעקליגלט די ראָצכים, מוז עס איצט ליגן אויסבאהאלטן בעסאָד־סוידעס. עמעצן פֿון דער געטאָ־וואך קאָן עס אָנטראָגן איעדע רע־גע.

געווען איז איצט א געפֿאר אויך פֿאר דער־וואקסענע צו פֿארהאלטן זיך מיט א קינד בע־פֿארהעסיע, ווײַל אַלע די, וואָס האָבן זייערע קינ־דער אויסגעהיט, ס'הייסט אָפּגענארט, אנטקעגנ־געשטעלט זיך, ניט געפֿאָלגט מאַלכעס, קומט די הארבסטע שטראָף. פֿונדעסטוועגן האָט א מענ־טשלעך הארץ ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק צום אומבאהאָלפֿענעם, פֿארלוירענעם נעפֿעשל אינעם געווירבל פֿון מאָרד און רישעס. די דער־וואקסענע האָט ארײַנגעקוקט דעם קינד אין די צעשראָקענע אויגן, עס דערקענט און אופגעצי־טערט: „אוויוועלע!“ ניט פֿארקעמט, מיט א פֿאר־סאזשעט פּאָנעם, אין א צעטראמפּלט קליידעלע, די שיך — אָן שנירלעך.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און פֿאנאנדערגע־וויינט.

— קום, אוויוועלע, — האָט לעסאָף געזאָגט די שנײַדערקע.

אוויווע האָט קוים געשטעלט א טראָט: פֿון הונ־גער אויסגעשעפּט, די גרויסע ניט־פֿארבונדענע שיך זײַנען געפֿאלן פֿון די פֿיס. דער שנײַדערקע, וואָס האָט געארבעט אין געטאָ־שפּיטאָל און געײַלט אהין, איז געבליבן איין אויסוועג — מיטנעמען אוויוועלען מיט זיך.

— וואָס טוט איר? — האָט זיך אופגערעגט דער דעזשורנער דאָקטער. — נעכטן האָט מען דאָ געפֿונען קינדער און ארויסגעפֿירט צום אומ־קום. מע האָט אונדז געוואָרנט. מיר וועלן באַ־צאָלן מיט די קעפּ.

— דאָקטער, דער איזאָליאטאָר פֿאר פּסיכיש קראנקע. עפּשער אהין? — האָט די שנײַדערקע געזוכט אַן אויסוועג.

דער דאָקטער האָט ניט דערווידערט:

— איך ווייס אָבער פֿון גאָרניט...

אין א לאנג קלייד, אין שיך אַף העכערע קנאפּל, באזאָרגט מיט א דאָקומענט, אז זי איז צוועלף יאָר אַלט און ארבעט אַלס געהילף־סאני־

וואָלקן אין דער כאשכעס, אים א טרייסל טאָן און מיט רעציכע א שלײַדער טאָן אַף אראָפּ הויפּנס אופגעקוואָלענע וואסער־טראָפּנס — זאָל קיינער ניט וואגן פֿארשטעלן ווינטן דעם וועג!

מאשמאָעס, אז דעםווינט האָט געשטערט אויך די מאכנע געטאָ־אסירים, וועלכע מע האָט געטריבן פֿון דער צוואנגס־ארבעט צוריק אין זייער שטעכדראָט־אָפּצוים, ווײַל ער האָט זײַן קאס אויסגעלאָזט אויך צו זייערע קעפּ און געבויגענע רוקנס, געשמיסן זיי די פּנעמער מיט קאלטע, שנײַדיק־נאסע רעגן־בײַטשן“.

פּונקט אזוי געצאמט, בילדעריש און אָנגעלאָדן מיט טיפֿן אינהאלט איז די שפּראך פֿון דער גרויסער גאלעריי געשטאלטן, וועלכע דער אווטאָר האָט געשאפֿן.

מייער יעלין איז ניט דער ערשטער און געוויס ניט דער איינציקער אין דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, וועמעס שאפֿונג ס'איז געווידמעט די רעציכעס פֿון די היט־לעריסטן און דעם ווידערשטאנד, וואָס די געטאָ־אסירים האָבן ארויסגעוויזן אַף דער אָקופּירטער סאָוועטישער ערד. ער איז אָבער זיכער איינער פֿון די געציילטע אין אונדזער ליטעראטור, וואָס האָט אזוי דאָקומענטאל־וואָרהאפטיק און מיט אזא שטארקער קינסטלערישער קראפֿט דערציילט וועגן געשעענעם. אויב די וואָרהאפטיקײַט פֿון יעטווידן קינסטלערישן ווערק באשטימט אין א געוויסער מאָס דער ענטפֿער אַף דער פֿראגע, צי קאָן זיך אזוינס פֿארלויפֿן אין דער ווירקלעכקײַט, איז באשטימט די וואָרהאפטיקײַט פֿון א ווערק, וואָס שילדערט די היטלערישע רעציכעס, גיכער ניט דער ענטפֿער, אז אזוי האָט געקאָנט געשען, נאָר אז אזוי איז געשען, אז אזוינס איז פֿאָרגעקומען אין די געטאָס און טויט־לאגערן. יעלינס דערציילונגען און נאָ־וועלן זײַנען אויך אין דער הינזיכט א בוילעטער באווײַז דערצו.

אָבער ניט אין דער דראמאטישער שפּאנונג פֿון די סו־זשעטן, וועלכע זײַנען קימאט אָן אויסנאם געבויט אַף רעאַלע פֿאקטן, שטעקט די קראפֿט פֿון יעלינס ווערק, נאָר אינעם ארײַנדרינגען אין דער אינערלעכער וועלט פֿון די מענטשן, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן אין ניט מענ־טשלעכע באדינגונגען, אינעם באווײַזן די דערהויבנקײַט פֿונעם מענטשן, וואָס שטייענדיק א נאקעטער בא דער גרוב, פֿארלירט ער ניט דעם גלויבן, אז דאָס גערעכטע וועט באזיגן דאָס בייזע, אז עס קאָן זיך ניט אויסלעשן די זון. אזעלכע זײַנען דער זשורנאליסט עווענטאָוו („פֿרעגט די וועלט“), די דאָקטוירים ארנסאָן און ז. („צוליב א לעבן“, „די פּרײַז פֿון ברויט“), פֿרידע („דער קראנקער און זײַן פֿרוי“), שימען („אין דערווארטונג“), מאלקינד („עס הייבט זיך ערשט אָן“) בעניע („מאָרגן אפֿן זעלבן פּלאץ“), די אומבאוווּסטע העלדן אין „זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט“ און צענדליקער אנדערע פֿולבלוטיקע גע־שטאלטן, וועלכע ס'איז, פֿארשטייט זיך, אומעגלעך אויס־רעכענען.

טאַרן, האָט אוויווע געפֿונען אַ שטיקל מאָקעם־מיקלעט אין דער סוויווע פֿון מענטשן מיט אַ פֿאַרטונקלטן פֿאַרשטאַנד אָדער דולע קעפּ.

און דאָס איז געווען די נײַע זעלבשטענדיקע ראָל, וועלכע די זיבניאָריקע אוויווע האָט גענומען שפּילן אין דער טויט־מיסטעריע, וואָס האָט געהייסן — עקזיסטענץ אין געטאָ.

טאָג־אײַן, טאָג־אויס פֿלעגט אוויווען באַזוכן די שנײַדערקע, אינדערפֿרי, באַטאָג, פֿאַרנאַכט. פֿלעגט איר ברענגען עפּעס איבערבײַסן.

— אַ שוואַכע עסערקע איז געווען אוויווע, — דערציילט די ווילטוערן. — אוויוועלע, פֿלעג איך זי מוסערן, עסן מוז מען, קעדיי צו האָבן קויעך, קעדיי צו וואַקסן, ווערן אַ גרויסע. איצט דאַרפֿן אַלע זײַן גרויסע...

פֿילנדיק זיך געשיצט פֿונעם הוילעך, האָט אוויווע, פֿון דער נאַטור אַ לעבעדיקע, קוועקזילבערדיקע, גענומען זיך ווײַזן אין געטאָ. ניט געקוקט, וואָס מע האָט זי געוואָרנט עס ניט צו טאָן. ווי אַ פֿאַרפֿאָלגט העזל פֿלעגט זי אַדורכלויפֿן אַ גאַס און באַזוכן עמעצן. איבערגעלאָפֿן אַ געסל און אַרײַנגעכאַפּט זיך צו אַ „גוטער מומע“. ווער קאָן פֿאַרגעדענקען, וויפֿל גוטע מענטשן האָבן אין יענע טראַגישע טעג פֿון גרױסן פֿאַרן אייגענעם קיִעם איבערגענומען זיך מיט איר! זי איז ווי געוואָרן אַלעמענס קינד. דאָס איז אָנגענעם געווען צו פֿילן. נאָר אוויווען איז געגאַנגען אין איינס: טאָמער קומט די מאַמע, דאַרף זי עס וויסן און טייקעף זי טרעפֿן. דער מאַמען וועט דאָך ניט אײַנפֿאַלן, אַז זי איז פֿאַרשטעקט אינעם דולהויז...

די מאַמע האָט זיך ניט אומגעקערט.

ס'האָבן זיך געצויגן די טעג — לאַנגע, פֿאַרפֿולטע מיט נײַע גזיירעס, נעגישעס. אַלע מענטשן זײַנען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, נערוועזע. געפֿרייט זיך מיט די באַנאַכטיקע אָנפֿליִען פֿון דער סאָוועטישער אוויִאַציע און געשראָקן זיך — די היטלעראָווצעס וועלן מאַכן אַ סאָף צו דער געטאָ, אַ סאָף צו אַלעמען.

דאָ האָט די אָנגעדראָלענע שפּאַנונג ווי געפּלאַצט. דער פֿראָנט האָט זיך שטאַרק דערנענטערט. די יעשועס האָט אויסגעזען צו זײַן גאָר נאָענט. נאָר די דײַטשן, וואָס וועלן זיי איצט טאָן מיט זייערע אסירים? גאָר גרויס איז די בעהאָלע געוואָרן, בייס ס'איז דערשינען דער באַפֿעל וועגן דער „עוואַקואַציע“ פֿון געטאָ קיין דײַטשלאַנד.

ווער ס'האָט נאָר געקאָנט, האָט זיך באַהאַלטן — בעיִקער אין געהיימע אונטערערדישע „מאַלינעס“, אין סטאַם קעלערס, אויף בוידעמער, צווישן דאָפּלווענט.

אוויווע, אָן עלנטע און פֿאַרלוירענע, אָבער אינעם לעבנס־טיגל פֿאַרהאַרטעוועטע און זעלבשטענדיקע, האָט זיך פֿאַרקליבן אין איר שטענדיקער באַהעלטעניש — אויפֿן בוידעם.

שטוב נאָך שטוב האָבן די היטלעראָווצעס אַדורכגענישטערט, געזוכט מענטשן. וועמען זיי האָבן געפֿונען, אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן, אָפּגעטיילט די ייִנגערע, די אַרבעטפֿייִקע און גע־

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמען אין יעלינס ווערק די קינדער. זיי מאָלט דער אַוטאָר מיט גרויסער פֿאָטערלעכער ליבע און צאַרטקײַט.

ווי פֿאַרויסזעענדיק, אַז עס קאָנען קומען אַזעלכע, וואָס וועלן פֿאַרוואַרפֿן די אומגעבראַכטע מענטשן, לעמײַ זײַנען זיי געהאַרכזאַם, ווי שאָף, געגאַנגען צום טויט, האָט מייער יעלין, מער ווי עמעצער אַנדערש, געשילדערט אין זײַנע ניט אויסגעטראַכטע ווערק דעם ווידערשטאַנד, וואָס די אסירים האָבן אַרויסגעוויזן.

און טאַקע ווײַל דער געטאָ־אסיר מייער יעלין איז געווען אַ לעבעדיקער איידעס פֿון די גרוילטאַטן, וואָס פֿלעגן טאָגטעגלעך זיך אָפּשפּילן אין געטאָ, האָט אויף דעם שרײַבער מייער יעלינען געלויערט די געפֿאַר פֿאַרלירן דאָס געפֿיל פֿון מאָס באַם אָפּשפּיגלען אין זײַנע ווערק דאָס געזעענע און דורכגעלעבטע. די דאָזיקע געפֿאַר האָט דער אַוטאָר אויסגעמיטן, און דעריבער גלייבן מיר אַזוי אין דער עמעסדיקייט פֿונעם געשילדערטן אַפֿילע דעמלט, ווען דאָס האַרץ און דער פֿאַרשטאַנד זאָגן זיך אָפּ עס באַנעמען.

דער קריטיקער, וועלכער וועט גענוי און אַלזײַטיק אַנאַליזירן יעלינס שאַפֿונג — און אויף אַזאַ קריטיש אַרטיקל וואַרט בעלי־סאָפֿעק דער לייענער, — וועט ניט קאָנען פֿאַרבײַגיין די גאַלעריי דײַטשישע פֿאַשיסטן, וועלכע דער אַוטאָר האָט אָנגעמאָלט. פֿראַנץ מאַוער, האַנס פֿפֿאַנקוך, קאַרל גראָגער, ערווין, קורט, גיונטער קוואַטשקע זײַנען ניט קיין פּלאַקאַט־פֿיגורן, מיט וועלכע מיר טרעפֿן זיך צומאָל אין אייניקע ווערק, נאָר קינסטלערישע פּאַראַלגעמיינערטע געשטאַלטן, וועלכע אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז דעם עקלהאַפֿטן ראָצכישן פּאַרצעף פֿון פֿאַשיזם, דעם טאָך פֿון דער היטלערישער „פֿילאָסאָפֿיע“ וועגן איבערמענטש, ראַסן־ריינקײַט, טאָטאַלער פֿאַרניכטונג און פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון פֿעלקער.

באַם אָפּמערקן באַ אַ שרײַבער די קײַלעכיקע דאַטע פֿון זײַן געבוירן פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, די ליטעראַרישע שאַפֿונג זײַנע, כאָטש אָפֿט איז די דאַטע פֿון זײַן שעפֿערישער טעטיקײַט דאַפֿקע ניט פּונקט דעמלט אַ קײַלעכיקע, ווי דאָס האָט געטראָפֿן מיט אונדזער כאָשעווען באַל־יויוול. דעריבער גיי איך קימאַט אײַנגאַנצן פֿאַרבײַ דאָס ריין־פּערזענלעכע אין דער שרײַבערישער ביִאָגראַפֿיע פֿון מייער יעלינען. איך וועל פֿאַרענדיקן מײַן קורץ אַרטיקל מיטן טראַדיציאָנעלן ייִדישן ווונטש יעלינען — ער זאָל דערלעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, — צוגעבנדיק דערבײַ, אַז די אָנגעלאָדענע פּילפּעדער, מיט וועלכער די גרויסע צײַט האָט אים באַוואָפֿנט, זאָל אים אויך ווײַטער אַזוי דינען ווי ביז אַהער.

שמואל גאָרדאָן

טריבן צו דער אײַזנבאַן, צום אַנקערפּלאַץ באַם ניעמאַן, און דאָרט זיי געלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען און באַרזשעס. די געפונענע קינדער און עלטערע לײַט — צונויפגעזאַמלט אַפן געטאָ־בעסוילעם. דאָרט זיי געשאָסן און צוזאַמענגעוואָרפן אין איין גרויסער גרוב. די דורכגענישטערטע שטיבער באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. געדיכטע זײַלן רויך האָבן געזעצט צום לויטערן יול־הימל אַפן גאַנצן שטעטל פון דער געוועזענער געטאָ.

אוויווע איז געלעגן אַ פאַרגראָבענע אונטער שמאַטעס אין עפּעס אַ קאַסטן, אַ פאַרשמאַכטע פון הונגער און דער גרויסער כמימע, אַן אויסגעטאָנענע, אין איינע טרוסיקעס. אַזוי געלעגן, ביז עמעצער האָט זי אָפּגעדעקט. זי האָט זיך נאָך מער צונויפגעקאָרטשעט, דערזעענדיק אינעם האַלב־טונקל פון בוידעם אַ דײַטשישן סאָלדאַט. פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט אַפן שטאָך פונעם אויסגעשטעקטן באַגנעט. דער באַגנעט האָט ניט געשטאָכן. שאַ־שטיל אַרום. האָט זי ווידער געעפנט די אויגן. דער דײַטש איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געקוקט אַפן אײַנגעשרומפּענעם, האַלב־נאַקעטן מיידעלע. דאַן האָט ער זי האַסטיק צוגעדעקט מיט די שמאַטעס און אַוועק.

ערשט אין אַ געוויסער צײַט אַרום — מע דעקט זי ווידער אָפּ. געווען איז עס דער זעלבער דײַטש.

— קאָם העראויס, קלײַנע, — האָט ער געזאָגט, און אוויווע האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. איר האַרץ האָט ווייטעקדיק געפּויקט: „איצט וועט מען זי שיסן. אוי, ווי דאָס מוז וויי טאָן!" פאַר שרעק האָט זי זיך פון אָרט ניט געקאָנט רירן. האָט דער דײַטש געפּרוּווט זי שטעלן אַף די פיס. אוויווע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ניט געהאַט קיין קויעך זיך צו האַלטן. דער דײַטש האָט דאַן געכאַפּט זיך צו זײַן פעלדפלאַש, געגעבן איר אַ טרונק. געגעבן אַ פּענעץ ווײַס ברויט מיט געלן קעז. געוואַרט, ביז זי האָט זשעדנע אָפּגעגעסן, פאַרטרינקענדיק מיט דער זיסער טיי פון זײַן פלאַש. דאַן האָט ער דערלאַנגט איר עפּעס אַ קליידל אָנצוטאָן, געהייסן שטיל זײַן און ביז איבערן קאָפּ און פיס אײַנגעוויקלט זי אין אַ מיטגעבראַכטער קאָלדרע. קליין, אײַנגעדאַרט, מאַמעש הויט־און־ביינער איז אוויווע געווען. מיטן לײַכטן לעבעדיקן פּעקל אונטערן אָרעם האָט דער דײַטש זיך אַראָפּגעלאָזט פון בוידעם.

פאַנאַנדערגעוויקלט האָט ער אוויווען אין דער געדיכטעניש פון מענטשן מיט געלע לאַטעס, וועלכע מע האָט געזאַמלט אַף אַוועקצושיקן אין פראַכט־וואַגאָנען.

— נעמט זי מיט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — די געטאָ ווערט פאַרניכטעט.

דער אַרומיקער האַרמידער איז מיטאַמאָל אײַנגעשטילט געוואָרן. אַ דײַטש ברענגט אַ ייִדיש קינד! אַ פאַרבאָטן אומגעגאַל נעפעשל! מע דאַרף עס פאַרשטעלן פון בייזע בליקן, באַהאַלטן.

— וועמענס ביסטו, מיידעלע? — האָט עמעצער זי ציטעריק אַ פרעג געטאָן אין ייִדיש.

אוויווע האָט שטיל אַרויסגעשעפּטשעט, ווער זי איז, וואָס מיט איר טאַטע־מאַמע איז געשען.

אַף אַ רעגע האָבן אַלע ווי פאַרהאַלטן זייער אָטעם. באַלד זײַנען זיי אָבער אַרויס מיט אַ קרעכצעניש און קלאָגעניש. עמעצער האָט זיך צעיאָמערט אַף זײַנע פאַרלוירענע קינדער און אַף לאַנג אָפּגענומען בײַ אַלעמען דאָס לאָשן. שטיל און גנייוויש האָבן דאַן ווידער גענומען אַרומשלײַכן צווישן אַלעמען בעקאָל אַרויסגעבראַכטע פראַגעס: וווּהין פירט מען זיי און וואָס קאָן מיט זיי געשען? אַ סאַך האָבן געהאַלטן, אַז מע וועט אַלעמען אומברענגען. טאָ צו וואָס אין אַזאַ אומבעראַכמאָנעסדיקער זומער־היץ, אין אַזאַ שטיקעניש — שלעפּן, פירן ערגעצוווּ? ס'געפינען זיך אַזוינע, וואָס באַרוּיִקן: אויב אומברענגען, האָט מען זיי געקאָנט אַף אָן אָרט, ווי שטענדיק — אין נײַנטן פאָרט. אַלעמען צעשיסן וואָלט מען באַוויזן, כאָטש די סאָוועטן זײַנען שוין גאָר־גאָר נאָענט, די אויסלייזונג איז פאַר דער טיר...

נאָר דאָ האָט עמעצער זיך ווידער דערמאָנט אינעם ייִנגסטן פאַרלוירענעם לעבן צווישן זיי, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון וואַגאָן און געשטאַרט אַפן אַרום מיט אַ פּאָר גרויסע צעשראָקענע שוואַרצע אויגן. זיך דערמאָנט, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל פונעם אַרויסגעגעבענעם ברויט און עס דערלאַנגט אוויווען:

— נעם, מיידעלע, עס.

דאָס אומגעגאַלע געטאָ־קינד איז אויך אינעם גרוילפולן וועג אין דער אומבאַוווּסטקײַט אַרײַן געבליבן אַלעמענס קינד.

מענטשן בלײַבן מענטשן אומעטום

אַ קעצל, אַ הינטל, אַ קעלבל — אין אַ וואָך צי צוויי אַרום נאָכן קומען אַף דער וועלט שטייען שוין אַף די פיס אין דירעקטן און אין מעטאַפאָרישן זין פונעם וואָרט. און אַ מענטש? וויפל דויערט, ביז ער שטעלט זיך אַף די פיס און ווערט אַ מענטש? צומאָל זײַן גאַנץ לעבן. ער האַלט אין איין ווערן רײַפער, שליימעסדיקער, ער זאַמלט אָן דערפאַרונג, אַפן מאָדערנעם לאָשן זאָגן מיר — „אינפאָרמאַציע". אָן די לעקציעס פונעם אָוואַר, אָן די זיכרוינעס ווערט דאָס אַלץ ניט.

עס זיצט פאַר מיר איצט אוויווע — אַ שוואַרצכיינעוודיקע פרוי, אַן אינזשעניער פונעם אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל אַפן קאָוונער ראַדיאָ־זאַוואָד, אַ מאַמע פון צוויי ווילע יאַטלעך... וויפל וואַסערן זײַנען אָפּגעפלאָסן, ביז ס'איז געוואָרן אַ מענטש פון יענעם אײַנגעשרומפּענעם לעבעדיקן קנײַלעכל, וואָס מענטשן האָבן אויסגעהיט פון

אומקום אינעם היטלערישן טויט־לאַגער שטוטהאָף, וווהין די וואַגאָנען האָבן דאַן געבראַכט די לעצטע לעבנגעבליבענע פּרויען פון קאָוונער געטאָ?

ס׳זײַנען געבליבן אוויוון אײַנגעקריצט אין זיקאָרן ניט ווייניק דערינערונגען פון יענער שוידערלעכער צײַט:

— שטעלט זיך פאָר, פרויען, וואָס האָבן אַליין פאַרלוירן זייערע מענער און קינדער, איינע, א צווייטע דאַרף אויסהיטן פון די לאַגער־באַלעבאַטים א ביז איצט אויסגעהיטע צוועלף־ צי דרײַצניאָריקע טאָכטער און ציטערט, ציטערט איבער איר גורל... אַלע זײַנען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. אויסגעמאַטערט און הונגעריק. יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט — מושטרירונגען און ציילענישן פון אַלע אַרעסטאַנטן אַפן לאַגער־פּלאַץ. „אַפּעלן" האָט עס געהייסן. שאַנלאַנג, ביז צום כאַלעשן האָבן געדויערט די דאָזיקע אַפּעלן. און די איבעריקע צײַט האָבן אַלע געמוזט בלײַבן אין די ענגע פאַריפּעשטע באַראַקן. מע ליגט איינער איבערן אַנדערן אַף די דרײַעטאַזשיקע נאַרעס, אַף שטרוי־מאַטראַצן און מע וואַרט אַפן טויט. אין א שפּאַלט צווישן צווי מאַטראַצן האָבן מיך די פרויען פאַרשטעקט, באַהאַלטן פון די אופזעערקעס, וואָס האָבן אָן אופהער עפּעס געזוכט, קאָנטראָלירט און געשלאָגן מאַקעס־רעצעך... יעדן פרימאָרגן — טויטע. די געשטאָרבענע פלעגט מען אָפּט ניט אַראָפּנעמען פון די נאַרעס, געלאָזט זיי ווײַטער ליגן, קעדיי צו באַקומען אַף זייער כעזשבן ברויט־פּאָרציעס. אַזא פּאָרציע פלעגט מיר צופאַלן... און ווען די עסעסאָווצעס וואָלטן עס אופגעדעקט... מע האָט מיך געהאַלטן אויך אין א לאָך אונטערן דיל. כ׳בין דאַן אַלט געווען אַוועלכע זיבן און אויסגעזען, לויט דער מיינונג פון די פרויען, ווי א פיריאָריקע. כ׳האָב אופגעהערט וואַקסן...

א שווערע לאַסט, א געפערלעכע לאַסט האָבן אַרופגענומען אַף זיך די אַרעסטאַנטקעס פונעם בלאָק נומער 29. זיי וואָלטן באַצאָלט מיטן לעבן, ווען די לאַגער־מוישלים כאַפּן אוויוון. ניט לאַנג צוריק האָבן די שוואַרצע מאַלאַכיי־כאַבאָלע געריסן פון די מוטערס זייערע קינדער. פיל עלטערע און גרעסערע פאַר אוויוון אַוועקגעטריבן אין „באָדע־אַנשטאַלט" — אין דער איינשטאָקיקער געבײַדע מיטן הויכן פירקאַנטיקן קוימען, פון וועלכן ס׳האָבן א קײַלעכיקן מעסלעס געזעצט קנוילן רויך... ווײַ, ווײַ, מע האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז דאָס איז א גאַז־קאַמער, א קרעמאַטאָרי. קיינער, קיינער פלעגט פון „באָד" זיך ניט אומקערן...

אוויווע האָט ניט געהאַט קיין מאַמען. האָבן אַלע געהאַלטן פאַר זייער כויוו אויסהיטן זי פון שלעכטס. גלײַך באַם אָנקומען אין לאַגער אַרײַנגעשמוגלט זי אין באַראַק. אויסגעהיט פון די אַפּטע סעלעקציעס. אוויווע געדענקט ניט קיין נעמען פון אַלע גוטהאַרציקע פרויען, וואָס האָבן זיך געזאָרגט וועגן איר. אָבער באַסיע פּאַפּילסקי, גאָלדע פאַבראַווסקי... זייערע נעמען האָט זי פאַרגעסן ניט געקאָנט! די אַרעסטאַנטקעס איז געגאַנגען אין לעבן — אַף צולאָכעס די דאַם־סאָנים אויסהיטן דאָס קינד!

...אינעם קאָלעקטיוו פון קאָוונער ראַדיאָ־זאַוואָד איז אוויווע ניט דער איינציקער לעבנגעבליבענער איידעס פון די גרוילן אינעם שטוטהאָפער טויט־לאַגער. מיט איינציקע יאָרן צוריק פאַרהאַלט זי אַן אַרבעטערן פונעם מאָנטאַזשצעך, א מיטלוווּקסיקע, פעסטגעבויטע רוסישע פרוי אַלעקסאַנדראַ קאָראָלקאָוואַ:

— כ׳דערקען, דערקען... דער זעלבער שמייכל, דער זעלבער קוק פון די אויגן...

און ס׳גייט אַוועק א לאַנגער, לאַנגער שמועס. ס׳טויכן אוף דערינערונגען...

אוויווע האָט מיך באַקענט מיט קאָראָלקאָווען.

בייס די היטלעריסטן האָבן אָקופּירט איר ווינאָרט אין פּאָלאָצקער ראַיאָן, איז קאָראָלקאָווס מאַן אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. זי האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט איבער די צווי ברעקלעך קינדער. איז זי געבליבן אין דאָרף א פּאַרטיזאַנישע פאַרבינדלערן. מע האָט זי געכאַפּט באַם איבערגעבן וואַלד־שליכים קוילן, שפּײַז. מע האָט זי געשלאָגן, שרעקלעך געפּײַניקט. ביז היינט זײַנען פאַראַן סימאָנים אַף אירע נעגל, וועלכע מע האָט געריסן, געשטאָכן מיט נאָדלען. מע האָט זי געזאָלט שיסן צוזאַמען מיט די געכאַפּטע דרײַ פּאַרטיזאַנער. נאָר זי איז געווען שוואַנגער, האָט מען זי דערווײַל פאַרשיקט קיין שטוטהאָף. אָנגעטאָן לאַגער־מאַלבושים, איבערגעקרייצטע מיט צווי רויטע אייל־פאַרב־פּאַסן. אַפן אַרבל — א רויטער דרײַעק, דער מערקצייכן פון פּאָליטישע אַרעסטירטע. און פאַרשפּאַרט אינעם בלאָק פון די רוסישע פרויען, וועלכע האָבן געדאַרפט, ווי דער דין איז דאָ געווען, אומקומען פון הונגער און שמוץ, פון אומפלייט און כאַלאַסן.

די באַראַקן, „בלאָקן", ווי מע רופט זיי דאָ, זײַנען פון אויסן אָפּגעפאַרבט אין העלע קאָלירן. פאַר זיי — בלומען־קלומבעס, אַרומגעלייגטע מיט אָפּגעקאַלכטע שטיינדלעך. די סטעזשקעס און וועגן — אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד. וווּ־ניט־וווּ — א דעקאָראַטיווער בוים. א פרידלעכע דעקאָראַציע פאַר זשורנאַליסטן און פאָרשטייער פון רויטן קרייץ, וואָס דאַרפן אָפּלייקענען דעם „בילבל" אַפן היטלעריסטישן רעזשים, אַז מע באַציט זיך גרויזאַם צו די פאַרשפּאַרטע אין די קאָנצלאַגערן...

די באַראַקן — אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן פון קימאַט גאַנץ אייראָפּע. מע טרײַבט זיי ניט צו קיין אַרבעט. אהער ברענגט מען פון די אַרומיקע

אַרבעט־לאַגערן די אויסגעשעפּטע. אַלעמענס פּליכט איז דאָ צו וואַרטן אַפן טויט און שאַפן דעם עסעסאָווישן לאַגער־פּערסאָנאַל א מעגלעכ־קײַט ארויסצודרייען זיך פונעם פּראָנט...

— אינגיכן איז אויך צו אונדז דערגאַנגען א קלאַנג, — דערציילט קאַראַלקאָווא, — אז די יידישע פרויען באַהאַלטן אויס א קינד. האָט מען גענומען איבערשיקן פאַר דעם שפּײַז־פּראָדוקטן. געווען צווישן אונדז דענישע, נאָרוועגישע, פראַנצויזישע פרויען, וועלכע פלעגן באַקומען שפּײַז־פּעקלעך פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייז.

יאָ, אוויווע דערמאָנט זיך טאַקע, ווי זי פלעגט איבערכאַפּן דאָס פאַרשמאַכטע האַרץ מיט א טאַמגאַניידנדיק קיכעלע, מיט א שטיקל האַלב־דער קעז, מיט צוקערזיסן מאַרמעלאַד.

פּלוצעם איז א פּאַכעד־געמורמל אַדורכגעלאָפן די פרויען פונעם בלאָק נומער 29: „מע האָט אָפּגעדעקט אוויווען!“ און ניט קיין אַנדערע, ווי די „בלאָק־עלטסטע“, די מאַרשאַס שורע. שוין געמיינט, אַז זי וועט, ווי געוויינלעך, וועלנדיק אויסדינען זיך בא דער העכערער נאַטשאַלסטווע, פּאַלן שלאָגן מיט איר פלעקל איטלעכן, וואָס וועט קומען אונטער דער האַנט. מע איז געווען זיכער, אַז די געכאַפּטע, פאַר שרעק צונויפגע־קאַרטשעטע אוויוען וועט זי איבערגעבן די עס־עסאָווצעס. די „בלאָק־עלטסטע“ איז אָבער גע־בליבן פאַרשטיינערט: „א קינד אין לאַגער!“ אויסקערעוועענדיק זיך אין א ווײַלע אַרום צום ארויסגאַנג, האָט זי א מורמל געטאָן:

— באַהאַלט’ס. און איך האָב עס ניט געזען...

אַף מאָרגן גאַנצפרי איז זי ווידער בא דער נאַרע, וווּ אוויווע איז געלעגן, און דערקלערט די פרויען:

— די קליינע וועט דאָ ניט אויסהאַלטן. אָן לופט, אָן ליכט. אוודאי איז זי פאַרלײַזיקט. און וואָס וועט איר טאָן, אויב מע וועט מאַכן א גרינט־לעכן קאָנטראָל?

זי האָט מיטגענומען אוויוען.

פון די נאַרעס האָבן זיך ארויסגערוקט קעפּ, אויסגעמאַגערטע, פאַרגעלטע פּענעמער. אויגן, פולע מיט טרערן, האָבן נאָכגעקוקט דעם לעצטן קינד פון לאַגער, וואָס איז פאַר א הענטל אוועק־געפירט געוואָרן, ווי זיי האָבן כוישעד געווען, צו דער אַקיידע.

אין איר קעמערל האָט די „בלאָק־עלטסטע“ אויסגעבאָדן אוויוען אין הייסער וואַסער, דאָס שמוציקע קינדערשע העמדל און קליידל — ארויסגעוואָרפן. אָנגעטאָן זי אין ריינע זאַכן, אָנ־געקאָרמעט. געפּרוווט עפּעס צו איר ריידן. אוווי־ווע האָט אָבער קיין רוסיש ניט פאַרשטאַנען. ליב־לעך אָנגעקוקט די היכע, שלאַנקע, זייער שיינע „מומע“, פאַר וועלכער אַלע האָבן מוירע געהאַט... די „בלאָק־עלטסטע“ האָט זי דאַן צוגעדריקט צו זיך און לאַנג, לאַנג אַזוי געהאַלטן...

דורך פײַער

געווען איז אין שטוטהאָפער טויט־לאַגער אויך א קראַנקן־בלאָק — מיט א דאָקטער, מיט גע־הילפן און א באַדינונג־פּערסאָנאַל. אַלץ לעפּאָנעם־וועגן. מאַכמעס דער לאַגער־סטאַטוט זעט עס פאָר, און ווידער — צו קאָנען „דערווײַזן“ די אײַנגעלאַדענע קאָמיסיעס פון רויטן קרייז, אַז מע זאָרגט זיך וועגן פאַרשלאָפּטע אסירים, און די גרויל־יעדיעס, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט בע־נעגייע די דײַטשישע קאָנצלאַגערן, זײַנען קיזווו־ווּעשעקער... פּאַקטיש איז דער קראַנקן־בלאָק געווען בלויז א פּירהויז צו דער גאַז־קאַמער און דער קרעמאַטאָרי. אָבער אין דער צווישנצײַט — פון סעלעקציע ביז סעלעקציע — האָט דער קראַנקן־בלאָק געדינט ווי א שטיקל מאָקעם־מיק־לעט פאַר אויסגעשעפּטע און קראַנקע מענטשן. ער איז דאָס געוואָרן אויך פאַר אוויוען. די „בלאָק־עלטסטע“ שורע האָט איר אָנגעטאָן א לאַנג געשטרײַפּט אַרעסטאַנטן־קליידל מיט א לאַ־גער־נומער און מיטן וויסן פונעם בלאָק־דאָקטער, אויך אָן אַרעסטאַנט, א פּאָליאַק, אַרײַנגעשמוגלט צו די קראַנקע.

דאָ האָט זיך אויך אײַנגעפונען קאַראַלקאָווא, וועלכע האָט געוואַרט אַף א קינד...

— געדענקסט, אוויוואָטשקע, כ’האָב דיך איין מאָל באַהאַלטן אונטער מײַן קאָלדרע, — צינדט זיך קאַראַלקאָווא מאַמעש אָן, ווי בייס מע דער־מאָנט זיך אין אָן אָפּגעגליקטער סאַקאָנעספולער טאַט. — אומדערוואַרט איז אָנגעלאָפן די לאַגער־נאַטשאַלסטווע און גענומען אָפּקלײַבן קאַנדידאַטן פאַרן „אויוון“...

אויך א צווייט מאָל איז אוויווע פאַרקראָכן צו קאַראַלקאָוון אונטער דער קאָלדרע. געשען איז עס, ווען מע האָט געעפנט א מוירעדיקע שיסערײַ אַף א דערבײַיקן באַראַק, אין וועלכן די מענער האָבן זיך געהאַט צעבונטעוועט. א גאַנצע נאַכט האָט אָנגעהאַלטן די שיסערײַ, און די גאַנצע נאַכט איז אוויווע אין הוילע ציטערניש אָפּגעלעגן א צוגעטוליעטע צו דער פרעמדער רוסישער פרוי, וואָס האָט זי געגלעט, באַרויִקט און געטרייסט.

פון קאַראַלקאָווען דערוויסן מיר זיך דעם נאָ־מען פון נאָך א נאָבעלן מענטשן — וואַלענטינא נאַרעווסקאַ, די פרוי פון א געפאַלענעם פּוילישן אָפיצער אינעם וואַרשעווער אופשטאַנד. ווי א סאַך פון איר גלײַכן, איז זי פאַרשיקט געוואָרן אַף אומקום אין שטוטהאָף. א זייער ענערגישע, האָט זי זיך געזאָרגט וועגן די פאַרשלאָפּטע לאַגער־

פרויען און באַזונדערס וועגן דער „אומלעגאַלער“ קראַנקער — אוויווען. ווי נאָר אַ באַזוך פון די עסעסאָווישע דאָקטוירים, פלעגט זי אוויווען אַרײַנשמוגלען אין מייסים־שטיבל. אַזוי ווי דער קרעמאַטאָרי פלעגט ניט באַווײַזן פאַרוואַנדלען אין אַש און רויך דעם גאַנצן טויט־שניט, פלעגן גאַנצע סטאָסן מייסים לאַנג וואַרטן אויף זייער ריי...

ניט איין נאַכט און ניט איין טאָג איז אוויווען אויסגעקומען צו פאַרברענגען צווישן סקעלעטן, באַצויגענע מיט אַ דינער געלער הויט. ס'האָט פּאַסירט, מע איז געקומען לאָדן די טויטע אויף וואַגאָנעטקעס צו זייער לעצטער נסיעה און אָנגעכאַפּט אוויווען פאַר אַ פּוס. זי האָט אופגעצאַפּלט, אַ קוויטש געטאָן. דער מענטש, וואָס האָט זי געהאַט אָנגעכאַפּט, איז פאַר שרעק אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן, ווי אַן אַרויסגעשאָסענער. דערווײַל האָט אוויווע אַרויסגעפּויזעט דורך דער געעפנטער טיר, אַרײַנגעכאַפּט זיך אין קראַנקן־בלאָק.

און ווידער אין שטענדיקער אָנגעשפּאַנטקײַט און שרעק פאַר סעלעקציעס.

— מומעניו, עס טוט שטאַרק וויי, אַז מע ווערט געברענט אינעם אויוון? — האָט אוויווע געפרעגט אַ פרוי אויף דער נאַרע, צוזעענדיק, ווי ס'האָבן זיך געצאַפּלט, געשאָלטן די מערדער און פאַרצווייפלט געיאָמערט די אָנגעפּראָפּטע פרויען אינעם וואָגן, וואָס פלעגט אָפּטראַנספּאָרטירן צום קרעמאַטאָרי די פאַרורטיילטע.

קימאַט יעדן טאָג אַזוינע טראַנספּאָרטן. אומגעהייער גרויס און טיף איז געוואָרן די מוירע פאַרן מאַלעכהאַמאָוועס, וואָס האָט גערייכערט זײַן קוימען דאָ דערנעבן.

„איך מוז לעבן בלײַבן! איך האָב אין דער היים אַ קינד! מײַן קינד איז באַהאַלטן בײַ ליטווינער!“ — האָט איינמאָל מיט אירע לעצטע קויכעס געשריִען אַן אָפּגעקליבענע צום טויט.

— אין דער היים איז געבליבן מײַן מאַמע, — האָט אין הוילע שרעק געשעפּטשעט אוויווע. — מוז איך אויך בלײַבן לעבן. מוז זען די מאַמע...

וואָס טוט מען מיט אוויווען? מע וועט זי געפינען, אופדעקן.

ווידער האָט אַרויסגעהאָלפן די „בלאָק־עלטסטע“ שורע. און ווידער דער קראַנקן־בלאָק, און ווידער דער איינציקער מאָקעם־מיקלעט אינעם מייסים־שטיבל.

איינמאָל בײַסן אַרויסטראָגן די באַרמינענס האָט מען אוויווען אופגעהויבן אַ שלעפּעריקע, פאַרכאַלעשטע און אַרופגעוואָרפן אויף אַ קופּע האָלץ און טויטע קערפּערס אונטערן פרײַען הימל. איבערגעלאָדן מיט אַרבעט איז געווען דער קרעמאַטאָרי, האָבן די היטלעראָווצעס אויך אויף שײַטערהויפנס גענומען ברענען די מייסים.

צו אוויוועס גליק האָט דער פלאַקער אַרומגעכאַפּט בלויז איין זײַט פונעם שײַטער. אַ שטאַרקער ווינט האָט אָפּגעבלאָזן דעם פלאַם פונעם אָרט, ווו זי איז געלעגן. און ווידער צום גליק איז זי געלעגן בײַם ראַנד פון דער קופּע. האָט זי זיך אַראָפּגעקוילערט אויף דער ערד.

אַ מעשונעדיק ווילדער ווינט האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן דעם פלאַם, געדרייט און געדריקט צום באָדן קנוילן פּעכיקן רויך, וואָס האָט געגריזשעט מיט אַ העלישער ביטערניש די אויגן, די קעל. „די טויטע וועלן שוין ניט אַנטלויפן“, — האָבן, אַפּנים, געפּאַסקנט די אַלע, וואָס האָבן זיך געיייסעקט אַרום דעם שײַטער, און זיך אָפּגעטראָגן.

דערווײַל איז אוויווע אומבאַמערקט אָוועקגעקראָכן אין אַ זײַט, באַהאַלטן זיך אין הויכן גראָז און אַזוי אָפּגעלעגן ביז פאַרנאַכט.

„איך מוז לעבן בלײַבן! מוז באַגעגענען די מאַמע!“ — די געדאַנקען האָבן איר צוגעגעבן קויעך. זי האָט צוגעפּויזעט צום לאַגער־צוים, אופגעזוכט אַ לאָך אונטערן דראָט־געפלעכט, אַ לאָך, וואָס הינט האָבן געהאַט אויסגעריִעט. פאָרזיכטיק אַדורכגעפּויזעט דורך דער לאָך, ניט אָנצורירן דעם עלעקטריזירטן שטעכדראָט... אַרײַנגעגאַנגען וועט זיך אין לאַגער, אַרײַנגעשלײַכט צו די ייִדישע פרויען, ווו זי האָט געהאַט איר געלעגער צווישן צוויי מאַטראַצן...

ווידער — בלאָק 29

באַסיע פּאַפּילסקי איז איצט שוין אַן עלטערע פרוי מיט אַן אונטערגעריסן געזונט. אָבער זײַענדיק פאַרשפּאַרט אינעם בלאָק נומער 29, איז זי געווען פון די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן בעסער פון די אַנדערע. פון נאַטור — אַן אָפּטימיסטישע, האָט זי געמונטערט די ליידנשוועסטער ניט צו פאַרלירן די האָפענונג, אונטערגעהאַלטן זייער שטימונג.

שרעקלעך זײַנען געווען די טעג, נאָך שרעקלעכער — די נעכט, פאַרפולטע מיט אַגאָניע־קרעכצן און הילף־רופן פון שטאַרבנדיקע. „וואַסער, וואַסער!“ — האָבן מיט טאַכנונים געמורמלט אויסגייענדיקע לעבנס.

מיט אַ קווערטל וואַסער פלעגט באַסיע פּאַפּילסקי גיין פון נאַרע צו נאַרע — געבן אַ טרונק איינער, פאַריכטן דעם צוקאָפּנס פון אַ צווייטער. אַ דריטער געהאָלפן זיך אַוועקזעצן, אופשטיין. אַליין איבערגעקרענקט אויף פלעקטיפוס, האָט זי ניט מוירע געהאַט זיך אָנשטעקן, באַדינענדיק די, וואָס האָבן אויף דער דאָזיקער שרעקלעכער כאַלאַס געקרענקט אין געהיים, ווײַל די היטלעראָווצעס פלעגן אַזוינע קראַנקע טייקעף אומברענגען.

אין איינער אזא, מיט קאַשמאַרן איבערגעלאָ־
דענער נאכט, בייס די עלעקטרישע לעמפּלעך
האָבן קימאַט ווי פאַרטײַעט זייער געלבלעך־
קרענקלעכע שײַן און פּעך־שוואַרצע שאָטנס האָבן
פאַרפּולט דעם באַראַק, האָט באַסיע זיך אָנגע־
שטויסן אין דער אָקאָרשט אַרײַנגעשלײַכטער
אוויווען.

יאָ אוויווע, ניט אוויווע? דאָס מיידעלע איז קוים
געווען צו דערקענען. דאָס פּאָנעם — פּאַרסאַ־
זשעט, דאָס קלײדל — שמוציק און צעפליקט, די
הענט — שוואַרץ פון בלאָטע. מע האָט זי געמוזט
כאַטש א ביסל ארומוואַשן, געבן א טרונק. ס'האָט
זיך אײַנגעפונען פאַר איר אויך א סקאָרינקע, און
אַלץ האָט געמוזט געשען שאַ־שטיל, די דעזשור־
נע זאָלן ניט באַמערקן, ניט דערהערן.

אָן אָרט פאַר אוויווען אַף דער נאַרע האָט באַ־
סיע געמאַכט לעבן זיך. פון איין זײַט איר פערצנ־
יאָריקע טאָכטער ראָכעלע, פון דער צווייטער —
דאָס צוגעקומענע קינד.

— פון איצט וועסטו זײַן מײַן צווייטע טאָכטער,
איך לאָז דיך ניט אָפּ...

געפרייט האָבן זיך די אַרעסטאַנטקעס מיט אווי־
וועס ניצל ווערן פון פײַער. די שפּײַז־טײלערקעס
פלעגן איר אויסמאַרקירן א צוגאָבלעכן ביסן.
עמעצער האָט אופגעזוכט פאַר איר א קליידל.
באַאומרויִקט האָבן זיך אָבער גאָר שטאַרק די אופ־
זעערקעס — אוויווע האָט ניט קיין נומער! טאָ־
מער כאַפּט מען זי, וועלן זיי שלעכט אָפּשנײַדן.
און אויב זי זאָל שטאַרבן, וועלן זיי אויך האָבן א
ביטערן פּסאַק. עפּעס א קלייניקײַט, א מעס אָן
א נומער! באַם קרעמירן וועט די אַל ארויס פון
זאַק...

אויך אוויווע איז אָנגעשטעקט געוואָרן פונעם
פּאַכעד — זי איז אָן א נומער! לעסאָף האָט מען
געפונען עפּעס אָן אַרעסטאַנטן־נומער, אָפּגע־
שטעמפּלט אַף אַן אַלט צעטראַמפּלט שטיקל
שטאָף, און אים צוגעטשעפּעט צו אוויוועס
קליידל. איז ער באַלד איר פאַרלוירן געגאַנגען.
וואָס וועט זײַן, אויב זי שטאַרבט, איידער מע וועט
זי באַזאָרגן מיט א נײַעם נומער? מע וועט שלאָגן
מאַקעס־רעצעך די פרויען... אוויווע האָט געבעטן
ראַכמים, מע זאָל איר אָנשרײַבן דעם נומער, ווי
בא אַלעמען, אַף דער לינקער האַנט, אַפן האַרצן.
לײַכטער איז איר געוואָרן, בייס מע האָט מיט א
שטיקל כימישן בלײַער איר טאַקע אָנגעשריבן
אַף דער ברוסט עפּעס ציפער.

און נאָך אַן איבערלעבעניש איז באַשערט גע־
ווען אוויווען. די גוטע מומע באַסיע האָט פאַר א
שטיקל ברויט באַקומען צו לײַען א שערל און
אָפּגעשוירן איר די האָר. בייס דער דאָזיקער
„אָפּעראַציע" האָט אוויווע געשריִען, ווי מע וואָלט
זי געקוילעט. עמעצער האָט אפילע געפּרוווט
וואַרפן א קרומען בליק אַף באַסיען;

— נישקאָשע, איר אייגענער טאָכטער וואָלט
זי עס ניט געטאָן...

נאָכטוענדיק די דערוואַקסענע, האָט אוויווע זיך
אויסגעלערנט קעמפן קעגן די קריכנדיקע מאַש־
כיסים. ביז שפּעט אין די נעכט פלעגט זי זיצן
באַם ברענענדיקן איוועלע און רייניקן זיך, גע־
סמאַליעט אפן אָנגעגליטן בלעך איר העמד... אַלע
האָבן זיך געראַנגלט מיטן מאַלעכהאַמאָוועס, גע־
קעמפט פאַרן קיִעם. איצט איז וויכטיק געווען
געווינען צײַט. אויסהאַלטן! די באַפרײַונג איז דאָך
נאָענט. און כאָטש זיי זײַנען אָפּגעשניטן פון דער
וועלט, שפּירן זיי עס, זעען באַשײַמפּערלעך, ווי
אַף די היטלעראָוועס ציטערט די הויט. מוז מען
אויסהאַלטן!

דאָ איז אויך א מילדער פרילינג אַף דער וועלט
אַראָפּ. און אַלע זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז עס
איז דער לעצטער פרילינג אין געפאַנגענשאַפט.
די מעכײַעדיק אָפּפרישנדיקע פרילינג־ווינטלעך,
ווי זיי וואָלטן אָנגעזאָגט די אָנקומענדיקע אויס־
לייזונג. נאָר דערווײַל קומען מענטשן אַלץ אום —
גייען אויס, ווערן פאַרגאַזט און פאַרברענט.

און דורך וואַסער

אין איינעם א לויטערן באַגינען איז דער לאַ־
גער־פיורער ביכווידע־אַוועאַצמוי, באַגלייט פון
זײַן וואַלפהונט און א גאַנצער סוואָרע עסעסאָוו־
צעס, אַרײַן אין בלאָק נומער 29 און פאַר דער
צײַט אַלעמען אופגעהויבן. מיט א זידלערײַ, מיט
רעציכע און ווילדע געשרייען אַרויסגעיאָגט אין
דרויסן. דאָרט האָבן זיך שוין אויסגעשטעלט צו
פינף אין א ריי אַסירים פון די איבעריקע באַראַקן.
אונטער א שטאַרקער שמירע אַרויסגעטריבן די
קאָלאָנעס פון לאַגער און געזאַמלט אין א וועלדל
באַם יאַם־ברעג.

באַסיע פּאַפּילסקי האָט פאַר א האַנט געהאַלטן
בלויז איר טאָכטער ראָכעלען... קיינער האָט ניט
געוווּסט, וואָס אים שטייט פאַר, פונדעסטוועגן
האָט מען געוואָלט זיך האַלטן צוזאַמען. פונדער־
ווײַטן דערטראָגט זיך א דומפּער אָפּהילך פון
האַרמאַטן. דער פראָנט דערנענטערט זיך. און
אוויווע איז אין דער מעהומע פאַרלוירן געגאַנגען!
ניטאָ דאָס איינציקע ביז איצט אויסגעהיטע קינד
אין לאַגער!

ערשט אין א קורצער צײַט אַרום, מע דערזעט
אָנקומען א קליין מענטשעלע, אײַנגעוויקלט אין
א קאָלדרע. אוויווע!

בייס מע האָט אַלעמען אופגעהויבן פון די נאַ־
רעס, האָט זי זיך געהאַט דערשראָקן, טאָמער
קלײַבט מען מענטשן פאַרן „אויוון". זי האָט ניט
געוואָלט טרעפן זיך מיט היטלעריסטן פּאָנעם־
על־פּאָנעם און אויסגעבאַהאַלטן זיך אונטער א
מאַטראַץ. דערזעענדיק שפּעטער, אַז אין לאַגער

איז ניט געבליבן קיין לעבעדיקער נעפעש, האָט זי זיך אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע, מע זאָל ניט זען, אַז עס גייט א קינד, און נאָכגעפאָלגט די געטריבענע קאָלאָנעס.

אלע האָבן זיך געפרייט מיט דער געפונענער אוויוועך. באזונדערס, באסיע פאפילסקי. זיך געפרייט און אף א רעגע פארגעסן די אלגעמיינע צאָרע — זייער פארצווייפלטע לאגע. מע וועט דאָך מיסטאמע אלעמען פאטערן דאָ אין וועלדל. די פילצאָליקע עסעסישע באוואכונג מיט די אויטאָמאטן און הינט פאר די צײַמלעך האָט קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט.

פלוצעם האָט מען אלעמען גענומען טרײַבן צום יאם, וואָס האָט זיך געזען פון צווישן די ביימער. און באם ברעג האָבן געוואַרט בארזשעס.

א הונט־געביל און א וואָרענונג־שיסערײַ, געשרייען און באפעלן פון די עסעסאָווצעס האָבן ארײַנגעטריבן די אסירים אין די בארזשעס. שווער, ביטער איז געווען צו פילן, ווי מע פארלירט דעם באָדן אונטער די פיס. דאָס הארץ איז צעריסן געוואָרן, צוקוקנדיק, ווי ס׳דערווײַטערט זיך די יאבאָשע, איבער וועלכער ס׳וועט אָט־אָט אופגיין די פרײַהײַט...

די בארזשעס האָבן מאָטאָר־שיפלעך געצויגן אלץ ווײַטער און ווײַטער אין יאם ארײַן. שווײַגנדיק, האָבן זיי זיך דערווײַטערט איינע פון דער אנדערער, זיך פארלוירן און געבליבן איינזאם אין דער וואסער־ראכוועס. בלויז א בלויער לויטערער הימל — אויבן, און גרויע כוואליעס פונעם באלטישן יאם — רינגאַרום.

די בארזשע איז אָנגעפראָפט מיט מענטשן. איצט שוין דורכגעמישט — יידישע פרויען, רוסישע און פוילישע מענער. אלע מוזן שטיין. ניטאָ ווו זיך אנידערזעצן, שוין אָפגערעדט — אנידערלייגן. די פיס זײַנען בא אלעמען ווי אָפגענומען. מע ווערט דערשטיקט פונעם מאנגל אין לופט. ניטאָ קיין טרינקוואסער. דאָ און דאָרט כאלעשט עמעצער. די עסעסאָווצעס הייבן אוף די פארשלאפטע אפן דעק, קלוימערשט אָפפרישן זיך, און פון דאָרט — איבערן באָרט...

באנאכט איז ארויס א קלאנג, אַז מע וועט די בארזשע אופרײַסן. דער כוואליעס־געפליעסק האָט פארטויבט די ייִעש־געדאנקען, די קרעכצן און דאָס שלוכצן פון די פארורטיילטע.

באגינען האָט זיך צעטראָגן די יעדיִע: אלע עסעסאָווצעס זײַנען פארשוווּנדן. אפאָנעם, איינדערפינצטער איבערגעפעקלט זיך אף דער מאָטאָר־שיף און אָפגעטשעפעט דעם קאנאט צו דער בארזשע... וויגט זי זיך איצט אינמיטן יאם אף גאָטס באראָט. און דאפקע דאָס האָט צונישט געמאכט דעם אפאטיע־געפיל, וואָס האָט פריִער באהערשט די מענטשן. צווישן די סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע, וואָס זײַנען דאָרט געווען, האָבן זיך אײַנגעפונען יאם־לײַט. אָפגעבראָכן ברעטער פון דער בארזשע־דעק, צונויפגעבונדן זיי מיט פאסן שטאָף, אָפגעריסענע פון זייערע לאגער־בגאָדים, און געמאכט זיך וועסלעס. אופגעשטעלט אויך אַן אימפראָוויזירטן מאסטבוים מיט א זעגל פון צונויפגעהעפטע העמדער, לײַלעכער. אויך די קאָלדרע, וואָס אוויווע האָט מיטגעשלעפט, איז צוניץ געקומען.

— לאָזט מיך צו, לאָזט מיך כאָטש איין מאָל פארן טויט האלטן א רודער אין האנט, — האָט זיך אדורכגעשפארט א געוועזענער סאָוועטישער שיפס־קאפיטאן, א הויכער, אויסגעטריקנטער מאנצבל, מיט א פארמעט־געל פּאָנעם פון א נויטע־לאָמוס.

לויט דער זון האָט מען זיך אָריִענטירט און אויסגעקערעוועט צו דער יאבאָשע. די האָפענונג האָט אופגעוואכט, גענומען טליִען אין די הערצער פון די וואָלגענדיקע מענטשן אינעם וואסער־מידבער. פלוצעם האָט די האָפענונג שטארק אופגעצאפלט — זיי אנטקעגן איז געשווומען א גרויסע, שניי־ווײַסע פאסאזשיר־שיף. מע האָט באלד געקאָנט איבערלייענען איר נאָמען — „קאפ ארקאָנא“.

— א שוועדישע! — האָט עמעצער מיט באגײַסטערונג געפאסקנט, און דער אוילעם האָט זיך שוין געמאכט איליוזיעס, אַז מע נעמט זיי ארוף אף א נייטראלער שיף, אין ערגסטן פאל, מע נעמט אפן בוקסיר זייער בארזשע, מע לאָזט צו זיי אראָפּ שפײַז, וואסער, זיי ווערן געראטעוועט פון אומקום.

די האָפענונג איז אָבער באלד פארוואנדלט געוואָרן אין א ביטערער אנטוישונג: די שיף איז געווען פארפולט מיט מענטשן אין געשטרײַפטע אסירים־קליידער.

— מיר זײַנען פון נויענגאמע! — האָט מען פון דער שיף אויסגערופן אף דײַטש, פראנצויזיש און אנדערע שפראכן. — און איר? איר?!

ס׳איז קלאָר געווען, אַז די פאסאזשיר־שיף עוואקויִרט דעם טרויעריק בארימטן היטלערייסטישן קאָנצלאגער נויענגאמע.

ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט, איז פונעם בארזשע־רוים ארופגעקראָכן אף דער דעק. אויך באסיע פאפילסקי מיט אוויוועך אף די הענט איז דאָרט געשטאנען. צו אלעמען, נאָר איבערהויפט צום מיידעלע, האָט מען גענומען ווארפן פעקלעך — ביסקוויט, ווײַסע סוכארעס, קעז, צוקער. פון דעם, וואָס דער רויטער קרייץ פלעגט איבערשיקן די מײַרעוו־אייראָפעיִשע אסירים.

אף דער דעק זײַנען ארוף אלץ מער און מער מענטשן. יעדערער האָט געהאָפט, אַז ס׳וועט אים צופאלן א ביסן. די דעק האָט אָבער ניט אויסגעהאלטן די מענטשן־מאסע. מיט א שרעקלעכן טרעשטש האָט זיך אײַנגעבראָכן דאָס הילצערנע געבעלק און ברעטער־דיל. די מענטשן האָבן זיך אראָפגעשאָטן אין בארזשע־רוים.

א סאך זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן. א סאך זײַנען געבליבן ליגן פאַרכאַלעשט מיט צעקוועטשטע ריפּן און אויסגעדרייטע אייוורים.

אוויווע האָט געשטעקט אינעם אָנגעוואַלגער פון מענטשן מיט די פיס אַרויף. באַסיע האָט זי מיט צאָרעס אַרויסגעשלעפּט.

— קאָנסט אײַנשטיין? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, מומע באַסיע, איך קאָן.

אוויווע איז אָפּגעקומען מיט שרעק, אָבער די באַקומענע קיכעלעך זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען.

דערווײַל איז „קאַפּ אַרקאָנאַ" פאַרבײַגעשווומען, פאַרשווּנדן, און די באַרזשע מיט די געניזעקטע נאַוועגאַדניקעס, מיט די לײַדנדיקע און שטאַרבנדיקע האָט זיך ווידער איינזאַם געוויגט אַף די יאַם-כוואַליעס.

הימל און וואַסער. דאַכט זיך, אַזוי פיל וואַסער, און מענטשן זײַנען אויסגעגאַנגען פון דאָרשט. פון דער פּאַרציע ברויט, וואָס יעדערער האָט געהאַט באַקומען פאַרן אַרויספירן פון לאַגער, איז שוין קיין זייכער ניט געבליבן, און דער הונגער האָט איבערגעדרייט די געדערים. טויטע און קוים זשיפּענדיקע זײַנען געלעגן דורכגעמישט. בלויז אין לופט איז איצט קיין דויכעק ניט געווען — די צעבראָכענע דעק האָט אַנטפּלעקט דעם הימל, די שײַנענדיקע זון... פאַרצווייפלט און אָפּהענטיק איז מען געלעגן. נאָר באַם רודער, בא די וועסלעס און אימפּראָוויזירטן זעגל האָבן זיך געראַנגלט פאַר אַלעמענס גוירל געוועזענע סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, אייניקע פּוילישע מענער.

א גינציקער ווינט האָט ווי ראַכמאָנעס געהאַט אַף די פּאַרורטיילטע. נאָך א מעסלעס ראַנגלעניש מיט דער וואַסער-סטיכיי האָבן זיי אויפן האָריזאָנט דערזען א יאַבאַשע-פּאַסיק.

ענדלעך האָט מען דערשפּירט דעם לאַנג-דערוואַרטן שטויס, דעם אָנפּראַל פון דער באַרזשע אין זאַמד. יאַבאַשע! וועמענס איז זי? ווער האָט אַף איר די דייע? נאָר קיינער האָט וועגן דעם ניט געטראַכט. מע האָט געלעכצט פאַרענדיקן די טויט-נעסיע. איז מען געשפּרונגען איבערן באָרט. געבראָדזשעט ביז איבער דער ברוסט אין אײַזקאַלטער וואַסער און זיך געריסן צום ברעג.

א שיינע העלע ווילע, אײַנגעטונקט אין גרינס, איז דאָרט געשטאַנען. און מענטשן! אָט זײַנען אַרויסגעלאָפן מענטשן פון דער ווילע. באַגעגענען די פאַרשמאַכטע? געבן זיי א טרונק? א ביסן ברויט? ניין. זיי פאַרשווינדן. אין א ווײַלע אַרום קומט אָנגעפאָרן אַף מאָטאָציקלען א גאַנצע קאַפּעטע שוואַרץ-אוניפאָרמירטע עסעס-מעכאַבלים...

א טייל אַרויסגעקראָכענע פון דער באַרזשע האָט שוין געהאַט דערגרייכט דעם ברעג. און אָנשטאָט דער געוואַרטער פרײַהײַט באַגעגנט קוילן. קוילן האָבן זיך א שאָט געטאָן אויך צו די, וואָס האָבן נאָך געבראָדזשעט אין וואַסער.

— צוריק, צוריק! — האָבן געריטשעט די עסעסאָווצעס.

קיינער האָט ניט געפאָלגט.

מיט אוויווען אָפן רוקן און איר טאָכטער ראָכעלען פאַר א האַנט האָט באַסיע פּאַפּילסקי אָקשאָנעסדיק געשטרעבט צום ברעג.

— טאַנטע באַסיע, טאַנטע באַסיע. איך וועל אײַך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, — האָט אוויווע געשעפּטשעט אָפן אויער פון דער מעסירעסנעפּעשדיקער פרוי.

לעבן זיי האָט געבראָדזשעט א שלאַנק יונג מיידל.

— האַלט! צוריק! — האָט צו איר זיך פאַרפּאַכעט מיט דער פּיסטויל א באַזונדערס צעווילדעוועטער עסעסאָוועץ און אַרויסגעלאָזט א שאָס. ניט געטראָפן. געשאָסן א צווייט מאָל. און אויך פאַרבײַ. געצילט א דריט מאָל.

— די דאָזיקע מוז בלײַבן לעבן. לויטן געזעץ, — האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט א צווייטער היטלעראָוועץ.

— פאַר יידן גילט ניט קיין געזעץ! — האָט שאַרף אָפּגעענטפערט דער ערשטער און מיט דער דריטער קויל געטייט דאָס מיידל.

די וואַסער האָט א שוים געטאָן אַרום דעם אַראָפּגעזונקענעם זיך-צאַפּלענדיקן קערפּער, איז פאַרפאַרבן געוואָרן פון בלוט...

אַרום האָבן געפּײַפט קוילן. אַרום האָבן מענטשן פאַרצווייפלט געשריִען. באַסיע פּאַפּילסקי מיט אוויווען אָפן רוקן און איר טאָכטער פאַר א האַנט האָבן געשפּרײַזט אין דער רויט-אָפּגעפאַרבענער וואַסער, געשפּרײַזט אַנטקעגן דעם טויט און דערגרייכט דעם זאַמד-ברעג ניט ווײַט פונעם דײַטשישן שטעטל נוישטאַדט בא ראָסטאָק.

צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע צוניפגעכאַפּטע אסירים האָט מען זיי געבראַכט צו טרײַבן אָפן שטאָטישן ספּאָרט-פּלאַץ, געהאַלטן אונטער א שטאַרקער שמירע און געוואַרט, אָפּאָנעם, אַף א באַפעל פון „העכער", וואָס צו טאָן מיט די פאַרהאַלטענע. קיינעם ניט צוגעלאָזט צו זיי. אַפילע ניט די דײַטשישע פרויען, וועלכע האָבן געבראַכט וואַסער פאַר די פאַרשמאַכטע.

אויסגעשעפּטע, פאַרכאַלעשטע האָבן אַלע א פאַל געטאָן אָפן גראָז און אַזוי געבליבן ליגן.

אוויווע האָט אײַנגעדרעמלט. א מאָדנע זיסער דרעמל, עפּשער דער זיסטער אין לעבן איז עס געווען. פּלוצעם אויפגעכאַפּט זיך, האָט זי זיך צוגעטוליעט צו איר ווילטוערן:

— טאַנטע באַסיע, מיר האָט זיך געכאָלעמט די מאַמע.

— דאָס איז א גוטער סימען, אוויוועלע, — האָט זי געגלעט פּאַפּילסקי. — א סימען, מיר וועלן בלײַבן לעבן, פרײַ זײַן...

— הערט אויף מיט כאַלוימעס. איר זעט ניט, וואָס עס טוט זיך, — האָט א פרוי זיך אַרײַנגע-

מישט אין געשפּרעך, ווארפנדיק א פארצווייפלטן בליק איבער די קוים לעבעדיקע און שטארבנדיקע מענטשן, ארומגערינגלטע פון עסעסאָווצעס מיט הינט און אווטאָמאטן. — די ישועה איז אפן נאָז, און דער כאלעף — אפן האלדז...

אזוי איז מען אָפּגעלעגן ביז איבער נאכט. א לופט־אליארעם האָט אלעמען אופגעוועקט, אופגערודערט. מע זעט זיך ארום — די היטלעריסטן האָבן אויקער געוועזן. הייסט עס, ס'איז פארבײַ די לעצטע נאכט אין געפאנגענשאפט. די שטאָט איז טאקע באלד באפרײַט געוואָרן פונעם פאשיסטישן יאָך, און די אסירים — אויסגעלייזט.

געוועזן איז עס מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק, דעם 3 מײַ 1945.

אין א צײַט ארום

נאָך דעם, ווי דער טעלעוויזיע־פילם „מיר זוכן אוויוועץ" איז פארטיק געוואָרן, האָט אוויוועו באַקומען בריוו פון זײַנע שעפער.

די רעזשיסערן אינגעבאָרג קאליש שרײַבט איר צווישן אנדערס: „באקענענדיק זיך מיט אײַך, מיט אײַער שיקזאל און הימלאנד, האָבן מיר איבערגעלעבט פיל רעגנדיקע מינוטן. מיר האָפן, אז אונדזער פילם וועט דאָס אלץ אָפּשפּיגלען, און פרייען זיך, וואָס די צושויער פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק וועלן זיך באַקענען מיט לײַטע און אירע מענטשן..."

צו אוויוועץ איז אויך אָנגעקומען א גרוס פונעם באוווּסטן שוישפּילער, דעם דרײַ מאָל לאורעאט פון דער נאציאָנאלער פּרעמיע פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק ערווין געשאָנעק. בייס דער היטלער־מעמשאָלע איז ער געוועזן פארשפּארט אינעם נויענגאמער קאָנצלאגער און פון דאָרט עוואקויִרט געוואָרן מיט דער שיף „קאפּ ארקאָנא". ער געדענקט, ווי זיי זײַנען פארבײַגעשווּמען די בארזשע מיט די צום אומקום פארורטיילטע אסירים, און קאָן ניט פארגעסן די פּרוּוי מיטן קינד אף די הענט... ס'הייסט, ער האָט דאן געזען אוויוועץ, וועמענס גוירל ס'איז אזוי ענלעך צום גוירל פונעם יִדישן ייִנגעלע סטעפאן צווײַג, וועלכן די אסירים פון בוכענוואלדער לאגער האָבן געראטעוועט פון אלע טויטגעפארן. ארום דער דאָזיקער הומאנער טאט, וואָס דעמאָנסטרירט אינטערנאציאָנאלע סאָלידארישקײַט און אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד, דרייט זיך די אקציע פונעם פילם „נאקעט צווישן וועלף". געשאָנעק, דער געוועזענער לאגערארעסטאנט, שפּילט אינעם פילם די הויפּט־ראָל. דערוויסנדיק זיך וועגן דער ייִנגסטער שטוטהאָפּער ארעסטאנטן, דער גוירל־שוועסטער פון סטעפאנען, האָט ער זי הארציק באגריסט אין א בריוו. אויך ער, ווי אוויוועו, האָט זיך דערווארט אף דער באפרײַונג אין נוישטאדט.

ווי איז ער מעגולגל געוואָרן צום זעלבן יאָמברעג, פון וועלכן זייער שיף איז אָפּגעשווּמען? געשען איז עס אזוי. אָנעמענדיק, אז די באוווּסטע טוריסטישע לוקסוס־שיף „קאפּ ארקאָנא" עוואקויִרט היטלעריסטישע גדוילים, איז זי באָמבארדירט און געטראָפן געוואָרן דורך דער אליִירטער אוויִאציע. פון די טויזנטער אסירים האָבן, ראנגלענדיק זיך מיט דער וואסער־סטיכיי, דערגרייכט די יאבאָשע בלויז געציילטע. געשאָנעק איז געוועזן איינער פון זיי.

— איך ווייסט, דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, קומט מיר אויס ווי א שווערער, ווי א וויסטער כאָלעם, — מאכט אוויוועו מיט א קענטיקער געדריקטקײַט. — עס גלייבט זיך קוים...

יאָ, עס גלייבט זיך קוים. ס'איז אָבער הארבע, רעאלע וואָר — די פאשיסטישע פּעסט, דער היטלעריסטישער אָקופּאציע־קאָשמאר, די קאָרבאָנעספולע מילכאָמע. נאָר איבער אלץ און אלעמען — דער ניצאָכן פון דער סאָוועטישער ארמיי.

צום סאָף פון דער דערציילונג וועגן אוויוועץ וויל איך צוגעבן אירע אייגנהאנטיק אָנגעשריבענע עטלעכע ווערטער:

„מײַנע בעסטע גרוסן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד".
זאָל זײַן שאָלעם אף דער וועלט!

אוויוועו מילער.

קאָוונע"

גרויסע פרײַנטשאַפט

דעם ערשטן אקער־פּלאַסט אַף פעלד צעגרינטן
האָט מיך געלערנט אופהייבן מײַן שאַכן.
פּאוולאָ, מײַן שאַכן, האָט מיר דאַן פאַרשפּראָכן
ניט נייגן זיך, ניט קניִען פאַר די ווינטן.

און ווען מײַן יוגנט האָט באַם אַלטן צווינטער
פּעטליורעס לײַט געשמעטערט און געבראַכן,
פּאַרויס, פּאַרויס האָט מיך פּאוולאָ, מײַן שאַכן,
געפירט אין שלאַכט סײַ זומער און סײַ ווינטער.

ווען ס'האָט דערנאָך אין פריִען קאַנט צעהעלטן
אַ פרײַע זון געגומען בלענדיק שײַנען,
מיט דיר, פּאוולאָ, אַ טרײַער שאַכן מײַנער,
אוועק איך בין צו נײַע שיינע וועלטן.

אַ געשפּרעך מיט מײַן געמיט

געזייט כ'האָב דאָס ווייץ און געשניטן דאָס ווייץ,
די סטויגן, די טוווע געדראָשן,
און ס'האָט מיך אין אָוונט אַ מידקײַט פאַרפּלייצט,
מײַן קראַפט אויסגעשעפּט און פאַרלאָשן.

ניט נייג זיך, געמיט, און ניט פאַל ווי אַ שטיין
אַף ווייכן געלעגער פון זאַנגען,
ווען ס'רופט דיך די גליקלעכע שעפע אַליין
צום גרויסן און האַרטן געראַנגל.

ניטאָ איצט קיין רו און עס קאָן דאָ ניט זײַן
קיין מידקײַט אין אָרעמס געזונטע,
ווען ס'פּרוווט אויס זײַן ניכטערע קראַפט דער
קאָמבײַן
און ס'שיטן זיך איבער די בונקערס.

אָט גייט אַ געוויטער, ער קאָן ווי אַ יאַם
די טויקן מיט טוווּעס פאַרגיסן,
און דו וועסט באַדאַרפן דרײַ טעג נאָכאַנאַנד
באַשיצן דאָס ברויט פון געוויסער.

אָ, ווער האָט געזאָגט דיר, אַז גרינג וועט דאָ זײַן,
אַז גלײַך וועט די ערד דיך דערפרייען,
אַז טרינקען, ווי וואַסער, וועסט מילך דאָ און
ווײַן,
ניט וויסן דעם ווייטעק פון ווייען?

דו האָסט דאָך אַליין מיר אין יענעם קאַיאַר,
ווען האָסט אָט די רויערד געאַקערט,
געגעבן אַ שוווע, אַ פײַערלעך וואָרט
זײַן שטענדיק געשטאָלט און האַרטנעקיק,

דו האָסט דאָך מיט אַלע באַגלײַך ניט גערוט,
דעם באָדן באַגיטיקט, באַרעגנט,
און אַלץ, וואָס עס האָט ניט געגומען דײַן פלוג,
מיט ציין האָסט געגומען, מיט נעגל.

איז שטאַרק זיך, געמיט, און ניט פאַל ווי אַ שטיין
אַף ווייכן געלעגער פון זאַנגען,
ווען ס'רופט דיך אַצינדער די שעפע אַליין
צו גרויסער אַקשאָנעס אין ראַנגל.

אַפן פּאַמיר, דעם „דאַך פון וועלט"

דאָ אײַנגעהילט איז אַלץ אין בלויע מאַסעס אײַז,
און שטרענגע בערג עס לאָקערן פון אַלע זײַטן,
דו זעסט: די אייביקײַט אַף העכסטע פּיקן שפּרײַזט,
דו פילסט די ווילדעניש פון ווײַטע אוראַלט־צײַטן.

דײַן מיטגייער אין בערג — דער שנייִקער בוראַן,
ער וויכערט אויף און ווערט אין נעפּל־רויך צערונען.
דו קוקסט אראָפּ אין טאָל, — אַ וואָלקן־קאַראַוואַן
שווימט אָפּ פון סאַמאַרקאַנד קיין אינדיע און כינע.

אָט דאָ אין הימל־באַרג, אין וויסטעניש פאַרוויט,
איך האָב באַגעגנט דיך, מײַן ברודער, ווי א ווונדער,
א וועלכער אומרו האָט די טריט דײַנע באַגלייט
ביז העכסטע פעלדזן פון פאַרגליווערטע יאָרהונדערטער?

אין וועלכן שטעטעלע געשטאַנען איז דײַן וויג,
א וועלכע מאַמע האָט דײַן שטורעם־גײַסט געבוירן,
און וועמעס בראָכע האָט באַגלייט דיך און געשיקט,
זאָלסט טראָגן שטאָלץ פון פאָלק דײַנעם דעם גוירל?

כ'האָב, דוכט זיך, פרײַנט, באַם בוג געהערט דײַן יונגן טראָט,
צי, מעגלעך, דיך געזען אין די פּאָליעסער קאַנטן,
צי גאָר באַגעגנט דיך אין יענער ווונדער־שטאָט,
פונוואַנען ס'קומט צו אונדז דער קלאַנג פון די קוראַנטן?

יאָ, אונדזער מוט — ער וואַכט באַ דײַן פאַרשנייט געצעלט,
דו פּאַכסט מיט פליגל ווי א בערקוט אין די הייכן,
דאָס אייביק ניט געפונענע — געפינען אינעם פעלדז,
דאָס דוירעס ניט דערגרייכטע — אין די בערג דערגרייכן.

דו שטייסט אַצינד פאַר מיר — די מעכטיקײַט אַלײן,
מיט שווערע דלאָניעס אויסגעדייוועטע פון שטורעמס,
דײַן שאַרפער בליק שנײַדט דורך מיט אײַפערזוכט דעם שטיין,
וואָס איז מיט אָדערלעך און שפּרענקעלעך געפורעמט.

און כ'נייג זיך פאַר דײַן גײַסט אַף הויכן דאַך פון וועלט
פאַר שווערער לאַסט, וואָס האָט דײַן מוט ניט אײַנגעבראָכן,
אין ראָזע שפּרענקעלעך פון שטיין האָט הויך צעהעלט
דער שטאָלץ, די רו פון אונדזער מענטשלעכן ניצאָכן.

בראַניק

פאַרשונגען וועגן יידיש

דער קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק האָט פאַרגענומען א פאַרשונג וועגן ייִדיש, אויסנוצנדיק דערבײַ עלעקטראָנישע מאַשינען. די פאַרשונג האָט צו טאָן דעריקער מיט דיאַלעקטן פון ייִדישער שפּראַך און באַזירט זיך אַף דעם שפּראַך־אַטלאַס פון אוריִעל ווײַנרײַך.

די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט ווערט געפירט דורכן פּראָפ. הערצאָג. באַ א געלעגנהײַט האָט ער צווישן אַנדערס איבערגעגעבן, אַז פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן אַף ייִדיש גערעדט אַן ערעך 10 מיליאָן מענטשן. הײַנט־צו־טאָג באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך אַן ערעך 5 מיליאָן ייִדן פון דער אַלגעמיינער 14־מיליאָניקער ייִדישער באַפעלקערונג אַף דער וועלט.

● ● ●

רווּון יוקלסאָן — 85 יאָר

דער באַוווּסטער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּובליציסט און טעאַטער־קריטיקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיטרעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ רווּון יוקלסאָן איז אַלט געוואָרן 85 יאָר.

רווּון יוקלסאָן איז אין משך פון א סאַך יאָרן פּרעזידענט פונעם ייִדישן מוזיק־פאַרבאַנד, מיטגליד פון פּרעזידיום פונעם „איקוף“.

אלעקסאנדער גובניצקי

שאָפערן

קאַפּיטל איינס

באַם גענערן־הויז

פֿיר סאָסנעלעך קאַרליקלעך באַשיינען דעם ניי־אויסגעבויטן בנין פֿונעם גענערן־הויז, גלייַך זיי אַליין, די סאָסנעלעך, וואָלטן אָט אָקאָרשט דאָ געבוירן געוואָרן.

ס'איז שוין אַפּרעל, נאָר מע גייט נאָך אין וואַרעמע פֿוטערס. קינדער ווילן זיי פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן, לאָזן ניט די מאַמעס.

אַ קאַלטער ווינטער געווען האַיאָר. פֿיל פֿייגעלעך זײַנען אויסגעפֿרוירן געוואָרן, נאָר ווער ס'איז אַרויס גאַנץ, זיצט אין די נעסטן, אויף צווײַגן פֿון טאָפּאָלן און זינגט ווידער נײַע לידער.

באַם גענערן־הויז דרייט זיך אַרום אַ פֿאַרשוין, ווי ער וואָלט זײַן צירונג דאָרט פֿאַרלוירן.

אויף מאַלינינען האָט זיך שוין לאַנג ניט געדרייט אַזוי דאָס היטל — ער איז שיִער ניט משוגע געוואָרן דעם פֿרימאָרגן, אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זײַט, כאָטש צרײַס דאָס העמד אויפֿן אייגענעם לײַב, אַזוי בייז האָט אים די „בין" אַ ביס געטאָן.

אָסיפּ סערגייעוויטש מאַלינין שעמט זיך פֿאַר באַקענטע, שפּאַצירט ער באַם פּלויט פֿון גענערן־הויז, ווי אַ גאַנעוו לעבן אַ פֿרעמדער שטוב, קוקט אַרײַן אין פֿענצטער, ווײַל מיט די אייגענע אויגן זען מאַרינען, איר מאַטעווע פּאָנעם, נאָך דעם ווי זי האָט געבוירן דעם זון.

אין אַ זײַט שטייט אַ רעדל מענטשן. מע האָט אַרומגערינגלט אַ גענערן. איינער אַ מאַיאָר וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ דעם מאַנטל, וויקלט אײַן דאָס ניי־געבוירענע נעפּעשל.

מאַלינין איז אים מעקאַנע. ער וואָלט מיט פֿאַרגעניגן דאָס זעלבע געטאָן פֿאַר זײַן מאַרינען, נאָר אים האָט ניט אָפּגעגליקט.

צווייטער טייל. דעם ערשטן טייל זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2 און 3 פֿאַרן 1970 יאָר.

ניט מאַלינין האָט מאַרינען אהער געבראַכט, ניט ער קאָן זי פונדאַנען אויסשרײַבן.

א קיל ווינטעלע טוט א פלאַטער, דרינגט דורך זײַן גוף מיט דער נעשאָמע איינעם, צעכראַסטעט דעם פלאַשטש זײַנעם. אין פלאַשטש וואָלט ער, אַסיף סערגייעוויטש, אײַנגעהילט זײַן קינד, וואָס מאַרינע האָט מיט אכט טעג צוריק געבוירן.

...מאַרינע איז פון אים אין ארויס אין איין העמד, ווי מע זאָגט, געלאָזט אַלע אירע קליידער, לאַדעטשקעס — געלע און שווארצע, א גוטן מאַנטל... נאָר וואָס איז עס פאר א מאַשין, וואָס שטייט פון יענער זײַט, באַם ארײַנגאַנג?

— מאַסליאַנקין?!

מאַלינינען ווערט אזש ניט גוט — באַלאַנדין וועט פירן מאַרינען מיטן קינד אף א גרוזאָ־וויק? ניין, מאַלינין וועט אזוינס ניט דערלאָזן.

אָפּגעשטעלט די ערשטע טאַקסי, פליט מאַלינין אוועק אהיים, מאַכט א קלומעקל, וויקלט אײַן מאַרינעס קליידער, קויפט א שיינעם בוקעט, ווי עס פּאַסט פאר א לײַטישן מענטשן, פּאַרט אונטער פון דער קעגניבערדיקער זײַט צום געווינערן־הויז, שושקעט זיך עפּעס לאַנג מיט דער מעדיצין־שוועסטער, גיט איר איבער דאָס קלומעקל, וואַרט אין קאָרידאָר אף זײַן מאַרינען.

פאר דער צײַט, וואָס זי איז געלעגן אין געווינערן־הויז, איז איר בלויז איין מאָל געקומען מאַלינין אפן געדאַנק.

אַנדערע קינדער שפּריצט מען טראָפּנס אין די אויגן, איר זונדעלע ליגט ווי א סטאַטעקל, זויגט שטיל די ברוסט, און דער דאָקטער שמייכלט:

— אף וועמענס נאָמען וועט איר, מאַרינע, דעם פּעמפּיק פאַרשרײַבן?

לאַנג טראַכטן האָט זי ניט וואָס, זיי האָבן שוין איינינעם מיט אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטשן באַשלאָסן:

— ניקאָלײַ באַלאַנדין, דאָקטער, ווילן מיר אים אָנרופן.

די שוועסטער דערלאַנגט מאַרינען דאָס פרעמדע פּעקעלע מיט א צעטעלע:

„מאַרינע טײַערע!

גאַנצע טעג גיי איך ארום א געבראָטענער, איך האָב דיך ליב נאָך שטאַרקער...

איך וויל, מאַרינע, זאָלסט מיטן קינד קומען גלײַך צו מיר — די מאַשין וואַרט אף דיר. איך וואַרט אף דיר. אַנדערש קאָן ניט זײַן.

דײַן אָסיף“.

א היץ טוט איר א קלאַפּ אין קאָפּ ארײַן. דער דאָקטער טוט נאָר איין קוק אף דער געווי־נערן, פרעגט ער גלײַך:

— וואָס איז געשען?

שטרענג, שוין מיט אַן אַנדער שטים, באַפעלט ער דער קראַנקן־שוועסטער:

— אָפּמעסטן די טעמפּעראַטור!

דערנאָך זאָגט ער מאַרינען:

— אין אזא צושטאַנד קאָן איך אײַך ניט אויסשרײַבן. דרײַ טעג מוזט איר נאָך בלײַבן.

באַלאַנדין ווייסט נאָך פון גאָרניט.

רויִק זיצט ער אין גרויסן זאַל מיטן קלומעקל. ער קוקט, ווי דער עלעקטריקער מאָנטירט א שיינע ליוסטרע.

— דאַרפסט געפינען דעם צענטראַלן שנור, — אייצעט אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטש דעם יונגן מאָנטיאָר.

דערנאָך נעמט ער אַליין דעם טעסטאָר, שטעלט אַקוראַט צוביידע שטעפּסלען, פּרוּווט אַלע דרײַ קאָנטאַקטן.

— זעסט, מײַסטער, אָט דאָס איז דער צענטראַלער שנור.

אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטש ווייסט גוט, וואָס הייסט זוכן א קאָנטאַקט.

נאָר פאַרוואָס גייט ניט מאַרינע?

אַנדערע קושן זיך, מע טוט אָן א געווינערן א שפּאָגל־נײַעם מאַקינטאָש, מע נעמט מיט פאַרגעניגן דאָס קינד אף די הענט, פאָרזיכטיק עפנט מען די טיר, מע לאָזט דורך די יונגע מאַמע.

מאַרינע גייט ניט...

אין דרויסן מאַראַקעט א ווּעסנע־רעגנדל, דריבנע גרײַפּעלעך באַדעקן די שויבן פונעם פענצטער.

פון צווייטן גאָרן לאָזט זיך אראָפּ די מעדיצין־שוועסטער, זאָגט אָן אַלעקסאַנדער ניקיפאָ־ראָוויטשן די בסורע.

מאַרינע זיצט אין קאָרידאָר, שווער איז איר זיך רירן פונעם אָרט, כאָטש דער דאָקטער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל זי געבעטן אַרײַנגיין אין פּאַלאַטע.

מאַלינינס קלומעקל ליגט ווי א פרעמדס אפן טאַבורעטקעלע, מאַרינע וויל אפילע ניט ארופציִען די קליידער אף איר לײַב. גענוג! גוט, וואָס זי איז פּאַטער געוואָרן פון די שמאַטעס!

און אין גאַראַזש פּאָרעט זיך דערווײַל דער זיידע פּאַכאָמאָוו אַרום אַלטן „צונדאָפּ", נאָר עפּעס פידלט עס הײַנט ניט, דער דראַנדוליעט טשאַדעט, פּירקעט, קאַכיקעט, נאָר גיין גייט ער ניט. באַם אַלטן שאָפער זאָל אַזוינס טרעפן? טויטע מאַשינעריעס ווערן באַ אים לעבעדיק! דער „צונדאָפּ" מוז פידלען, ניט אומזיסט איז ער פאַרשריבן באַם אינספּעקטאָר סטראַכאָוון אין קאַטאַלאָג.

דרײַ הונדערט מאַשינעס זײַנען פאַראַן אין גאַראַזש — דרײַ הונדערט סוידעס. געפינען דעם פונק, וואָס האָט אָפּט א כאַלאַס זיך באַהאַלטן אין די הינטערשטע רעדער, פאַרשטיין דעם באַטײַט פון פאַרטויבטן געזאַנג פון די פּאַרשניעס, צי טרעפן, וואָס פאַר א קלאַפּאַן פאַרמאַכט זיך ניט, — דערויף איז פּאַכאָמאָוו דער גרעסטער אַקאַדעמיקער.

אַקשנט זיך אָבער דער מאָטאָציקל, ווייל זיך ניט רירן פון אָרט, כאָטש שלעפּ אים אין געווינערן-הויז אפן בוקסיר.

קומט אונטער שלוימע, מאָטל דעם בלעכערס מיזיניק, און זאָגט מיט א כניפע-שמייכעלע:

— קוזמא וואַרלאַמאָוויטש, דרייט אוף דאָס קרענטל.

— טפו זאָלסטו ווערן! — זידלט ער זיך אויס, דער אַלטער, טוט א דריי דאָס קרענטל, און דער „צונדאָפּ" ווערט מיטאַמאָל יינגער.

— נו, זעץ זיך, סוטשאַק, האָסט פאַרדינט צו פּאָרן אין אָט דער קאַרעטע.

ווי נאָר מע האָט א זאָג געטאָן דעם זיידן, אז מאַרינע האָט באַקומען טעמפּעראַטור, איז אים גלײַך אפן געדאַנק געקומען מאַלינין. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, דערזעט ער אים, מאַלינינען:

— האָסט ווידער פאַרקאָכט א קאַשע, גראַטש וויסטער!

שטייט מאַלינין ווי א פאַרקאָוועטער, ווייסט ניט וווהין זיך אַהינטאָן. באַלאַנדין מיטן זיידן האָבן אים אַזוי צוגעקוועטשט, אז מאַלינין האָט ניט געוווּסט ווו א טראָט צו שטעלן. ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, וויאַזוי די טיר פונעם געווינערן-הויז צו געפינען.

ק א פּ י ט ל צ וו יי

א ביסעלע דערמאָנונג

אַרויסבאַגלייט באַלאַנדינען, דרייט זיך קוזמא וואַרלאַמאָוויטש נאָך לאַנג אַרום אין די באַלויכטענע אַלייעס פונעם געווינערן-הויז. דער זיידע טראַכט אַלץ וועגן זײַן אייניקל: באַלאַנדין האָט געטאָן ווי א לײַטישער מענטש, כאַסענע געהאַט פאַר א טראַגעדיק ווײַבל. דער ביזאָיען, עמעס, איז קלענער, אָבער דער ווייטעק בלײַבט דער אייגענער — א פרעמד קינד.

אין גאַראַזש איז שאַ-שטיל, אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט שיטאָ-קריטאָ[1]. כאַסענע געהאַט אין וואַלד... אָבער דעם ווייטעק אויסבאַהאַלטן איז אומעגלעך!

אין אָט דער באַנאַכטיקער שאָ קומט אים, קוזמא וואַרלאַמאָוויטשן, אפן געדאַנק מאַרינעס מאַמע — אַנא גראַסימאָוונא.

דעמאָלט, אין יענע זאַווערוכע-יאָרן, האָט נאָך קוזמא פּאַכאָמאָוו געגנעכטיקט אין א פינצטער ווינקל, ערגעץ לעבן קינאָ-טעאַטער „קאָליזיי". געפּוצט שיך, אונטערגעטראָגן א טשעמאָדאַן און פון די בלאָטיקע גראָשנס דאָס ערשטע צענערל צונויפגעקליבן.

מיטן צענערל טוט קוזמא וואַרלאַמאָוויטש א פּאָר אַראָפּ אין דאָרף אַרײַן, ער איז אָנגעטאָן אין שטיוול מיט קאַלאָשן, אין א בלאָוו סאַטינען העמדל, הויזן קליאָש און אין א קאַשקעט מיט א גלאַנצנדיקן דאַשעק — פונעם שווייצאַרס קאָפּ, וואָס שטייט באַם טעאַטער „קאָליזיי".

אין טראַקטיר פון זײַן געבורטס-דאָרף קליין-ראַקיטנע האָט טאַניע צוגעטראָגן ביר די באַזוכער. אַלע מאַנצבלען האָבן זיך פאַרקוקט אף אירע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן.

דרייט ער זיך, פּאַכאָמאָוו, אַזוי אַרום אין ראַקיטנע, קומט אָפּט אַרײַן אין דעם טראַקטיר, און פאַרליבט זיך אין טאַניען.

---

[1] קיינער זאָל ניט וויסן.

כאסענע־קליידער זיינען שוין פארטיק. מיידלעך טאנצן און זינגען „סוויעטיט מיעסיאץ"[1] בא דער אקאליצע, באכערים קומען זיך דינגען פאר דער קאלע. ווערט אש און פארעך פונעם צענערל. נאר קוזמא לאזט זיך ניט פענטען די פיס מיט קיין שטריק. דעם כאסן, וואס קויפט זיך ניט אויס, טוען די כאוויירים אפ שפיצלעך — נעמען ארויס דאס פלעקל פון דער ראד, דרייען איבער די בויד...

אין יענער צייט האט א כאסן געמוזט פארמאגן צו דער כאסענע א פיזן טולעפל. נאר פונוואנען קומען צו קוזמא דעם שוך־פוצער אזעלכע זאכן?..

טאניע איז אפן דריטן טאג נאך דער כאסענע שוין געלאפן אין טראקטיר. געטאן דארט אירע געוווינטע זאכן.

פאכאמאוו טוט א קוק: ע, ס'איז שלעכט! האבן בעשוטפעס, מיטן גאנצן דארף, א ווייב — לוינט אים ניט... און קוזמא ווארלאמאוויטש פארט צוריק אוועק אין שטאט אריין.

גייט דורך א יאר, פאכאמאוו זיצט אזוי אף זיין פוצער־בענקעלע, מאכט א גלאנץ אף פרעמדע שיך. איינמאל שטעלט זיך אפ די מאמע פאר זיינע פיס מיט א קינד פון זיבן יאר — אנקע. א מיידעלע א קארטינקע — אינגאנצן די מוטער.

צו יענער צייט איז פאכאמאוו שוין אריין אין די פעדערן — געדינט פאר א שאפער באם פאבריקאנט נאסאוון. ווען דער באלעבאס האט ניט געזען, פלעגט קוזמא ווארלאמאוויטש ארומפירן אין דער מאשין די טאכטער זיינע — אנקען, זי געלערנט דרייען די באראנקע.

אזוי איז אנקע צוביסלעך צוגעוווינט געווארן צו דער מאשין, ביז זי האט אליין גענומען פירן דעם באלעבאס. און ער האט ווידער זיך געזעצט באם טעאטער „קאליזיי", קעדיי אונטערפארדינען א פאר גראשן.

קאפיטל דריי

באם פאלוסטאנעקל

מאסליאנקין וויסט, אז מע געפינט א פידקאווע, איז עס א גוטער סימען. אבער אויב א צוואק פון א ווערשאק די לענג שטעקט זיך אריין אין באלאן, איז שלעכט, ביז גאר שלעכט!

שיפעט שטילערהייט דערוויל אין שינע, שטייט די מאשין פאריאסעמט לעבן פאלוסטאנעק ראקיטנע. די קורצע זומער־נאכט כאפט זיך אוף פון איר פארכאלעמט דרימעלע, טוט א דריי מיטן קאפ דער שיינער פרימארגן — מיט וועמען רעדט מען אויס א ווארט, ווען אלע הענער שלאפן נאך אזוי געשמאק?

טוט ערגעץ א פאראוויקל א סווישטשע, קראקעט א וואראנע, רעדט זיך דורך די פרייילעכע כאליאסטרע זשאבעס, מעקעט א קעלבל, קרייעט א האן, לויפט דורך אן עלעקטראוואז, געשפאנט מיט נאך איינעם, ווי סע וואלט אים שווער געווען שלעפן זיך אליין.

נאר מאסליאנקין שטייט שטום, הערט מיט גרויס הארצקלאפעניש דאס שיפען פון דער לופט, וואס די שינע לאזט ארויס. וואס טוט מען? כאטש לייג זיך אף דער קאליע און א סאף זאל נעמען צו מאסליאנקינס מוטשעניש.

ס'איז קעסיידער שוין אזוי: טרעפט מיט אנאטאלי מאסליאנקינען אן אומגליק, כאפט אים ריישיס־קאל אן א מעשוגאס — ער לאזט שטיין די מאשין אף א צען מינוט און גייט אוועק באטראכטן דאס ארט. אט שפאנט ער צום פארווארלאזטן קלויסטערל, עפשער ליגט דארט א שטיין, צי א בערוועגע, צי עפשער א פאר ברעטער.

פארייכערט מאסליאנקין זיין באליבטן „דוקאט", פארציט זיך, עס זאל גרינגער ווערן אף דער נעשאמע, און באטראכט דאס פארלאזטע קלויסטערל: דא שפראצן ווילדע גראזן, דער גלאק קלינגט ניט, פארהאקטע פארגראטעוועטע פענצטער, ווענט — צעוואלגערטע, ציגל־ברוך...

צום פאלוסטאנעק קומען אן מענטשן. עס הודען שוין די רעלסן, נאר אנאטאלי מאסליאנקינס מאשין שטייט אף איין פיסל מיטן פרישן ברויט אין קוזאוו. מענטשן שטייען בא די קלייטן, קוקן צום קלויסטערל, ווו דער שאפער דרייט זיך ארום.

ביז עפעס וואס טרייבן שוין די פאסטעכער די טשערעדע אין פעלד אריין. בעהיימעס שמעקן מאסליאנקינס „גאזיק", וואס איז אנגעפאקט מיט פריש ברויט. זיי וואלטן בעסער געמאכט א מויצע איבער א לעבל ברויט, איידער קייען ביטער גראז — טשערטאפאלאך.

[1] עס שיינט די לעוואנע.

— וואָס טוט מען? ס'זאָל כאָטש זײַן א טעלעפאָן אין דעם־אָ פארוואָרפענעם ווינקל!
מענטשן שטעלן זיך אָפּ בא מאסליאָנקינס מאשין, באטראכטן דעם אומגליק זײַנעם. ווען דער „גאזיק" טוט א פאל פונעם דאָמקראט און עס פלאצט די צווייטע שינע, לאכט מען גאָר.

— מע דארף צולייגן א פלייצע...

קומט אָן א בריגאדע מיידלעך פון קאָלווירט, לאכן זיי אויך פון אנאטאָלין:

— מיסטאמע האָט דער שאָפער היינט געזינדיקט!

— מיט מיידלעך זיך געקושט!

— דעם שטיוול אפן באָרוועסן פוס, אָדער דאָס העמד אף דער לינקער זײַט אָנגעטאָן!

— אָ, זעט, ווו די קנעפלעך זײַנען באם באָכער! — שטופּט א בלאָנדע מויד איר ווארעם מיידלש הענטל צו אים אין בוזעם.

צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן איז א מיידלס האנט אזוי נאָענט בא זײַן הארץ...

גאָט מײַנער! וואָס פאר א פרימאָרגן! קאָן זײַן, אז ניט קיין צוואָק, נאָר א גליקלעכע פיד־קאָווע האָט דורכגעשטאָכן די גומענע שינע...

מיידלעך כאפּן א בערווענע — מע שטעלט דעם „גאזיק" אף די פיס, מאסליאָנקין פּיבערט, סע שווינדלען אים אין די אויגן ציגל, דאָמקראטן, בראָך־אײַזנס, שינעס, נאסאָסן, טשערעדעס, פאסטעכער און בלאָנדע שיינע מיידלעך.

מאסליאָנקינען דארף מען נאָר צערייצן, אופוועקן אין אים דעם פארבאָרגענעם קויעך. ווען ער טוט א נעם דעם שליסל אין די הענט, גייט אזש א פארע פון זײַנע פלייצעס.

אָט קריכט ער ארויס א פארמורזעטער פון אונטער דער מאשין, קוקט זיך ארום: מיידלעך טראָגן ציגל צו דער מאשין, ווי מע טראָגט א גמילעסכעסעד א פרומען מענטשן, און איינע פון זיי, טאקע זי, די בלאָנדע, קוקט אף אים אזוי צארט.

אנאטאָלי וויל א פרעג טאָן, ווו זי וווינט, נאָר ער באווײַזט ניט. פונדערווײַטנס, פונעם דאָרף רופט זי עמעצער, פאָכנדיק מיטביידע הענט.

ארײַן איז דאָס בלאָנדע מיידל אין טויער, די צווייטע שטוב פונעם געלן קלויסטערל.

איין זאך האָט מאסליאָנקין באוויזן אין דעם פרימאָרגן זיך דערוויסן: זינע רופט מען זי, די שטיפערן.

אינגיכן, טאקע גלײַך נאָך דער דאָזיקער באגעגעניש, פאָרט מאסליאָנקין קיין ראקיטנע אף סמאָטרינעס, ווערן א כאָסן. ס'איז אים שוין דערעסן דאָס ארײַנקומען צום בלינדן מארגוליסן אין שטוב, דאָס זיצן מיט די בילעטן אין קעשענע און א גאנצן פארנאכט בעטן ראָכעלען, זי זאָל גיין מיט אים אין קינאָ. ראָכעלע, דער דיספּעטשער, האלט פאסאָן, זי איז פארליבט אין פריד־לען און טראכט אפילע ניט אים איבערלאָזן אף איין מינוט.

מאלקע האָט שוין מאסליאָנקינען ניט איין מאָל צום נאָר געשטעלט:

— מיין ניט, טאכשיט, אז מאָטל סמיקונס טאָכטער בײַט אלע מיטוואָך און דאָנערשטיק דעם מאן אירן, ווי מע בײַט, זאָלסט מיר מויכל זײַן, די שקארפּעטקעס.

איז אים טאקע נימעס געוואָרן קומען צו מאָטל דעם בלעכער אין שטוב ארײַן. וואָס קומט ארויס פון מעקאנע זײַן דעם בלינדן?

זינע פון קליין־ראקיטנע...

געוויס לעבט זי מיט דער מאמען, פאראן א קו, מיסטאמע, שאָף, א פאָר כאזיירימלעך און א האלבע שטוב אף צו געבן נאדן דעם באשערטן, א געראָטענעם איידעם.

פארשטייט זיך, ניט מיטאמאָל, נאָר צוביסלעך באארבעט מען דעם גאָרטן; מע זעצט אוי־פעס אף א פאָר צענדליק אייער, לופען זיך אויס הינדעלעך, קאטשקעלעך, געגנדז... דערווײַל גיט די שוויגער א טעלעצע, און פון א טעלעצע ווערט א מעלקנדיקע קו, לייזט מען אלע טאָג א פרישן גראָשן פאר מילך.

מאסליאָנקינס ליבע איז אופגעגאנגען ווי די זון.

קאיאָר, אין טומל, צווישן האָנענקריי און קעלבערנעם מעקען, בא דעם שאלן פון פאסטעכס קישעף־פײַפעלע און בײַטשן־געקנאל, האָט זיך אָנגעצונדן אין מאסליאָנקינס נעשאָמע דאָס פארבאָרגענע פײַערל פון ליבע.

דערווײַל איז נאָך אלץ נעפלדיק, נאָר מיט דער צײַט וועט דאָס דאָרפישע מיידל זינע ווערן אן עמעסע קאלע, זי וועט אָנטאָן א קרעפּמאראקענען ווײַס קלייד, ווערן צוגעלאָזט. ביידנס גליק וועט א שײַן טאָן, ווי די זון אינמיטן העלן טאָג, און, ווי אלע גרויסע ליבעס, בליִען און וואקסן.

— א רועך דיר אין די ביינער! — זידלט מאסליאָנקין זיך אליין. — פארוואָס ביסטו ביז איצט אפן פאָלוסטאנעק ניט פארהריזנעט געוואָרן? דאָ איז דאָך אזוי שיין ארום און ארום: דאָס סאָסנע־וועלדל אונטערגעשוירן, דער קאמיש, ווי זײַד און סאמעט — פליושענע שטעקעלעך וואקסן אין קאמיש.

בא פיר ווערבעס שטייען אַנגעגאָסענע מעלקשעפּלעך מיט מילך. די טשערעדע שלאָפט, נאָר הערט ניט אויף צו מאַלאַגייִרען. און אפן פּאַלוסטאַנעק פון קליין־ראַקיטנע הודען און פיר־קען צוגן. פולמאַנעס, אַנגעלאָדענע מיט קאָקס, פאָרן צום גרויסן זאַוואָד; קאָמבײַנען אַף פּלאַט־פאָרמעס — אין ראיאָן ראַקיטנע; „וואָלגעס" פירן די צוגן פאַר שאַכטיאָרן, און סאַמאָסוואַלן — פאַר צעלינאַ.

אינגאַנצן צוויי מינוט האָט אַנאַטאָלי מאַסליאַנקין נעכטן געשמועסט מיטן מיידל, נאָר עס ציט אים צום שטיבל לעבן געלן קלויסטערל.

איר מאַמע וועט אים עפענען די טיר:

— מאַסליאַנקין! — ווער קען אים דען ניט דאָ אין ראַיאָן, אָט דעם בויאַן.

— ביטע, קומט אַרײַן, — וועט זי אים זאָגן. אזוי טראַכט מאַסליאַנקין.

אָבער א כאָסן דאַרף וויסן וואָס צו זאָגן. צוטראַכטן א סיבע, פאַרוואָס ער איז אַהער געקו־מען.

— איך האָב געהערט, אז איר פאַרקויפט א פּאָר כאַזיירימלעך, — וועט ער זאָגן.

זינע מעג לאַכן אין די פויסטן. נאָר ווי קומט א באַכער אַנדערש אַרײַן אין א פרעמדער שטוב?

די מאַשין גייט, ווי א מיזמער, און דאָס האַרץ זינגט:

— פּאַליוביל יאַ דיעוושקו קורנאָסיו...

סע זינגט זיך, א כוואַראָבע דיר אין די קישקעס, מאַסליאַנקין.

צו וואָס כאַזיירימלעך, אז מע קען פּאָשעט אַרײַן בעטן אַן עמער וואַסער.

אַן אַלט, געקאָרטשעט פּאָנעם טוט בייז אַן עפן די טיר און הייבט אָן מרוקען. גאָר א שטומע מאַמע! גיי דערגיי א טאָלק, צי איז דאָ א זינע אין אָט דער שטוב, צי נאָר א שטומע באָבע?

קאַפּיטל פיר

צוויי מעשומאָדים

שלוימע גייט אַף מאַסליאַנקינס וועג. ער האָט זיך שוין אויך אויסגעלערנט שטעלן פאַלשע כסימעס אַף פּוטיאָווקעס, אָפּשטעלן זיך אינמיטן העלן טאָג באַם טײַך און זיך באָדן, און דערנאָך קומען אין גאַראַזש אַרײַן אַף די דיסקן, מיט צעמאָלטע שינעס.

— באַרבאַראָס איינער! — שרײַט קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש. — ביסט קליין געווען איבער־שטעלן די רעדער פון דער רעכטער זײַט אַף דער לינקער, ניט פּאַטערן קיין נײַע שינעס? דער צווייטער מאַסליאַנקין וואַקסט!

האָט ער טאַקע מיט אַנאַטאָלי מאַסליאַנקינען אַרויסגעוואָרפן א שפּאָגל־נײַעם פּאָרטעל: מע האָט צוגעלאַקכנט פון גאַראַזש באַ איינעם א פּראָפעסאָר א נײַע מאַשין און אוועקגעפאָרן אין ראַיאָן, דערנאָך צום פּאַלוסטאַנעק ראַקיטנע אָפּזוכן מאַסליאַנקינס קאַלע, יענע זינע, וואָס האָט א שטומע באָבע. זאָל זי זען, זינע, ווער אַנאַטאָלי מאַסליאַנקין איז.

באַנאַכט, ווען זיי האָבן אַרויסגעפירט די מאַשין פונעם פּראָפעסאָרס גאַראַזש, איז געווען אזא ווינט, ס'האָט געליאַפּעט אזא רעגן, אז קיין מעשוגענעם הונט האָט מען אין ערגעץ ניט געזען.

באַם רול זיצט מאַסליאַנקין, נאָר ער זאָגט צו שלוימען, אז ווי נאָר מע וועט אָפּפאָרן א ביסל ווײַטער פון ראַקיטנע, גיט ער אים אָפּ דעם רול אַף א גאַנצער נאַכט, זאָל שלוימע אים פירן, מאַסליאַנקין דאַרף זיך אויסשלאָפן, ער רוט ניט די נעכט — עס מאַרדעוועט מיט אים פון ליבע...

פאָרן דאַרף מען גיך, ווײַל אויב ניט, פּאַקט מען זיך אין קעסטל: סטראַכאָוו שלאָפט קיינ־מאָל ניט אין אזא וועטער — פאַר אים דאַרף מען זיך היטן.

אָ, ווען שלוימע ווייסט, וואָס סע קומט פאַר אזא טרייף שטיקל אַרבעט, — טאַנצט ער אַרויס אינמיטן פעלד פון דער געגאַנוועטער מאַשין.

סטראַכאָוו שינדט אָפּ די זיבעטע פעל אַפילע פאַר אזא קלייניקײַט, ווי פאַר איבעריאָגן א צווייטע מאַשין. און אויב דער פּראָפעסאָר וועט גאַנצפרי קומען צו אים מיט אזא בסורע, וועט סטראַכאָוו אַרײַנזעצן דעם קליִענט אין קאַליאַסקעלע, אופשטעלן דעם זאָנט פאַר די אויגן און אַרויספליִען איבער דער טראַסע א שמעק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. פון סטראַכאָוון זיך אויסבאַהאַלטן איז אומעגלעך.

מוז מען דעריבער שטעלן פיס, אז די פּיאַטעס זאָלן די ערד ניט פילן.

— ציפּויר — א פויגל, באַלעק — א בולקע, — באַמבלט זיך אין קאָפּ בא שלוימען. די מאמע זײַנע וועט דאָרט מעשוגע ווערן פון וואַרטעניש. מאסליאַנקין יאָגט איבער איין מאשין, א צווייטע, אפילו דער „ביק" שטייט אָפּ פון דער געגאַנוועטער מאשין, כאָטש דער שאָפער האָט אים שיר, מאסליאַנקינען, ניט אַרײַנגעטריבן אין ריוו אַרײַן.

— וויפּערעדקעס איז וויפּערעדקעס! — שרײַט אנאַטאָלי, — שומי, דאַראַגאַ! — און דער ווײַזער ווײַזט שוין זיבעציק, אכציק קילאָמעטער.

שלוימען ווערט מיטאַמאָל פּאַרקילט יעדער אייווער. צו וואָס האָט ער זיך סקאָמפּאַנייעט מיט מאסליאַנקינען? אָט ערשט ניט לאַנג מיט גרויסע צאָרעס באַקומען רעכט אָף פירן די מאשין... באַלאַנדין וועט זיך דערוויסן וועגן די דאָזיקע מאַניפּאַרגעס, וועט ער אים לעבעדיקערהייט אופּעסן:

„ביסט מאָטל דעם בלעכערס זון, ניט אבי ווער! אכצן יאָר ארבעט דער טאַטע דײַנער דאָ אין גאַראַזש, האָט מען נאָך פון אים קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט. דערפאַר טאַקע האָט מען זיך מיט דיר געוואָדזגעט, „סוטשאָק", זיך געצאַצקעט מיט דיר, ווײַל דו האָסט אַזעלכע לײַטישע עלטערן".

— ראָכעלע, מיינסטו, איז אומזיסט געוואָרן נאַטשאַלניק פון דיספּעטשערסקע? ניין, ברודערקע...

מאָטל סמיקונס מיזיניק קלערט, אז ער האָט אופּגעטאָן א נארישקײַט, און מאסליאַנקין טרײַבט נאָך גיכער די געגאַנוועטע מאשין. דער מאָטאָר רײַסט שטיקער, פון ערגעץ שפּריצט מיט פונקען, דער סיגנאַל רעוועט, דער וויכער ווילדעוועט, די וואסער שפּריצט שלוימען אין פּאָנעם אַרײַן, און מאסליאַנקין שרײַט:

— עך! שומי, דאַראַגאַ!

מע איז שוין ארויס פונעם וואַלד, דורכגעפאָרן די לאַנגע אַליי. שלוימע נעמט איבער דעם רול אין זײַנע הענט, יאָגט אריבער נאָך איין „ביק", שטויסט זיך אָן אין א סלופּ און צעפּלעטשט א פליגל פונעם פּראָפעסאָרס מאשין, מאכט פון אים א מולטער.

מאסליאַנקין איז דער ערשטער ארויס פון קאַבינע. שלוימע האָט פּאַרטשעפּעט באם טאַרמאָז דעם פּליודער, נאָר אָף קאַפּאָרעס צען פאַר הויזן: זיי „ברענען"!..

צו וואָס האָט ער געדאַרפט זיך סקאָמפּאַניִען מיט מאסליאַנקינען? ס'איז דען ניט בעסער ברענגען דער מאַמען דעם געהאַלט, אויסשלאָפן זיך, לייענען א ביכל, ניט גאַנווענען קיין פרעמדע מאשינעס?

מאסליאַנקין וויל שוין לויפן, קלוימערשט נאָכן אינסטרומענט, נאָר באַלאַנדין וואַקסט דאָ אויס בא דער צענעריקטער מאשין, ער שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ אינווייניק און דערזעט אין קאַבינע מאַלינינס בײַטעלע מיט די אָנגעמאָלטע צוויי אייזעלעך... אָף דער צווייטער זײַט פונעם בײַטעלע איז אָנגעשריבן מ. אָ. ס. — מאַלינין אָסיפּ סערגייעוויטש.

באַלאַנדין איז צופעליק דאָ געווען אין ראַיאָן אָף א רעוויזיע, שטייט ער איצט און באַטראכט די מאשין.

„בא וועמען קאָן אין ראַקיטנע זײַן אזא מאשין? ווײַזט אויס, אז באם פּראָפעסאָר". מאַלינין ווייסט ווו זיך אָפּזוכן א וואַרעם ערטעלע. ער איז איצט א פּערזענלעכער שאָפער — דאָרט באם פּראָפעסאָר אין שטוב גענעצט א יונגע מאַדאָנע, פּאַרוויגט ער זי, אָסיפּ סערגייעוויטש...

לעם דער מאשין שטייען מיט אראָפּגעלאָזטע נעזער די צוויי מעשומאָדים. באַלאַנדין פרעגט זיי שטרענג:

— איר האָט זיך צונויפגעניוכעט מיט מאַלינינען?

— ניין, — ענטפערט מאסליאַנקין, ווישנדיק די נאָז מיט א פּאַרמאַסליעטן פינגער, — זיך ניט צונויפגעניוכעט, אפילו ניט געוווּסט, מיט וועמען מע האָט צו טאָן. עס שטייט זיך, הייסט עס, א פּאַרלאָזטע מאשין אין אַלטן גאַראַזש, נו, מיר דאַרפן פאָרן צו מײַן קאַלע... דו ווייסט דאָך, באַלאַנדין, פון אַזעלכע שפּיצלעך, דיך דאַרף מען לערנען? דו האָסט דאָך אַליין אוועקגעגאַנוועט מאַרינען... און מיר האָבן דערווײַל נאָר א מאשין אַנטליִען...

באַלאַנדין נעמט אים פּאַרן קאָלנער און זעצט אים אַרײַן אין מאשין. שלוימעלע קריכט אַליין אין צעעפנטן טירל.

— פירט זי אָפּ צוריק אין גאַראַזש אַרײַן, אניט!..

באַלאַנדין דאַרף קיין סאַך ניט דראָען. מע האָט פאַר אים מוירע, קימאַט אזוי ווי פאַר סטראַכאָוון.

קאַפּיטל פינף

קעדײַ דאָס צווייטע מאָל געבוירן ווערן

ווען מאַרינע איז פון גאווינערן־הויז געקומען מיט איר קינד אין באַלאַנדינס גראַמען צימער, האָט קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש אופגעלעבט, גלײַך ער וואָלט אַ צווייט מאָל געבוירן געוואָרן. און טאַקע בעעמעס, וויפל קאָן אַ שאָפער טראָגן ברעזענטענע מאַטקעס פון אַ פּאָזשאַרניק, היטן גאַנצע מעסלעסן די מעשענע קאַסקעס, זיי זאָלן ניט שימלען, דרייען גומענע קישקעס אַהער און אַהין, כאָטש שיט זיי איבער מיט נאַפטאַלין...

פּאַכאַמאָווס נעשאָמע פלאַטערט, אַלע זײַנע איוורים בענקען נאָכן רול, ווי אַ קלעזמער נאָכן סמיק.

מער זאָל ער ניט הערן דאָס וואָרט פּאָזשאַרניק!

דאָס ביכעלע אַף רעכט צו פירן אַ מאַשין ליגט בא אים אין קעשענע, די אויגן דינען נאָך, טשעפּעט קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש אונטער צוויי פּריצעפּן און מאַכט גאַנצע אָנדערהאַלבן נאָרמעס.

מאָטל סוקעוואַטע האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— אין דײַנע יאָרן, קוזמאַ, וואָלט עפּשער גלײַכער געווען, זאָלסט זיך זעצן אַפן אווטאָבוס, פּאָרט גרינגער, איידער שלעפּן צוויי פּריצעפּן.

מאָטל האָט נאָך אַזעלכס ניט געזען — פּאַכאַמאָווס פּלייצע איז פון קרום געוואָרן גלײַך, דאָס פּאָנעם ייִנגער, די פיס טראָגן אים ווי מיט יאָרן צוריק, דאַרף ער טאַנצן מיטן לייטערל און שמעקן ניליע אין פּאָזשאַרקע? אָדער מיטן אווטאָבוס זיך שלעפּן, ווי מיט אַ פייגער, אַז שאָפערן זאָלן לאַכן פון אים, פון פּאַכאַמאָוון?

דרײַ טעג האָט קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש נאָך אַ שמועס מיטן בלעכער ניט גערעדט.

ער האָט ליב, פּאַכאַמאָוו, אַנגיסן הייסע טיי אין טערמאָס, ניט געכאַפּט צעלאָזן זעכצן ציגעלעך צוקער, אַרומלייגן מיט קאָטלעטן פיר ריפּטלעך ברויט און דעריקער ניט פאַרגעסן מיטנעמען אַף דער ליניע דעם זשורנאַל „סלעדאָפּיט“, קעדיי ערגעץ אַף אַ לאַנקע אים אַ לייען טאָן.

ס'איז שוין מײַ, די טאָפּאָלן אין ראַקיטנע, אונטערגעפוצטע מיט ווײַסער ליים, זײַנען ייִנגער געוואָרן. אויך ער, פּאַכאַמאָוו, איז געוואָרן ייִנגער און גענומען שפּילן אַ ליבע מיט דער שכיינע זײַנער, וואָס זיצט שוין גאַנץ לאַנג אָן אַ מאַן.

דאָ, בא דער שכיינע אין שטוב, דאַרף מען ניט דעם טערמאָס. ער פוצט זיך אויס אין קאָרטענעם קאָסטיום, טוט אָן אַ מאָדנע שניפּס, קעמט צו דאָס בערדל מיט די וואָנצעס, ווי אַ גרענאַדער, און דער אַלטער שאָפער שײַנט אַזש.

ווען פּאַכאַמאָוו האָט באַקענט מאָטל דעם בלעכער מיט דער שכיינע, איז ער אַזש צעמישט געוואָרן, מאָטל, און גענומען בלעטערן פּאַכאַמאָווס זשורנאַלן־קאָלעקציע „סליעדאָפּיט“.

— ביסט, קוזמאַ, ניט קיין שלעכטער מיוון אַף ווײַבער, — ווינקט מאָטל צו דער שכיינעס פענצטער. — ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס דו האָסט אוועקגעוואָרפן די פּענסיע און זיך ווידער גענומען צו דער באַראַנקע.

פון פּאַכאַמאָוון קומט מאָטל צו זיך אין שטוב אַ ביסל צעטראָגן, נאָר פון מאַלקעס אויג איז שווער אויסצובאַהאַלטן אַ סאָד.

דערוויסט זיך, אַז קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש האָט אַף דער עלטער זיך פאַרליבט אין זײַן שכיינע, האָט מאַלקע אוועקגעלייגט אַ דראָשע:

— טויטע פונעם פעלד שלעפּט מען ניט, מאָטל, — האָט זי אָנגעהויבן גיין דעם קאָן מיטן מאַן. — אָפּגעזוכט זיך אַ כאַווער אַף דער עלטער! שלוימע ברענגט איר זײַנע כסידים צום טיש, מאַסליאָנקינען מיט דער קוטשמע, און ער, מאָטל, קריכט מיטן פּאָזשאַרניק צו פרעמדע ווײַבלעך!

די בלעכערן בלײַבט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט אַף איר הויכער ברוסט. אַזוי שטייט זי אַף אַ שיינע עטלעכע מינוט און רעדט צו זיך אַליין:

— ריבוינעשעלוילעם! סאַראַ גוטער מאַלעך דו ביסט! האָסט באַשאַפן אַזויפיל באַלעכאַיִם אַף דער וועלט, און אַלעמען באַזאָרגט די ערד מיט שפּײַז. אַ קראָליק עסט אַ גרעזל, אַ הון פּיקט פּראָסע, אַ קו קײַט פּאָלאָווע, אַ הונט רײַסט שטיקער פון אַ געפּייגערט פערד, און נאָר דער מענטש, דער שלימאַזל, האָרעוועט מיט ריקעס שוויס צוליבן ביסן. מאַלקע דאַרף קנעטן צוויי דייזשקעס אַ וואָך, קאָכן פולע טשוהונען קאַרטאָפליעס. נעכײַ וואָלטן שוין די באַלעבאַטים פון דער שטאָט געלאָזט דעם נײַעם ברויט־זאַוואָד, וואָלט מאָטל דעם בלעכערס פלוינעסטע געוואָרן אַ פּריצע, ניט ערגער פונעם פּאָזשאַרניקס שכיינע, זי וואָלט זיך פאַרפירט אַ פּאָליובאָווניק,

געמאכט זיך מאַניקיור אָף די נעגל, א פריזיור, ווי בא דער פּראָפעסאָרשע, און אויס!.. זי וואָלט אויך א צווייט מאָל געבוירן געוואָרן, ווי דער פּאָזשאַרניק פאַכאָמאָוו, וואָס האָט ערשט באַנייַס א קאָן, אָף דער עלטער, אָנגעהויבן שפּילן א ליבע.

קאפּיטל זעקס

מאלקע איז אפן זיבעטן הימל

דאַנקען גאָט, מאַסליאָנקין האָט זיך שוין געפונען א קאַלע, וועט ער פאַרשפּאָרן, דער שמאַ־ראָוואָזניק, לאַשטשען זיך צו ראָכעלען.

מאלקע איז אפן זיבעטן הימל, ווי מע וואָלט איר געשמירט דאָס האַרץ מיט פּוטער. סאָנים וועלן ניט דערלעבן, אז מאָטל סמיקונס טאָכטער זאָל בייַטן דעם מאַן. איי וואָס ער איז, ניט דאָ געדאַכט, בלינד געוואָרן!

אָבער איין זאַך פאַרדריסט יאָ מאלקען — צו וועלכע שלעק דאַרף ראָכעלע דערלאָזן, אז די באַרישניע פון טעכניקום זאָל אָפּזיצן מיט פרידלען גאַנצע אָפּדערנאַכטן און קנעלן.

בא איר, עמעס, קושט מען אַזוי גרינג ניט די „מעזוזע" — מאלקע איז א מאַמע און לאָזט דאָס אויג פון זיי ניט אַראָפּ, ווען ראָכל איז אָף דעזשורסטווע. די טיר פונעם אַלקער לאָזט זי שטיין אָפן. נישקאָשע, פון קיך וועט זי הערן, וואָס פאַר אן „אוראָקן" די מויד לערנט מיט איר בלינדן אײדעם.

מאלקע ווישט דאָס געפעס, נאָר מאַסליאָנקין קריכט איר פונעם קאָפּ ניט אַרויס: א גרימע־ניש אים אין בויך, דעם ציגייַנער. זי וועט אים שוין אָפּבאַקן א שטרודל פאַר דער קאַלע, אַבי ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון ראָכעלען.

יאָ, הייַנט איז די פּאָלוטשקע. שלוימע וועט שוין ווידער ברענגען די שיינע געסט צום טיש. אַמאָל פלעגט כאָטש קומען מאַלינין, איז ער עפּעס געווען א דירעקטאָר, געהאַט א ווערט אין שטאָט, אָבער דאָ קומען פאַרשמאַלצעוועטע שיידים, זעצן זיך אָף די נייַע בענקלעך, מיט זייערע שוואַרצע מאַטקעס, מאַכן טיל־טעל פונעם מעבל, זשליאָקען זיך אָן, פרעסן זיך אָן און זאָגן אַפילע ניט קיין דאַנק. צו וואָס דאַרף זי אַזאַ לייַזיקע מישפּאָכע, די שאָפּערניא בא איר טיש?! שלוימע איז ניט קליין אויסטערינקען מיט זיי אין „פּילטער"? וואָס איז בא איר, אן אַכסאַניע?

מאלקע וויל ניט דעם העזעק און דאַרף ניט שלוימעס פאַרדינסטן.

מיילע, זיצן מענטשן באַם טיש, זאָל מען כאָטש הערן א לייַטיש וואָרט, — שיטן זיך פון זייערע מייַלער נאָר שוואַרצע קלאָלעס, גלייַך מע זיצט אין שענק בא דער טיאָטיע מאָטיע.

— הער, מאָטל! טאָמער קומט דייַן מיזיניקל, שלוימעלע, מיט זייַן כעווריייַע, נעם איך א צע־בער און גיס אים אויס אָף זייערע קעפּ. וואָס האָבן זיי זיך זאַנאָדעט אהער!

מאָטל שמייכלט. ער ווייסט, דער בלעכער, אז עס מעג קומען אַפילע א פעלד־גאַזלען צו אים אין שטוב, וועט מאלקע אים קיין הונגעריקן ניט אַרויסלאָזן. ער ווייסט גוט, אז די פּלוי־נעסטע זייַנע האָט כּיעס פון אופנעמען געסט. די בעקעלעך ניטען זיך צו בא איר, די אויגן בלישטשען. זייַן מאלקע טוט אָן א ריין פאַרטעכל, קעמט צו איר גראָוון צאָפּ, גוידערט זיך פאַר די שאָפערן, ווי זיי וואָלטן געווען מיניסטאָרן.

דערזעט נאָר מאלקע א מענטשן בא זיך אין שטוב, אַזוי פליט זי אין זיבעטן הימל. קיינמאָל טרעפט ניט, זי זאָל ניט האָבן וואָס צו דערלאַנגען צום טיש — עפּעס געפינט זיך בא איר שטענדיק. ניט אומזיסט ווייסן אַלע, אז זי איז א גאָלדענע באַלעבאָסטע.

נאָר אָט איז שוין די נייַנטע שאָ, און שלוימע איז נאָך ניטאָ.

— מאָטל, גיי טו א קוק אין „פּילטער", זיי קערן שוין מאַכן שעכעיונע, — הייבט אָן מאלקע טאָטשען דעם מאַן. נאָר מאָטל מאַכט זיך טויבלעך, כאָטש ער הערט, ווי זי לייגט אויס א צעטל: — נעכייַ וואָלט א באָכער געקומען צום טיש. טרינק א גאַנצע נאַכט, עס אַרט מיך דען? מע קאָן אים אויסטאָן דעם פּידזשאַק, אַרויסשלעפּן זייַנע דאָקומענטן. איך קען אים גוט, דעם רירעווודיקן האָז...

דאָ האַלט שוין דער בלעכער ניט אויס, טוט א קלאַפּ אין טיש אַרייַן:

— מיט דיר, מאלקע, איז ניע סטאָן אי ניע ליאַזש!

און ער טוט אָן דעם מאַנטל א גרייטער צו גיין:

— אָדער דײַן שטוב איז ניט קיין אכסאניע, אָדער דו ווערסט גוט, ווי לעקעך. שטעלסט אַרויס פּאָלומעסיקעס קנישעס פאר דעם גאנצן גאראזש... מאך זיי נאָך פּאמפּושקעס מיט קנאָבל — וועט מען אוודאי קומען! — און ער טוט א פארמאך די טיר. — ווערסט איוועבאָטל אף דער עלטער, מאלקע.

קאפיטל זיבן

אייפער

אזוי איז שוין בא זיי אײַנגעפירט, באם יונגן פּאָרפאָלק, — יעדן פארנאכט גייט מען אַרויס שפּאַצירן אף א פּאָר שאָ.

הײַנט שווײַגט ראָכל. דאָס מויל אירס איז צוגעשלאָסן, זי דערציילט ניט דעם מאן, אז מאַ־ לינין דרייט שוין גאנץ פּײַן דעם קאָפּ זײַן נײַער באלעבאָסטע און עס קאָן זייער שיין טרעפן, אז ער זאָל ווערן דער הויפּט־„אסיסטענט" באם פּראָפעסאָר.

פרידל וואָלט געוויס געלאַכט, ווען ראָכל זאָל אים דערציילן, ווער עס האָט באנאכט אַרויס־ געגאַנוועט די „קו" פון שטאָל, דאָס הייסט ווער עס האָט „אַנטליִען" די מאשין באם פּראָפעסאָר.

זי שווײַגט אָבער אקשאָנעסדיק, ראָכל.

נאָך דער כאסענע האָט זי געגנוג צאָרעס איבערגעלעבט מיטן בלינדן מאן. איצט איז שוין די פינצטערע צײַט אדורך: פרידל לערנט זיך, און זי, ראָכל, איז מיט דעם צופרידן. ער לייענט שוין פרײַ דעם אלעפבייס פאר בלינדע.

אפן קורס האָבן אַלע אים ליב. רופט דעריבער בא קיינעם ניט אַרויס קיין כשאד, אויב זינע, וואָס לערנט מיט פרידלען איניינעם, האָט פון דער ערשטער מינוט געגומען שעפּטום איבערן בלינדן סטודענט.

ראָכל אָבער קריכט פון די קיילים אַרויס — זי וויל, אז פרידל זאָל זיך אופהערן באגעגענען מיט אָט דער קוטשעראווער פאנאטישער סטודענטקע. איינמאָל פאר אַלעמאָל!

הײַנט מוז זי עס אים זאָגן, פרידלען, כאָטש ס'איז איר שווער עפענען דאָס צוגעשלאָסענע מויל.

— אָדער איך, אָדער זינע!..

נאָר בא זיי זײַנען דאָך בלויז כאווערישע באציִונגען.

ניין, ניין! זי וויל אפילע ניט הערן! מאָרגן גייט זי, ראָכל, אַליין אין פאקולטעט און וועט פאר אַלע סטודענטן אין די אויגן זאָגן מוסער דער זינע, זאָל מען זי פארשטיינערן, די פּאַס־ קודסטווע.

אף אַלץ האָט זיך פרידל געריכט, נאָר אז זײַן ראָכעלע וועט זיך אזוי נאריש מאכן, — דאָס ניט.

געוויינלעך קלאָפּן בלעכערס אָפּ מיטן העמערל בא דרײַסיק יאָר, דאן פלאצן בא זיי די אויערן־הײַטלעך און זיי ווערן טויב. בא מאָטל סמיקון איז עס פארקערט, וואָס א יאָר הערט ער בעסער. אָט איז אויך איצט צו אים דערגאנגען, ווי ראָכעלע שעפּטשעט זיך מיט דער מאמען:

— מאמע, מער קען איך ניט!

אמאָל האָבן טשומאקעס געטריבן אָקסן ביז אָדעס נאָך זאלץ, זײַנען זיי טאקע קארג געווען. און אים, מאָטלען, שיט מען פודן זאלץ אפן לײַב גאָר אומזיסט?

דער פרימאָרגעדיקער הימל האָט זיך שוין ארומגעוואַשן דאָס פּאָנעם, פארקעמט אזוי גרויס־ ארטיק די כמארע קוטשערן, וואָס שווימען פאמעלעך קעגן דעם זון־אופגאנג.

פרידל שטייט באם פארקן, אים איז אצינד אַלצינס, צי דרייט זיך די זון ארום דער ערד, אָדער פארקערט — די ערד ארום דער זון.

מאָטל דערזעט דעם איידעם שטיין אזוי פרי באם פארקן, דערמאָנט ער זיך אין ראָכעלעס ווייטעק־אויסגעשריי:

— מאמע, מער קאָן איך ניט!

פרידל איז א מענטש אן אָרנטלעכער, איז זאָל ער אים דערציילן, וואָס איז געשען.

ביידע קוקן אפן שליאך. ניט געײַלט שמועסן זיי — ראָכלס פאָטער און איר מאן.

גלאַט גייט דאָס לעבן באַ קיינעם ניט — מאַסליאַנקין לויפט עפּעס נאָך אַ מיידל, זינע הייסט זי; שלוימע פירט אַרויס אַ מאַשין מיטן מעשומעד מאַסליאַנקינען; מאַלינין קושט זיך ווידער מיט פרעמדע ווײַבלעך.

— וואָס זשע האָט אַזוינס באַ אײַך, שטילע טײַבעלעך, געטראָפן? — פרעגט דער אַלטער.

— זינע רופט מען זי? — פרעגט איבער פרידל.

— נו יאָ, דערטאַפּט עפּעס אין דאָרף קליין־ראַקיטנע אַ קראַסאַוויצע, זינע, יאָ, זינע — קענסט ניט מאַסליאַנקינען? — אַנאַטאָלי איז געוועזן מיט זײַן מאַשין באַם פּאָלוסטאַנעק, און דאָס מיידל, די סטודענטקע זינע, האָט דאָרט אין קליין־ראַקיטנע געהאָלפן סאַפּען בורעקעס, האָבן זיי זיך באַקענט. נו, און באַ אײַך, קינדער, וואָס האָט אַזוינס געטראָפן?

פרידל וועט ראָכלס פּאָטער גאָרניט דערציילן. ס׳איז אַ מיספאַרשטייעניש, אינגיכן וועט עס אופשווימען ווי בוימל אַפן וואַסער.

קאַפּיטל אַכט

דער גאַראַזש איז ניט קיין קלוב

בלעטער אין וואַלד שפּילן שוין מיט פרישן קוועקזילבער קעגן דער האַרבסטיקער זון. דער־נאָך, טיפער אין שפּעטן אָסיען, ווערן די ביימער סײַ פּראַסטיק, סײַ געל ווי מעש, פּונקט ווי בערד באַ זקיינים.

ראַקיטנע איז שוין ניט דאָס געוועזענע שלעפער־דאָרף מיט די פּאַגאַרעלצעס, באַ וועלכע די הויזן זײַנען אַ לאַטע אַף אַ לאַטע, די היטלעך פון אויסגעקראַכענע שמויסן, און די פּיס אָנ־געטאָן אין פּאַסטעלעס. דער נײַער קלוב וואָלט געפּאַסט פאַר אַ פּאַלאַץ אין אַ גרויסער שטאָט.

דער פאַרטאָרג באַלאַנדין וואָלט געוואָלט, אַז אויך דאָס לעבן אין גאַראַזש זאָל זיך ענדערן, ווי עס האָט זיך געענדערט און אויסגעיידלט דאָס דערפעלע ראַקיטנע. נאָר אַ גאַראַזש איז ניט קיין קלוב און שאָפערן זײַנען ניט קיין אַרטיסטן, וואָס גרימירן זיך אָן און ווערן גלײַך אַנדערע מענטשן.

אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטש האָט אַף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג שטאַרק קריטיקירט דעם צײַטווײַליקן דירעקטאָר, וואָס ניט ער ווערט באַלעבאָס, ניט ער גייט אוועק. סע גלוסט זיך אים ניט פאַטערן קיין קויעך אַף אויסצוראַמען מאַלינינס מיסט.

מאַרינע לאָזט אים ניט רוען, באַלאַנדינען:

— ווען וועלן שאָפערן אָנהייבן לעבן ווי מענטשן? — זי זאָגט עס אים אויך איצט, ווען ער גייט אַ מידער אַרום איבער דעם גאַראַזש און קוקט מיט קאַס אַף מאַסליאַנקינען און אַף שלוימען.

מאַסליאַנקין כאַפּט אונטער מאַרינעס מוסער־זאָגן:

— פאַרוואָס קומט אונדז, כּעוורע, שלינגען רויך אַפילע נאָך דער סמענע?

נאָר באַלאַנדין קוקט אַף אים בייז, זאָגט רויִק:

— שיינער מענטש, קום נאָר אַרײַן צו מיר אין פּאַרטקאַם!

שאָפערן ווייסן, אַז ביידע יונגעלײַט, מאַסליאַנקין און שלוימע, האָבן נאָך דער אוואַריע אַף דער טראַסע זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין קאָטעלנע און שטילערהייט געלייגט זיך שלאָפן.

באַלאַנדין האָט זיי ניט געוועקט, כאָטש ער האָט אויך געוווּסט פונעם סאָד.

פאַכאָמאָוו האָט אים געייצעט זיי געבן ביידע עטלעכע שמיץ מיטן פּראָטיקל, וואָס ער האָט פּונקט געהאַלטן אין דער האַנט. אָנשטאָט אָן ענטפער נעמט באַלאַנדין אַרויס פון שופלאָד מאַלינינס אינסטרומענט־בײַטעלע, קוקט אַף דעם מיט ביטל.

— באַטיע, — זאָגט באַלאַנדין און דערלאַנגט אים דאָס בײַטעלע, — טוט מיר אַ טויווע, גיט איבער אָט דעם טראַפּיי מאַלינינען.

קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש פאַרשטייט! וואָס זשע, ער איז אַ באָק צי אַ פרעמדער? נאָר עפּעס קוקט דער אַלטער אַף באַלאַנדינען ניט ווי אַלעמאָל.

— ביסט אַ פאַרטאָרג צי ניט? אויב אַזוי, טוסטו דאָך אַלץ אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, איז צוליב וואָס דאָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש מיט מאַלינינען און אויך מיטן לאָשעק מאַ־סליאַנקינען?

דאָס איז געזאָגט געוואָרן סײַ מיט האַרץ, סײַ מיט רוגזע, נאָר באַלאַנדין האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער איז גערעכט.

קאפיטל נײַן

זינע

אזוינס האָט מען נאָך אין ראַקיטנע ניט געהערט — סענטיאַבער כוידעש זאָל דונערן! דאָס גראָז איז גרין, פרישע ראָמאַשקעס שפּראָצן פון דער ערד, ביימער אין וואַלד שטייען אין פולן פּראַכט, גלײַך דער פרילינג וואָלט ערשט אָנגעקומען. כאַטש גיב א רענדל פּאַר א געל בלעטל. סע גייט א געדיכטער אַראָמאַט פון דער געבענטשטער ערד — זי האָט ערשט ווידער אויפֿגעלעבט.

אין אזא טאָג פאַקט מאַסליאַנקין א נאַריאַד אָף צו פירן פרענטעס אײַזן אין אינסטיטוט. סטודענטן קריכן אין קוזאָוו, און צום שאָפער אין קאַבינע שווימט אַרײַן זינע.

דער שמייכל בא איר — א פרייליכער. אירע אויגן ברענען פון סימכע. נאָר כעוורע סטודענטן פאַרשטייען נאָך ניט, וואָס, אייגנטלעך, גווידערט זי זיך אזוי? עמעס, דער שאָפער איז א כיינעוודיק קוטשעראַווע באָכערל... אויך מיר א מעציע! העכער הונדערט ווערסט וועט מען דאַרפן פאָרן אין זאַוואָד אַרײַן נאָכן אײַזן, וועלן זיי אין דער קאַבינע באַווײַזן זיך נימעס ווערן איינער דעם אנדערן.

זינע טוט א קוק אָף מאַסליאַנקינען. יאָ, דאָס איז ער, יענער באָכער, וואָס זיי האָבן דעמלט געשלעפּט פון דער בלאָטע לעבן געלן קלויסטערל.

— ווייסט נאָכאַמאָל אוועקזעצן די מאַשין, ווי דעמלט?

אַנאַטאָליִן באַשלאָגט אזש א שוויס. די פינקלדיקע שווארצע אייגעלעך זײַנע הייבן אָן צו שמייכלען. פאַרליבט קוקן זיי אָן זינען — אָן זײַן ווילן פאַרמאַכן זיי זיך און עפענען זיך ווידער.

מע פאָרט. הײַנט וועט אַנאַטאָלי ניט שרײַען „שומי, דאָראָגאַ!“.

סאָליד, ווי א כאָסן אין א מאַנישקע, פירט ער די מאַשין. זינע זיצט פּאָרוטש, זי פאָרט מיט אים אין ווײַטן וועג אַרײַן.

מאַסליאַנקין ווייסט, אז פאַר א גרויסער שטאָט דאַרף מען האָבן דערעכערעץ, מוז א שאָפער זײַן ניט פויל, אָפּשטעלן די מאַשין בא דער ערשטער ריטשקע און א וואַש טאָן די רעדער, אז סטראַכאָוו זאָל ניט זאָגן: פאָר צוריק אין גאַראַזש אַרײַן, פוליאַק איינער.

זינע איז ניט פון די מיידלעך, וואָס זיצן אין קאַבינע און שמייכלען. זי פאַרבינדט דאָס טיכל, נעמט אַרויס דעם עמער פון קעסטל — טראָגן וואַסער איז טראָגן וואַסער!

סטודענטן קוקן פון קוזאָוו:

— היי, כעוורע, בא אײַך קאַנטאַטשעט עס ניט שלעכט אָן איבעריקע רייד.

אַרומגעוואַשן די מאַשין, פאָרט מען ווײַטער. זינע פאַרציט עפּעס א טרויעריק לידעלע, אַנאַטאָלי טוט מאַמזעריש א קוק דעם מיידל אין די אויגן — וואָס איז געשען?

אומגעבעטן הייבט זינע אָן דערציילן:

זי האָט געוווּסט, אז זיי וועלן זיך באַגעגענען, אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן.

— אָט יענע שטומע, באַם געלן קלויסטערל, וואָס קער זי זיך אָן מיט דיר, זינע?

מע האָט געשמועסט, ווי מענטשן, וואָס קענען שוין לאַנג איינער דעם אנדערן.

אָנגעהויבן האָט זינע אזוי, גלײַך ווי ניט וועגן זיך וואָלט זי גערעדט, נאָר וועגן א מענטשן, וואָס זיצט דאָרט אין קוזאָוו.

...פונעם ערשטן שאָס אָף דער מילכאָמע, קאָן מען רעכענען, איז זי געבליבן א יעסוימע. איר טאַטע איז געוווּען אָף דער גרענעץ. פינף יאָר איז זי דעמלט אַלט געוווּען, געדענקט זי ניט דעם פאָטער, נאָר אין קינדערגאָרטן פלעגט מען זי רופן קאָמיסאַרשע.

מיט דער מאַמען איז זי געלאָפן פון היטלערן, ביז מע איז געבליבן שטיין אין ראַקיטנע, און דאָ, בא דעם באַרג־אַראָפּ, ווו זיי פאָרן איצט, האָבן פאַשיסטן צעשאָסן די מאַמע, די קאָמיסאַרשע...

...פאַשיסטן שיסן פון אויטאָמאַטן, דער יאַר איז נאַס פון בלוט, די ערד ציטערט אזש פון שרעק. שטייט א פרוי באַם געלן קלויסטערל און זעט, ווי א קינד קריכט פונעם יאַר.

גייען אַוועק א פּאָר טעג, דאָס מיידעלע זיצט דערשראָקן אָפן אויוון פאַרגליווערט, פון אירע אויגן גיסן זיך טרערן. יאָוּוען זיך ראַצכים, הייבן אָן נישטערן:

— ווו איז דאָס קינד?!

דער עסעסאָווועץ זאָל געוווּען א קוק טאָן אָפן אויוון, איז אויס זינע, נאָר די באַלעבאָסטע איז א שטומע, האָט זי אָנגעהויבן רעווען, געמאַכט אזא טומל, אז אפילע די לאַנגע דײַטשן האָבן געמאַכט פלייטע, און זינע איז געבליבן בא דער שטומער פרוי.

דאָרטן, אין קליין־ראַקיטנע, האָט זי פאַרענדיקט צען קלאַסן. געהאָלפן באַארבעטן דעם גאָרטן, פירן די באַלעבאַטישקייט, גערעמט און געוואַשן.

מאַסליאַנקינען איז דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן. דער רוף האָט זיך אויסגעריסן פון זײַנע הענט, אַזוי שלעכט איז אים געוואָרן. מאַסליאַנקין האָט אַן איידעלע נעשאָמע, ער שטעלט זיך פאָר, ווי שווער ס׳איז געוועזן זינען. אים ווערט שלעכט אַפן הארצן, פונקט איר אומגליק וואָלט געווען זײַנער.

אין גאַראַזש האָט מען זינען שוין באַוויזן צו דערציילן וועגן אַנאַטאָליס שטיק, נאָר דעם גרעסטן סאָד האָט זי אַליין, פאָרנדיק מיטן באַכער אינעם ווײַטן וועג, זיך דערוווּסט: מאַסליאַנקין האָט אַן איידעלע נעשאָמע...

זאָל ער זיך באַרויִקן, די סטודענטן וועלן מיינען, אַז זי האָט אים מיט עפּעס באַליידיקט.

אָט איז יענץ באַקענטע בערעזקעלע, ווו זינע איז דעמלט געשטאַנען און געענטפערט דעם שאָפער אַף זײַנע כאָכמעס.

אָט דאָ ניט ווײַט איז געלעגן פאַרזונקען מאַסליאַנקינס מאַשין, און די מיידלעך האָבן פון אים געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער.

מע זעט שוין דאָס בערגל מיטן שפּיץ פונעם געלן קלויסטערל.

זינע מוז אַרײַנלויפן אַף א פּאָר מינוט צו איר „מאַמען". זי האָט ליב די שטומע, זי וועט אויך אַנרײַסן עפּל פונעם אייגענעם סאָד, זאָל אַנאַטאָלי צוואַרטן.

פאַרשעמט, מיט א פאַרויטלט פּאָנעם, טוט זי א שפּרונג פון קאַבינע, ווען די מאַשין גייט נאָך, און פאַרטשעפּעט זיך באַם פּריצעפּ...

ווי פון יענער־וועלט יאַוועט זיך אַפן שליאַך סטראַכאָוו, מעסט דעם טאַרמאַז־וועג, קוקט ניט אַף קיינעם. ער זעט אפילע ניט, דער אינספּעקטאָר, ווי געטרײַ מאַסליאַנקין האַלט אין זײַנע אָרעמס די געליטענע, ווי זינע כאַפּט אַרום דעם האַלדז פונעם שאָפער.

— איך בין אַליין שולדיק, אַנאַטאָלי, שולדיק בין איך...

סטודענטן שרײַען אין איין קאָל:

— כאַווער קאַפּיטאַן! ס׳איז ניט געפערלעך, א קליינינק דראַפּעלע. ס׳איז ניט געפערלעך!

נאָר סטראַכאָוו נעמט בא מאַסליאַנקינען די נעשאָמע. אָט שרײַבט ער שוין עפּעס אַפן טאַלאָן.

— א שטרענגער אויסרייד.

— שרײַב, שרײַב, — טראַכט אַנאַטאָלי. פאַר אָט דער מינוט, וואָס זינע האַלט אים אַזוי געטרײַ אַרומגענומען, וואָלט ער אים אָפּגעגעבן, סטראַכאָוון, ביידע טעוועלעך — דאָס שאָפער־ביכל, וואָס איז אים אַזוי טײַער, און אפילע דעם פּריצעפּ מיטן דישל.

מיטאַמאָל הייבט אָן צו דונערן, ווי זומער־לעבן, און אַנאַטאָלי כאַפּט זינען צוריק אַרײַן אין קאַבינע. די שטומע „מאַמע" דערזעט עס און מאַכט מיטן מויל, רעדט עפּעס, נאָר קיינער, אויסער זינען, פאַרשטייט ניט, וואָס יענע וויל.

זינע האָט אַזוי גליקלעך געשמייכלט פון דער קאַבינע, אַז אפילע סטראַכאָוו, אָט די סטראַ־שידלע, איז שטיין געבליבן אינמיטן שליאַך און שוין גאָר כאַראָשע געקראַגן, וואָס ער האָט מאַס־ליאַנקינען אָנגעשריבן אַפן טאַלאָן.

— עפּשער איז דער דראַפּע גאָר א פּאַרטל דעם מיידלס? — פרעגט ער בא דער שטומער, נאָר די אַלטע קוקט אים שולדיק אין די אויגן, מאַכט עפּעס מיט די ליפּן, מעקעט — גיי פאַר־שטיי, וואָס זי מיינט!

דערווײַל איז אַרויס די זון, און דאָס געלע קלויסטערל האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט פאַר־שיידענע פאַרבן, ווי עס וואָלט געשווירן בא די הייליקע צלאָמים, אַז זינע פּאַליאַקאָווע און אַנאַ־טאָלי מאַסליאַנקין האָבן זיך פאַרליבט ניט אַף קאַטאָוועס.

מאַסליאַנקין איז פאַרליבט! — דאָס איז פאַרן גאַראַזש שוין ניט קיין סאָד.

און אויב עס ווייסט עס דער גאַראַזש — איז די גאַנצע שטאָט שוין פול מיט דעם.

דעם אייגענעם פאַרנאַכט, ווען צו מאָל דעם בלעכער איז דערגאַנגען די בסורע, אַז מאַסליאַנ־קין האָט שוין געכאַפּט דעם טאַטער — געפונען זינען, איז מאַלקע געשטאַנען באַם פאַרקן מיט פאַרלייגטע הענט אַף דער הויכער ברוסט, ווי איר שטייגער איז.

— ראַכל, — האָט זי געטײַנעט צו דער טאָכטער, — דאַרפסט זיך שטעלן אַף די קני פאַר אָט דער זינען, ווי פאַר א צאַדייקעס.

קאַפּיטל צען

געלעבט איז געלעבט

באַלאַנדין קוקט מיט פֿאַרבענקטע אויגן אַף ראַקיטנע. צוויי בולדאָזערס הריזען מיט די ציין די פֿאַרלעגערטע פּלאַסטן.

מיט סאַראַטאָווער גאַז וועט מען הייצן אין ראַקיטנע די הרובעס.

דאָ איז אַמאָל באַלאַנדין אַרומגעגאַנגען מיט אַ בער און געבעטלט נעדאָוועס. איצט זיצט ער זיך מיטן ווײַב, מיט מאַרינען, אין זײַן אייגענער „פּאָבעדע“ — ער פֿאָרט פּראָווען דעם אַלטן פּאַכאָמאָוס כאַסענע!

טו אַ קוק, מאַלינין, אַף באַלאַנדינען, טו אויך אַ קוק אַף מאַרינען. צי ווייסטו, אָסיפּ סערגייעוויטש, וואָס פֿון איר וואָלט געוואָרן, ווען זי וואָלט ניט אַוועק פֿון דיר?

נאָר צו וועלכע שלעק דײַן נאָמען דערמאָנען! אַלע ווייסן, אַז אָסיפּ סערגייעוויטש קאָן ניט פֿאַרגעסן מאַרינען. אין אַלע זײַנע אייוורים איז זי אים אײַנגעבאַקן! זיצט ער גאַנצע טעג אין אַ פּיוואָ־וואָדי־בײַדל, זיצט, ווי אַ בעטלער יאַמטעוו באַם קלויסטער.

אַף די מאַרמאָרנע טישעלעך קריצט ער אויס שיקערערהייט מאַרינעס נאָמען. די ניכפּע באַקומט ער שיר ניט, אַזוי וויל ער זי זען, מאַרינקען.

שלים־שלימאַזל האָט אים אָנגעהויבן גיין פֿון יענעם טאָג, זינט מאַרינע איז אַרויס פֿון זײַן שטוב און כאַסענע געהאַט אין וואַלד מיט באַלאַנדינען.

פֿריִער, אין די גאָלדענע טעג פֿון זײַן יוגנט, פֿלעגט ער בײַטן יעדער אָוונט דאָס אויבער־העמדל, דעם שניפּס, געטראָגן מאָדעלנע שיך, באָסטאָן־קאָסטיומען.

דעמלט, ווען ער איז געווען אין גאַראַזש דער עלטסטער, האָבן שאָפֿערן צווישן זיך געטײַנעט, אַז באַלאַנדין וועט אים אַוועקזעצן אַפֿן געהעריקן אָרט. ליגט ער טאַקע, מאַלינין, אַף די לאַפּעטקעס, קאָן זיך דעם רוקן ניט אויסגלײַכן. אַלע זעען איצט, אַז ער איז אַ שוואַך באַשעפעניש, וואָס פֿאַרלירט די מײַטקעס פֿון ערשטן קלאַפּ. אַ שיקער, און מער גאָרניט. באַ שאָפֿערן אין די אויגן זעט ער איצט אויס, ווי אַ נאַריש שוואַך נעפּעשל, וואָס באַהאַלט זיך אויס — נאָר דאָס פֿלייצעלע זעט מען.

גוט האָט געזאָגט וועגן מאַלינינען פּאַכאָמאָוו:

— אַ גראָבער הונט דאַרף האָבן אַ געזונטן פּויסט...

דאָס לעבן שלאָגט מאַלינינען! ער האָט שוין, דאַכט זיך, גוט געכאַליעט די פּראָפּסאָרשע, געפּירט זי מאַכן מאַניקיור, אין מאַרק אַרײַן זיך מיט איר געשלעפּט — פּיסקעלע צו פּיסקעלע. האָט מען זיך אויך וועגן דעם דערוווסט. אַזאַ שמאַלץ־גרוב פֿאַרלאָרן!

גייט ער איצט ווידער אַרום שלינג־און־שלאַנג. פֿאַרשיקערט דאָס לעצטע העמד, אָן שיך — טראָגט קאַלאָשן אַף די פֿיס, ווי דער שטאָט־מעשוגענער פֿון קליין־ראַקיטנע. מאַלקע די בלעכערקע האָט אים באַגעגנט אין מאַרק, זאָגט זי: זאָל ער האָבן אַזאַ מאַזל, מאַלינין, וואָס פֿאַר אַ הוילעך ער האָט.

— אַזאַ פֿערעאָדעס, גאַנצע טעג גייט ער אַרום און טראַכט נאָר, ווי צו פּאַקן מאַרינען אין אַ פֿינצטער ווינקל.

איז ווידעראַמאָל — צו וועלכע שלעק זײַן נאָמען דערמאָנען — גלײַכער שוין מיט באַלאַנדינען און מיט מאַרינען צופֿאָרן צו מאָטל סוקוואָטעס שטוב. מאַרינע צעקושט זיך מיט מאַלקען, און די יידענע לייגט פֿאַר איר אויס איר ביטער האַרץ: איר ראַכעלע האָט זיך אַזוי לאַנג געבלאָזן אַף איר באַשערטן, ביזוואַנען ס׳איז איר נימעס געוואָרן. איצט איז שוין, דאַנקען דעם אייבערשטן, שאָלעם. נאָר וויפֿל האָט עס איר, מאַלקען, געקאָסט געזונט! יאָ, זי איז נעכטן געווען באַ די קינדער אין דער נײַער דירע. זאָל איר מאַזל אַזוי שײַנען, וואָס פֿאַר אַ מעדינע זיי האָבן באַקומען.

עפּשער דערפֿאַר טאַקע זעט הײַנט מאָטל דעם בלעכערס שטוב אויס אַזוי ראַכוועסדיק! דאָ וועט מען פּראָווען פּאַכאָמאָוס כאַסענע. דער גאַנצער גאַראַזש גייט כאַדאָראָם. אין „פּילטער־טרינקען“ דערווײַל שאָפֿערן פֿאַר קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטשעס געזונט.

אויב דאָס, וואָס די געלערנטע לעפּעשינסקאַיאַ זאָגט, איז אָן עמעס, אויב אַ מענטש וועט לעבן באַ צוויי הונדערט יאָר, וויל פּאַכאָמאָוו דער ערשטער אַ פּרווו טאָן דאָס מײַכל.

מאָטל דער בלעכער גייט צו און טוט אַ שמייכל אין פּאָנעם אַרײַן קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטשן:

— אויב דײַן װײַבל, װי דו דערציילסט, מײַן פרײַנט, לאָזט דיך ניט לייגן זיך אפן געלעגער, ביז דו וואשסט ניט די פיס, וועסטו לעבן דרײַ הונדערט יאָר!

און אָט איז אויך די קאלע. זי זיצט אנטקעגן קוזמא װאָרלאַמאָװיטשן, שמייכלט שעמעוודיק, װי איר װאָלט געװען א יאָר צוואַנציק. די ערשטע קאטושקע, פופציק יאָר, האָט זי שוין צע־וויקלט, נאָר זי קושט דעם כאָסן מיט הייסע ליפּן.

— ליובע מײַנע, — װיינט דער אלטער שיר ניט פון גליק. — האָסט מיך ליב?

— לערנט זיך, יונגעלײַט, קוקט, וװי מע דאַרף ליב האָבן א פרוי!

אינמיטן דעם שמועס פאָרט באלאַנדין אונטער צום „פּילטער", זעצט ארײַן כאָסן־קאַלע אין דער „פאַבעדע", מאסליאַנקין און די איבעריקע מעכותּאָנים — שאָפערן זעצן זיך ארײַן אין א פּאָר גרוזאָוויקעס. און אָט אזוי, מיט א טראסק און מיט קאָװעד, קומט מען אָן דער כאסענע.

— זאָלאָטאיא ראָטא! — רופט אויס אליין דער כאָסן קוזמא װאָרלאָמאָוויטש. — הערט מײַן קאָמאנדע! — און ער לייגט פאָר, אז די געסט זאָלן זיך שטעלן אין איין ריי. דער בלינדער מארגוליס גייט לענגויס דער ריי, דערלאַנגט יעדן איינעם א ברייטן שאָלעם־אַלייכעם און טרעפט, ווער עס רעדט מיט אים.

— זאָל לעבן די ליבע! — טוט מאסליאַנקין א שפרונג, מאכט א רעדל, כאַפּט מארינען און גייט מיט איר א וואַלס.

פאַכאָמאָוו איז מיטאמאָל מיד געוואָרן. צוגעטוליעט מארינען צום הארצן, נאָכדעם ווי זי איז ארויס פון מאסליאַנקינס הענט, בעט ער, זי זאָל אפן זיידן קיין פאריבל ניט האָבן, וואָס ער האָט אָף דער עלטער כאסענע געהאט מיט א יונג װײַבל, און אפילע די ברילן אוועקגעוואָרפן.

מארינע פארשטייט — דער זיידע איז געבליבן עלנט אָף דער עלטער, ניטאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצוריידן, און טאַמער, כאַלילע, ווערט ער ניט געזונט, איז ניטאָ, וועך עס זאָל אים אפילע א טרונק וואסער דערלאַנגען.

קאַפּיטל עלף

א מאָנאָלאָג פון מאלקע דער בלעכערן

מאלקע טײַנעט אלץ מיט מאסליאַנקינען:

— זאָלסט וויסן, טאכשיט, אז א מאמע, א יידענע נאַרט מען ניט אָפּ. די מײַסע האָט שוין א באָרד — יינגלעך פאַרליבן זיך, ווערן אויס מענטש, גאַנצענע טעג גייען זיי ארום מיט פאַר־גאָסענע אויגן, ווי מע וואָלט אָנגעשאָטן זאַלץ זיי אין די באָלעכעס. דו מיינסט, מאסליאַנקין, אז א מיידל איז ווײַסע ליים, מע ניאָרעט זיך אויס און מע קען זיך אָפּטרייסלען. איז זאָלסטו וויסן, אז לײַטישע מיידלעך, אויב זיי האָבן נאָר געהירן אין קאָפּ, קענסטו שפרינגען ארום זיי, מעשוגע ווערן טאנצנדיק, ווינקען, בײַסן זיך די ליפּן, וועט זי דיך פאר א מײַל האלטן, ציִען פון דיר די קליי, זיך מאכן פרידורקעוואטע, שמייכלען, נאָר דאָס בעקעלע ניט אונטערשטעלן.

דערפאר אָבער, מאסליאַנקין, אויב דו ווילסט פארמאָגן אליין א ווײַב אָן שוטפים, זינע זאָל זײַן א מאמע דײַנע קינדער, טאָ גיי, טאנע, אין אינסטיטוט, שטיי אונטערן פענצטער, קוק, ווער פיטש־נאַס פונעם רעגן. זע, ווי דײַן באשערטע טאנצט אָפּ א סטודענטישן אָוונט מיט א באַ־ברילטן יונגערמאן, ווי ער רוימט איר עפּעס אײַן אין אויער, ווי זי לאכט — מיסטאמע פונעם שאָפער, וואָס ווייקט דאָרט אין רעגן באם פענצטער.

אין א פּאָר וואָכן ארום פאָרט זי אוועק, זינע פּאַליאַקאָווע. זי איז דאָך אַן אגראָנאָם. אין אויסערײַסעניש וועט זי אוועקפאָרן, אָף צעלינא. דאָרט זײַנען דאָ שענערע פון דיר, שאָפערוק.

ביסט געשוואָלן געוואָרן ליופנדיק, ביז דו האָסט זי געפונען, געמיינט, אז זינע איז א פראָסט מיידל, מיט א שטומער באָבע, מיט א מעלקעדיקער קו. לאָזט זיך גאָר אויס — אַן אג־ראָנאָם... צעלינא... מאָרגן באקומט זי דעם דיפּלאָם, פײַפט זי דיר אָן אין היטל און פאָרט אוועק. פּאָלג זשע מיך, יונגאטש, מאך זיך ניט טאמעוואטע, נעם צוויי בילעטן, פאָר אוועק מיטן מיידל. ביסט ניט קראנק דאָרטן אָף דער צעלינא זיך לערנען לייענען און שרײַבן. א קאָפּ האָסטו אַן אײַזערנעם, ליב האָט זי דיך, וועט איר לייענען ראָמאנען, האָבן קינדער און קומען אין ראקיטנע צוגאַסט ווי מענטשן.

וועגן דעם לערנען זיך האָט זי, מאלקע, אזא מאָשל:

מאָטל סוקעוואטע האָט א טאָכטער ראָכעלע. איז געקומען א „מאָפּס", א בלינדער דערצו, און אליין מאָטל האָט אים אָפּגעגעבן די טאָכטער. און דערנאָך, דערנאָך פלעגט ער און זי,

מאלקע, ראכלס מאמע, זיך דרייען אפן געלעגער און ניט קאָנען איינשלאָפן. באנאכט הערן זי, ווי ראכעלע פירט דעם בלינדן אין דרויסן. הייבט דעם טאטן אוש אָן ציטערן די אונטערשטע ליפּ, אזוי ווילט זיך אים אויסשרייען:

— ראכעלע! וויסטע דאָליע דיינע! אלע יאָרן וועסטו זיך ארומפירן מיטן בלינדן מאן. אזוי ניט באטראכט, אזוי ניט באטראכט.

מאלקע שלאָפט דען? זי טוט זיך א דריי אף דער צווייטער זייט:

— א וואָרט, מאָטל, איז ווי א קוליע, שפּארסט זיך אָן אף דעם און גייסט ווייטער.

יאָ, אוואדע. דער פאָטער האָט זיין האסקאָמע געגעבן, נאָר דעמלט איז פרידל געווען בלינד נאָר אף איין אויג. ער איז געזעסן באם רול. גיי ווייס, וואס פאר אן אומגליק סע וועט זי נאָך טרעפן.

קוקנדיק אפן טאטן און אף דער מאמען, ווי זיי נעמען זיך צום הארצן דעם איידעמס בלינדקייט, מיינט די שטאָט, אז ס׳איז שוין עק וועלט. אָבער א מענטש טאָר ניט פאלן בא זיך. מע לעבט מיט ביטאכן, העלפט גאָט, און מארגוליס דער בלינדער ווערט זעענדיק. וויאזוי קאָן דאָס זיין? ווייל טוירע איז ליכט, און כאכמע — גליק.

אזוי, אז נעם זיך צו דער לערע, אנאטאָלי, וועסטו אויך ווערן א מענטש.

אָט איז באלאנדין דער פארטאָרג ארויס פון די בעטלערס און אריין אין די פעדערן. געווארן א מענטש מיט אן אייגענער מאשין. באקומען א דירע. מארינע טראָגט שוין פון אים... און ווו, מיינסטו, זוכט ער דאָס מאזל? ער זוכט עס ארום זיך, טאַקע אין גאראזש און צווישן מענטשן. ער לערנט זיך אויך, דער פארטאָרג.

מאלקען מוטשעט נאָר איר מיזיניק, שלוימע: וואס קאָן ארויס פון אזא יונגאטש?

א שמאראָוואזניק פון שמאראָוואזנע לאנד! דער האלדז איז אים שווארץ, ווי ער זאָל ארבעטן ניט אף קיין מאשין, נאָר אין קאָטשעגארקע.

— וואש זיך ארום, שלוימע! — שרייט זי אף אים. נאָר דער מיזיניק פוצט זיך אויס אין שמאלע הויזן, לאָזט ארויס דאָס העמדל, ווי טעוויעס איידעם כוועדקע, און לויפט נאָך דעם פּראָווינזערס טעכטערל, וואס הערט אים, ווי דער פאראיאריקער שניי. ווען שלוימעס מאמע זאָל זיין א פּראָפעסאָרשע און מאלינין זאָל זי פירן אין מארק אריין, וואָלט דעמלט איר געפּאסט אזא שידעך.

...אזוי איז מאלקע אָפּגעשטאנען באם פלויט פונעם עפּלסאד א גאנצע שאָ מיט מאסליאַקינען, אלץ אין אים ארייַנגעטייַנעט, אז ער זאָל נעמען זיינע בעבעכעס, א סאָף מאכן מיט די פוילע שטיק און פאָרן מיט זינען אף דער צעלינא.

אויב אָבער מאסליאַנקין פאָלגט זי ניט, מאלקען, וועט ער באקומען דאָס קאדאָכעס, אויסגעסאָכנעט ווערן נאָך זיין געליבטער.

און זי, ווי אלע מיידלעך, וועט זיך ניט נעמען צום הארצן דערפון. ווי נאָר זי פאָרט ארויס פון יענער זייט טויער, פארגעסט זי אין אים, ווי א קאץ פארגעסט די שטוב, ווו מע האָט איר א סמאלע געטאָן דעם עק.

אנאטאָלי האָט אף זיין לעבן ניט וויניק וויין אויסגעטרונקען, נאָר פון דער יידענעס רייד איז ער אזוי שיקער געווארן, אז קוים וואס ער איז נאָך איר דראָשע אף די פיס איינגעשטאנען.

מאסליאַנקין קומט היינט דאָס לעצטע מאָל אין גאראזש אריין. ס׳איז אים אזוי גוט באקאנט דער טויער מיטן אלטן זייגער, די טויבן־נעסט פון לינקס און דאָס גרין־געפארבטע ביידל פון רעכטס. אָט וואלגערט זיך דאָס לייטערל, אף וועלכן ער איז ערשט ניט לאנג געקראָכן מיט שלוימען גאנוועגען פון טויבנשלאק אן „ער" מיט א „זי".

דאָרטן, אין קליינעם פארווארפענעם פייערלעשער־בודקעלע, האָט אים פאכאָמאָוו געלערנט:

— היט זיך, מאסליאַנקין, פון זעצן אין קאבינע מיידלעך.

שאָפערן מוזן האלטן דעם פולווער טרוקן.

געזעגענענדיק זיך מיטן גאראזש, טראכט אנאטאָלי:

„נו, גוט, לאָזט מען זיי ניט אין קאבינע, די מיידלעך, קריכן זיי אָבער גלייך אין הארצן אריין..."

יענעם אָסיען, כאָטש עס האָט מעסלעסגוויין געטריפט אן עסעריק־קאלט דריבנע רעגנדל, האָט ראקיטנע דערפון זיך ניט גענומען צום הארצן. מע איז געגאנגען אף דער ארבעט, געיילט אפן שפּאציר, אין קלוב, אין טעאטער, אף כאסענעס און וועטשערינקעס. נאָר שטארקער פונעם רעגן האָט א בינטל נייס א רויש געטאָן איבער דער שטאָט: באלאנדינען שאדכנט מען פאר אינ־

סטרוקטאָר פון ראַיאָן; מארגוליסן שיקט מען לערנען אין אוניווערסיטעט; פאַכאַמאָוו איז באַלע־באָס איבערן סקלאַד; מאסליאַנקינס פאָרטרעט, צוגעשיקט פון צעלינא, שעמערירט אפן טאָוול אינעם נײַעם קלוב; סטראַכאָוון האָט מען אריבערגעוואָרפן אף אן אנדער ארבעט — איצט איז ער נאַטשאלניק פון אווטאָבאַזע...

מאָטל סוקעוואַטע האָט ארײַנגעכאַפּט די פײַנע פענסיע און שטייט הײַנט אין הויף פון גאַראַזש מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי א צאָפ, וואָס בעריעט זיך דעם נײַעם פאַרקן אריבער־טאַנצן... סיַוווי וועט ער קומען, דער בלעכער, און צוויי כאַדאָשים אין יאָר דונערן אין קאָפ ארײַן מיט זײַן קישעף־העמערל.

מאַלקע איז צופרידן: זי וועט כאָטש האָבן מיט וועמען א וואָרט אויסצוריידן, וויפל קאָן א ייִדענע זיצן איינע אליין אין שטוב?

דער מאַמען טוט ווײ דאָס האַרץ פאַר איר מיזיניק. אָנגעהויבן האָט ער גוט — א סטאַזשאָר, דערנאָך געוואָרן שאָפער. דאַרף ער זיך צולאָנטשען צו א שלעכטער קאָמפּאַניע... וואָס וועט פון אים אַרויס? ער קומט אָפּ, שלוימע, זײַן אָפּקומעניש איז אין דער „מאָיקע”, דאָרט וואַשט ער די מאַשינעס. דער מאַמען זאָגט ער צו, אז גאָר אינגיכן וועט ער זיך אויסמענטשלען, אז מע וועט אויך אים נעמען אף צעלינא...



שמועל העלמאַנד *

מיר פארעפנטלעכן היינט א ציקל לידער פונעם דיכטער שמועל העלמאַנד, וועלכער איז העלדיש געפאלן אין די שלאכטן קעגן פאשיזם בייס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע.

ביז

און ביז מיין אויג איז אָפן אף דער גרויסער וועלט,
און ביז מיין מענטשלעך הארץ האָט זיך ניט אָפגעשטעלט,

און ביז דעם אויער איז נאָך אופכאפן באשערט
די וווּנדערלעכע קלאנגען פון דער ערד,

און ביז מיין פוס איז נאָך מיט גליווער ניט פארשמידט
און קאָן נאָך שטעלן אף איר אויבערפלאַך די טריט, —

באזינג, מיין הארץ, דעם מענטש מיט פארב און קלאנג
און ווארף אין שלאכט זיך פאר זיין גליק מיט דיין געזאנג.

אָדעס, 28 מיי 1941

ווינטן פון יוגנט

שיין איז דער אופגאנג און אומעטיק איז דער פארגאנג,
דעם דאָזיקן עמעס איך פיל און איך ווייס שוין פון לאנג.
איך וויל אים ניט גלייבן. ווען דו קומסט אריין דורך מיין טיר,
מיט ווינטן פון יוגנט גיט ווידער א ווייע פון דיר.
פאר ווינטן פון יוגנט איז קיינמאָל מיין טיר ניט פארמאכט,
פון א הארבסטיקן פרי איז שוין שענער א זומער־פארנאכט.

א בריוו

בוזי אַליעווסקין

א גרוס דיר פון וואָלין, מיין אלטער פריינט, מיין ליבער.
איך קום ערשט אָן פון דאָרט — א גרוס דיר פון דער היים.
א גרוס פון ברייטן שליאך, עס גיט א גרוס דיר איבער
דער גרויער שינדל־דאך, די אלטע שטוב פון ליים.

די פֿייגל זײַנען זיך פֿאַר ווינטער־פֿרעסט צעפֿלויגן,
דער פֿוך צעבלאָזן איז, די נעסט באַדעקט מיט מאָך;
איך האָב געקושט די ערד, וואָס האָט אונדז אופֿגעצויגן,
זי האָט ביז איצט אונדז ניט פֿאַרגעסן נאָך.

דעם בוים האָב איך געהאַלדזט, דעם אַלטן דעמב דעם פֿעסטן,
איך האָב אַ פֿרעג געטאָן די הוילע צווײַגן שטיל:
ווו האָבן זיי אַהינגעטאָן די ווייכע פֿייגל־נעסטן,
צי זיי געדענקען אונדזער קינדער־שפּיל?

און אויך דער טײַך האָט אונדזער קינדהײַט ניט פֿאַרגעסן,
ער קנייטשט זײַן שטערן אײַן, די וואַסערן פֿון זײַד,
און ווי די וויִע נעמט דאָס אויג פֿאַרפֿרעסן,
די קינדהײַט צאַפּלט זיך, זי פֿליוסקעט זיך פֿאַרשײַט.

און ווידער פֿיל איך אים, דעם טיפֿן שאַרפֿן פֿיבער,
אַ זיסן ציטער גיט דאָס האַרץ געהיים;
אַ גרוס דיר פֿון וואָלין, מײַן אַלטער פֿרײַנט, מײַן ליבער.
איך קום אָט ערשט פֿון דאָרט — אַ גרוס דיר פֿון דער היים.

קלאַנגען

גיי איך אַמאָל איבער פֿרייַלעכע גאַסן פֿאַרקלערט;
באַפֿאַלן מיך קלאַנגען — אַ שלאַקסרעגן פֿאַלט אַף דער ערד.
זיי גיבן אַ הילך פֿון דעם גומען, פֿון האַרץ, און פֿון אויג און פֿון קאָפּ,
זיי נעמען פֿאַרלויפֿן פֿון פֿאָרנט און שפּרינגען צוריק פֿון מיר אָפּ,
אַ דורכגייער אײַלט זיך פֿון ערגעץ, ער בלײַבט אַף אַ רעגעלע שטיין —
געכאַפּט האָט אַן איבעריק ביסל, ער שפּאַנט שוין ניט איינער אַליין.
אַ פֿרוי גייט פֿון סקווער מיר אַנטקעגן, זי טרעט אָפּ דעם וועג מיר געשווינד,
זי דריקט צו דעם האַנט־בײַטל פֿעסטער, זי כאַפּט פֿאַרן הענטל דאָס קינד.
און קלאַנגען, די האַסטיקע קלאַנגען, זיי הילכן, זיי מאָנען בא מיר:
— אַהער גיב אַ דעמבענעם טיש און אַ בייגעלע ציכטיק פּאַפּיר!

בושעלעס

די בושעלעס פֿליִען קיין דאָרעם,
זיי האָבן, מײַן קאַנט, דיך פֿאַרלאָזט;
זיי שרעקט אי דער שניי, אי דער שטורעם,
דער ווײַסער געוויטער, דער פֿראָסט.

ניט מיך וועט די וויוגע דערשרעקן,
ניט איך וועל פֿאַרלאָזן מײַן היים,
איך וועל מײַנע וואָרצלען פֿאַרדעקן
מיט ערד און מיט זאַמד און מיט ליים.

דערמאָנונג

מיר איז ניט אומעטיק מיט זיך אַליין,
אין גרויסער איינזאַמקײַט איך בלײַב ניט איבער;
מײַן קינדהײַט קומט צוגאַסט צו מיר צו גיין,
די יוגנט שפּאַנט מײַן שטילע שוועל אַריבער.

און פֿול מײַן צימער ווערט מיט לוסטיקײַט און ראַש,
די יאָרן וויכערן, ווי כוואַליעס אין אַ יאַם,
איך בלאָז פֿון זיי אַראָפּ דעם קאַלטן אַש —
און וואַרעם זיי אין הייסן פֿלאַם.

אירמע דרוקער

דער שרײַבער און זײַן העלד

(דער זיידע מענדעלע און מיכאָעל־יוסעף גוזיקאָוו[1])

לויט דעם, ווי דער זיידע מענדעלע האָט אָנגענומען, איז ער געבוירן געוואָרן אין 1836 יאָר. הייסט עס, אַז ער האָט מיט מיכאָעל־יוסעף גוזיקאָוון צוזאַמען אָפּגעלעבט אױף דער וועלט ניט מער ווי איין יאָר, ווײַל, ווי באַוווּסט, איז גוזיקאָוו געשטאָרבן אין 1837. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דעם זיידן האַלטן מיכאָעל־יוסעפן פאַר זײַן בעל־דאָר.

דאָס רעכט צו פאַררעכענען גוזיקאָוון פאַר זײַן בעל־דאָר האָט דער זיידע זיך גענומען דערפאַר, ווײַל דער כעזשבן איז באַשטאַנען ווײַט ניט פון איין יאָר, נאָר פון אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן. זינט ער האָט זיך געדענקט, פון די ערשטע קינדער־יאָרן ביזן סאָף פון זײַן לעבן, האָט אים באַגלייט דער נאָמען מיכאָעל־יוסעף.

וועגן אים, וועגן מיכאָעל־יוסעף גוזיקאָוון, האָט מען מײַסעס דערציילט, געשיכטעס אין די פּינקייסים פאַרשריבן און לעגענדעס געוועבט ניט נאָר אין קאַפּוליע, ניט נאָר אין סלוצקער קרײַז, ניט נאָר אין מינסקער גובערניע, נאָר איבער גאַנץ רײַסן, אוקראַיִנע, ליטע און פּוילן. אומעטום נאָר, ווּ ייִדן האָבן געוווינט, געלעכצט נאָך אַ ניגן, אַרויסגעקוקט אױף אַ נײַעם שטערן. אױף יענעם שטערן, וואָס איז פּול מיט ליכט און זאָגט אָן אַ נײַעם יאָמטעוו.

נאָך ייִנגלווײַז, ווען ער, דער זיידע מענדעלע, האָט געהייסן שאָלעמקע, איז ער געבענטשט געווען מיט אַ באַזונדער קויעך־האַדימיען, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרשטעלונגס־קראַפט. אַלץ, וואָס מ׳האָט אים דערציילט, אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער עס געזען, ווי דאָס זאָל פּאַסירן און פּאָרקומען פאַר זײַנע אויגן.

די סאַמע ווײַטסטע צײַטן זײַנען מיט אַ באַזונדער קפיצאַס־האַדערעך אַראָפּגעקומען צו אים אין זײַן צײַט. דעם נעכטן האָט ער געזען און געפילט, ווי דעם הײַנט, וואָס איז נאָרוואָס אופּגעגאַנגען.

אין יאָם פון טאַלמוד, אין וועלכן שאָלעמקע האָט זיך יעדן טאָג געלאָזט שווימען, פלעגט ער צוגעבן אַ געשטאַלט צו אַלע די, וואָס האָבן זיך באַוויזן פאַר אים דאָרט. די טאַנאָיִם, וואָס האָבן זיך געקריגט און ניט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק, וואָס זאָל מען טאָן מיטן איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן יאָמטעוו, צי דאַרף מען עס לאָזן ליגן, ביז די וואָך וועט קומען, צי מ׳מעג עס פאַרניצן פאַר אַ יאָמטעוודיקן מײַכל, האָבן בײַ אים אויסגעזען ווי מאַרק־סעדעכעס, „ווי ווײַבער, וואָס איינע די אַנדערע פאַרגינט נישט, איינע שפּאַרט איבער די אַנדערע". ער האָט געקאָנט איבערגעבן מיט אַלע פּישטשעווקעס „די צוויי, וואָס האַלטן דאָס קלייד", זייער אויסזען, זייער הוילעך, זייערע קולעס, זייער איבערשרײַען איינער דעם צווייטן:

— איך האָב עס געפונען פריִער, איך, און ניט דו.

---

[1] אַ שקלאָווער קלעזמער (1809—1837). זיך אויסגעצייכנט אַלס פלייטיסט. צו 17 יאָר ווערט ער קראַנק אױף טובערקוליאָז, דערפינדעט דעם „האָלץ־שטרויענעם פידל" (דעם איצטיקן קסילאָפאָן). אויך אױף אָט דעם אָרעמען אינסטרומענט צייכנט ער זיך אויס אַלס ווירטואָז־מײַסטער, וואָס האָט מיט זײַן שפּילן איבעראַשט די גרעסטע מוזיקער פון זײַן צײַט (אָנמערקונג פונעם אַווטאָר).

ער האָט געקאָנט אָנגעבן אַלע פּרימעטעס, אַלע סימאָנים פונעם „אָקס, וואָס האָט געשטויסן די קו“, גלײַך ווי ער וואָלט זייער פאַסטעך געווען און זיי ביידן, דעם אָקס מיט דער קו, געדענקט פון יענער צײַט, ווען זיי זײַנען נאָך געווען קעלבלעך און זיך געפּאַשעט אין פרידן.

די שענסטע זעונגען פלעגן זיך אַנטפּלעקן פאַר שאָלעמקען פאַרטאָג, ווען ער פלעגט זיך פּעדערן לעבודת הבורא[1] — צו גאָטס דינסט, גיין אין קלויז איבערכאַפּן אַפן ניכטערן האַרצן אַ בלאַט געמאָרע. דער הימל פלעגט זיך פאַר אים דאַן אַראָפּלאָזן אַף דער ערד, און די ערד פלעגט זיך אופהייבן אין דער הייך און פאַרבײַטן דעם הימל.

שאָלעמקע איז צופרידן, וואָס ער טרעט אַף קאַפּוליער ערד און שפּאַנט איבערן הימל. ער איז צופרידן, וואָס אין דער פינצטער זעט ער אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויבן.

גאַנץ קאַפּוליע שלאָפט, און ער איז וואַך...

עס בלאָזט אַ ווינטל. און שאָלעמקען דאַכט זיך, אַז מיט יעדן בלאָז און מיט יעדן פלי וועקט אוף דאָס ווינטל אָן אַנדער שפּילנדיקע קיילע, רירט אָן אָן אַנדער סטרונע. עפּעס אַ קלייניקײַט — צענדליקער טויזנטער מאַלאָכים שפּילן אַף פאַרשיידענע קיילים און הערן ניט אוף זינגען שירע!

יעדער מאַלעך, ווי נאָר ער הייבט אָן זינגען, באַקומט ער טויזנטער מײַלער און יעדער מויל טויזנטער צינגער, און יעדער צונג האָט זיך זײַן באַזונדער געזאַנג. די גרעסטע און שענסטע קאַפּעלע אין דער וועלט! און פירן פירן אָן מיט דער קאַפּעלע בלויז צוויי קאַפּעלמייסטערס — איין מיכאָעל און אַ צווייטער מיכאָעל.

וועגן איינעם פון זיי ווערט געזאָגט: מכאל המלאך ממונה על השירה בשמים[2] — מיכאָעל דער מאַלעך האָט צו שאַפן מיט דער נעגינע אַפן הימל. איז ווער זשע קאָן שאַפן מיט דער נע־גינע אַף דער ערד, אויב ניט ער, דער שקלאָווער מיכאָעל? אַוודע ער, גוזיקאָוו! ער, און ניט קיין אַנדערער. אָט זעט ער, שאָלעמקע, מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון, ער זעט אים אַזוי קלאָר, ווי ער זעט מיכאָעל דעם מאַלעך.

צוויי קאַפּעלמייסטערס, און שאָלעמקע אינדערמיט. דער מאַלעך און דער מענטש שווײַגן, זיי ווילן ניט שטערן דעם ייִנגל אין זײַנע לויטערע מאַכשאָוועס, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו זיי ביידן.

איין מיכאָעל און אַ צווייטער מיכאָעל, און ביידע זײַנען זיי אַלציינס וויכטיק, ווי דער הימל מיט דער ערד, וואָס זײַנען איינצײַטיק באַשאַפן געוואָרן און קאָנען ניט האָבן קיין קיִעם איינער אָן דעם צווייטן.

איז פאַרוואָס זשע גיט מען אָפּ די בכוירע דעם מאַלעך מיכאָעל? — פאַרדריסט שטאַרק שאָלעמקען.

אַ סאַך מאַכשאָוועס זײַנען אין שאָלעמקעס האַרצן, און וואָס מער מיט אַ מאַכשאָווע, אַלץ מער מיט אַ פאַרדראָס.

אַפילע דער טילים, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל קאַפּיטלען פאַר די פאַרשיידענע זינגער און שפּי־לער, האָט קיין איין קאַפּיטל ניט אויסגעטיילט פאַר מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון. ווער־ווער, נאָר דער טילים האָט באַדאַרפט פאָרויסזען, אַז אַף דער ערד וועט קומען אַזאַ שפּילער, ווי גוזיקאָוו.

ווער־ווער, נאָר דער טילים האָט באַדאַרפט צווישן זײַנע שענסטע געזאַנגען ווידמענען אַ שיר־מיזמער לעקאָוועד זײַן נאָמען.

נאָר דער טילים האָט ניט פאָרויסגעזען...

וויפל מאָל האָט שוין שאָלעמקע זיך איבערצײַגט, אַז גוזיקאָוו ווערט דאָ מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט, און דאָך, שטענדיק, ווען ער קומט אין קלויז, כאַפּט ער זיך צום טילים און בלעטערט אומרויִק זײַנע קאַפּיטלען, עפּשער איז פאַר דער נאַכט אַ נעס געשען? מיט אַ ציטערדיק האַרץ בלעטערט שאָלעמקע און בלעטערט די פאַרשיידענע מיזמערס און לאַמנאַצייעכס, און, ווי אַלע־מאָל, פעלט אויס דאָס גוזיקאָוו־קאַפּיטל...

און שאָלעמקע שווערט בײַ דער שײַן פון דעם כײלעוונעם ליכטל, בײַם טילים און בײַ דער געמאָרע, וואָס לעכצט געלערנט צו ווערן, אַז ווי נאָר עס וועט אַף אים נעמען רוען דער רועך־האַקוידעש, אַז ווי נאָר ער וועט קומען צום וואָרט, וועט ער מעמאַלע זײַן דאָס, וואָס עס פעלט אַזוי שטאַרק אויס. ער וועט אַרײַנשרײַבן דאָס קאַפּיטל מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו.

■

אין טימקאָוויטש, ניט ווײַט פון קאַפּוליע, ווו דער ייִאָסעם שאָלעמקע איז ניט אַזוי אויסן געווען דאָס לערנען אין בעסמעדרעש, ווי די „טעג עסן“, אין סלוצקער און אין ווילנער יעשיוועס, אין דעם געווימל פון טאַנאָיִם, אַמוראָיִם, געוינים און מעפאָרשים, אין דעם געפּעכט פון שײַלעס

---

[1] לאַאַווידאַס האַבוירײ; [2] מיכאָעל האַמאַלאַך מעמונע אַל האַשיראָ באַשאָמאַיִם.

אוטשוועס — פראגז און ענטפערן, — פון קאשעס און טערוצים, האָט שאַלעמקען ניט פאַרלאָזט דער געדאַנק וועגן מיכאַעל־יויסעף גוזיקאָווען און ער פלעגט זיך נאָכפרעגן בא די יעשיוועבאָכערים, צי ווייסן זיי עפּעס־וואָס וועגן אים.

און האָבן די יעשיוועבאָכערים געוווּסט עפּעס וואָס וועגן מיכאַעל־יויסעפן, פלעגט שאַלעמקע פאַרגאַפּט אויסהערן און ניט לאָזן פאַרלירן גיין קיין איין וואָרט.

און האָבן זיי ניט געוווּסט פון וואָס צו זאָגן, פלעגט שאַלעמקע אַ באַגײַסטערטער דערציילן און דערציילן, דערציילן אַזוי לאַנג, ביז מיכאַעל־יויסעף פלעגט אַרויסשטויסן אַלע טאַנאָים, אַמוֹראָים און מעפאַרשים, און די יעשיוועבאָכערים האָבן מיט אָנגעצונדענע אויגן און אָפענע מײַלער זיך געבעטן:

— שאַלעמקע, צי ניט די אַצאַמעס! נאָך! נאָך! ווײַטער, ווײַטער!..

שאַלעמקעס גאַלעס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. ער האָט ניט באַוויזן זיך אָנצוּוואַרעמען אין טימקאָוויטש און איז אויסגעוואַקסן אין קליינעם דערפל מעלניקי, ווו זײַן שטיפפאָטער האָט געהאַלטן די וואַסערמיל.

אַרום און אַרום — טיפע געדיכטע וועלדער, צווישן וועלכע עס פלייצט אַ היפּשער טײַך, וואָס נעמט גערן אַרײַן אין זיך אַלע טײַכלעך און סאַזשלקעס פון אַרום. אָף איין זײַט טײַך, פאַרזונקען אין גרינוואַרג און אין ביימער, — דרײַ קליינע פויערשע הײַזלעך, אָף דער צווייטער זײַט טײַך — אַ שטיל, שווײַגנדיק, האָכנאַעדיק שטיבל — דאָס שטיבל פונעם אַרענדאַר, און די רוישנדיקע וואַסערמיל.

אַזויפיל שיינקײַט אַרום און אַרום, און אַזאַ קליינע צאָל באַוווינדערער. די שיינקײַטן פון מעלניקי וואָלטן דאָך געקאָנט סטײַען פאַר הונדערטער און טויזנטער מענטשן.

שאַלעמקע איז געווען זיכער, אַז דאָ געפינט זיך דער גן עדן התחתון[1] — דער אונטערשטער, ערדישער גאַניידן.

פאַרטאָג, באַם אויפגאַנג פון דער זון, און פאַרנאַכט, בא איר שקיִע, האָט אַ שײַנענדיקע און פלאַמענדיקע די שכינע זיך אַנטפּלעקט צו שאַלעמקען דורך יעדן בוים. ער האָט זי געזען און געהערט, ווי זי זאָגט צו אים:

— מעשי ידי להתפאר[2] — ס'איז דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען! איך מעג זיך באַרימען מיט דעם שטיקל אַרבעט, וואָס איז אַרויס פון מײַנע הענט.

שאַלעמקע וויל אויסשרײַען: יאָ! ער וויל אויסשרײַען אַזאַ „יאָ", וואָס זאָל אָפּקלינגען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, און עס שרײַט זיך ניט. דאָס געזאַנג וועגן און ווונדער וועגן די שיינקײַטן פון דער נאַטור איז דאָס סאַמע שטילסטע בעלאָכאָש־געזאַנג, עס גייטיקט זיך אָפּט ניט אין קיין ווערטער און ניט אין קיין קלאַנגען.

שאַלעמקעס ליפן שעפּטשען ציטערנדיק: מה נאה![3] — ווי שיין ס'איז! דער „מה נאה" רײַסט איבער דאָס לערנען, מאַכט כאַרעוו אַלטע וועלטן און באַשאַפט נײַע. ס'איז אַ גרויסע זינד! פאַר אַזאַ זינד איז מען חייב מיתה[4] — קומט טויט־שטראָף.

און שאַלעמקע ווידערשפּעניקט און שטעלט זיך מיט אַלע זײַנע קויכעס קעגן די כאַרעוו וועלטן און הערט ניט אויף איבערכאַזערן:

— מה נאה — ווי שיין ס'איז דער בוים, ווען ער איז אַליין! ווי שיין ס'זײַנען די ביימער, ווען זיי זײַנען אַלע צוזאַמען.

מה נאה! — ווי שיין ס'איז אַלץ, וואָס דאָס אויג זעט און דער אויער הערט. שיין איז דער פויגל אומעטום, נאָר אַ פויגל אין וואַלד איז גאָר עפּעס אַנדערש, ער איז בא זיך אין דער היים. און ווי קאָן זיך זינגען אַזוי געשמאַק ווי אין דער היים? אין דער פרעמד זינגט זיך ניט.

די פויגלען אין שטעטל און אין שטאָט, דוכט זיך שאַלעמקען, זײַנען נאַווענאַדניקעס, וואָס ריכטן אָפּ גאַלעס.

אַ פויגל אין וואַלד, אַז ער זינגט, זינגט מיט אים מיט דער טײַך, יעדער בוים, יעדע צווײַג, דער הימל אין דער הייך און די ערד פון אונטן, עס זינגען אַלע וועגן און שטעגן, ווו נאָר אַ גרעזל און ווו נאָר אַ געוויקס.

אפילע זי, די פאַרהאַרעוועטע וואַסערמיל, דוכט זיך שאַלעמקען, האָט דאָ האַנאָע ניט פון מעל מאַלן, נאָר פון דעם, וואָס איר פליִסקענדיקער געקלאַפּ און גערויש גיסן זיך צונויף מיט די אַלע אַרומיקע קלאַנגען.

דאָס געזאַנג האָט דורכגענומען שאַלעמקען אָף דורך און דורך, עס האָט געבראָמט אין אים

[1] גאַניידן האַטאַכטוין; [2] מאַאַסיי יאָדײַ להיספּאָער; [3] מאַ נאָע; [4] כײַאָוו מיסאָ.

אינווייניק, זײַנע ליפּן האָבן ניט געוווּסט פון קיין רו, און אויך די צען פינגער זײַנע האָבן פאַר־לאַנגט אײַנציקווײַז און אַלע צוזאַמען עפּעס צוגעבן צו דער שפּיל, שרײַבן, מאָלן, דערציילן.

נאָר געשען איז, אַז דער אָנגעלייענטער און מיט האַסקאָלע אָנגעשטעקטער שאָלעמקע האָט גויווער געוווען שאָלעמקען דעם דיכטער. ווי נאָר ער האָט די פּען גענומען אין האַנט, האָט זי אָפּ־געקערעוועט אָן א זײַט, פאַרפירט אים אַף אַן אַנדער וועג, גאָר ניט אַהין, וווּ אים האָט זיך גע־וואָלט גיין, — אָנשטאָט געזאַנג האָט ער זיך צעכקירעט וועגן סייכל, עמעס, שעקער און גײַווע. אָנשטאָט א ליבגעזאַנג דער נאַטור האָט ער גענומען שרײַבן א דיִאַלאָג — געשפּרעך אָפּן שניט פון לוצאַטאָס „לישרים תהילה"[1] — א ליוב די ערלעכע.

די דראַמע צווישן דעם דיכטער און מאַסקיל האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז אין די מעלניקער וועלדער האָט גענומען אָפּהילכן א נײַ ווידערקאָל פון קלאַנגען און ווערטער, דאָס ווידערקאָל פון דער ערשט נאָרוואָס געבוירענער ליד מזמור לשלום בהיותו במדבר מעלניקי"[2] — שאָלעמס א געזאַנג, ווען ער איז געוווען אין מעלניקי־מידבער. שאָלעמקע האָט זײַן „מזמור לשלום" גע־לייענט פון פרי ביז שפּעט באַנאַכט, און וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ מער איז אים זײַן ערשטלינג־ליד געפעלן געוואָרן, אַלץ מער איז ער געוווען איבעראַשט, און אַלץ מער האָט ער באַוווּנדערט דעם ווונדער פון שאַפּן און באַשאַפן ווערטער, וואָס זאָגן אויס אַלץ, וועגן וואָס דו האָסט געטראַכט, אַלץ, וואָס ס'איז געוווען פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון האַרצן.

דאָס גליק איז אָבער ניט ווי דאָס אומגליק, וואָס פאַרזאַמט זיך און אײַלט זיך ניט אַוועק־גיין, עס איז ניט מער ווי א דורכלויפנדיקער שאָטן.

די פרײדיקע ווידערקוילעס פון זײַן ערשטלינג־ליד זײַנען פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער פאַרשרײַען און פאַרהילכט געוואָרן פון גוזיקאָווס באַשולדיקונגס־קאָל:

— דו האָסט ניט געהאַלטן וואָרט! דו האָסט געבראָכן די שווּע! דער ערשטער מיזמער, וואָס האָט לויט דײַן שווּע באַדאַרפט געהערן מיר, איז געוואָרן דער מיזמער וועגן דיר. דאָס איז דאָך עמעסע גזיילע.

— איך בין ניט שולדיק! — האָט זיך שאָלעמקע געבעטן ראַכמים. — איך האָב אַף דעם „מזמור לשלום" קיין שליטע ניט געהאַט, ער האָט זיך אַליין פון זיך אַרויסגעריסן, אַליין געקומען אַף דער וועלט.

— ווער איבער וועמען איז באַלעבאָס, דער זינגער איבער זײַן געזאַנג צי דאָס געזאַנג איבערן זינגער? — האָט זיך א געלעכטער געקויקלט פון אַלע זײַטן וואַלד, און גוזיקאָווס קאָל האָט געפּײַניקט און געפּײַניקט:

— דער, וואָס איז באַרופן געבן א טיקן, באַרופן געבן לעבן, און גיט ניט, איז אַלציינס, ווי ער זאָל אָפּנעמען דאָס לעבן, ווי ער זאָל בלוט פאַרגיסן, האַרגענען. ווי קאָנסטו האַנאָע האָבן פונעם לעבן, פון דער וועלט, ווען איך, וועמען דו האָסט ניט איין מאָל זיך אין ליבע דערקלערט, בין איבער דײַן שולד אין אוילעם־האַטויהו. פון מײַנע שקלאָווער בין איך דערווײַטערט און מיט די אַכענער בין איך ניט נאָענט געוואָרן. איך בין א פרעמדער, ס'איז ניט מײַן ערד, ס'איז ניט מײַן שקלאָוו, ס'זײַנען ניט מײַנע שקלאָווער ייִדן...

א באַפאַלענער אינמיטן וואַלד, איינער אַליין, ראַטעוועט זיך שאָלעמקע:

— יאָ, עמעס, כ'האָב טאַקע געשווירן, איך האָב אָבער געשווירן מעקײַעם זײַן דעם טיקן נאָר דאַן, ווען דער הייליקער גײַסט וועט רוען אַף מיר. מײַן ערשטער מיזמער וועגן זיך איז ניט מער ווי א פונק, דער ערשטער פונק, און ניט דער פלאַם. איז ווי זשע קאָן אַן אומצײַטיקער זינגען וועגן א צײַטיקן? דו, מיכאָעל־יויסעף, ביסט צײַטיק געוואָרן פאַר דער צײַט, דו ביסט איינער פון די אויסדערווײלטסטע, פון די געציילטע. און איך, איך באַדאַרף נאָך א סאַך, א סאַך, ביז עס וועט קומען מײַן צײַט פון צײַטיקן.

דער מיזמער וועגן זיך אַליין איז בא אַלעמען דער ערשטער מיזמער, דאָס איז דאָס גרינע עפּעלע, וואָס נאָר קינדער, כעווּרע קונדייסים בײַסן זיך אײַן אין דעם.

אויב נאָר כ'וועל זוכע זײַן צום פלאַם, וועסטו, מיכאָעל־יויסעף, דער ערשטער דורך אים באַלויכטן ווערן.

■

פון יענעם טאָג אָן האָט שאָלעמקע נאָך פלײַסיקער גענומען קלײַבן מײַסעס, געשיכטעס און לעגענדעס וועגן גוזיקאָוון, ער האָט זיי געקליבן צווישן די שלעפער פון אוורעמל דעם הינקע־דיקנס בויד, צווישן דער קאָמפּאַניע מעשוירערים, באַם כאַזן, וועמען ער האָט פאַרדונגען זײַן

[1] לײשאָרים טהילאָ; [2] מיזמויר לעשאָלוים ביהיויסו באַמידבאָר מעלניקי.

ניט לאַנג געענדערטע שטים, זײַן נאָך ניט צײַטיקן באַריטאָן, צווישן די קאָקאַרדע־לערער, אין קאַמענעצער קאַזיאָנער שול, צווישן פאַרשיידענע פּען־לײַט און צווישן יידן פון א גאַנץ יאָר.

אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס געהאַט צו גוזיקאָוון, האָט שאָלעמקע געקליבן, ווי עס קלײַבט אַן אָרנטלעכער באַלכויוו גראָשן צו גראָשן, רובל צו רובל, קעדיי מיט דער צײַט זיך קאָנען פאַנאַנדערצאָלן מיט די כויוועס.

און האָט זיך שאָלעמקען פאַרוואָלט שרײַבן, האָט ער געשריבן אַזוינס, וואָס זאָל מיט קיין אָס ניט אַרויסרופן מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון פון דער אוילעם־האַטויהו־וועלט...

שאָלעמקע האָט געהאָפט, אַז גראַדע מיטן אָפּקערן אָן א זײַט וועט ער אָן איבעריקן אָנליגן וועג קומען צו דער טיף אין אים אויסגעוואַרעמטער און אויסגעטראָגענער טעמע.

אין דער העבריִישער צײַטונג „המגיד"[1], וואָס איז דערשינען אין פּרײַסן, אין דעם 31־טן נומער פון 1857 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן שאָלעמקעס ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט „מכתב על דבר החנוך"[2] — א בריוו וועגן דערציִונג, געכאַסמעט ש"י (שאָלעם־יאַנקעוו) בען כאַיִם־מוישע אַבראַמאָוויטש.

מיכאָעל־יויסעף האָט צורו געלאָזט דעם נעכטיקן שאָלעמקע און דעם איצטיקן שאָלעם־יאַנקעוו בען כאַיִם־מוישע אַבראַמאָוויטש, ער האָט ניט דערמאָנט און ניט געמאָנט...

ער האָט אויך ניט געוואַגט שטערן שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטשן, ווען ער האָט פאַר־עפנטלעכט זײַן זאַמלונג אַרטיקלען אונטערן נאָמען „משפט שלום"[3] — שאָלעמס מישפּעט, אין וועלכן ער האָט שאַרף קריטיקירט און אָנגעוויזן די וועגן, אויף וועלכע עס דאַרף גיין די ליטעראַטור.

מיכאָעל־יויסעף איז אַפילע אָפּן זינען ניט אַרופגעקומען שאָלעם־יאַנקעוון, ווען ער האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַרײַנגעוואָרפן אין זײַן גרויסער אַרבעט פון נאַטורגעשיכטע — „תולדות הטבע"[4].

שאָלעם־יאַנקעוון איז אַפילע אָפּגעגאַנגען גלאַט דאָן, ווען ער האָט פאַרפאַסט א ספור אהבים[5] — א ליבע־דערציילונג, א ראָמאַן אין א קלאָרן העברעיִש מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט אונ־טערן נאָמען „למדו היטב"[6], וואָס איז אין זעקס יאָר אַרום אויסגעבעסערט און פאַרגרעסערט געוואָרן אונטערן נאָמען „האבות והבנים"[7] — עלטערן און קינדער.

און גראַדע דאָן, ווען שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט אויסצושטייַן פון זײַן איבערגיין פון העברעיִש צו יידיש, גראַדע דאָן, ווען ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר א מויכער־ספאָרים און מיטן נאָמען פון זײַן נײַעם העלד „דאָס קליין מענטשעלע" געשלאָגן זײַנע קעגנער, האָט דער לאַנגאָניקער מאָנער מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו זיך אַרײַנגעריסן מאָנען זײַן כויוו. ער האָט זיך אַרײַנגעריסן, ווי א דונער, און איינצײַטיק אָנגעפאַלן סײַ אויפן קליין מענטשעלע און סײַ אויף זײַן באַשעפער:

— א טקיפעס פון א טאַקיף! וואָס מיינט ער זיך, אַז ס'איז העפקער פּעטרישקע, אַז אויך נאָכן טויט קאָן ער טאָן, וואָס ער וויל, אַז אויך נאָכן טויט קאָן ער זײַן א כאַפער און פאַרכאַפער, שטויסער און אַן אַרויסשטויסער!

— ווער טאַקיף, וואָס טאַקיף, אויף יענער־וועלט האָבן אַלע מייסים איין פּאָנעם, די גרוב וועט קיינער באַ קיינעם ניט אויסכאַפּן, ווײַל קיין בעסערע גרוב איז ניט בענימצע, אַלע זײַנען זיי טיף אין דער ערד, — האָט ייִצכאָק־אוּוראָם טאַקיף, א דערשלאָגענער און צעבראָכענער, טויט, ווי אַלע טויטע, געפּרווּוט שטילן דעם צאָרן פון מיכאָעל־יויסעפן, — אויף אַלע מײַנע סאָנים אַזא טקיפעס, איך וואָלט צוגעצאָלט מי־יודייִע וואָס, אַז עמעצער זאָל פאַרנעמען מײַן אָרט. שאָלעם־יאַנקעוו האָט דאָך מיך פון מײַן אייביקער רו אַרויסגערופן, אַז ס'זאָל מיך ניט אופהערן וואַרפן אין קאַפּהאַקאַל, אַז אויף אייביק זאָל זײַן מײַן נאָמען צו שאַנד און צו שפּאָט.

מיכאָעל־יויסעף האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו דערווידערן. איצט, דאָס ערשטע מאָל נאָכן טויט, איז ייִצכאָק־אוּוראָם טאַקיף גערעכט. איצט, דאָס ערשטע מאָל נאָכן טויט, האָט ייִצכאָק־אוּוראָם טאַקיף געזאָגט דעם עמעס. אַזוי, אַז אַלע באַשולדיקונגען און אַלע טײַנעס זײַנען אומ־בעראַכמאָנעסדיק געשלײַדערט געוואָרן דעם מעכאַבער אין פּאָנעם אַרײַן.

— וואָס האָסטו געטאָן?!

— וואָס זאָל איך טאָן, — פאַרענטפערט זיך שאָלעם־יאַנקעוו, — אַז דער אָפּשפּעטער אין מיר לאָזט מיך ניט צורו און רעדט מיך אָן נאָר אָפּשפּעטן און אָראָפּרײַסן מאַסקעס.

איך בין געבוירן געוואָרן צו זײַן א זינגער און באַזינגער, און דאָס לעבן, וואָס איז ביטער ווי גאַל, טראָגט מיר אונטער גאָר אַנדערע סטרונעס, מײַנע פינגער ווערן פול מיט צאָרן, און

---

[1] האמאגיד; [2] מיכטאָוו אל דוואר האכינוך; [3] מישפּאָט שאָלוים; [4] טוילדויס האטעווא; [5] סיפּור אהאווים;
[6] לימדו הייטעוו; [7] האָאווויס וועהאבאָנים.

אַנשטאָט פידל שפּילן נעמען זיי זיך צונויף אין א פּויסט. וואָס זאָל איך טאָן, אַז די בעטלער־טאָרבע פאַרשטעלט דעם וועג צו דער שאַך־קאַמער?

מיכאָעל־יוסף נעמט ניט אָן שאָלעם־יאַנקעוס פּאַרענטפערן זיך און באַשולדיקט און באַשולדיקט...

— אין יידיש? — האָט שאָלעם־יאַנקעוו געפּרוּווט פלוצלינג מיטאמאָל אַפּהענטיק מאַכן זײַן באַשולדיקער. — דו, מיכאָעל־יוסף, וואָלסט דען געוואָלט, איך זאָל שרײַבן וועגן דיר אין יידיש?

— אוואדע אין יידיש, און נאָר אין יידיש! מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס האָבן גערעדט אַף יידיש, געלאַכט און געוויינט אַף יידיש. מיט יידיש זײַנען מײַנע ליפּן צוגעפּאַלן צום פּלייט און מײַנע פינגער זײַנען געווען אָנגעגורט באַם אויסשפּילן מײַנע ערשטע געזאַנגען אַפן האַלץ־שטרויענעם פידל. מיט יידיש בין איך געגאַנגען צו דער וועלט, און מיט יידיש בין איך געגאַנגען פון דער וועלט. איך בין געווען זיכער, אַז אין יידיש וועסטו אָנהייבן פון מיר און ניט פון אים, פון יצחק־אַווראָם טאַקיף. וואָס האָסטו געטאָן? אַף וועמען האָסטו מיך פאַרביטן?

— פאַרביטן? עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס, — באַשיצט זיך שאָלעם־יאַנקעוו מיט די לעצטע קויכעס, — כ'האָב קיין שום בײַט ניט געמאַכט, כ'האָב בלויז מיטן „קליין מענטשעלע“ אָפּגעראַמט דעם וועג פאַר דיר... ווען מ'גייט בויען א שטוב, טריקנט מען פריער אויס די בלאָטעס... ווען מ'גייט פלאַנצן א ווײַנגאָרטן, רייניקט מען פריער פון אַלץ אָפּ דעם באָדן פון שטיינער, פון ווילדגראָז און שטעכלקעס.

■

שאָלעם־יאַנקעוו אבראַמאָוויטש האָט פאַרביטן זײַן נאָמען אַף סענדערל, סענדערל איז פאַרביטן געוואָרן אַף מענדעלע, אַף מענדעלע מויכער־ספאָרים. דער נײַער נאָמען איז פאַר שאָלעם־יאַנקעוון צוגעגרייט געוואָרן פון קאַדמוינים. פון ששת ימי בראשית[1] — פון די זעקס טעג, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט אַף אים געוואַרט א פערד־און־וועגעלע און ס'איז אַף אים ניגזער געוואָרן: „וואָגל, פייגעלע, וואָגל, דו אומגליקלעכער פון די אומגליקלעכע“, וואָגל! הער, זע, קוק זיך צו, פאַרצייכן און פאַרשרײַב, אַז די קומענדיקע דורעס זאָלן עס וויסן, אַז קליין און גרויס זאָלן עס געדענקען.

וואָגל! אזא איז דער גורל פון די, וואָס ריכטן אָפּ זייערע לעבנס־רײַזעס מיט א פערד־און־וועגעלע אַף דער זינדיקער ערד.

דער טראַקט האָט געפירט פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר.

א נײַ אָרט, — זאָגט מען, — ענדערט אמאָל דאָס מאַזל, אָבער קיינמאָל ענדערט ניט א נײַ אָרט דאָס, וואָס ס'איז אײַנגעבאַקן פון קינדווײַז אין האַרצן, דאָס, וואָס ס'באַגעגנט און באַגלייט דיך אַף טריט און שריט.

די זשיטאָמירער וועלדער האָבן זיך פאַרייניקט מיט די ווײַסרוסישע וועלדער, וואָס אַרום דערפל מעלניקי, דער דניעפּער מיט „סאַרע־ברײַנקען“ — מיט דער שקלאָווער סערעבריאַנקע־אָזערע — האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן טעטערעוו. א דועט פון באַזונדערע קאַנטן! א דועט פון ווידערקאָלן!

שאָלעם־יאַנקעוו שרײַבט אויס באַגײַסטערט:

„איך האָב דיך ליב, טעטערעוו, איך האָב אײַך ליב, האַרציקע, ליבע, נאָענטסטע וועלדער זשיטאָמירער!“

און דאָס געוועזענע ייִנגל אין אים, דער געוועזענער שאָלעמקע, שרײַבט אים נאָך:

— איך האָב דיך ליב, מעלניקי, איך האָב אײַך ליב, האַרציקע, ליבע, נאָענטסטע וועלדער קאַפּוליער, טימקאָוויטשער, ווײַסרוסישע!

שאָלעם־יאַנקעוו וואָלט געוואָלט, אַז דער דועט זאָל זיך ציִען און ציִען, אַז שאָלעמקע זאָל אים אַזוי נאָכגיין און באַגלייטן ביזן סאָף פון זײַן לעבן. געזאַנגען און קלאַנגען, ווי די ביימער פון זשיטאָמירער און מעלניקער וועלדער, ניט איבערצוציילן זיי. יעדער געזאַנג און קלאַנג וויל זיך לאָזן הערן, יעדער קאָל פאַרלאַנגט זײַן ווידערקאָל.

און פּלוצעם נעמט פּיקן אין מויעך און קלאַפּן א האַרצרײַסנדיקער טיק־טאַק:

פּיק־פּיק! טיק־טיק! האָסט קיין טיקן ניט געגעבן.

דער ויתרוצצו[2] — דער צוזאַמענשטויס פון די צוויי מענדעלעך, פון דעם וואַכעדיקן און יאָמטעוודיקן, האָבן די גאַנצע צײַט ניט געוווּסט פון קיין שאָלעם, באַטאָג און באַנאַכט האָבן זיי מילכאָמע געהאַלטן צווישן זיך. אָט איז דער וואַכעדיקער מענדעלע דער מיילעך, דער באַהער־שער, און אָט נעמט די אויבערהאַנט דער יאָמטעוודיקער מענדעלע.

אין די שאָען, ווען דער יאָמטעוודיקער האָט געקיניגט, האָבן קאַפּיטלען וועגן מיכאָעל־

[1] שיישעס יעמיי ברײשיס; [2] וואַיִסרויצעצו.

יויסעפֿן, ווי די סאַמע אָנגעלייגטסטע געסט, זיך באַזעצט אויבנאָן אין מענדעלעס האַרץ און אין מענדעלעס קאָפּ.

שאָלעם-יאַנקעוו פֿעדערט זיך צום שרײַבטיש פֿאַרצייכענען אַלץ, מיט וואָס די נאַכט האָט אים באַרײַכערט. און אין סאַמע מיט פֿון זיך צעלייגן מיט זײַן אַשירעס און ציילן די נײַ-צוגעקומענע גאָלדענע רענדלעך, רײַסט זיך אַרײַן אוורעמל דעם הינקעדיקנס בויד און פֿאַרטראָגט אים גאָר אין אַן אַנדער וועלט.

שאָלעם-יאַנקעוו פּרוּווט אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. דער מאַרשרוט קיין שקלאָוו איז שוין אָנגעצייכנט. די אַלע וועגן פֿון שקלאָוו, וואָס האָבן געפֿירט מיכאָעל-יויסעפֿן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, ביז ער האָט איז דער דײַטשישער שטאָט אַאַכען געפֿונען זײַן אייביקע רו, זײַנען נאָענט און באַקאַנט שאָלעם-יאַנקעוון, ווי די וועגן און סטעזשקעס פֿון קאַפּוליע, פֿון מעלניקי, פֿון בערדיטשעוו און זשיטאָמיר.

און דער אַשמעדײַ צעשטערט אַלץ! דער אַשמעדײַ גיט אַ כאַפּ שאָלעם-יאַנקעוון ווי דער טײַוול דעם מעלאַמעד, זעצט אים אַוועק רײַטנדיק אַף אַ קליאַטשע, הייבט אים אויף אינדערלופֿטן און פֿאַרפֿליט מיט אים אין אַלדי רוכעס.

שאָלעם-יאַנקעוו קלאָגט זיך, רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פֿאַר זײַן סאַמע נאָענטסטן פֿרײַנט אין זשיטאָמיר, פֿאַרן אָנגעזעענעם זשורנאַליסט לייב בינשטאָק. און לייב בינשטאָק שטעלט זיך אַף דער זײַט פֿונעם וואָכעדיקן מענדעלע. ער דערווײַזט, אַז אויסגעפֿינען אַ שטראַל ליכט אין דער פֿינצטער איז מער קונץ, ווי אָנזאָגן אין אַ זוניקן טאָג, אַז ס'איז ליכטיק.

אין דער „קליאַטשע" ווערט געשטעלט די פּראָבלעם פֿונעם פֿאָלק, און דאָס פֿאָלק איז שטענדיק בילכער פֿונעם יאָכיד, ווי גרויס און וויכטיק דער יאָכיד זאָל ניט זײַן.

שאָלעם-יאַנקעוו דערווײַזט, אַז די הײַנטצײַטיקייט גייט שטענדיק באַנאַנד מיט דער פֿאַרצײַטיקייט. דער הײַנטצײַטיקער שרײַבער מוז דערזאָגן און מוז דערשרײַבן דאָס, וואָס דער פֿאַרצײַטיקער האָט אין זײַן צײַט ניט באַמערקט, ניט דערזאָגט און ניט דערשריבן. נישטאָ קיין נײַס דאָרט, וווּ דאָס אַלטע ווערט פֿאַרשוויגן, פֿאַרגעסן. דער שרײַבער באַדאַרף ניט נאָר נאָכגיין און מיטגיין מיטן לעבן, נאָר אָפּט זיך אויך אומקערן צו דעם שוין לאַנג דורכגעגאַנגענעם.

דער עכטער שרײַבער באַדאַרף זײַן דער היסטאָריקער ניט נאָר פֿונעם איצטיקן דאָר פֿאַר די קומענדיקע, נאָר אויך פֿון די לאַנג געוועזענע דוירעס פֿאַר די איצטיקע. דער שרײַבער מוז זײַן דער זוכר הנשכחות[1] — דער דערמאָנער פֿון דאָס פֿאַרגעסענע.

— דאָס איז אַלץ ריכטיק, — קילט לייב בינשטאָק אָפּ זײַן פֿרײַנט, — אָבער אַף צוויי שטולן קאָן מען ניט זיצן און פֿאַראַמאָל אַף צוויי כאַסענעס קאָן מען ניט טאַנצן...

פֿריִער פֿון אַלץ איז די הײַנטצײַטיקייט!

פֿריִער איז די וואָך, און דערנאָך דער שאַבעס, דער יאָמטעוו...

■

וועגן מיכאָעל-יויסעף גוזיקאָוון האָט זיך אָנגעקליבן אַ רײַכער מאַטעריאַל. ביִאָגראַפֿן, מוזיק-פֿאָרשער, זשורנאַליסטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער האָבן אַף פֿאַרשיידענע שפּראַכן געשריבן וועגן אים.

אין שאָלעם-יאַנקעווס אויגן האָט מיכאָעל-יויסעף גוזיקאָוו אין די אויסלענדישע לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס און אַנטאָלאָגיעס אויסגעזען, ווי יענער געפֿאַנגענער פֿון דער לעגענדע, וועמען מ'האָט פֿאַרשלאָסן אין שענסטן פּאַלאַץ. אַלע באַוווּנדערן זײַן שיינקײַט, זײַן שפּילן, נאָר ווער ער איז, פֿונוואַנען שטאַמט ער, פֿונוואַנען קומט ער, פֿון וועלכע קוואַלן האָט ער געשעפּט, ווייסט קיינער ניט. קיינער פֿאַרשטייט ניט זײַן לאַשן, און ער פֿאַרשטייט ניט די אַלע לעשוינעס אַרום.

עס מוז קומען דער, וואָס קאָן אָפּשאַצן ניט בלויז דאָס שפּילן, נאָר אויך אָנווײַזן, פֿונוואַנען איז דאָס שפּילן געקומען צו אים. עס מוז קומען דער, וואָס וועט זיך קאָנען דערגרונטעווען צו די טיפֿסטע טיפֿן פֿון דער גוזיקאָוו-נעשאָמע.

און דערווײַל ביז וואָס עפּעס, דאַרף די גוזיקאָוו-טעמע באַאַרבעט ווערן דורך פֿאַרשיידענע ביִאָגראַפֿן, מוזיקער, זשורנאַליסטן און פֿאַרצייכענער אַפֿן באָדן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

פּונקט ווי וועגן נאַכמען בראַצלאַווער זײַנען געשאַפֿן געוואָרן „נאַכמאַנטשוקעס" — מײַסעס און געשיכטעס וועגן נאַכמענען דעם מעשאָלים- און מײַסע-דערציילער, אַזוי באַדאַרפֿן אומבאַדינגט געשאַפֿן ווערן וועגן גוזיקאָוון „גוזיקאָווטשוקעס"...

וועט דאָס רויערד פֿון דער טעמע זײַן פֿאַנאַנדערגעאַקערט, וועלן זיך פֿון אַלע זײַטן ווײַזן שרײַבער, יעדערער מיט זײַן קאָרב, יעדערער מיט זײַן באַזונדער זריִע-מאַטעריאַל, און עס וועלן אָנקומען די זיבן זאַטע יאָר פֿון דער גוזיקאָוו-טעמע.

---

[1] זויכער האַנישקאָכויס.

שאָלעם־יאַנקעוו איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט באַשטעלט בײַ איינעם אַ זשורנאַליסט גוזיקאָווס געניויע בּיאָגראַפיע פאַרן „ניטצלעכן קאַלענדאַר״, וועלכן ער האָט געהאַט צונויפגעשטעלט אין זשיטאָמיר אין 1876 יאָר. און דאָ האָבן זיך איבעראַנײַס אָנגעהויבן די שטרײַטן צווישן שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטשן מיט זײַן פרײַנט ליִיב בינשטאָק אַרום די צוויי מענדעלעך — דעם וואָכעדיקן און יאָמטעוודיקן.

לייב בינשטאָק האָט געהאַלטן אין איין דערווײַזן, אַז ניט דאָ אין קאַלענדאַר איז דאָס אָרט פאַר גוזיקאָוון, ער וועט דאָ אויסזען ווי אַ יאָוון, וואָס פאַלט אַרײַן אין סוקע, ס׳איז בוידעם מיט לאָקש, בוידעם מיט פּאָליצע:

דער קאַלענדאַר איז אַ „ניטצלעכער״, איז וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט ער מיט שיינקײַט, מיט אַ בליץ, וואָס האָט אויפגעבליצט און איז פאַרלאָשן געוואָרן. דעם קרעמער, דעם אָרעמען סייכערל, דעם באַלמעלאָכע וועט גוזיקאָוו אָנגיין, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

אַ קאַלענדאַר האָט ליב אַ „בערל מיט אַ שמערל״, אַ „זאָרעך מיט אַ באָרעך״, אַ „פּײַוול מיט אַ פּײַטל״, וואָס האַלטן זיך אין איין וויצלען און אין איין קיצלען.

— אויב אַזוי, קענט איר ניט דאָס פאָלק, — האָט שאָלעם־יאַנקעוו מיט דער גאַנצער לײַדנשאַפט זײַנער דערווידערט זײַן פרײַנט, — דאָס נוצלעכע האָט קיינמאָל באַם פאָלק ניט פאַרווישט דאָס שיינע.

איז איין ייִד מעכאַבעד דעם צווייטן מיט אַ שמעק טאַבאַק, מיינט ער ניט אַזוי דעם שמעק, ווי דאָס פּושקעלע, וואָס איז קונציק אויסגעשניטן פון ביין.

— אַ דאַנק! אַ פײַנער שמעק־טאַבאַק! ער קאָן אַ טויטן אויפוועקן!

— פאַרזוכט זשע איצט מײַנעם, מײַנער איז פאַרפּראַוועט מיט פאַרשיידענע געווירצן.

— מאַכטייסע!

און ביידע ייִדן זײַנען מעקאַנע איינער דעם צווייטן אָף זײַן פּושקעלע, זיי קאָנען זיך ניט אָנקוקן, ניט אָנליבן און פאַרשפּילן זיך מיט די פּושקעלעך, ווי צוויי קינדער מיט נײַעם שפּילגעצײַג.

הײַנט וועגן קלעזמער־קאַפּעלעס? — וועגן קלעזמער־קאַפּעלעס קאָנען צוויי ייִדן ריידן פון בערדיטשעוו ביז ניו־יאָרק און ערשט אין ניו־יאָרק זיך כאַפּן, אַז זיי האַלטן פון פאָרנט.

ס׳איז גענוג, אַז צוויי ייִדן פון צוויי באַזונדערע שטעטלעך זאָלן זיך באַגעגענען, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל זיך אָנהייבן אויספּײַנען פאַרן צווייטן מיט די כידושים פון זײַן קאַנט.

פרוווט אָף טשיקאַוועס אַ פרעג טאָן אַ שקלאָווער ייִדן וועגן שקלאָוו, וועט ער גלײַך אָנגעבן אין ייִכעס דעם דניעפּער, די אָזערע און מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון. דאָס שײַנדל גוזיקאָוו וועגט איבער אַלע גרויסע לײַט, אַלע געלערנטע און כאַכאָמים, וואָס שקלאָוו האָט אַרויסגעגעבן פון זיך.

וואָס שײַעך געלעכטער, זײַט איר, מײַן ליבער פרײַנט לייב, אַוואַדע און אַוואַדע גערעכט. דאָס פאָלק האָט ליב לאַכן, שפּאַסן, זיך וויצלען.

אַ כאָכמע איז בײַ אַ ייִדן טײַערער פון אַ פּאָסעק, און מיט אַ גלײַכווערטל פרייט ער זיך, ווי מיט דער גרעסטער מעציִע.

געלעכטער — דאָס איז איינע פון די זיכערסטע פּאַנצערס, וואָס באַשיצט די שוצלאָזע פון אַלע בייזע לעבנס־ווינטן. אָבער ניט ווייניקער, ווי דאָס געלעכטער, באַשיצט דאָס פאָלק זײַן ליבע צו שיינקײַט, זײַן באַוווּנדערן דעם ווונדער פון דערציילן מײַסעס, שניצן, העפטן, שפּילן, זינגען און טאַנצן.

ווונדערן זיך הייסט גלייבן! גלייבן אין בעסערע צײַטן!

גערעכט איז געווען שאָלעם־יאַנקעוו!..

„דער ניטצלעכער קאַלענדאַר״ פאַר די רוסישע ייִדן אָף דאָס יאָר פינף טויזנט זעקס הונדערט אַכט און דרײַסיק, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז גלײַך אויסגעפאַרקויפט געוואָרן.

דער דערפאָלג פון מיכאָעל־יויסעפס בּיאָגראַפיע איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי איז געדרוקט געוואָרן אין די „ניטצלעכע קאַלענדאַרן״ פון די ווײַטערדיקע יאָרן. פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך געטראָגן בריוו קיין זשיטאָמיר צו שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטשן:

...דער מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו איז אַן עווענטאָוו, אַ בריליאַנט! לאָזט אים ניט אַרויס פון אײַערע הענט. ער דאַרף ווערן אַ נאָענטער און אייגענער אין יעדער מישפּאָכע, אין יעדער שטוב.

באַמאָלט אים, באַשרײַבט אים, דערציילט וועגן אים! וואָס מער, אַלץ מער ליבע וועט איר זיך פאַרשאַפן, אַלץ מער ליוב און מער דאַנק וועט איר באַקומען.

■

ווען אלעקסאנדער סערגייעוויטש פושקין האָט זיך אין אָדעס געזעגנט מיטן שווארצן יאם, האָט ער אים געגעבן דאָס וואָרט, אז ער וועט דעם גערויש פון זײַנע כוואליעס מיטנעמען מיט זיך אין די וועלדער.

און ווען מענדעלע האָט אין 1881 יאָר זיך געזעגנט מיט די זשיטאָמירער וועלדער, האָט ער זיי געגעבן דאָס וואָרט מיטנעמען מיט זיך זייער גערויש קיין אָדעס, צום שווארצן יאם.

יאם און וואלד, וואלד און יאם!

מענדעלע האָט געהאלטן וואָרט... געקומען קיין אָדעס, האָט ער נישט פארגעסן ניט אין די זשיטאָמירער און ניט אין די מעלניקער וועלדער. ער האָט אויך געהאלטן אין איין פארגלײַכן די אָדעסער גאסן מיט די זשיטאָמירער, מיט די ענגע, שמאָלע געסלעך פון קאפוליע, די זשיטאָמירער און קאפוליער באקאנטע מיט די אומבאקאנטע אָדעסער אײַנוווינער.

צווישן יאם און וואלד, אין געווימל פון די געוועזענע באקאנטע און איצטיקע אומבאקאנטע האָט מענדעלען ניט אופגעהערט אופקומען אפן זינען דער ווײַסרוסישער טוישעוו גוזיקאָוו, וואָס האָט מיט א סאך יאָרן צוריק באטראָטן די אָדעסער ערד.

לאָזט זיך אויס, אז זײַן פאָרגייער גוזיקאָוו האָט איבערגעלעבט דאָ אין דער דאָרעם־שטאָט דאָס זעלבע, וואָס ער, מענדעלע, לעבט איצט איבער.

שטודירנדיק, וואָס די אָדעסער פרעסע האָט געשריבן וועגן גוזיקאָווס קומען און זײַן אין אָדעס, האָט מענדעלע זיך אָנגעשטויסן אף אזא באשרײַבונג.

— וואָס הערט איר? — האָט מען געפרעגט בא גוזיקאָוון, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין אָדעס דערזען דעם שווארצן יאם.

— איך הער, — האָט גוזיקאָוו באגײַסטערט אויסגעשריִען, — א וווּנדערלעכן דועט, דעם דועט פון די ווײַסרוסישע וועלדער מיטן אָדעסער שווארצן יאם.

אין דער שפיל פון יאם האָט גוזיקאָוו אויך געהערט פארשיידענע סאָלאָס, קווארטעטן, קווינטעטן, פארשיידענע אָרקעסטערס, וואָס פלעגן אין די שטורעם־טעג זיך פארייניקן אין איין מעכטיקן אָרקעסטער.

אָפט האָט דער יאם אויסגעזען אין זײַנע אויגן ווי א הארפע, ווי די גרעסטע הארפע אין דער וועלט, אף וועלכער עס שפילן די דרײַ גרעסטע וועלט־שפילער — דער ווינט, די זון און די לעוואָנע.

מיט וועמען נאָר מיכאָעל־יויסעף האָט געפרוּווט פארגלײַכן דעם יאם, האָט זיך ניט געגלײַכט. פון אלע ווערטער, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן דעם מענטשן, האָט ער געזוכט און אויסגעקליבן די סאמע שענסטע, די סאמע וויכטיקסטע, און קיין איינס פון זיי האָט ניט געקאָנט איבערשטײַגן און פארבײַטן דאָס קליינע וואָרט יאם, וואָס אנטהאלט אין זיך אזא מעכטיקע גרייס.

אויך מענדעלע האָט די ערשטע צײַט ניט געוווּסט, מיט וואָס און מיט וועמען פריִער צו פארגלײַכן דעם יאם, ביז ער האָט אין איינעם א שיינעם טאָג אינעם לאָשן פון סגי נהור[1] — פון זאָגן דאָס פארקערטע, אף שווארץ ווײַס, אף פינצטער ליכטיק, אף קליין גרויס און אף גרויס קליין, אים פארגליכן צו א „טינטערל“, א טינטערל מיט די פארביקסטע טינטן, א טינטערל, וואָס איז אומויסשעפלעך, טראָגט אין זיך די סוידעס פון אָנהייב ביזן סאָף פון אלע וועלטן.

פון דאָר־דוירעס זינגט דער יאם זײַן געזאנג!

פון דאָר־דוירעס ווערט דער יאם באזונגען פון מענטשן!

ווער נאָר עס גייט צו צו די ברעגן פון יאם, ווער נאָר עס גיט א קוק אף זײַן ראכוועסדיקער אומענדלעכקײַט, אף זײַנע שפילנדיקע פארבן, ווער נאָר עס נעמט אוף און באנעמט זײַנע קוילעס, ווערט א זינגער, דער זינגער פון שטום־שווײַגנדיקן ליבּ־געזאנג, וואָס ברויזט אינווייניק מיטן אימפּעט פון די כוואליעס.

אויס טאָרבע, אויס פערד־און־וועגעלע, אויס קאפּצאָנים, אויס אניִים וועעוויוינים, אויס בלאָטעס, אויס איפּעשדיקע קאליוזשעס. אלץ האָט דער יאם פארטרונקען, אלץ האָט דער יאם פארשוונקט!..

■

אָדעס איז געווען א קערפּונקט אין מיכאָעל־יויסעפּס ביִאָגראפיע, אין אָדעס האָבן זיך געעפנט פאר אים אלע וועגן אין דער וועלט ארײַן.

אוןביידע ביִאָגראפיעס, די ביִאָגראפיע פון דער שטאָט און די ביִאָגראפיע פונעם פאָרגייער און איצטיקן מיטגייער, האָט מענדעלע ניט אָפּגעטיילט איינס פון צווייטן.

---

[1] סאגי נהויר — בוכשטעבלעך, פול מיט שײַן. אָנשטאָט זאָגן א בלינדער, פלעגט מען זאָגן דאָס פארקערטע — א סאגי נהויר — פול מיט שײַן.

ויהי בימי[1] — און ס׳איז געווען אין די צײַטן פֿונעם גראַדאָנאַטשאַלניק הערצאָג רישעליע.

...ויהי בימי — און ס׳איז געווען אין די צײַטן, ווען איבער אָדעס און אין דער גאַנצער געגנט אַרום האָט געהערשט דער גראַף דער גענעראַל־גובערנאַטאָר לאַנזשעראָן.

גראַף נומער איינס, גראַף נומער צוויי, און גראַף נומער דרײַ איז שוין געווען דער רוסישער וואָראָנצאָוו.

מענדעלע באַוווּנדערט דעם וואָראָנצאָוו־פּאַלאַץ, וואָס שטייט, ווי אַ וועכטער אויף אַ באַרג, אַז ס׳זאָל ניט דורכגיין פֿאַרבײַ קיין איין כוואַליע פֿון ים, קיין איין הוידע פֿון אַ צווײַג, קיין איין אויפֿגאַנג פֿון דער זון, קיין איין שפּאַציר פֿון דער לעוואָנע, קיין איין פֿאַרליבטע פּאָר.

אָט דאָ אין דעם פּאַלאַץ האָט מיכאָעל־יוסף גוזיקאָוו זיך געפֿילט ווי אַ פֿויגל אין אַ גאָלדענער שטײַג.

דער שטאָט־טעאַטער. אָט דאָ האָט גוזיקאָוו געשפּילט באַזונדער פֿאַר די אָדעסער אײַנוווינער און באַזונדער פֿאַר די אויסלענדישע געסט.

אָט איז די שול, וווּ ער, מיכאָעל־יוסף, איז אוילע־טוירע געווען און וווּ ער איז אוילע געווען מיט זײַן האָלץ־שטרויענעם פֿידל פֿאַר די פּאָשעטע ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

ווי אַ טפֿילע, האָט מען פֿאַר גוזיקאָווס שפּילן געלייענט יאַנקעוו אייכענבאַומס[2] אָדע וואָראָנצאָוון:

„...אויך מיר, ייִדן, זײַנען צופֿרידן מיטן נײַעם האַר און געוועלטיקער וואָראָנצאָוו, ווײַל ביז אים האָט די שטאָט אָדעס, וואָס האָט נאָך אַזוי ווייניק געלעבט, אַ סאַך צאָרעס און שטורעמס געבראַכט פֿאַר אונדז, ייִדן, אַזעלכע שטורעמס, וואָס ביז הײַנטיקן טאָג וויגט זיך נאָך די שטאָט פֿון זייער צאָרן.

און איצט איז וואָראָנצאָוו אונדזער שוץ, מיר האָבן מער קיין מוירע ניט פֿאַר כאַרפּע און בושע, איצט וועלן מיר בלויז זאַט זײַן מיט נאַכעס“.

און גוזיקאָווס קלאַנגען מאַכן צונישט יאַנקעוו אייכענבאַומס אָדע.

ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אַזאַ אָרעמע קיילע זאָל אַזוי רײַך זײַן מיט צאַר, פֿאַרמאָגן אַזאַ אשירעס פֿון טרויער.

און אָט איז דער פֿעלדז, באַ וועלכן גוזיקאָוו פֿלעגט שאָענלאַנג אָפּשטיין באַם ים, זיך לערנען באַ אים שווײַגן, אויפֿברויזן און אַרויס פֿון די ברעגן.

און אָט איז... און אָט איז... און מענדעלע לאָזט ניט דורך קיין איין שפּור, קיין איין טראָט, וואָס זײַן פֿאָרגייער האָט דאָ אין דער דאָרעם־שטאָט דורכגעמאַכט.

שיין איז געווען די דאָרעם־שטאָט אין די צײַטן פֿון מענדעלען. גאָר אַן אַנדער פּאָנעם האָט זי געהאַט אין די צײַטן פֿון גוזיקאָוון.

די צײַטן מישן זיך אויס — אין דעם איצטיקן אָדעס קומט צוגאַסט דאָס אַמאָליקע אָדעס.

די גאַסן זײַנען ניט ברוקירט. דאָס קלענסטע ווינטל פֿאַרווייעט זיי מיטן גרעסטן שטויב, און גיט אַ גאָס אַ רעגן, איז אַ בלאָטע ביז איבערן האַלדז.

זויגט זיך אײַן די בלאָטע און רײַסט אַראָפּ באַ אַ דורכגייער אַ שוך אָדער אַ שטיוול, איז ער צופֿרידן, וואָס ער איז אַרויס מיטן פֿוס.

מ׳הריזנעט... עס הריזנען מענטשן, פֿערד, עקיפּאַזשן, זיי הריזנען אַזוי טיף, אַז נאָר מיטן קויעך פֿון אָקסן שלעפּט מען זיי אַרויס.

פֿרילינג. די דאָרעם־זון וואַרעמט, דער דרויסן לאָזט ניט אײַנזיצן אין שטוב. שיינע פּאַלאַצן, פֿעסטע מויערן. וואָס שענער און רײַכער זיי זײַנען, אַלץ מער האָבן זיי אונטערגעשטראָכן די אָרעמקײַט פֿון די קליינע שטיבעלעך און נידעריקע הײַזלעך, וואָס האָבן פֿאַרפֿולט די שטאָט.

בלאָטעס! בלאָטעס פֿון נעכטן, בלאָטעס פֿון הײַנט, בלאָטעס פֿון אַלע זײַטן און פֿון אַלע צײַטן. און מענדעלען ציט צו די ערטער, וווּ פּושקין האָט געוווינט, געשאַפֿן, זיך באַגעגנט און געזעגנט מיטן ים.

האָטעל רענאָ. אַהער איז פּושקין פֿאַרפֿאָרן, דאָ האָט ער געוווינט די ערשטע צײַט. פֿונדאַנען איז ער אַריבערגעפֿאָרן אויף נאַדיעזשדינסקע און דערנאָך אויף דער איטאַליענער גאַס.

אָט דאָ איז ער געגאַנגען, אָט דאָ איז ער געשטאַנען, אָט פֿונדאַנען האָט ער אַן עפּיגראַם, ווי אַ גיפֿטיקע פֿײַל, געצילט און געטראָפֿן אין וואָראָנצאָוון.

אָט דאָ, פֿון די באַלקאָנען, האָבן די שענסטע אָדעסער טעכטער פֿון פּושקינען קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

אָט דאָ האָט אויסגעשאָסן זײַן הילכיק געלעכטער, אָט פֿונדאַנען האָט ער צום נאַר געשטעלט אַלע אויבערהאַרן און אונטערהאַרן.

---

[1] ווײַהי בימיי; [2] העברעיִשער דיכטער, געלערנטער (1796—1861).

אַט דאָ האָט ער מיט די טיפסטע ליטערסטע געזאַנגען באַוווּנדערט דעם מענטש, אָנגעזאָגט דעם טאָג פון ליכט און שײַן, דעם טאָג פון פרײַהײַט.

■

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דער וואַכעדיקער מענדעלע האָט אויך דאָ, אין אָדעס, גענומען די אויבערהאַנט איבער דעם יאָמטעוודיקן. מענדעלע איז געצווּנגען געווען זיך אײַנשפּאַנען אין דער שווערער אַרבעט פון פאַרוואַלטן מיט דער אָדעסער טאַלמעדטוירע. די בעסטע שאָען פון טאָג זײַנען געווען פאַרקויפט.

און האָט מענדעלע אוועקגערויבט באַם שלאָף און באַם באַטאָגיקן אָפּרו א שטיקל צײַט פאַרן שרײַבטיש, האָט אים דאָס פערד־און־וועגעלע פאַרפירט אין קיניגרײַך פון נײַע בלאָטעס.

און איז ער נאָר אַרײַן און אַרויס בעשאָלעם פון א נײַ־אַלטער טעמע, האָט אים גלײַך ניט געלאָזט צורו זײַן לאַנגאָניקע קרענק — קיינמאָל ניט זײַן צופרידן מיט זיך, קוקן אָף יעדן לאַנגדערשינענעם ווערק זײַנס ווי אָף א רוי־מאַטעריאַל פאַר א נײַ אויסגעבעסערט און פאַרגרעסערט ווערק.

מענדעלע האָט געהאַלטן, אַז ס'איז ניטאָ קיין אויסגעשעפּטע טעמע. די וועלט ווערט מיט יעדן טאָג עלטער אָף א טאָג, און יעדער טאָג ברענגט מיט זיך עפּעס נײַס אין דער אַלטער טעמע.

ניטאָ אַזאַ נעכטן, וואָס זאָל ענלעך זײַן אָף הײַנט, ניטאָ אַזאַ הײַנט, ער זאָל ענלעך זײַן אָף מאָרגן. יעדער טאָג האָט זיך זײַן באַזונדער זעונג, זײַן באַזונדער לאָשן, זײַן באַזונדער בילד און פאַרגלײַך. יום ליום יביע אומר[1] — איין טאָג זאָגט עפּעס דעם צווייטן, גיט אים עפּעס איבער.

די טײַוועו צו לאָשן, צו בילד און פאַרגלײַך איז גרויס, עפּשער נאָך גרעסער, ווי די טײַוועו פונעם פּראָצענטניק צו זײַנע רענדלעך...

אַזוי־אַרום איז אין אָדעס פאָרגעקומען די צווייטע באַגעגעניש מיט פישקע דעם קרומען. דעם ערשטן האָט ער באַטל געמאַכט, פאַנאַנדערגעשאָטן און איבערגעקנאָטן די בראָכשטיקער, איבערגעשאַפן און באַשאַפן א נײַעם פישקע מיטן אַלטן מום פון קרום זײַן — א צווייטן פישקע דער קרומער.

דער שטענדיק אומצופרידענער מענדעלע איז געבליבן צופרידן: „איצט האָב איך אים איבערגעמאַכט פאַר א נײַ באַשעפעניש".

מענדעלעס נאָענטע פרײַנט, וואָס האָבן געוואוסט, אַז דער זיידע וועט אין אָדעס אופמישן א נײַ בלעטל אין זײַן שאַפן, זײַנען געבליבן אַנטוישט און שטאַרק אומצופרידן:

— ווידער פישקע דער קרומער?

— און וואָס וועט זײַן מיט מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו?

און מענדעלע האָט אויסגעגאָסן זײַן ביטער האַרץ פאַר זײַן אָדעסער פרײַנט מענאַשע מאָרגאָליס, וועמען ער האָט געווידמעט דעם נײַעם, צווייטן וואַריאַנט פון „פישקע דעם קרומען" אין 1888, פונקט ווי ער האָט עס געטאָן אין זשיטאָמיר פאַר זײַן פרײַנט לייב בינשטאָק באַם אַרויסגעבן דעם ערשטן וואַריאַנט אין 1869.

— אײַ, בין איך אײַך מעקאַנע, — האָט מענדעלע ביטער זיך געקלאָגט פאַר מענאַשע מאָרגאָליס, — איך בין אײַך מעקאַנע, וואָס איר האָט צו טאָן „מיט בריליאַנטן און דימענטן פון דער יידישער היסטאָריע", מיטן שענסטן צירונג, וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט, מיט אַזעלכע געשטאַלטן, ווי „הילעל, ראַבי מייער, ראַבי אַקיווע און מיט נאָך אַנדערע גרויסע לײַט, מעיוכאָסים פון הויכן סאָרט מענטשן". אין דער צײַט, ווען איר זײַט „אַרוף אויבן אין די הויכע פענצטער", איז מיר באַשערט געווען „זיך אַראָפּלאָזן אָפן נידעריקן טרעפּל פון יידישן לעבן אונטן אין די קעלערס, וווּ מײַן יעש בעקאָן איז: שמאַטעס און פוילע סכוירע, עוויוינים, קאַפּצאָנים, אומגליקלעכע נעבעך, מיט קליינינטשקע, נידעריקע פאַרשוינען".

פון אַלע כאַלוימעס איין כאָלעם — בעטלערס!

„...ווּהין איך זאָל מיך ניט קערן און ווענדן, זע איך פאַר מיר די טאָרבע, וואָס איך זאָל ניט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אַהער די טאָרבע! אוי, אַלץ די טאָרבע, די יידישע טאָרבע!"

■

יאָרן זײַנען געגאַנגען, און שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן דער סאַמע אָנערקענטער שרײַבער, ער האָט באַקומען די העכסטע טיטלען — זיידע און ערשטראַנגיקער מײַסטער. דער זיידע פון צוויי ליטעראַטורן, פון א סאַך גראָטענע אייניקלעך, דער ערשטראַנגיקער מײַסטער פון צוויי שפּראַכן — יידיש און העברעיש.

---

[1] יוים לעיום יאַביאַ אוימער.

מ׳האָט געגלייבט אין טאָג אַרײַן זײַן סאַטירע, וואָס רייניקט אָפּ דעם וועג פֿון אַלדאָס בייז און שטייט ווי אַ שוץ־וואַנט פֿאַר אַלדאָס דערהויבענע און שיינע.

אומעטום נאָר, ווו מענדעלע מוכר־ספֿרים איז דורכגעפֿאָרן מיט זײַן פֿערד־און־וועגעלע, האָט מען געוווּסט, אַז צווישן זײַנע פֿאַרשיידענע סחורעס, ווי טכינעס, צענעוורענעס, מעַינע־לאָשנס, קינעס, קאָרבנמינכעס, מאַכזיירים, מײַסעביכלעך און מוסר־ספֿאָרים, בליטשקע, סטענ־געס, שפּילקעס און נאָדלען, געפֿינען זיך אין זײַן בײַדל בריליאַנטן, אָף וועלכע מ׳באַדאַרף זײַן אַ מייווין, ווײַל זיי לײַכטן ניט אויבנאויף, זיי פֿאַרמאָגן אַ שטיינערנע הויט און אָפּט ליגן זיי פֿאַר־באַהאַלטן אין שמאַטעס, אין צעבראָכענע שאַרבנס און אין קיילים, וואָס פֿאַרכאַפּן ניט דאָס אויג.

און דאָך, ניט געקוקט אָף דעם אַלעמען, איז ווי נאָר מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו פֿלעגט אים, שאָלעם־יאַנקעוון, אַרויף אָפּן זינען, פֿלעגט זײַן קינע צו מענאַשע מאַרגאָליס אים אופֿרודערן אָף דורך און דורך.

וואָס גרעסער די קינע, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער וואַזסרויציעצו, דאָס שטויסערײַ, די שטרײַטן און קריגערײַען צווישןביידע מענדעלעך.

דער וואָכעדיקער מענדעלע האָט געטײַנעט:

— גענוג מיט גוזיקאָוון! שוין לאַנג צײַט געווען זיך באַפֿרײַען פֿון אים, אַרויסשלאָגן אים פֿון קאָפּ.

יעדער שרײַבער האָט זיך אָף דער ערד זײַן באַזונדער שליכעס. אויספֿילן די שליכעס פֿון אַ צווייטן הייסט ניט אויספֿילן די אייגענע שליכעס, צו וועלכער מע איז באַרופֿן. און ביכלאַל, ווי קאָן מען רעדן וועגן יאָמטעוו, אַז קיין יאָמטעוו איז נישטאָ, אַז אָרעם און אָרעם איז גרויע וואָך.

אָף דערויף האָט דער יאָמטעוודיקער מענדעלע רויִק געענטפֿערט:

— וואָס הייסט נישטאָ?! זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין יאָמטעוו, איז אַלציינס ווי זאָגן, אַז קיין זון איז נישטאָ.

וואָך און יאָמטעוו גייען שטענדיק באַנאַנד.

און וואָס שײַעך שליכעס, ווייסט מען ניט, וועלכע איז די וויכטיקסטע, די אויסגעפֿילטע צי די ניט אויסגעפֿילטע. אַ ניט אויסגעפֿילטע שליכעס, אַ ניט פֿאַרווירקלעכטע טעמע איז ווי אַ ניט צו שטאַנד געקומענע ליבע, מיט וועלכער מ׳קאָן זיך קיינמאָל ניט שיידן. מ׳ווערט אַ טאַטע פֿון קינדער, אַ זיידע פֿון אייניקלעך, און זי, די ווײַט אָפּגעשיידטע ליבע, איז די סאַמע נאָענטסטע, פֿאַר איר ווערן פֿאַרטרויט אַלע סוידעס, ווערן אויסגעקלאָגט אַלע אומגליקן און געפֿײַערט אַלע סימכעס. מיט איר פֿאַרברענגט מען אין די שלאָפֿלאָזע נעכט, און איר טראָגט מען אַנטקעגן דעם גוטמאָרגן. אַ מינוט פֿאַרן טויט קומט זי און גיט דעם לעצטן גלעט...

און וועמען ס׳איז ניט באַשערט האָבן אַזאַ געליבטע, טראַכט ער זי אויס, און ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן האַלט ער זי אין איין דערמאָנען, אין איין צוגעבן די שטריכן, וואָס זײַנען אים באַזונדערס נאָענט און טײַער און וואָס מאַכן שענער און דערהויבענער זײַן געליבטע.

ניין, ער, מענדעלע, וועט זיך ניט צעשיידן מיט דער גוזיקאָוו־טעמע, ער וועט זי טראָגן אין זיך ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן, ביזן לעצטן אָטעם.

די גוזיקאָוו־טעמע דאַרף ווערן זײַן שוואַנען־ליד!

און מענדעלע האָט פֿאַרגעזעצט זאַמלען מאַטעריאַלן און אָנרעגן זשורנאַליסטן און מוזיק־פֿאָרשער, זיי זאָלן אַרומכאַפּן ברייטערע שטאָכים און טיפֿער פֿאַנאַנדעראַקערן דעם באָדן פֿאַר דער גוזיקאָוו־טעמע. די מוירע אָבער, טאָמער וועט אים ניט באַשערט זײַן ברענגען זי צו אַ טאַכלעס, געבן איר אַ טיקן, האָט מענדעלען אַרופֿגעפֿירט אָפּן געדאַנק זיך ווענדן צו שאָלעם־אַלייכעמען.

„...מײַן ליב האַרציק אייניקל!

איר געדענקט, ווען איר האָט מיר אונטערגעטראָגן אַלס מאַטאָנע אײַער ערשטן ראָמאַן „סטעמפּעניו", האָט איר אין אײַער ווידמונג געשריבן:

„סטעמפּעניו איז אײַערער, ליבער זיידע, ווײַל דער נאָמען איז אײַערער און די אידייע איז אײַערע: באַ אײַך, זיידע־לעבן, אין איינעם פֿון אײַערע לעצטע ווערק האָב איך באַגעגנט פֿאַר־בײַגייענדיק דעם נאָמען סטעמפּעניו מיט אַ פֿלעשעלע „ליבע־טראָפּן", וואָס אַלע מעשאָרסים און דינסטמיידלעך קויפֿן עס באַ אים אָף אָפּצוטאָן. דאָס איז שוין געווען גענוג אָף אופֿצווועקן אין מײַן זיקאָרן די אַלע וווּנדערלעכע מײַסעס, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט ייִנגלווײַז אין כיידער אָף סטעמפּעניון, — און מײַן פֿאַנטאַזיע האָט מיר שוין אונטערגעהאָלפֿן צו באַשאַפֿן דעם דאָזיקן ראָמאַן". איז אָט לייג איך אײַך איצט פֿאָר אַ צווייטן נאָמען פֿון אַ צווייטן קלעזמער, פֿון גאָר אַ העכערער מאַדרייגע.

סטעמפּעניו איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע אין זײַן סוויווע, און מיכאָעל־יויסעף

גוזיקאָוו, וועלכן איך ליג אײַך פֿאָר, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע אין גאָר דער וועלט.

איר, מײַן ליב אייניקל, זײַט דאָך ניט בלויז קיין הומאָריסט, ניט בלויז קיין שטייגער־שילדרער, נאָר אויך אַ ליריקער און ראָמאַנטיקער. נעגינע, קלעזמערײַ און קלעזמער זײַנען אײַך באַזונדערס נאָענט. אַזוי אַז די טעמע גוזיקאָוו איז פאַר אײַך ווי אָנגעמאָסטן.

גוזיקאָוו — דאָס איז איין גרויסע און דורכויסיקע מעלאָדיע, איין אומופהערלעכער ניגון! הערט זיך צו, און דער וווּנדערלעכער ניגון וועט שוין אײַך קיינמאָל ניט אָפּלאָזן".

אין אַ צווייטן בריוו צו שאָלעם־אַליייכעמען האָט מענדעלע געשריבן:

„...מיינט ניט, כאַס־כאַלילע, אַז איך וואַרף אײַך אונטער גוזיקאָוון ווי אַ מאַמזער. איך זאָג זיך פון אים ניט אָפּ! ער איז מיר טיף אײַנגעבאַקן אין האַרצן.

איך רוף אײַך אַרויס בלויז אָף אַ פאַרמעסט. עס וועט זײַן זייער טשיקאַווע, ווען דער זיידע מיטן אייניקל וועלן אָנשרײַבן ווערק אָף אייגער און דער זעלבער טעמע. און וועט מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו אַרויס בא אײַך מער געראָטן, ווי בא מיר, וועל איך קיין קינע ניט טראָגן, ווײַל אָף אַ טאַלמיד, אָף אַ זון און אייניקל פאַרדריסט ניט, ווען זיי שטײַגן איבער דעם רעבן, דעם זיידן, אָדער דעם טאַטן זייערן.

איז לאָמיר אָנהייבן!

נישטאָ אָף דער וועלט קיין שענערע זאַך און קיין שענער וואָרט ווי „אָנהייבן", ווי „ברייִשיס"... און ווידער אַ בריוו:

„...איך שיק אײַך די פאָטאָגראַפיע פון מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו און פון זײַן קיילע, וואָס ער האָט באַשאַפן.

ווי שיין ער איז, מיכאָעל־יויסעף! קוקט זיך אײַן אין זײַנע אויגן, ווי זיי ברענען. דרינגט אַרײַן אין דעם צאַר, וואָס איז אויסגעגאָסן אָף זײַן פּאָנעם, דאָס איז דער צאַר פון דעם באַשעפער, וואָס איז ניט צופרידן מיט דאָס באַשאַפענע, וואָס פאַרלאַנגט שענערס, העכערס, בעסערס.

און ווי מיִעס איז די קיילע, וואָס ער האָט באַשאַפן, זי זעט אויס ווי אַ שטיק אָפּגעבראָכענער דאַרפיש געפלאָכטענער פלויט. און אָט דורך איר, דורך אָט דער מיִעסער קיילע, האָט ער אַלע שיינקײַטן פון זײַן נעשאָמע אַנטפּלעקט, אַלע ניט צורולאָזנדיקע געדאַנקען אויסגעזונגען פון זיך.

ווי אַ זיידע פאַר אַן אייניקל צעעפן איך פאַר אײַך מײַן האַרץ, צעעפן איך פאַר אײַך די אַלע אָנגעזאַמלטע גוזיקאָוו־אוצרעס! קומט און נעמט! נעמט, וואָס אײַך נאָר געפעלט!

צו אײַך, מײַן ליב אייניקל, ווענדע איך אָן די מידע פון דעם סאַמע לײַטישסטן און ברייט־האַרציקסטן — שלי שלך ושלך שלך[1] — מײַנס איז דײַנס און דײַנס איז דײַנס!

פאַר אַלץ, וואָס איך וועל אײַך געבן, פאַרלאַנג איך ניט פון אײַך אַפילע קיין שנירל פון אַ שוך. נאָך הײַנט וועל איך אײַך אַרויסשיקן אַ פײַן ביסל סכוירע, פּימסן־האָלץ, זעמל־מעל, קאַפּטויר וואַפּעראַך, פאַרנוצט עס געזונטערהייט!"

אין די ווײַטערדיקע בריוו האָט דער זיידע ווי זיך פאַרענטפערט און באַרויִקט זײַן אייניקל, וואָס עס פעלט אויס מאַטעריאַל וועגן גוזיקאָוו־שטאַם, וועגן זײַנע עלטערן, וועגן זײַנע ברידער, וועגן זײַן פרוי און קינדער, אַפילע זייערע נעמען זײַנען געבליבן אומבאַקאַנט. „נאָר נישקאָשע, עס מאַכט ניט אויס, דאָס עפּעלע, זאָגט מען, קאַטשעט זיך ווײַט ניט אָפּ פונעם בוים, אַזוי אַז לויטן עפּל וועט אײַך אויסקומען זיך דערקלײַבן צו די וואָרצלען פונעם בוים.

אויב איר וועט ענדערן זייערע נעמען און זיי פורעמען, ווי אײַער פאַנטאַזיע וועט אײַך אונטערזאָגן, וועט איר מיט גאָרניט זינדיקן קעגן דעם היסטאָרישן עמעס. יעדער געדאַכט, וואָס פאַרשטאַרקט דעם אײַנדרוק, איז דער עמעסער עמעס.

גוזיקאָוו געהערט צו דער געשיכטע, און, ווי יעדע געשיכטלעכע טעמע, טאָר עס ניט זײַן קיין אָפּגעקילטע פאַרגאַנגענהײַט, וואָס ליגט העט־העט אונטערן באַרג פון לעבן, עס באַדאַרף זײַן דאָס לעבן אַליין, דער איבערפלעכט פון נעכטן מיטן הײַנט. אויסגעטראַכטע און אויסגעכאַלעמטע געשטאַלטן, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעטראָגן אין זיך, זײַנען ניט ווייניקער רעאַל און עמעסדיק ווי די, וואָס זײַנען געווען. הײַנט על אחת כמה וכמה[2] — אוואַדע און אוואַדע — גוזיקאָוו, וואָס איז געווען, וואָס האָט איבער אַ סאַך ערדן איבערגעלאָזט זײַנע טריט, וואָס איז דורכויס רעאַל און דורכויס לעגענדע.

איז פאַרקאַטשעט די אַרבל און צו דער אַרבעט!

לאָמיר צוזאַמען אוועקשטעלן מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון אַ מאַציייווע!

---

[1] שעלי שעלאַך וועשעלאַך שעלאַך; [2] אַל אַכאַס קאַמאָ וועכאַמאָ.

לאָמיר צוזאמען אָנצינדן א נייר־טאָמיד דעם, וואָס איז ווי א קאָרבן־אוילע פארברענט געוואָרן אין דעם פייַער פון זייַן אייגענער היסלייַוועס אין דער בלוטיקער שווינדוכט־סרייפע...

לאָמיר צוזאמען זאָגן יִזקער!..״

■

יאָרן זייַנען געגאנגען, יאָרן זייַנען געקומען. דער זיידע האָט געפּרוווט היפּשע עטלעכע יאָר פארלייקענען. עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן, די עלטער האָט זיך אָנגערוקט, און צוזאמען מיט דער עלטער זייַנען געקומען אירע געטרייַע באגלייטער — די קרענק.

א פּאראליטש אויף דער לינקער זייַט. אין צוויי יאָר ארום — ווידער א פּאראליטש, וואָס האָט א האלבן גוף אָפּגענומען.

מ׳פירט אָפּ מענדעלען אין שפּיטאָל.

— הייסט עס, — האָט מענדעלע ביטער געשמייכלט, — אז מ׳דארף שוין אויסשפּאנען עס האפּערדל שעלי, מייַן פערדל, וואָס האָט מיט מיר געטרייַ דורכגעמאכט אזויפיל רייַזעס. וויבאלד מ׳האלט שוין בא דער סטאנציע שפּיטאָל, איז צו דער לעצטער סטאנציע בייס־האקוואָרעס מיט דער האנט צו דערלאנגען.

די דאָקטוירים פארווערן רייִדן, און מענדעלע קאָן ניט שווייַגן. גיי שווייַג, ווען עס שווייַגט זיך ניט, ווען אזויפיל איז נאָך ניט דערעדט געוואָרן, ווען אזויפיל איז נאָך ניט דערזאָגט געוואָרן.

אלע ווייַלע רייַסט זיך ארויס באם זיידן א נייַער פּאָסעק.

די פּסוקים האָבן אים אזוי ערלעך און געטרייַ געדינט פונעם ערשטן טאָג אָן, זינט ער האָט די פּען אין האנט גענומען ביז היינטיקן טאָג.

און דער זיידע געזעגנט זיך מיט זיי און דאנקט זיי פאר דער גרויסער הילף און פאר דער גרויסער נוץ, וואָס זיי האָבן אים געבראכט.

אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאותו בידו[1] — דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, און העלפט פון זייַן טייַווע פאלט ניט ארייַן צו אים אין האנט.

א שוסטערשער כעזשבן, — פאריכט דער זיידע דעם טאָעס, — ווו העלפט, וואָס העלפט, אין האנט פאלט ניט ארייַן קיין דריטל, קיין פערטל, קיין צענטכיילעק, קיין הונדערטכיילעק פון דעם, וואָס דער מענטש האָט געטראכט, געטרוימט, געהאָפט און פארלאנגט צו דערגרייכן.

גערעכט איז געווען דער, וואָס האָט געזאָגט אין „קויהעלעס ראבא״, אז דער מענטש קומט אויף דער וועלט מיט פארמאכטע הענט, ווי ער זאָל זאָגן — די גאנצע וועלט איז מייַנע, און גייט אוועק פון דער וועלט מיט אָפענע הענט, ווי ער זאָל זאָגן — זעט, איך האָב פון דער וועלט גאָרניט גענומען.

— זיידע־לעבן, — פּרוּוון די געטרייַע אייניקלעך, וואָס טרעטן ניט אָפּ פון זייַן בעט, צע־טרייַבן די מאָרעשכוירע, — איר האָט זייער א סאך געגעבן, א סאך איז ווייניק צו זאָגן, איר האָט אלץ אוועקגעגעבן. אייַך וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן דער כעסעד פאר דאָס אלץ, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן פאר דער יִדישער ליטעראטור.

— עך, קינדער מייַנע, — ווענדט זיך דער זיידע צו זייַנע געטרייַע אייניקלעך מיט א טיפן זיפץ, — דאָס שפּייַז איז לייַכט, און דער וועג איז ווייַט. פארן סאמע ווייַטסטן וועג, פארן וועג צו דער אייביקייַט, וועלן מיר ניט סטייַען און ווייַט ניט גענוג זייַן מייַנע מייַסים־טויווים.

דער זיידע האָט שטארק מוירע, אז דער פּאראליטש זאָל זיך ניט דערקלייַבן צו זייַן מויל און אים שטום מאכן, און דאן, ווי ס׳איז אויס מיט מענדעלע ביכסאוו, אזוי אויס קאָן ווערן מיט מענ־דעלע שעבאלפע. ווי א געשמידטער וועט ער ליגן צוזאמען מיט זייַן גרויסן אומגליק און שווייַגן...

סארא צאר, סארא גרויסער ראכמאָנעס ס׳וועט נעבעך דאן זייַן אויף ביידע מענדעלעך. ווען די רוימישע קאַטן האָבן ראבי אקיווען געברענט און מיט אייַזערנע קעמלען געקעמט זייַן לייַב, האָט ער געשוויגן, נאָר ווען מ׳איז דערגאנגען צום מויעך, צום קיניגרייַך פון געדאנק, איז ער ארויס מיט א גוואלד קעגן ריבוינעשעלוילעם: הזו תורה וזו שכרה?[2] — אָט דאָס איז די טוירע און דאָס איז דער געצאָלטס פאר איר? אויך אים, דעם זיידן, האָבן די שרעקלעכע יעסורים ניט געבראָכן. וויבאלד דאָס מויל איז אָפן און דער מענדעלע שעבאלפע קאָן נאָך עפּעס זאָגן, איז קעדייַ צו לייַדן אלע יעסורים, איז קעדייַ נאָך צו לעבן.

און מענדעלע כאפּט ארייַן און זאָגט פאר זייַנע אייניקלעך ווידע. מ׳באדארף צוויילן, ווייַל ווער ווייסט, וואָס פאר א שפּיצל דער מאלעכהאמאָוועס קאָן אָפּטאָן.

די אויגן זייַנען באם זיידן ארויפגעלאָזט, און די שטים זייַנע איז שטיל און ציטערנדיק, ווי בא יעדן פארזינדיקטן און פארשולדיקטן, וואָס ווייסט, אז ער האָט ניט פארדינט און איז ניט ווערט קיין באגנעדיקונג.

---

[1] איין אָדאָם יויציי מין האָוילאָם וואכאצי טאוואָסוי בעיאָדוי; [2] האזו טוירא וועזו סכאָראָ?

וואָלט ער געקאָנט באַוועגן ווי עס באַדאַרף צו זײַן מיט די הענט, וואָלט ער זיך געקלאַפּט אין ברוסט. נאָר צוליב וואָס זיך קלאַפּן אין ברוסט, אַז דאָס האַרבע וואָרט אַלכעט קלאַפּט שטאַרקער פֿון דער שטאַרקסטער האַנט.

איין אַלכעט פֿאַרבײַט אַ צווייטן.

...אַלכעט בעשוואַרצן יאַם!

אַזויפֿיל פֿאַרגעניגנס האָט ער מיר פֿאַרשאַפֿן, אַזויפֿיל שיינקײַטן האָט ער פֿון זײַנע טיפֿענישן אַרויסגעבראַכט פֿאַר מיר, אַזויפֿיל באַגײַסטערונג אַרויסגערופֿן און מיט אַזויפֿיל פֿרייד מיך שטענדיק געזעטיקט. און איך האָב אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער און קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן אים.

אַלכעט בעאָדעס!

אָדעסער בלויע שיינע הימלען איבער מײַן קאָפּ!

אָדעסער ערד אונטער מײַנע פֿיס!

די ווײַניקע אָדעסער לופֿט האָט מיך געקרעפֿטיקט, די שטראַלן פֿון דער אָדעסער זון האָבן מיך באַשטראַלט.

הײַנט דער פֿאַרביקער געמיש פֿון די דאָרעמדיקע אײַנוווינער?

און איך, גלײַך, ווי איך וואָלט קיין טוישעוו געווען אין מעשעך פֿון צענדליקער יאָר, אַפֿילע ניט ווי קיין גער, נאָר ווי אַ דורכפֿאָרער, פֿאַר וועמענס אויגן די שיינע דאָרעמדיקע שטאָט האָט דורכגעשוועבט אין מעשעך פֿון געציילטע מינוטן.

אַלכעט בעהיסטאָריע...

קיין איין בלעטל ניט אויפֿגעמישט אין דער ייִדישער געשיכטע, און איך בין דאָך עפּעס געווען אַ שרײַבער בײַ אַן אַלט פֿאָלק מיט אַ טויזנטיאָריקער געשיכטע.

אַלכעט בעקלעזמער, בעזינגער אַוועאַקטיאָרן!.. — זיי האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין מײַן שאַפֿן, און איך האָב זיך ניט אַרומגעקוקט אויף זיי, ווי מ׳קוקט זיך ניט אַרום אויף מאַמזיירים.

אַלכעט בעייניקלעך אַוועוריייניקלעך! אַזויפֿיל שרײַבער זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַר מײַנע אויגן, אַזויפֿיל שרײַבער געקענט, מיט אַזויפֿיל שרײַבער זיך באַגעגנט, זיך געהריזעט און געקנעלט מיט זיי, איך האָב דאָך געקאָנט עטלעכע ביכער אָנשרײַבן וועגן זיי און אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, און שפּעטער איז געוואָרן צו שפּעט!

— איר שלעפּט אויף זיך צופֿיל כאַטאָיִם, — נעמען ניט אָן די געטרײַע אייניקלעך דעם זיידנס ווידע, — איין מיצווע פֿאַר אײַער אָטכײַען אונדזער ייִדיש לאָשן וועט איבערוועגן אַלע אַוויירעס. צום יאָם־האַדין וועט קומען פּישקע דער קרומער, זיך שטעלן אויף אײַער זײַט און זאָגן:

— אין דער צײַט, ווען קיינער האָט זיך ניט געוואָלט אַרומקוקן אויף מיר, האָט ער, דער זיידע, געמאַכט פֿון מיר אַ צימעס, אַ גאַנצן וועזן, באַוויזן, אַז איך בין אַ מענטש באַגלײַך מיט אַלע מענטשן, אַז אויך אין מיר טליִעט אַ פֿונק פֿון ליבע.

די קליאַטשע וועט באַקומען לאָשן און אַרויסטרעטן קעגן באַשולדיקער. דאָס קליין מענטשעלע וועט דערווײַזן, אַז דורך אים האָט איר געשלאָגן אַלע קליינע מענטשעלעך פֿון די קומענדיקע דוירעס, וואָס ווו מ׳זייט זיי ניט, דאָרטן וואַקסן זיי אויס.

ביניאָמין און סענדערל וועלן אויסדראַפּען די אויגן יעדן, וואָס וועט לאָזן פֿאַלן אויף אײַך אַ שטויבעלע; די הערשעלעך און שלוימעלעך וועלן שטיינער וואַרפֿן, און צו זיי וועלן צושטיין אַלע אוילעמהאַבעדיקע ייִדן, וואָס זײַנען אַמאָל אוילעמהאַזעדיקע געווען און זיך געקוויקט מיט אײַערע ווערק.

— לאָזט צורו, — שאָקלט דער זיידע מיטן קאָפּ, אָנשטאָט אַ מאַך געבן מיט דער האַנט, — אין משטין בשעת המיתה![1] — ווען מ׳האַלט באַם שטאַרבן, שפּאַסט מען ניט. רעדט מיר ניט אײַן, ווײַל איך וועל זיך ניט לאָזן אײַנרעדן. אַלע מיצוועס און מיצוועלעך, וואָס איר האָט אויסגערעכנט, זײַנען גאָרנישט מיט נישט לעגאַבע דער מיצווע, וואָס איך האָב ניט אויסגעפֿילט.

אַ לעבן האָט זיך נאָך מיר נאָכגעיאָגט דער בלויער פֿויגל, און איך בין פֿון אים אַנטלאָפֿן.

נאָך ייִנגלווײַז האָב איך געשווירן, אַז איך וועל אַ טיקן געבן מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון. געשווירן, צוגעזאָגט, אָפּגעלייגט, אָפּגעלייגט און צוגעזאָגט און ניט אויסגעפֿילט.

אַזאַ איז דער ביטערער גורל פֿונעם שרײַבער, וואָס איז שטענדיק שולדיק, קאָן זיך קיינמאָל ניט צעצאָלן מיט די כויוועס, פֿילט קיינמאָל ניט אויס זײַנע פּלענער און ברענגט קיינמאָל ניט

---

[1] איין משאטין בישאס האמיסאָ.

ארויס די וויכטיקסטע טעמע. אַלץ, וואָס דער שרײַבער באַווײַזט אָנצושרײַבן, איז ניט מער ווי א האַקדאָמע צו די ווערק, וואָס ער וואָלט נאָך געקאָנט אָנשרײַבן.

איין לעבן פאַר א שרײַבער איז ווייניק, זייער ווייניק, א סאַך לעבנס וואָלט ער באַדאַרפט אַף אויסשעפּן דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין אים, ווײַל וויפל מאָל זוכט דער שרײַבער דאָס, וואָס ער געפינט ניט, און געפינט דאָס, וואָס ער האָט ניט געזוכט.

ס'איז די אַלטע און אימער נײַע געשיכטע מיט שאָולן, וואָס איז געגאַנגען זוכן די פאַרלוירענע אייזלען און געפונען די מעלוכע...

די ווידע איז אָפּגעזאָגט. נאָך ווידע בלײַבט צוואָע, און צוואָע באַטײַט, אַז בא דעם ווידע־זאָגער איז שוין נאָך אַלעמען, ער אַליין קאָן שוין מיט גאָרניט ענדערן און פאַריכטן זײַנע פעלערן, ער מוז אָנקומען צו יענעמס הילף, ווי ער קומט אָן, ווען מ'באַדאַרף אים אוועקזעצן אָדער איבערקערן פון איין זײַט אַף דער צווייטער.

דער זיידע שליסט דאָס לעצטע קאַפּיטל, פּירט אונטער די לעצטע שורע פון זײַן לעבן.

...פּערעץ איז ניטאָ, שאָלעם־אַלייכעם איז שוין אויך ניטאָ, ואני און איך בין א הולך למות[1] — איך גיי שטאַרבן. וואָס זאָג איך א הולך, איך בין א שוכב למות[2] — איך ליג און וואַרט אַפן טויט, און דאָס איז א העכערע מאַדרייגע. א ליגנדיקער איז א סאַך נעענטער צום טויט ווי א גייענדיקער.

איז הערט זשע אויס מײַן צוואָע! מײַן צוואָע איז ניט קיין גרויסע, זי באַשטייט בלויז פון איין באַקאַשע — זאָל איינער, עמעצער פון אײַך, וואָס פילט זיך בעקויעך, אָדער עטלעכע צוזאַמען פאַריכטן דעם זיידנס פעלער, מעמאַלע זײַן דאָס, וואָס ער האָט פאַרפעלט, און דאָס, וואָס עס טאָר ניט אויספעלן אין דער יידישער ליטעראַטור... שרײַבט אָן וועגן מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון!

טיקן! איך וואַרט פון אײַך טיקן!

דער סייפער גוזיקאָוו מוז אָנגעשריבן ווערן!..

[1] הוילעך לאָמוס; [2] שויכעוו לאָמוס.

כראָניק

א בוך וועגן יידישער פילאָלאָגיע

אין ווילנע איז דערשינען א בוך פונעם פילאָלאָג יעכעזקל לעמבען „דער אײַנפלוס פון דער ליטווישער שפּראַך אַף דעם רעדנסאַרט פון די ליטווישע יידן". דאָס בוך באַשטייט פון דרײַ טיילן. אינעם אָפּטייל וועגן פראַגן פון לעקסיק ווערט געבראַכט א רעשימע פון עטלעכע הונדערט ווערטער, וועלכע זײַנען פון דער ליטווישער שפּראַך אריבער אין יידיש.

י. שרײַבמאַנס א דערציילונג אין אַן אוזבעקישן זשורנאַל

דער זשורנאַל „שאַרק יולדוזי", אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון דער אוזבעקישער ססר, האָט פאַרעפנטלעכט יעכיעל שרײַבמאַנס דערציילונג „מײַן ערשטע ליבע", אין דער איבערזעצונג פון כאַים אַלטמאַן און לאַלאַ טאַדזשיעוואַ.

די דערציילונג האָט איליוסטרירט דער טאַשקענטער קינסטלער נ. אַליעוו.

האנס לעברעכט

(יִשׂראל)

דרײַ כאַדאָשים פײַער־אָפּשטעל נאָך אַכט און דרײַסיק כאַדאָשים מילכאָמע

אין דער נאַכט פונעם זיבעטן אויפן אַכטן אויגוסט 1970 איז אויפן סועצער קאַנאַל מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. פון ביידע זײַטן קאַנאַל האָט אויפגעהערט די שיסערײַ. ערשט מיט אַ שאָ פאַר דעם — ווי דאָס איז געווען טאָג־אײַן, טאָג־אויס אין מעשעך פון העכער דרײַ יאָר — האָט די יִשׂראָעלדיקע אוויִאַציע באָמבאַרדירט די מײַרעוודיקע זײַט פונעם קאַנאַל, און די עגיפּטישע אַרטילעריע האָט באַשאָסן די פּאָזיציעס פונעם יִשׂראָעל־מיליטער.

און אָט איז אינמיטן נאַכט פּלוצעם אומגעווײַנלעך שטיל געוואָרן. אין די עגיפּטישע שטעט און דערפער, לענגאויס דעם פראָנט, זײַנען די גאַסן געוואָרן באַלויכטן מיט עלעקטרע־שײַן, אויך איבער די שוצגרובנס האָבן זיך צעפינקלט עלעקטרישע לעמפּעלעך. מע האָט געקאָנט הערן אַ פריידיק געזאַנג, די עגיפּטישע סאָלדאַטן האָבן אין לידער־עקספּראָמטן געריימט דעם שאָלעם. אויפן מיזרעכדיקן ברעג האָבן די יִשׂראָעלדיקע סאָלדאַטן אויך באַגעגנט דעם פײַער־אָפּשטעל מיט געזאַנג און מיט טענץ.

ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַכט־און־דרײַסיק־כאַדאָשימדיקע בלוטפאַרגיסונג.

צי איז אָבער איצט געקומען דער לאַנג געגאַרטער שאָלעם, אָדער דאָס איז בלויז אַ פײַער־פּאַוזע?

די שאַנסן אויף פרידן

איינס איז קלאָר: דער פײַער־אָפּשטעל און די באַנײַטע דיפּלאָמאַטישע באַמיִונגען פאַר אַ פרידלעכער ליידונג פונעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך איז אַ פּועל־יוצא פון די אָביעקטיווע אומשטענדן, וועלכע האָבן זיך איצט געשאַפן. די יִשׂראָעלדיקע רעגירנדיקע קרײַזן און די אַמעריקאַנער אימפּעריִאַליסטן האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע סטראַטעגישע צילן, זיי זײַנען בלויז געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז די דאָזיקע צילן קאָן מען ניט דערגרייכן מיט דער הילף פון קויעך — די פּאָליטיק פון אָנווענדן קראַפט איז דורכגעפאַלן. אין פאַרלויף פון די לעצטע כאַדאָשים זײַנען אַנטשטאַנען אַ ריי פאַקטאָרן, וועלכע האָבן עס אַבסאָליוט קלאָר געמאַכט.

וואָס זײַנען דאָס פאַרא פאַקטאָרן? ערשטנס: עס האָבן זיך געענדערט די מיליטערישע קויכעס־פאַרהעלטענישן. אויסניכטערנדיק האָט געווירקט דאָס, וואָס די עגיפּטער האָבן אָנגעהויבן אַלץ אָפטער און אָפטער אַראָפּקלאַפּן די „פאַנטאָמען" און „סקײַכאָקן", וועלכע קאָסטן אָפּ אַ שיינע קאָפּעקע און וואָס זײַנען רעקלאַמירט געוואָרן אַלס „אומבאַזיגבאַרע".

צווייטנס: די אַמעריקאַנער האָבן דערשפּירט, אַז זייערע אינטערעסן און זייערע שוין אָפּגעשוואַכטע פּאָזיציעס אין די אַראַבישע לענדער זײַנען אונטער אַ געפאַר. די אַנטי־אימפּעריִאַליסטישע באַפרײַונגס־באַוועגונג איז אין רעזולטאַט פון דער מילכאָמע ניט נאָר ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט.

דריטנס: אַדאַנק דער סאָלידאַריטעט און שטיצע, וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער, ווײַזט אַרויס לגבי די אַראַבישע פעלקער, איז שטאַרק אויסגעוואַקסן זייער מאָראַלישער און פּאָליטישער

אוטאָריטעט. ס'איז שוין פֿאַרשוווּנדן די צײַט, ווען דער נאָענטער מיזרעך איז געווען אַ שפּיל־צײַג אין די הענט פֿון די קאָלאָניאַליסטישע מע־לוכעס.

די דאָזיקע אָביעקטיווע סיטואַציע האָט גע־צווונגען די רעגירונג פֿון ייִסראָעל אָנעמען די אמעריקאנער פֿאָרשלאָגן וועגן א דרײַכאַדאָשימ־דיקן פֿײַער־אָפּשטעל און אײַנגיין אָף אונטער־האנדלונגען, דורך דער פֿארמיטלונג פֿונעם פֿאָר־שטייער פֿונעם גענעראל־סעקרעטאר פֿון דער אָרגאניזאציע פֿון די פֿאראייניקטע נאציעס דאָק־טאָר גונאר יארינג, וועגן פּראקטיש צו פֿאר־ווירקלעכן די רעזאָליוציע פֿונעם זיכערהײַטס־ראט פֿון 22 נאָיאבער 1967.

דערבײַ האָט אָבער די רעגירונג פֿון גאָלדע מעיִר ארויסגעשטעלט א ריי באדינגונגען. צי איז דאָס ניט קיין פּרווו אויסצונוצן דעם פֿײַער־אָפּ־שטעל פֿאר נײַע מאנעווערן אין די דראָכים פֿון דער ביז־איצטיקער פּאָליטיק? די פֿעלקער מוזן זײַן וואכזאם!

דער קאָמוניסטישער דעפּוטאט אינעם קנעסעט עמיל כאביבי האָט בייסן באהאנדלען דעם פֿאָר־שלאָג וועגן פֿײַער־אָפּשטעל דערקלערט: „די רע־גירונג פֿון גאָלדע מעיִר און דאיאן ווארט, ס'זאָל געשען א נעס פֿון הימל, וואָס זאָל צונישט מאכן די האָפֿענונגען אָף שאָלעם". און ווײַזט אויס, טא־קע קעדיי אָט דער נעס זאָל קומען, האָט גאָלדע מעיִר דערקלערט, אז עס קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן אומקערן זיך צו די גרענעצן פֿונעם 4 יוני 1967. „אזא פּאָזיציע, — האָט אונטערגעשטראָכן כאביבי, — איז א דירעקטע הילף די רעאקציאָ־נערע און נאציאָנאליסטישע קויכעס אין דער אראבישער וועלט אין זייערע פּרוּוון צו פֿארמי־נערן די באדײַטונג פֿון די שאָלעם־באמיִונגען און פֿארשווערן דאָס פֿארווירקלעכן נאסערס שאָ־לעם־איניציאטיוו".

ס'איז אָבער אויך קלאָר, אז איצט איז שוין ניט אלץ אָפּהענגיק פֿון די פֿארלאנגען פֿון די רעגירנ־דיקע קרײַזן פֿון ייִסראָעל, און ניט נאָר צוליב די אויסערלעכע פֿאקטאָרן, נאָר אויך צוליב דער לאגע אין לאנד גופֿע. א גרויסער טייל פֿונעם פֿאָלק פֿון ייִסראָעל, באזונדערס פֿון דער יוגנט, הייבט אָן צו באפֿרײַען זיך פֿון יענע איליוזיעס, וואָס די אָפֿיציעלע פּראָפּאגאנדע האָט געפּלאנצט אין די מויכעס פֿונעם פֿאָלק. אלץ מער און מער ייִסראָעלים פֿארשטייען איצט, אז די עקספּאנסיאָ־ניסטישע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג איז א שטע־רונג אָפֿן וועג צו דעראָבערן דעם שאָלעם.

אָף די גאסן פֿון טעל־אוויוו און לעם דער גע־בײַדע פֿון דער רעגירונג אין יערושאָלאיִם האָבן די סטודענטן, ארבעטער און פֿאָרשטייער פֿון דער אינטעליגענץ סקאנדירט: „שאָלעם — יאָ, אנעק־סיע — ניין!", „גאָלדע, אויב דו ווילסט ניט קיין שאָלעם — גיי אוועק!". ניט איין מאָל האָבן די דעמאָנסטראציעס זיך פֿארענדיקט מיט בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן דעם עולעם מיט דער פּאָליציי. נאָך איינעם אזא צוזאמענשטויס האָבן זשורנאליסטן געפֿרעגט בא אן אָפֿיצער פֿון א פּאראשוטיסטן־טייל, וועלכער איז ארויסגעטראָטן אָף דער זײַט פֿון די דעמאָנסטראנטן און איז דערבײַ פֿארווונדעט געוואָרן: „פֿארוואָס זײַט איר מיט די דעמאָנסטראנטן?", און ער האָט געענט־פֿערט: „בעסער וועל איך פֿארגיסן מײַן בלוט אָף דער גאס אין קאמף פֿאר שאָלעם, איידער פֿאר־גיסן עס פֿאר דער אומגערעכטער זאך אָפֿן סועץ־קאנאל".

אויב אין 1967—1968 איז די קאָמוניסטישע פּארטיי פֿון ייִסראָעל געווען די איינציקע אָרגא־ניזירטע קראפֿט, וועלכע איז קאָנסעקווענט גע־שטאנען אָף דער פּאָזיציע, אז עס איז אומעגלעך דעראָבערן שאָלעם מיט די אראבישע שכיינים, קאָלזמאן עס ווערן אָקופּירט די אראבישע טערי־טאָריעס און עס זײַנען ניט אנערקענט די נאציאָ־נאלע רעכט פֿונעם אראבישן פֿאָלק פֿון פּאלעס־טינע, — איז איצט פֿאראן אין לאנד א ברייטער פֿראָנט, וואָס שליסט אײַן אין זיך פֿאָרשטייער פֿון פֿארשיידענע פּאָליטישע אָרגאניזאציעס, וועלכע פֿארנעמען אין דער דאָזיקער פֿראגע די זעלבע פּאָזיציע, וואָס די קאָמוניסטישע פּארטיי. מיט דעם איז צו דערקלערן, פֿארוואָס די יוגנט פֿון ייִסראָעל האָט דעם פֿײַער־אָפּשטעל פֿון 8 אויגוסט געפֿײַערט מיט געזאנג און מיט טענץ.

דער צײַטווײַליקער פֿײַער־אָפּשטעל קאָן פֿאר־וואנדלט ווערן אין א פֿעסטן און זיכערן שאָלעם, אויב די ייִסראָעל־רעגירונג וועט אויספֿילן אָן באדינגונגען די רעזאָליוציע פֿונעם זיכערהײַטס־ראט. פֿריִער פֿאר אלץ דארף ארויסגעפֿירט ווערן דאָס מיליטער פֿון די טערריטאָריעס, וואָס זײַנען אין יוני 1967 פֿארכאפּט געוואָרן. ייִסראָעל דארף, ענדלעך, אנערקענען די נאציאָנאלע רעכט פֿון די פּאלעסטינער, באזונדערס די רעכט פֿון די פּלייטים זיך אומקערן אהיים. אזא פּאָזיציע וואָלט געבראכט דערצו, אז די אראבישע מעלוכעס וואָלטן אנערקענט די סוווערעניטעט, טעריטאָ־ריעלע גאנצקײַט און נאציאָנאלע רעכט פֿון ייִס־ראָעל, ווי דאָס איז פֿאָרויסגעזען אין דער רעזאָ־ליוציע פֿונעם זיכערהײַטס־ראט. עס וואָלטן צו־נישט געוואָרן די פּאָזיציעס פֿון די עקסטרעמיסטן סײַ אין ייִסראָעל סײַ אין די אראבישע לענדער, און ס'וואָלט, ענדלעך, טריִומפֿירט א גערעכטי־קער און דויערהאפֿטיקער שאָלעם צווישן די פֿיל־געליטענע פֿעלקער פֿונעם נאָענטן מיזרעך.

קעדיי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, רופֿט די קאָמוניסטישע פּארטיי פֿון ייִסראָעל די מאסן פֿארצוזעצן דעם קאמף פֿאר פֿארוואנדלען דעם צײַטווײַליקן פֿײַער־אָפּשטעל אין א זיכערן שאָ־לעם. די איצטיקע אומשטענדן שאפֿן א היסטאָרי־שע מעגלעכקײַט צו דערגרייכן דאָס.

דאַרפֿן די אַרבעטער צאָלן פֿאַרן קריג?

דער קריג קאָסט ניט נאָר בלוט, נאָר אויך געלט, אָן א שיר געלט. א פֿאַרשטייער פֿונעם פֿי־נאַנץ־מיניסטעריום פֿון ייִסראָעל האָט אָפֿן דער־קלערט, אז די סיסטעמאַטישע לופֿט־אָנפֿאַלן אַף די עגיפּטישע טעריטאָריעס לענגויס דעם סועץ־פֿראָנט האָבן זיך שטאַרק אָפּגערופֿן אַף דעם מי־ליטערישן בודזשעט. די קריגס־הויצאָעס, וואָס זײַנען ביז איצט אויך געווען ניט קיין קליינע, זײַ־נען אומגעהייער געשטיגן. דער פֿאָרויסגעזעענער דעפֿיציט פֿונעם מעלוכע־בודזשעט אין א סומע פֿון 600 מיליאָן ייִסראָעלדיקע ליר (3,5 ליר מאַכן אויס 1 אמעריקאַנער דאָלאַר) האָט איצט ערי־בערגעשטיגן א מיליאַרד ליר. אינגיכן נאָכן פֿײַער־אָפּשטעל האָט דער פּרעסע־אַטאַשע פֿונעם פֿינאַנץ־מיניסטעריום אָנגעוויזן, אז די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿונעם לאַנד וועט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פֿײַער־אָפּשטעל זיך באַדײַטנדיק ניט פֿאַר־בעסערן, די קריגס־הויצאָעס וועלן ניט קלענער ווערן, ווײַל עס איז נייטיק, ווי ער האָט געזאָגט, אונטערצוהאַלטן די גאַנצע צײַט א הויכן „שויך־פּאָטענציאַל״.

פֿאַקטיש אָבער זײַנען די וואַליוטע־רעזערוון פֿון דער מעלוכע אויסגעשעפּט, ניט געקוקט אַף דער הילף, וואָס ייִסראָעל באַקומט פֿון די ציִע־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס, הויפּטזאַכלעך פֿון פּשא און אויך פֿון מײַרעוו־דײַטשלאַנד. אגעוו, האָבן די „מעצענאַטן״ פֿאַר אָט דער הילף א היפּשן פּראָפֿיט — פּראָצענטן פֿאַר די האַלוואָעס. מע דאַרף אין זינען האָבן, אז איין „פֿאַנטאָם״ קאָסט אָפּ פֿערטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר פּליוס די פּראָ־צענטן, וואָס עס נעמען די קרעדיטאָרן.

אין אויגוסט כוידעש האָיאָר האָט די רעגירונג געהעכערט די שטײַערן אַף סכוירעס פֿון מאַסן־געברויך מערער ווי אַף 20 פּראָצענט, כאָטש די דאָזיקע שטײַערן זײַנען ביז דאַן אויך געווען גאַנץ הויכע. ס׳זײַנען אויסער דעם אָפּגעשאַפֿן געוואָרן די מעלוכע־סובסידיעס אַף מילך, אייער און טרינק־וואַסער. לויט די כעזשבוינעס, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט, דאַרפֿן די דאָזיקע מאָס־מיטלען געבן דער מעלוכע־קאַזנאַ 600 מיליאָן ליר. די שטײַערן אַף סכוירעס פֿון מאַסן־געברויך זײַנען געהעכערט געוואָרן נאָך דעם, ווי מיט עט־לעכע וואָכן צוריק איז אויסגעוואַקסן דאָס דירע־געלט אַף קנאַפּע 200 פּראָצענט.

אין דער זעלבער צײַט האָט די רעגירונג דער־קלערט, אז זי האָט בעדייע בעטן דעם קנעסעט צו פֿאַרגרעסערן דעם קריגס־בודזשעט נאָך אַף 1 מיליאַרד 175 מיליאָן ליר, אזויאַרום וועלן די קריגס־הויצאָעס אַפֿן 1970/71 באַטרעפֿן אריבער 6 מיליאַרד ליר — 30 פּראָצענט פֿונעם נאַציאָ־נאַלן פּראָדוקט. איינינעם מיט די הויצאָעס אַף אָפּצאָלן די קרעדיטאָרן פּראָצענט, הויפּטזאַכלעך פֿאַר געווער, וועלן די קריגס־הויצאָעס באַטרעפֿן בא 70 פּראָצענט פֿונעם אַלגעמיינעם בודזשעט.

דער נײַער, באַדײַטנדיקער שטײַער־לאַסט וועט אָן סאָפֿעק אַרויסרופֿן א העכערונג פֿון די פּרײַזן און אן אינפֿלאַציע, דאָס וועט נאָך מערער אַראָפּ־זעצן דעם לעבנס־ניוואָ פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן. לויט די אָפֿיציעלע רעגירונגס־ידיִעס, איז די כוידעשלעכע האַכנאָסע פֿון 51 פּראָצענט מיש־פּאָכעס פֿון לוין־אַרבעטער נידעריקער פֿונעם אָפֿיציעל־אײַנגעשטעלטן לעבנס־מינימום. מער פֿון 160 טויזנט ייִדישע קינדער (25 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל) דערעסן ניט סיסטעמאַ־טיש. וואָס אָנבאַלאַנגט די אַראַבישע קינדער, זײַ־נען קיין אָפֿיציעלע ידיִעס נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

אין דער צײַט ווען די רעאַלע האַכנאָסעס פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אין מעשעך פֿון די לעצטע יאָר קעסיידער זיך פֿאַרקלענערט, זײַנען די פּראָפֿיטן פֿון די בענק און קאָנצערנען נאָכאַ־נאַנד געשטיגן. די פּראָפֿיטן פֿון די בענק זײַנען אין 1969 אויסגעוואַקסן, לויט די אָפֿיציעלע אָנ־גאַבן, אַף 45 פּראָצענט אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿאָ־ריקן יאָר. אָבער דאָס זײַנען בלויז אָפֿיציעלע אָנ־גאַבן... די צאָל אַרבעטלאָזע וואַקסט נאָכאַנאַנד און וועט ביזן סאָף 1970 יאָר דערגרייכן העכער 100 טויזנט, וואָס דאָס באַטרעפֿט 13 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל לוין־אַרבעטער.

די רעגירונג באַרעכטיקט די נויטווענדיקײַט צו פֿאַרקלענערן דעם פּערזענלעכן געברויך פֿון דער באַפֿעלקערונג מיט דעם, וואָס אַזוי פֿאָדערן די אינטערעסן צו זיכערן „די געפֿאַרלאָזיקײַט פֿון לאַנד״. ס׳איז אָבער קלאָר: די מאַכטהאָבער סטאַ־רען זיך אַרופֿוואַלגערן די מילכאָמע־לאַסט אַף די פּלייצעס פֿונעם פּאָשעטן פֿאָלק. די אַרבעטער־מאַסן פֿאַרשטייען, אז די איצטיקע לאַגע וועט אומפֿאַרמײַדלעך ברענגען צו א פֿאַרבילּיקערונג פֿון דער אַרבעטקראַפֿט און צו נאָך גרעסערע פּראָפֿיטן פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן.

די רעגירונג האָט געשלאָסן א העסקעם מיט די פּראָפֿאַריינישע לידערס, אז די איצטיקע הע־כערונג פֿון די פּרײַזן וועט ניט קאָמפּענסירט ווערן מיט א פֿאַרגרעסערונג פֿונעם אַרבעטסלוין. די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זײַנען אָבער מיט דעם ניט מאַסקים און קעמפֿן פֿאַר זייערע לעבנס־רעכט. ווען די רעגירונג, די פּראָפֿאַריין־לידערס און די אונטערנעמער האָבן אין יאַנוואַר 1970, הינטער דער פּלייצע פֿון די אַרבעטער, געשלאָסן א „פּעקעטש דיל״, לויט וועלכן דער נאָמינאַלער אַרבעטסלוין איז קוים־קוים געהעכערט געוואָרן, נאָר די דאָזיקע העכערונג איז גלײַך געמאַכט גע־וואָרן צונישט, ווײַל עס זײַנען וווּנטלעך גע־שטיגן די פּרײַזן אַף סכוירעס און די הויצאָעס אַף דער אָבליגאַטאָרישער אינערלעכער קריגס־האַל־

וואָע, — האָבן די ארבעטער געענטפערט מיט א
כוואַליע שטרײַקן. אין דער ערשטער העלפט
1970 איז די צאָל שטרײַקן געווען אָף 63 פּראָ־
צענט מערער, אײדער אין דער ערשטער העלפט
1969, און די צאָל שטרײַקנדיקע, ווי אויך די צאָל
טעג, וואָס מע האָט געשטרײַקט, האָבן זיך פאַר־
גרעסערט קימאַט אין דרײַ מאָל. שטורמישע דע־
מאָנסטראַציעס פון ארבעטסלאָזע און צוזאַמענ־
שטויסן מיט דער פּאָליציי זײַנען פאַרגעקומען
אין פאַרשײדענע שטעט פון לאַנד.

ס׳איז קײן סאָפּעק ניט, אז די נײַע אטאַקע אָפן
לעבנס־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע מאַסן וועט אין
דער נאָענטסטער צײַט ארויסרופן נאָך גרעסערע
קלאַסן־שלאַכטן. די ארבעטער, די ארבעטנדיקע
אינטעליגענץ פאַרשטײען אויסגעצײכנט, אז דער
קאַמף קעגן פאַרקלענערן דעם ארבעטסלוין, קעגן
דער העכערונג פון די שטײַערן און פּרײַזן, פאַר
פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען און פאַר באַ־
שיצן די דעמאָקראַטישע רעכט איז פאַרבונדן
מיטן קאַמף פאַר א גערעכטיקן און פעסטן שאָ־
לעם, פאַר ענדערן די פּאָליטיק פון דער רעגי־
רונג.

אין ייִסראָעל איז שוין אזוי אײַנגעפירט: די
ארבעטער, וואָס פאַרטײדיקן זײערע רעכט, ווערן
געשטעמפּלט אלס „פאַרעטער פונעם פאָטער־
לאַנד". קעדײ אײַנברעכן דעם קאַמפּסווילן פון
די שטרײַקנדיקע, ווענדט אָן די רעגירונג בענע־
גײע זײ רעפּרעסיווע מיטלען און פּאָליציי־טעראָר
און די פּראָפאַרײנישע לידערס באַדראָען די
שטרײַקנדיקע, אז זײ וועלן אויסגעשלאָסן ווערן
פון פּראָפאַרײן און מע וועט בא זײ און בא זײערע
פאַמיליעס אָפּנעמען דאָס רעכט צו באַנוצן זיך
מיט מעדיצינישער הילף און מיט אנדערע פּריווי־
לעגיעס. אָבער די געשיכטע פונעם ארבעטער־
קלאַס פון ייִסראָעל, זײַן קאַמף אין משך פון
די לעצטע כאַדאָשים באַווײַזן, אז דער ארבעטער־
קלאַס איז שטאַרקער פון דער בורזשואזיע און
אירע דינער. שוין אין דער ערשטער העלפט
1970 האָבן די דאָקערס, די פּאָסט־ארבעטער, די
טוער פון מעדיצינישע אנשטאַלטן זיך דערשלאָגן
באַדײַטנדיקע דערפאָלגן אין זײער קאַמף, טראָץ
די באַדראָונגען.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט
שטענדיק געשטיצט דעם קאַמף פון די ארבעטער
און אָנגעשטעלטע. אָף די אונטערנעמונגען, אין
די פּראָפאַרײנישע קאָמיטעטן, אינעם קנעסעט
זײַנען די קאָמוניסטן ענג פאַרבונדן מיט די אר־
בעטער און פאַרטײדיקן קאָנסעקווענט זײערע
אינטערעסן. ס׳איז דעריבער קײן וווּנדער ניט,
וואָס, ניט געקוקט אָף דער אומופהערלעכער אנ־
טיקאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליציי־טע־
ראָר, האָבן די קאָמוניסטן בײס די וואַלן אין קנע־
סעט, אין היסטאַדרוט (פּראָפאַרײנען), אין נאַציאָ־
נאַלן פּראָפאַרײן פון די לערער, בוי־ארבעטער,
לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער און אנד. באַקו־
מען א באַדײַטנדיקן צוּוואוּקס פון שטימען, צומאָל
אָף 65 פּראָצענט מערער ווי בײס די פאָריקע
וואַלן.

דעם זעלבן טאָג, ווען דאָס העכערן די פּרײַזן
און דאָס אָפּשאַפן די סובסידיעס אָף וויכטיקע
שפּײַז־פּראָדוקטן האָט אָנגענומען די קראַפט פון
א געזעץ, איז איבערן גאַנצן לאַנד פאַרשפּרײט
געוואָרן אן אופרוף פונעם צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. „דאָס פאָלק
פון ייִסראָעל, — ווערט געזאָגט אינעם אופרוף, —
האָט פאַרגאָסן גענוג בלוט פון זײַנע זין און טעכ־
טער צוליב די עקספּאַנסיאָניסטישע שטרעבונ־
גען פון די הערשנדיקע קלאַסן. איצט פאָדערט
מען פון די ארבעטנדיקע, זײ זאָלן פאַר דער
וואָנטיוריסטישער פּאָליטיק צאָלן מיט זײער
שווייס און מיט הונגער פון זײערע קינדער".

ווײַטער קלערט אוף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי,
אז די ארבעטער זײַנען אימשטאַנד מיט דערפאָלג
אנטקעגנשטעלן זיך דער נידערטרעכטיקער אטאַ־
קע מיצאַד דער בורזשואזיע און דער רעגירונג:
„דער קאַמף פאַר א גערעכטיקן און פעסטן שאָ־
לעם — אָן אָקופּאַציע און אנעקסיע, פאַר פאַר־
ווירקלעכן אָן באַדינגונגען אלע האַנאַכאָס פון
דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראַט —
דאַרף זיך צונויפגיסן מיטן קאַמף פאַר באַשיצן
די דעמאָקראַטיע און דעם לעבנס־ניוואָ. פּונקט
אזוי, ווי די מילכאָמע שליסט אויס די מעגלעכ־
קײַט פאַרן ווויליזײַן פון די מאַסן, אזוי שליסט
אויס די אנעקסיע פון די אראַבישע טעריטאָריעס
די מעגלעכקײַט פאַר שאָלעם".

אין דער איצטיקער סיטואַציע זײַנען די באַ־
מיִונגען פון אלע פרידנסליבנדיקע און פּראָגרע־
סיווע קויכעס פון דער וועלט, פונעם סאָוועטנ־
פאַרבאַנד און פון אנדערע סאָציִאַליסטישע לענ־
דער, פון דער אינטערנאַציִאָנאַלער ארבעטער־
באַוועגונג און פון דער אנטי־אימפּעריִאַליסטי־
שער באַפרײַונגס־באַוועגונג געווענדט אָף דעם,
אז דער צײַטווײַליקער פײַער־אָפּשטעל זאָל פאַר־
וואַנדלט ווערן אין א גערעכטיקן און דויערהאַפטן
שאָלעם אָפן נאָענטן מיזרעך. אין דעם זײַנען
פאַרינטערעסירט און פאַר דעם קעמפן אלע דע־
מאָקראַטישע פּראָגרעסיווע קויכעס פון ייִס־
ראָעל — ייִדן און אראַבער.

די אכט און דרײַסיק קריגס־כאַדאָשים האָבן
געבראַכט די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך אָן
א שיר ליידן. איצט איז נײטיק אויסנוצן די פאַר־
שטענדיקונג וועגן א דרײַכאַדאָשימדיקן פײַער־
אָפּשטעל אָף ענדגילטיק א סאָף מאַכן צו דער
מילכאָמע. דערצו זײַנען פאַראַן אלע מעגלעכ־
קײַטן.

■ ■ ■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

מוישע שאַפּיראָ

עליע ספּיוואַקס בײַטראָג צו דער ייִדישער שפּראַך-וויסנשאַפט

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מען שוין געהאַט געשריבן וועגן ע. ספּיוואַקס שעפערישן וועג[1]. וואָלט עפּשער איבעריק געווען צו שרײַבן ווידעראַמאָל אויף אַזאַ טעמע. אָבער עס איז פאַרט אַן 80־יאָריקער יובֿל און פאַרט אַזאַ וואָגיקער נאָמען אין דער סאָוועטישער שפּראַך־קענטעניש. און — דעריקער — איך קום דאָ קלאָר ניט איבערצוכאַזערן דאָס שוין געזאָגטע (הגם אייניקע איבערכאַזערונגען זײַנען אין אַזאַ פאַל אומפאַרמײַדלעך); איך האָב דאָ די אַמביציע צו באַטראַכטן ע. ספּיוואַקס שפּראַך־אַרבעט פון אַן אייגענעם קוקווינקל — און פּינקטלעכער אָפּצוצייכענען זײַן אָרט אין דער סאָוועטיש־ייִדישער שפּראַכפאָרשונג — אין ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסטערלישקײַט פון יענעם פּעריאָד אין דער סאָוועטישער שפּראַכוויסנשאַפט בכלל און באַזונדערס אין דער ייִדישער.

ווו הייבט זיך אָן עליע ספּיוואַק? פאַר וועמען ער הייבט זיך אָן פון זײַנע לערנביכלעך פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער שול פון דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן, פאַר אַנדערע — פון זײַנע ערשטע אַרויסטרעטונגען אין דער ייִדישער שפּראַכוויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן; פאַר מיר אָבער — אַ ביסעלע פריִער.

ס'דערמאָנט זיך מײַן היימשטעטל אין פּאָדאָליע, גאָר אַ היפּש שטעטל, קימאַט אַ שטאָט. דאָ ניט לאַנג צוריק האָבן נאָך געבאַלעבאַטעוועט די ווײַספּאָליאַקן. ערגעצוווּ האָבן נאָך געראַצכעוועט אין די אַרומיקע וועלדער רעשטלעך פון באַנדעס בעראָש מיט קלענערע און גרעסערע אַטאַמאַנעס. ניט־ווײַט פון אונדזער שטוב — אַ הײַזקעלע, געדעקט מיט שטרוי. דער באַלעבאָס — אַ הויזירער, אַ דאָרפסגייער, אַ ייִד אַ מעטופּל. אַהער פלעג איך אַמאָל אַרײַנקומען צו מײַנעם אַ כאַווער פון די כיידער־יאָרן, צום בכאָר אין דער פאַמיליע, אַ באַלמעלאָכע־יונג — אַ שטעפּער. אויפן ערדענעם דיל וואַלגערן זיך קויטיקע, באָרוועסע ברידערלעך און שוועסטערלעך, געררוקט איינס פּאָרנעם אַנדערן אויף אַ יאָר אָנדערהאַלבן — צוויי. אַ פּאָר פון די מיטעלע זײַנען טאַלמעדטוירע־ייִנגעלעך...

אין אַזאַ שטוב דערזע איך איינמאָל אַ צעפליקט ביכעלע. כ'נעם עס אין די הענט אַרײַן. אויפן שאַרבלעטל, מיט גרויסע אויסיִעס (זיי שטייען מיר נאָך איצט פאַר די אויגן) — דאָס קעפּל — „היהודיה". דער מעכאַבער — א. ספּיוואַק, טאַקע אונדזער באַל־יויוול — עליע (אליהו) ספּיוואַק. „היהודיה... די ייִדישקע, — פאַרטײַטש איך מיר דאָס קעפּל אויף מאַמע־לאָשן, — מיסטאָם אַ העלדן פון אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן". כ'הייב אָן בלעטערן. לאָזט זיך אויס — אַ לערנביכל גאָר, פאַר דער אָנפאַנגשול, פאַר טאַלמעדטוירע־קינדער. און ניט אין לאָשנקוידעש, נאָר בעפּיירעש אין ייִדיש, אין „זשאַרגאָן", ווי דאָס האָט דאַן געהייסן בא מיר און ניט נאָר בא מיר. און אויף די לעצטע עטלעכע זײַטלעך — לייענשטאָף, אַ פאַרכאַפּנדיקע, עמאָציאָנעל אָנגעזעטיקטע, בעעמעס פּרעכטיקע דערציילונג — די ביבל־לעגענדע „מכירת יוסף"...

---

[1] אין נומ. 10 פאַרן 1965 — כ. לויצקער און מ. מײַדאַנסקיס אַרטיקל „דער שפּראַכפאָרשער עליע ספּיוואַק (צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג)".

אזא איז דער אָנהייב פון מײַן „עליע ספּיוואַק" — די זאָרג פאַר א פונדאַמענט, פאַר צוגרייטן א מאסן־נאָכפרעגער אַף קולטור־שפּײַז אין ייִדיש.

ס'גייען אדורך געציילטע עטלעכע יאָר. ס'איז די מיט פון די צוואַנציקער יאָרן. שוין ניט קיין פּרימיטיווער טאַלמעדטוירע־פונדאַמענט — ס'וואַקסט אויס א גאַנץ היפּשער בנין, א ברייט צעצווײַגטע נעץ ייִדישע לערן־אנשטאַלטן, אין לעגאַמרע נײַע, אין סאָוועטישע באַדינגונגען. שוין ניט „מכירת יוסף" אין „זשאַרגאָן", נאָר ייִדיש־לימעד ווי א גרונטמיטל פון בילדונג און דערציִונג. און קינסטלערישע ייִדישע ליטעראַטור — פונעם בעסטן און שענסטן. און אין ייִדיש טאַקע — אַלע שול־דיסציפּלינען. און ס'קומט אוף א נײַער טיפּ ייִדיש־לערער, ווײַל איצט איז שוין ווייניק הוילע מעטאָדיק. ס'איז נייטיק באַהאַוונטקײַט אין די טעאָרעטישע יעסוידעס פון דער שפּראַך, אין איר סיסטעם און אין אַלץ, וואָס ווערט איבערגעבויט און באַנײַט אפן שפּראַך־געביט. און בעפיירעש — אַף א גאַנץ אנדערשדיקער מעטאָדאָלאָגישער באַזע — אַף א מאַרקסיסטישער. און דער אָקאָרשטיקער מעכאַבער פון „היהודיה" שפּאַנט אין טראָט מיט זײַן צײַט. איצט — שוין ניט אליהו, נאָר אונדזערער, אזא היימישער, סאָוועטישער אומדערמידלעכער ייִדישער קולטור־בויער — עליע ספּיוואַק. שפּראַכמעטאָדישע אַרבעט איז נאָך דערווײַל דער איקער־אָביעקט פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט; אָבער איצט, אין פּראָצעס פון אזא אַרבעט, אין איר און פאַר איר, הייבט ער זיך אוף אַף א העכערן שטאַפּל, און אזוי פאַמעלעכן דערזעען מיר מיטאַמאָל גאָר אן אנדער ספּיוואַק — אן אקטיווסטן בויער פון דער יונגער סאָוועטיש־ייִדישער שפּראַך־אַרבעט.

עליע ספּיוואַק קומט אין דער ייִדישער שפּראַכוויסנשאַפט גלײַך פון שפּראַך־מעטאָדיק. אין די יאָרן 1925 — 1926 דערשײַנען זײַנע צוויי לערנביכלעך „ייִדישע שפּראַך". ניט דאָ איז דאָס אָרט צו באַטראַכטן גענויער די מײַלעס צי די כעסרוינעס פון אָט דער אַרבעט. אונדז אינטערעסירט דאָ דעם באַל־יוּוולס וועג צו שפּראַכוויסנשאַפט ביכלאַל און דעריקער — צו ייִדיש־פאָרשונג. דעריבער איז פאַר אונדז וויכטיק בלויז דער פאַקט, וואָס אין „ייִדישער שפּראַך" זײַנען אָנזיכטיק דעם אַוטאָרס באַמיִונגען צו בויען די סיסטעם פונעם שפּראַך־לימעד אַף א געוויסן טעאָרעטישן יעסאָד; ס'איז צו זען, ווי צוגעהערט ס'האָט זיך ע. ספּיוואַק צו די שטרײַטן, וועלכע זײַנען אָנגעגאַנגען צו יענער צײַט אין דער סאָוועטישער לינגוויסטיק.

שײַעך איז עס קוידעמקאָל צו דער עצם גראַמאַטישער סיסטעם. צי דאַרף זי זײַן געבויט אַף א ריין לאָגישן יעסאָד, אנדערש גערעדט — צי דאַרף מען זוכן אין יעדער שפּראַך דעם אויסדרוק פון אַלגעמיין־מענטשלעכע לאָגישע קאַטעגאָריעס און לויט זיי סיסטעמאַטיזירן די קאָנקרעטע שפּראַך־פאַקטן און שפּראַך־דערשײַנונגען, אומאָפּהענגיק פון דער קלאַנגלעכער זײַט זייערער, אָדער גאָר פאַרקערט — מע דאַרף נעמען אַלס אויסגאַנג־פּונקט דאַפקע די קלאַנגלעכע פאָרמעס פון ווערטער און לויט זיי שוין גרופּירן די פאַקטן באַם דערלערנען א שפּראַך, אַף זיי שוין בויען די גראַמאַטישע סיסטעם.

צו דער מיט צוואַנציקער יאָרן דאָמינירט אין דער סאָוועטישער גראַמאַטישער ליטעראַטור דער אזויגערופענער מעסיקער פאָרמאַליזם, וועלכער באַזירט די גראַמאַטישע סיסטעם ניט בלויז אַף קלאַנגלעכער פאָרמע פון ווערטער, נאָר נעמט אין אכט אויך דעם באַטײַט פונעם וואָרט און די סינטאַקסישע פאַרבינדונג זײַנע מיט אנדערע ווערטער. אזא מעסיקער פאָרמאַליזם איז באַזונדערס קלאָר פאָרגעשטעלט אין די ווערק פונעם רוסישן לינגוויסט א. מ. פּעשקאָווסקי. און טאַקע זײַן ווירקונג לאָזט זיך טיילווײַז פילן אין ע. ספּיוואַקס ביכלעך „ייִדישע שפּראַך"; ס'איז זיך דאָ ניט באַגאַנגען אָן דער ווירקונג אויך מיצאַד פּעשקאָווסקיס אָן אָנהענגער אין דער ייִדישער גראַמאַטישער ליטעראַטור, דעם גוט באַקאַנטן ייִדישן לינגוויסט א. זאַרעצקי. עמעס, זאַרעצקיס גרונטיק ווערק „פּראַקטישע גראַמאַטיק" דערשײַנט ערשט אין 1926 יאָר, אָבער ע. ספּיוואַק באַקענט זיך מיט אָט דעם בוך לויטן מאַנוסקריפּט, און שוין אין דער פאָרעדע צום צווייטן ביכל „ייִדישע שפּראַך" רעקאָמענדירט ער די לערער זאַרעצקיס אײַנשטעלונגען, זײַן קורס.

דאָ מוז מען באַמערקן: אָט די אַלע שטרײַטן בענעגייע גראַמאַטישער סיסטעם האָבן גאָר א ווײַטע שײַכעס צו קאָנקרעטער שפּראַכפאָרשונג; זיי האָבן צו טאָן בלויז מיט די אויפאַנים פון אויסשטעלן דעם שפּראַך־מאַטעריאַל לויט די אָדער יענע רובריקעס, זיי אנטדעקן אָבער גאָרנישט ניט אין דער דערלערנטער שפּראַך גופע, זיי ברענגען ניט אַרויס וועלכע־ס'ניט־איז נאָך ניט באַוווסטע שפּראַך־פאַקטן און זיי קלאָרן ניט אויס קיין געזעצמעסיקײַטן אין קאָנקרעטע שפּראַכן. און אויב ס'איז דאָ געזאָגט וועגן דעם אַלעם (אַף וויפל דאָס האָט באַווירקט אין א געוויסער מאָס דעם אַוטאָר פון „ייִדישע שפּראַך"), איז עס געטאָן בלויז קעדיי צו ווײַזן ע. ספּיוואַקס וועג צו טעאָרעטישער שפּראַך־אַרבעט ביכלאַל. וואָס איז שײַעך צו דער עצם ווערט און דער שטאַנדהאַפטיקײַט פון זײַנע גראַמאַטישע אָנשויִונגען אין יענע יאָרן, איז גענוג צו געדענקען, אז אין עטלעכע יאָר אַרום שלאָגט ער זיך שוין אָפּ אַף זײַנע פאָרמאַליסטישע קאָנצעפּציעס...[1]

מיט צונויפשטעלן לערנביכלעך פאַר דער שול איז ע. ספּיוואַק פאַרנומען אויך שפּעטער, קימאַט ביזן סאָף דרײַסיקער יאָרן. אָבער שוין זינט סאָף צוואַנציקער יאָרן, אָנהייבנדיק אן ערעך פון 1927—1928, איז אָט די שפּראַכמעטאָדישע אַרבעט שוין ניט מער ווי א בײַזאַך אין זײַן טעטיקײַט; אין אויבנאָן שטייט איצט די וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אַרבעט.

מיר קומען צו, אזויאַרום, צום איקער אין אונדזער טעמע — ע. ספּיוואַק דער ייִדיש־פאָרשער, זײַנע אופטוען אינעם ייִדיש־געביט.

מ'איז געוווינט ניט זשאַלעווען קיין שוואָכים פאַר יוביליאַרן, ביפראַט אויב זיי זײַנען שוין אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט און אַוודע שוין אויב זיי זײַנען קדושים. און מיר זעט די זאַך אויס גאָר אנדערש. פאַר א יוביליאַר איז דאָס זוכן אָנגעטראַכטע פאַרדינסטן בעפיירעש א פּכיסעס־האַקאָוועד, ווײַל דאָס פאַרשטעלט אין א געוויסער מאָס די עמעסע פאַרדינסטן זײַנע און — דעריקער — דאָס רופט אַרויס אן אומצוטרוי צו אַלע רייד וועגן זײַנע ווירקלעכע אופטוען.

מיט אזא מאָס קום איך דאָ צו באַטראַכטן אונדזער יוביליאַרס טעאָרעטישע אַרבעט אין געביט פון ייִדיש און אויסצוקלאָרן, וואָס איז באַזונדערס ווערטפול, וואָס דאַרף באַזונדערס זײַן טײַער אונדז אַלעמען אין זײַן שעפערישער יערושע.

---

[1] זען „אפן שפּראַכפראָנט" נומ. 4, 1932 (רעוויזיענומער).

צוויי צענדליק יאָר טיילט אויס דער גורל ספּיוואַקן פאַר פאַרטיפערטער שפּראַכפאָרשערישער טעטיקייט — פון די לעצטע צוואַנציקער ביז די לעצטע פערציקער יאָרן.

די ערשטע עטלעכע יאָר, סאַף צוואַנציקער — אָנהייב דרײַסיקער, גייען בא אים דורך אין א היפשער מאָס אונטערן צייכן פון מעטאָדאָלאָגיע. צי דאַרף מען זוכן אין דער דאָזיקער ריכטונג דעם צושטײַער זײַנעם אין דער שפּראַכוויסנשאַפט? געוויס ניין. ס'איז דאַן אומעטום בא אונדז אין לאַנד שאַרף געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַהערשן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד — אין זײַן מאַרקסי־סטיש־לעניניסטישער אינטערפּרעטירונג. באַנעמען ווי געהער־ריק דעם מעהוס פון אָט דעם מעטאָד און ווי געהעריק אָנווענדן אים אין יעדן קאָנקרעטן אָפּצווײַג פון וויסן און פון טעטיקייט, באַטראַכטן יעדע דערשײַנונג אין איר אַל־זײַטיקער געבונדנקייט מיט אַנדערע דערשײַנונגען, אין איר באַוועגונג און אַנטוויקלונג, — אַזאַ איז די אויפגאַבע פון די וויסנשאַפטלער אויך בא הײַנטיקן טאָג. ע. ספּי־וואַק גיט אָפּ אָן א שיר מי און צײַט אַף אָנצושרײַבן און צו פאַרעפנטלעכן א ווערק „מאַרקס און ענגעלס וועגן שפּראַך און שפּראַך־פּראָבלעמעס“ (קיִעוו, 1934). דערמיט טוט ער אָפּ א ביז גאָר נוצלעכע אַרבעט. ער איז אָבער דאָ גאָרנישט ניט מעכאַדעש, און מע פאַרשפּאָרט צו זוכן אין אָט דעם ווערק עפּעס אייגנס.

איינצײַטיק שטייט ניט ע. ספּיוואַק אין א זײַט פון יענע שאַרפע דיסקוסיעס, וואָס ווערן דאַן געפירט אַרום פראַגן פון אַלגעמיינער לינגוויסטיק. צו יענער צײַט פאַר־נעמט צוביסלעך הערשנדיקע פּאָזיציעס אין דער סאָוו־טישער לינגוויסטישער וועלט די שפּראַך־לערע פונעם אַקאַדעמיקער נ. יאַ. מאַר. אַליין דערצויגן אַף די גרונט־האַנאַכעס פון דער ביז אים אַלגעמיין אָנערקענטער אינדאָ־איירָאָפּעיִשער, פאַרגלײַכלעך־היסטאָרישער שפּראַכוויסנ־שאַפט, טרעט מאַר אַף א „רעוואָליוציאָנערן“ אויפן אַרויס קעגן איר, און מיט זײַנע דאָגמאַטישע פּאָסטולאַטן — וועגן „איינהײַט פונעם שפּראַכשעפערישן (גלאָטאָגאָנישן) פּראָצעס“ בא אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועגן דער אַנטוויקלונג פון שפּראַכן אין דער ריכטונג „פון פּילצאָ־ליקײַט צו איינציקײַט“ און באַזונדערס — וועגן פיר (שפּעטער — זיבן) טראַפּן („עלעמענטן“), וואָס פון זיי ציט זיך קלוימערשט דער גאַנצער לעקסישער שטאָף פון אַלע שפּראַכן אין דער וועלט, און אייניקע אַנדערע אַקסיאָ־מאַטיש פאָרמולירטע האַנאָכעס ווישט מאַר מיטאַמאָל אָפּ אַלע דערגרייכונגען פון דער אינדאָ־איירָאָפּעיִסטיק אינעם דערלערנען קרוווישע, דערהויפּט אינדאָ־איירָאָפּעיִשע שפּראַכן, זייערע אינערלעכע געזעצמעסיקייטן, זייער גע־שיכטלעכע אַנטוויקלונג. ניט דאָ איז מעגלעך צו באַהאַנד־לען אין טאָך דעם אָביעקט פון יענע דיסקוסיעס. וויכטיק איז פאַר אונדז דער פאַקט, וואָס ע. ספּיוואַק שפּאַנט אויך דאָ אין טראָט מיט זײַן צײַט און אין א ריי אַרבעטן זײַנע לאָזט זיך שוין פילן אַן איבערצײַגטער מאַריסט.

ס'איז קלאָר אָבער, אַז ניט אין דעם אַנטפּלעקט זיך ספּי־וואַקס עכטער באַרוף. וויניק לינגוויסטן אַפילו זײַנען בעיִכוילעס געווען צו לייענען מאַרס ווערק. מע פלעגט אַרויסרײַסן ציטאַטעס, און יעדע ציטאַטע, אומאָפּהענגיק פון דער מאָס באַגרינדעטקײַט אירער, האָט געדאַרפט זײַן גענוג אַף צו „איבערצײַגן“ אין דער ריכטיקייט פון דעם־יענעם געדאַנק, אויב ער האָט געשטימט מיט די פּאָסטו־לאַטן פון מאַרס טעאָריע, פון דער אַזויגערופענער „נײַער לערע וועגן שפּראַך“.

ערשט איצט קומען מיר צו צום עכטן באַרוף פון אונד־זער באַל־יוּוויל און צום בעעמעס ווערטפולן בײַטראָג זײַנעם צו יידיש־קענטעניש.

עליע ספּיוואַק האָט א גאַנץ שעפעריש לעבן זײַנס גע־וווּסט פון אַן „איין־איינציקער, אָבער פלאַמיקער לײַדנ־שאַפט“. דאָס איז — פאַרליבטקײַט אינעם יידיש־וואָרט, שטענדיקער דורשט נאָכצושפּירן אַלע באַטײַטלעכע שאַטי־רונגען און פײַנסטע ניואַנסן פונעם וואָרט, זײַנע געשיכט־לעכע גילגולים, זײַנע סעמאַנטישע טראַנספאָרמאַציעס, זײַנע איבערגאַנג פון דירעקטן קאָמוניקאַטיוו־נייטראַלן אָנווענד צום אומדירעקטן, עמאָציאָנאַל־עקספּרעסיוון, פּי־גורעלן באַטײַט און פאַרקערט — צו ווײַזן, ווי אין גע־ברויך ווערט אָפּגעריבן ניט־זעלטן די בילדערישקײַט אינעם וואָרט, ווי ס'ווערט אָפּגעשוואַכט די עקספּרעסיווע קראַפט זײַנע, ווי דאָס אָקאָרשט אומדירעקטע, דאָס פיגו־רעלע וואָרט ווערט דירעקט און גיסט זיך אַרײַן אינעם קאָמוניקאַטיוו־נייטראַלן וואָרט־אוצער פון דער שפּראַך.

דאָס איז דער „שליסל“ צו ספּיוואַקס בעסטע שאַפונ־גען. אָט די לײַדנשאַפט זײַנע שפּאַרט אַרויס אַפילע פון זײַנע שפּראַך־מעטאָדישע אַרבעטן; זי פּילט זיך אין איי־ניקע געניטונגען, געבויטע אַף וואָרט־שפּיל, אַף די מוס־טערן פון די בעסטע קינסטלערישע ווערק — מיטן אָק־צענט ווידעראַמאָל אַף וואָרט און אַף וואָרט־שפּיל.

און ס'איז ניט צופעליק, וואָס אין סאַמע בלי־פּעריאָד פון זײַן וויסנשאַפטלעכער און וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער אַרבעט געפינט ער צײַט אַף אָנצושרײַבן און אַרויסגעבן א הילפסביכל פאַר סטיליסטישע געניטונגען — „רייד־אַנטוויקלונג“ (קיִעוו, 1939).

און טאַקע יענע לײַדנשאַפט פירט אים צו ברייטע לעק־סיקאָלאָגישע פאָראַלגעמיינערונגען און איינצײַטיק — צו רײַכער קאָנקרעטיזירונג. פונדאַנען גייט זײַן שאַרפער אינטערעס צו סטיל־דערשײַנונגען, צו סטילן־קאַמף אין א ברייטערן געשיכטלעכן אַספּעקט; פונדאַנען — זײַנע בע־סטע אויפטוען, זײַנע בעעמעס גלענצנדיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן שפּראַך־נוסכאָעס אין דער יידישער קלאַסיק, וועגן קאַמף פאַר א ליטעראַרישן יידיש אין דער קינסטלערי־שער און פובליציסטישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פונעם ערעוו־קלאַסישן פּעריאָד און נאָך פריער.

אַלע די דאָזיקע שאַפונגען זײַנען, אייגנטלעך, רינגעלעך פון איין גרויסער טעמע — „געשיכטע פונעם ליטעראַ־רישן יידיש“. זעט אויס, אַז ע. ספּיוואַק האָט פון אָנ־הייב אָן געצילט צו פאַרווירקלעכן אַן אַרבעט אַף אַזאַ ברייטער און וויכטיקער טעמע און דערפירן זי ביזן סאָף. וועגן דעם זאָגן איידעס די שוין פאַרעפנטלעכטע רינגע־לעך, טיילווײַז — אייניקע מאַנוסקריפּטן, וואָס וואַרטן נאָך, מע זאָל זיי אַרויסברענגען אַף דער ליכטיקער שײַן.

לאָמיר אָפּמערקן די וויכטיקסטע פון די פאַרעפנטלעכטע רינגעלעך.

וועגן ביזקלאַסישן פּעריאָד אינעם קאַמף פאַר אַן איינ־הײַטלעכער יידישער לעקסיק גיט אונדז א קלאָרע פּאָר־שטעלונג דער געשיכטלעכער טייל פון ע. ספּיוואַקס א ברייטן אַרטיקל — „צו דער פּראָבלעם פון לעקסישער פאַראיינהײַטלעכונג און רעגולירונג אינעם ליטעראַרישן יידיש“[1]. דאָ באַקענען מיר זיך אַף א רײַכן אילוסטראַ־טיוון מאַטעריאַל מיט דער וואַקלדיקער שפּראַך־אָריִענטאַ־ציע פון דער אָדעסער „בורזשואַז־אויפקלערערישער“ אויס־גאַבע „קול מבשר“, ווי דאָס איז אויסגעדריקט אין פאַר־

[1] „אפן שפּראַכפראָנט“, נומ. 1, קיִעוו, 1937.

שיידענע ארטיקלען און אפגעשפיגלט אין דער שפראך גופע פון דער דאזיקער אויסגאבע (60־ער יארן פון 19־טן יה.); מיט י.־מ. ליפשיצעס „דעמאקראטיש־אופקלערערישער" שטעלונג צו ייִדיש, ווי זי איז אנגעמערקט אין זיינע ארויסטרעטונגען אין דעם זעלבן „קול מבשר" און ווי ער פארווירקלעכט זי אין זיין גארער לעקסיקאגראפישער גרונטלייגערישער טעטיקייט — אין זיינע ווערטערביכער, וווּ ער האט „געשטרעבט ארויסצוברענגען די פארשיידענע אייגנטימלעך־נאציאנאלע רעסורסן פון דער שפראך" און וווּ ס'לאזט זיך פילן זיין „אנשטרענגונג צו האלטן זיך בא געוויסע סינטעזירנדיק־פאריינהייטלעכנדיקע ריכטליניעס אף דער באזע פון דעם אוקראיִניש־דיִאלעקטאלן אומגאנג (אין לעקסיק, אין פארמעס, אין ארטאגראפיע)"; מיט די ערשטע עטאפן פון מענדעלעס שאפן, וועלכער איז „פון די 70־ער יארן אן געווארן דער וויכטיקסטער פארשטייער און דער פאקטישער גרונטלייגער פון דעמלטיקן קינסטלערישן (און ניט בלויז קינסטלערישן) ליטערארישן ווארט". אף א ריי ביישפילן לויט דריי אויסגאבעס פון דער „קליאטשע" ווייזט ספיוואק, ווי אין זיין שטרעבן צו פאריינהייטלעכונג בעסערט מענדעלע פון אויסגאבע צו אויסגאבע די שפראך פון זיינע ערשטע ווערק אין ייִדיש, ארומכאפנדיק אומבארעכטיקטע דייטשמעריזמען, העברעיִזמען, סלאוויזמען, ווי אויך דיִאלעקטאלן לעקסישן שטאף.

ע. ספיוואק פארשווייגט דא ניט אויך די טענדענץ צו „ריין־יודיש", צו א „לויטער יודישער שפראכע", ווי זי מערקט זיך אן אין מ. ספעקטארס זאמלונג „הויז־פריינד" און אין שאלעם־אלייכעמס „פאלקס־ביבליאטעק" (סאף 80־ער — אנהייב 90־ער יארן). ער באטראכט די דאזיקע טענדענץ ווי א רעזולטאט פון א שארפן קער אין די קרייזן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ — נאך איר אנטוישונג אינעם „אלגעמיין בירגערלעכן", אינעם „מענטשלעכן", אן אנטוישונג, וואס ס'האבן זי גוירעם געווען די בלוטיקע פאגראמען פון אנהייב 80־ער יארן.

אין זיין ארטיקל באטראכט ע. ספיוואק אויך די שפראך פון דער רעוואליוציאנערער און סאציאליסטישער ליטעראטור אף אירע ערשטע עטאפן; ס'ווערט געוויזן, ווי אין אנהייב ליידט זי פון „פרעמדווערטעריי" און דייטשמערירונג און טיילווייז, באזונדערס אין דער עלטערער אגיטאציע־ליטעראטור — אויך פון אומבארעכטיקטע רוסיזמען און אפילע העברעיִזמען, און ווי מיט דער צייט נעמט זי אראפווארפן פון זיך „דעם אנדערשפראכיקן ווארטשלייער, וואס האט איר ארגאניש ניט געקליידט און געשטערט צו ווערן פאריינהייטלעכט". דער וויכטיקסטער אויספיר, צו וועלכן ס'קומט דא ע. ספיוואק, איז, אז „וואסער־ס'ניט־איז פולערע פאריינהייטלעכונג האט אבער ניט געקענט געמאלט זיין אין די ביזרעוואליוציאנערע פעריאדן", ווייל „וואקלונג און ניט־אויסגעהאלטנקייט האט דא נאך אפטערס געוועלטיקט איבער דער טענדענץ פון פאריינהייטלעכונג און געשטערט זי דורכצופירן און אויסצופילן". לאמיר דא צוגעבן: געמיינט איז אין אזא שלוס־אויספיר געוויס בלויז די קאנקרעטע זאכלאגע אין דער געשיכטע פונעם ליטערארישן ייִדיש, האגאם פארמולירט איז עס פאראלגעמיינערט, ווי ס'זאל געמיינט זיין א באליביקע ליטערארישע שפראך. אינדערעמעסן ווייסן מיר פון פיל אייראפעיִשע ליטערארישע שפראכן, דערין אויך דער רוסישער, וווּ לעקסישע (און ניט בלויז לעקסישע) פאריינהייטלעכונג איז אין א היפשער מאס דערגרייכט געווארן אין „ביזרעוואליוציאנערע" פעריאדן — אף וויפל דאס איז בכלל געמאלט אין געביט פון ווארט־שאץ.

אין כראנאלאגישן סיידער קומט אויס צו דערמאנען א קירצונג פון ע. ספיוואקס א ברייטערער ארבעט וועגן מענדעלעס שפראך — „מענדעלע־נוסעך"[1]. דא איז געוויזן, ווי מענדעלע ניצט אויס „דאס אפגעקליבענע, דאס קינסטלעריש־אנגעמאסטענע" מאסנווארט, אויך דעם כפייצישן לעקסיקאן פונעם פאלק; ע. ספיוואק באטאנט אזא נייע דערשיינונג אין דער ייִדישער ליטעראטור, ווי רייכע נאטור־לעקסיק בא מענדעלען. „דער מענדעלע־פייזאזש, — שרייבט ער, — האט דאס ערשטע מאל אין ייִדיש באהעלט מיט נייע זיילן שיין „דאס בידנע וועלטל פון ייִדישן עלנט און פארשטויסנקייט". געוויזן איז אויך די רייכע סינאנימיק, וואס דינט מענדעלען פאר צילן פון שילדערישער דיפערענציאציע און סאציאלער כאראקטעריסטיק. „בא מענדעלען, — לייענען מיר אין ע. ספיוואקס ארטיקל, — שפילט בכלל דאס ווארט און דער ווארטבאטייט מיט פאראלגעמיינערטער סאציאלער אנצוהערעניש, מיט פארשיידנסטע סעמאנטיש־עקספרעסיווע כיינען און פארבן..."

ווייטער קומען צוויי באדייטנדיקסטע און וויכטיקסטע רינגען אין דער דערמאנטער גרויסער טעמע — דער בוך „שאלעם־אלייכעמס שפראך און סטיל" און א דערווייל ניט פארעפנטלעכטע גרעסערע ארבעט וועגן פערעצעס שפראך. וועגן ערשטן פון די דאזיקע רינגען איז זייער גענוי געזאגט אינעם ארטיקל צו ע. ספיוואקס 75־יאריקן יובילײ, און איך האלט פאר איבעריק איבערצוכאזערן עס דא. פון דער פערעץ־ארבעט איז פארעפנטלעכט אין „סאוועטיש היימלאנד" א קאפיטל „פערעץ און די ליטערארישע שפראך"[2]. געוויס איז עס א פערל אין ע. ספיוואקס שאפן. פונעם שטאנדפונקט פון דער גרויסער טעמע וועגן דער אויסבילדונג און וועגן אנטוויקלונגס־וועג פונעם ליטערארישן ייִדיש איז דא באזונדערס וויכטיק דאס אונטערקאפיטעלע — „דיִאלעקט און די ליטערארישע שפראך", וווּ ס'ווערט אייגנטלעך באטראכט ניט אזוי פערעצעס באציִונג צו ייִדיש, ווי די ראליע פון אלע דריי קלאסיקער אונדזערע און פונעם קלאסישן פעריאד בכלל אין דער אויספורעמונג פון א פאריינהייטלעכטן ייִדיש.

ע. ספיוואק שרייבט: „דעם געשטערן מענדעלע, שאלעם־אלייכעם, פערעץ מיט זייערע מיטגייער פון גרעסערן און פון קלענערן גראד נעמען מיר איצט אוף ווי א געוויסע איינהייט, וואס באצייכנט די סיסטעם, דעם נוסעך פון דער קלאסישער ייִדישער ליטעראטור און שפראך אלס פאר־עטאפ פון דעם היינטצייטיקן ליטעראריש־שפראכלעכן פעריאד". דערמיט גופע איז געזאגט, אז דער פאריינהייטלעכונגס־פראצעס ווערט ניט פארענדיקט אינעם קלאסישן פעריאד. דאס שטימט מיט דעם אויספיר, וואס ע. ספיוואק קומט צו אים באם באטראכטן דעם פריִערדיקן פעריאד (זע אויבן).

בא דער גאנצער פארשיידנקייט אינעם שפראכלעכן שאפונגס־וועג פון די קלאסיקער געפינט ספיוואק דאס געמיינזאמע. דאס איז קוידעמקאל „די שטרעבונג צו פורעמען די שפראך אין געוויסע געזעצמעסיקע איינהייטלעכע ליטערארישע ראמען און נארמעס". און טאקע ווייל די

1 „סאוועטיש היימלאנד" נומ. 8, 1967.

2 „סאוועטיש היימלאנד" נומ. 7, 1965.

קלאַסיקער האָבן „אַף אַ גליקלעכן אויפֿן“ פֿאַרקערפּערט אין זייער שאַפֿונג די דרײַ גרונט־דיאַלעקטן פֿון ייִדיש, איז בײַ זיי שטאַרק געווען די ציִונג צום צווישנדיאַלעקטאַלן, צום אַלפֿאַלקישן, פֿאַר וועלכן זיי האָבן געקענט צוועקמעסיק אויטיליזירן די רעסורסן פֿון זייערע מוטער־דיאַלעקטן.

מיט דער פּראָבלעם פֿון לעקסישער רעגולירונג אין ייִדיש זײַנען אָרגאַניש געבונדן ע. ספּיוואַקס אַרויסטרעטונגען אין די דיסקוסיעס וועגן דער אַזוי־גערופֿענער „עלעמענטן“־פֿראַגע. באַזונדערס הייסע דעבאַטן האָבן זיך פֿון צײַט צו צײַט צעפֿלאַקערט אַרום דעם העברעיִשן „עלעמענט“ אין ייִדיש. ע. ספּיוואַקס שטעלונג אין דער דאָזיקער פֿראַגע איז צום בולטסטן פֿאָרמולירט אין זײַן אַרטיקל „וועגן דעהעברעיִזאַציע און וועגן דעם העברעיִשן „עלעמענט“ אין ייִדיש (צו שטיפֿס שטעלן די פֿראַגע)“[1].

מע דאַרף ניט מיינען, אַז ספּיוואַקס באַטראַכטן דעהעברעיִזאַציע ווי אַ טיילווײַזע אַנטפּלעקונג פֿונעם דעאַרכאַיִזיר־פּראָצעס ענדערט מאַמאָשעסדיק דעם עצם־אָביעקט פֿון די דיסקוסיעס, אין זײַן טאָך. ווײַל פֿאַקטיש איז אין ייִדיש די זאַכלאַגע אַזאַ, אַז דעאַרכאַיִזירונג מיינט קוידעמקאָל דעהעברעיִזירונג. אַנדערע אַרכאַיִשע ווערטער, פֿון ניט־העברעיִשן (צי ניט־אַראַמעיִשן) אָפּשטאַם, ווערן באַטל בעשישים, זײַנען אַ נישטיקער פּראָצענט אין ייִדיש. עמעס, ס'איז פֿאַראַן אַ גוזמע העברעיִזמען, וואָס זײַנען קלאַל ניט אַרכאַיִש, אָבער די דיסקוסיעס זײַנען געפֿירט געוואָרן ניט וועגן זיי; קעגן זייער באַנוץ אין ייִדיש האָט קיינער גאָרנישט ניט.

ס'איז אויך אַ טאָעס צו מיינען, אַז די פֿאַרקאָמפּליצירטע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון ווערטער לויט זייער אָפּשטאַם אינעם פֿאַרגלײַך צווישן לעקסישן באַשטאַנד פֿון צוויי נומערן „עמעס“ — געררוקט אַף 10 יאָר איינער פֿונעם צווייטן — טראָגט אַרײַן עפּעס וועזנטלעכס אין דעם מעטאָד גופֿע, ווער שמועסט אין מעטאָדאָלאָגישן זין. ע. ספּיוואַק האָט דורכגעמאַכט אַזאַ עקספּערימענט, ווו ער פֿירט אײַן פֿאָלגנדע רובריקעס: גערמאַניזמען, סלאַוויזמען, העברעיִזמען, אינטערנאַציִאָנאַליזמען, גערמאַניש־סלאַווישע ווערטער, העברעיִש־גערמאַנישע, העברעיִש־סלאַווישע, אינטערנאַציִאָנאַל־גערמאַנישע, אינטערנאַציִאָנאַל־סלאַווישע, אינטערנאַציִאָנאַל־העברעיִשע, אַברעוויִאַציעס. מיט רעכט באַמערקט וועגן דעם פּראָפֿ. סערגיִעווסקי אין זײַן רעצענזיע אַף ע. ספּיוואַקס דאָקטאָר־דיסערטאַציע „נײַע וואָרטשאַפֿונג“: „...די דאָזיקע רובריצירונג גיט ניט צו עפּעס וועזנטלעכס צו זײַנע אונטערגעצויגענע סאַכאַקלען, ווײַל די ספּעציפֿישע וואָג פֿון אַזעלכע היברידישע אויסבילדונגען איז ביכלאַל אַן אומבאַדײַטנדיקע (אַמאָל — ווייניקער פֿון 0,01% (!)“[2].

און דאָך זײַנען די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען ספּיוואַקס אויך זייער אַ וויכטיק רינגעלע אין דער ברייטער טעמע וועגן וועג צום ליטעראַרישן ייִדיש. ווײַל אין פֿאַרבינדונג מיט דער דיסקוסיאָנעלער פֿראַגע ברענגט אַרויס ספּיוואַק אַ גוואַלדיקן שפּראַכלעך־געשיכטלעכן מאַטעריאַל, וואָס איז אַן און פֿאַר זיך אַ גרויס געפֿינס און געווינס פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ קורס „געשיכטע פֿונעם ליטעראַרישן ייִדיש.

עליע ספּיוואַק האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַרײַנצודרינגען טיפֿער אין דער געשיכטע פֿון ייִדיש, פֿאַרקלײַבן זיך אין די טיפֿן פֿון מיטל־ייִדיש און אַלט־ייִדיש. ס'איז שווער צו באַהויפּטן, אַז אַזאַ פֿאַרטראַכט וואָלט ער בעקויעך געווען צו רעאַליזירן. ספּיוואַק געהערט ניט צו יענער פֿלעיאַדע ייִדישע פֿילאָלאָגן, וואָס האָבן יאָרנלאַנג פֿאַרבראַכט אין די גרויסע וועלט־ביבליאָטעקן, גענישטערט דאָרט און אַנטדעקט קסאַוויאַדן, פּובליקירט זיי מיט אַווטאָריטעטע קאָמענטאַרן און געשאַפֿן אַזויאַרום די באַזע פֿאַרן שטודיִום פֿון די עלטערע פּעריִאָדן אין דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש. און דאָך וואָלט ספּיוואַק, מעגלעך, אויך אין אָט דער ריכטונג געקאָנט פֿיל דערגרייכן, ווײַל אין פֿאָרש־אַרבעט איז ער געווען אַ גרויסער האָרעפּאַשניק. דער בעסטער באַווײַז איז זײַן פּרעכטיקע אַרבעט — „די נעמען פֿון ייִדיש“, ווו ער ברענגט אַרויס גאָר ווערטפֿולן מאַטעריאַל פֿון עלטערע קוועלן. לאָמיר דאָ באַמערקן: דער באַרימטער לינגוויסט און ייִדיש־פֿאָרשער אוריִעל ווײַנרײַך האָט צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי בעאַטריטשע ווײַנרײַך צונויפֿגעשטעלט אַ זאַמלונג געקליבענע ביבליאָגראַפֿיע פֿאַר פֿאָרשונג מיטן נאָמען „ייִדישע שפּראַך און פֿאָלקלאָר“ (אין ענגליש)[1], און דאָס איינציקע ווערק ספּיוואַקס, וואָס איז דאָרט פֿאָרגעשטעלט, איז „נעמען פֿון ייִדיש“.

באַנאַנד מיט שפּראַכגעשיכטלעכער טעמאַטיק (און פּראָבלעמאַטיק) פֿאַרנעמען אין ע. ספּיוואַקס שאַפֿן גאָר אַ בעקאָוועדיק אָרט פֿראַגן פֿונעם הײַנטצײַטיקן ליטעראַרישן ייִדיש. ס'גילט בפֿרט אים דערצו די באַדינגלעכע באַצייכענונג „סאָוועטישער ייִדיש“.

די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר אינעם וואָרטבאַשטאַנד פֿון ייִדיש אין אונדזער סאָוועטישערווירקלעכקײַט, זײַנען די איקער־טעמע פֿון זײַן בוך „נײַע וואָרטשאַפֿונג“ (1939). אייגנטלעך איז עס אַ ריי עטיודן, וואָס אַ טייל זייערער איז שוין פֿאַרעפֿנטלעכט געווען פֿריִער. דעם גרונט־קערן אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס דער אַווטאָר האָט שפּעטער (1946) פֿאַרטיידיקט אַלס דאָקטאָר־דיסערטאַציע, שאַפֿט דער אינהאַלט פֿון צוויי שוין דערמאָנטע אַרטיקלען זײַנע אין דער קיִעווער אויסגאַבע „אַפֿן שפּראַכפֿראָנט“ — „וועגן דעהעברעיִזאַציע און וועגן דעם העברעיִשן „עלעמענט“ אין ייִדיש“ (1935) און „צו דער פּראָבלעם פֿון לעקסישער פֿאַריינהײַטלעכונג און רעגולירונג אינעם ליטעראַרישן ייִדיש“ (1937). ס'ווערן באַהאַנדלט די פֿאַרשיידענע צוגענג צום לעקסישן באַשטאַנד פֿון ייִדיש, באַזונדערס די קאַמעסדיקע און אייכעסדיקע פֿאַרהעלטעניש צווישן די גרונטיקע שטאַם־עלעמענטן זײַנע (צווישן גערמאַניזמען, העברעיִזמען און סלאַוויזמען), ווי דאָס זעט אויס אין די פּובליקאַציעס פֿון אייניקע אַסימיליאַטאָריש געשטימטע „זשאַרגאָן“־פֿרעסער, פֿון איין זײַט, פֿון נאַציִאָנאַליסטישע העברעיִזאַטאָרן — פֿון דער צווייטער זײַט. דאָ ברענגט ע. ספּיוואַק אַרויס די רעזולטאַטן פֿון זײַן עקספּערימענט — פֿון אַ סטאַטיסטישן פֿאַרגלײַך פֿונעם לעקסישן באַשטאַנד אין צוויי „עמעס“־נומערן, פֿאַרן 21 מײַ 1921 און 21 מײַ 1931. ס'זײַנען געוויזן די קאַמעסדיקע איבערוקן אין דער ייִדיש־לעקסיק פֿאַר אָט דעם

[1] „אַפֿן שפּראַכפֿראָנט“, זאַמלונג 2, קיִעוו, 1935.

[2] Институт мовознавства АН УРСР, Наукові записки, Т. І, Київ, 1941, стор. 192.

[1] U. Weinreich and Beatrice Weinreich. Jiddish Language and Folkhore, A selective Bibliography for Researche, The Hague.

צעניאַריקן אינטערוואַל. פונעם פאַרגלייַך מאַכט דער אוווטאָר א ריי אויספירן, דהייַנו:

1) ייִדיש איז געווען און פאַרבלייַבט א גערמאַנישע שפּראַך. עמעס, דער פּראָצענט גערמאַניזמען איז לויט די אָנגאַבן פונעם עקספּערימענט פאַרקלענערט געוואָרן (82% אין 1921 לעגאַבע 72% אין 1931), אָבער דאָס איז צו דערקלערן מיטן צופלוס פון נייַער פאַרשיידנשטאַמיקער לעקסיק, דערהויפּט — פון אינטערנאַציאָנאַליזמען און סאָוועטיזמען, געמיינזאַמע פאַר אַלע ראַטנפאַרבאַנדישע שפּראַכן.

2) ס'ווערן ניט באַשטעטיקט די אַרויסזאָגונגען פון פאַרשיידענע בורזשואַזע ייִדיש־קענער וועגן דער ספּעציפישער וואָג פונעם העברעיִשן עלעמענט אין באַשטאַנד פון ייִדיש. יענע גיבן אָן אַזאַ פּראָצענט העברעיִזמען, וואָס שטימט מער מיט זייערע אידעאָלאָגישע אייַנשטעלונגען, אָן א וועלכן־ס'ניט־איז וויסנשאַפטלעכן סמאַך דערצו (לעאָ ווינער, אַשטייַגער, גיט אָן גאַנצע 20 פּראָצענט). דער פאַרגלייַך צווישן די צוויי „עמעס“־נומערן ווייַזט: אין 1921 — 4,7%, אין 1931 — 2,75%. אַגעוו, אַזאַ פאַלן פונעם פּראָצענט העברעיִזמען האָבן טיילווייַז גורעם געווען, לויט ע. ספּיוואַקן, די פּאָלעמיש פאַרשאַרפטע אַרויסטרעטונגען אין דער סאָוועטיש־ייִדישער פּרעסע פון יענער צייַט קעגן באַנוץ פון פאַרעלטערטן העברעיִשן וואָרטשטאָף און — אין ברען פון די דיסקוסיעס אַרום אַזעלכע פראַגן — אַפילע קעגן אָרגאַניש פאַרוואָרצלטע אין דער שפּראַך, בעפּיירעש נייטיקע העברעיִזמען.

3) די ווירקונג פון סלאַווישע שפּראַכן אין ייִדיש פאַרשטאַרקט זיך, הגם דער פּראָצענט סלאַוויזמען איז ניט קיין באַדייַטנדיקער (אין 1921 — 0,45%, אין 1931 — 1,12%). וויכטיקער איז אין דעם פּראַט די אויסבילדונג פון נייַע ווערטער לויט די סלאַווישע סטרוקטורישע מאָדעלן, די קאַלקירונג (קאָפּירונג) פון סלאַווישע, דערהויפּט פון רוסישע, ווערטער לויט זייערע באַשטאַנדטיילן (פונעם טיפּ אַל־פאַרבאַנד־יש־ער — все-союз-н-ый).

ס'איז ניט גרינג אורטיילן וועגן דער מאָס איבערצייַגעוודיקייַט פונעם עקספּערימענט. געוויס וואָלטן אַנדערש געווען די אויספירן, ווען מע זאָל געווען אָפּערירן מיט מאַטעריאַלן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. דאָס פילט דער אוווטאָר גופע. ער באַמערקט אַליין, אַז „דאָס בילד קאָן זיך עפּשער ענדערן אָפּהענגיק פונעם ליטעראַטור־שפּראַכלעכן מאַטעריאַל“, אָבער — ווי אים שייַנט, „וואָלט דאָס אַלגעמיינע בילד געבליבן דאָס זעלבע“. ס'בלייַבט א פראַגע — ווו איז דאָ דער אונטערשייד צווישן „בילד“ און „אַלגעמיין בילד“?

וואָס איז שייַך דער אַלגעמיינער ווערט פון „נייַער וואָרטשאַפונג“, קען מען אין גרונט מאַסקים זייַן מיטן רעצענזענט, פּראָפ. סערגיִעווסקי, אַז „כ' ספּיוואַקס אַרבעט... שטעלט פאָר אַן אינטערעס ניט בלויז פאַר לייענער, וואָס אינטערעסירן זיך ספּעציעל מיט די פּראָבלעמען פון הייַנטצייַטיקן ייִדיש, נאָר ביכלאַל פאַר אַלע פילאָלאָגן און לינגוויסטן, אַף וויפל זי גיט א רייַכן און באַלערעוודיקן מאַטעריאַל, און באַרירט אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון אַנטוויקלונג פון א ליטעראַרישער שפּראַך, אויסקלאָרנדיק די סאָציִאַלע און געשיכטלעכע באַדינגונגען פון איר אַנטשטייונג און פון די פּרוּוון צו נאָרמאַליזירן זי“.

באַזונדערס דאַרף מען אָפּמערקן ע. ספּיוואַקס אומדערמידלעכע וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אין די יאָרן 1933—1948, ווען ער איז געשטאַנען בעראָש פון דער לינגוויסטישער טעטיקייַט אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע (נאָך נ. שטיפס טויט — ביזן 1936) און בעראָש פונעם „קאַבינעט פאַר ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און פאָלקלאָר“ בא דער זעלבער אַקאַדעמיע (אין די יאָרן 1936—1948). ס'איז ניט איבערצושאַצן די ווערט פון זייַן שפּעטעריש־אָרגאַניזאַציאָנעלער און רעדאַקטאָרישער אַרבעט איבער א ריי טערמינאָלאָגיעס אין ייִדיש — מאַטעמאַטישער (1935), געאָגראַפישער (1936) און רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווער (1941), און פון זייַן פיליאָריקער רעדאַקטאָרישער אַרבעט איבער א רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. זייַן ברייטער לעקסיקאָלאָגישער האָריזאָנט האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן צו פאַרפולקומען דעם מאַנוסקריפּט פון דעם דאָזיקן ווערטערבוך; מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער איז אָט דער מאַנוסקריפּט געוואָרן דער יעסאָד פון א ברייטערן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, וועלכער האָלט בא פאַרענדיקט ווערן.

ניט מיטן דערעך האַמיילעך איז געגאַנגען עליע ספּיוואַק צו בילדונג ביכלאַל, צו שפּראַכוויסנשאַפט ביפראַט. אָנגעהויבן האָט ער פון שאַפן — פריִער לערנביכלעך פאַר דער שול, שפּעטער — שפּראַכמעטאָדישע אַרטיקלען, נאָך שפּעטער — שפּראַכלעך־טעאָרעטישע ווערק — אין גייַסט פון דער צייַט זייַנער. און וואָס ווייַטער, אַלץ ברייטער און טיפער האָט ער געגראָבן אין דעם מאַטעריאַל צוליב טעאָרעטישער באַרייַכערונג און צוליב אָנזאַמלונג פאַר ווייַטערדיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

אָט אַזאַ באַזונדערער וועג זייַנער איז ווייניק גינסטיק געווען פאַר דעם, ער זאָל קענען לאָזן א נייַע שיטע אין דער ייִדיש־פאָרשונג און שאַפן זייַנע א וויסנשאַפטלעכע שול.

אָבער דאָס, וואָס ער האָט, ניט געקוקט אַף אַלע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע מעניִעס, געגעבן אָפן פעלד פון ייִדישער לעקסיקאָלאָגיע, לעקסיקאָגראַפיע און באַזונדערס אין דער געשיכטע פונעם ליטעראַרישן ייִדיש, איז א גאָר ווערטפולער בייַטראָג צו דער היפּש אויסגעוואַקסענער און צעצווייַגטער ייִדישער שפּראַכוויסנשאַפט.

וולאַדימיר אַגניעוו

וועגן קריטיק, וועגן אירע הייכן, וועגן שעפערישער קינע

קינע איז ביז גאָר א שלעכטע מידע. צוליב קינע האָט סאַליערי אָפּגעסאמט מאָצאַרטן. פאר קינע עקזיסטירן ניט קיין שום צוימען — ניט קיין עקאָנאָמישע, ניט קיין מאָראַלישע און ניט קיין שום אנדערע. קינע שפּאנט איבער גרענעצן, זי באַדאַרף ניט קיין וויזעס.

גליקלעך זײַנען די מענטשן, וועלכע ווייסן ניט פון קיין קינע.

ס׳איז אָבער פאראַן א געפיל, וואָס נאָר איבער דער אָרעמקײַט פון אונדזער שפּראַך רופן מיר עס קינע — דאָס איז שעפערישע פרייד פארן דערפאָלג פון א צווייטן און דער פארלאַנג צו פארמעסטן זיך. דער דאָזיקער פארלאַנג וואַקסט אין דיר, ווי א ברויזיקער וואַסערשטראָם, צעשמעטערט אלע באַריערן, דאָס ניט גלייבן אין די אייגענע קויכעס.

צומאָל ווערן אַף אַזא אויפן געבוירן שעדעוורען, עמעס — ניט אָפט. א סאַך אָפּטער שאפן שעדעוורען געניאַלע מענטשן, וואָס קלערן קלאָל ניט וועגן פארמעסטן זיך מיט זייער גלײַכן.

אָבער לאָמיר לאָזן צורו די געניעס מיט זייערע שעדעוורען און זיך אומקערן צו יענער גוטער קינע, וואָס איז א קוואַל פון ליכטיקע האָפענונגען פאר מענטשן געוויינלעכע, פּאָשעטע שעפער.

...אין אונדזער קריטיק זײַנען פאַראַן טאַלאַנטירטע און זייער טאַלאַנטירטע מענטשן, וועגן קיין אנדערע רעד איך ניט אין דעם דאָזיקן איבערזיכט. ניט זיי צי אנדערע זײַנען דער אָביעקט פון מײַן אופמערקזאַמקײַט — פון מײַן גוטער קינע, און פון קיין שלעכטער קינע אויך ניט; זיי זײַנען קיין אָביעקט ניט פאר קונסט. זיי האָבן זיך זייערע אייגענע געזעצן אין לעבן, אין קאַמף, זייערע אייגענע כעזשבוינעס און פּלענער. רעדן וועגן זיי איז אומעטיק, ניט אינטערעסאַנט.

וועגן דעם, אַז א טאַלאַנט טרעפט זיך זעלטן, א טאַלאַנט דאַרף מען אָפּהיטן און זײַן פילבאַר צו אים, — ווייסן הײַנט אלע. עמעס, א סאַך וויכטיקער איז, ווי פילבאַר און אופמערקזאַם מיר זײַנען צו אים. אָבער דאָס איז שוין אַן אנדער פראַגע. אַלזאָ, וועגן טאַלאַנט. טאַלאַנט אין דער קריטיק.

דאָס איז ווירקלעך א זעלטענע דערשײַנונג, אי דערפאַר, ווײַל ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן א באַגאַבטן מענטשן, וואָס זאָל אַליין, אָן זײַטיקע ווירקונגען, זיך נעמען פאר דעם אומדאַנקבאַרן איניען, פאר קריטיק, וואָס ציט ניט צו מיט קיין פּריווילעגיעס און גיט אויך זעלטן די פולע מאָראַלישע באַפרידיקונג. אי דערפאַר נאָך איז דער טאַלאַנט פון א קריטיקער א זעלטענע דערשײַנונג, ווײַל ביז איצט האָט נאָך די וויסנשאַפט פולשטענדיק ניט פעסטגעשטעלט גופא דעם כאַראַקטער פון קריטישער באַגאַבונג:

איינער זעט עס אין איינעם אנאַליז פונעם קינסטלערישן „געוועב“, א צווייטער — אין דער פּובליציסטישקײַט, א דריטער — אין דער פייִקײַט פונעם קריטיקער פּאָפּולער אויסצוטײַטשן דעם שרײַבערס פארטראַכט, און אנדערע — אין דער פייִקײַט צו דערציִען דעם שרײַבער גופא, אים פאַריכטן און ריכטן זײַן פּען. וויפל מענטשן — אַזויפיל מיינונגען.

מיר שײַנט, אַז די פּראָבלעם וועגן דער פילאַרטיקײַט פון דער קריטיק איז נאָך ניט געלייזט אפילע אין אַזא מאָס, ווי זי איז געלייזט בענעגייע דעם שרײַבער: „ס׳זאָלן זײַן וואָס מער... גוטע און פארשיידענע“.

און בא אונדז זײַנען ווירקלעך דאָ זייער פארשיידענע און גוטע קריטיקער, און ס׳איז ניט קיין מוז, אַז יעדער פון זיי זאָל רעפּרעזענטירן אלע זײַטן פונעם שעפערישן קריטישן פּראָצעס פון דער הײַנטצײַטיקײַט. איינער שאפט אַן אָריגינעלע קאָנצעפּציע, און די שטריכן פון זײַן פּענדזל זײַנען זיכער און מאַסשטאַביק — ער איז שטאַרקער אין דער פאַראַלגעמיינערונג פון געדאַנק, ער פארמאָגט דעם טאַלאַנט צו באַמערקן די קרויוועשאַפט פון דערשײַנונגען, צו אַנטפּלעקן די אַלגעמיינע קאָנטורן פון דער קאָנקרעטער דערשײַנונג, איר טענדענץ. בא א צווייטן איז אַנטוויקלט דער געשמאַק צו דער דעטאַל, צום עפּיטעט, צו דער סטרוקטור פונעם ווערק — דורך זיי קומט ער צום אויספיר וועגן דעם כאַראַקטער און וועגן טאָך פונעם ווערק. א דריטן אינטערעסירט די באַציִונג פון דער קונסט צום לעבן — אַף וויפל עס איז עמעסדיק און רעאַל דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט געשילדערט; און בא זײַן גאַנצער אַכטונג צום עפּיטעט, צו דער ראַפינירטער און דורכגעטראַכטער

סיסטעם פון די קונסט־מיטלען, וועט ער אַלץ דערפירן צו דער אידיי פון גערעכטיקייט און מיטלייד צום מענטשן, צו זײַנע שמערצן. אָן דעם — זאָל דאָס אפילע זײַן אפן כעזשבן פון פאַרמינערן די אופמערקזאַמקייט צו דער מײַסטערשאַפט פונעם שרײַבער — עקזיסטירט פאַר אים ניט קיין קונסט.

און טיילמאָל איז שווער צוגויפפאָרן אַט די אַלע מײַלעס אין איין קריטישער פערזענלעכקייט.

גאָגאָלס אַ העלדן האָט אַלץ ניט געקאָנט צוקלערן, וויאַזוי צו פאַרייניקן די נאָז פון איין כאָסן מיט דער שטאַלטנעקייט פון אַ צווייטן און מיט דער שטים פון אַ דריטן... דזשעראָם ק. דזשעראָם האָט געשריבן, אַז דאָס בעסטע ווײַב וואָלט געווען יענע פרוי, וואָס וואָלט געקאָנט קליידן זיך ווי אַ פראַנצויזן, האַלטן זיך ווי אַן ענגלענדערן און קאָכן ווי אַ דײַטשקע. לאָמיר מיט אײַך ניט זײַן אַזוי איבערקלײַבעריש. לאָמיר נעענטער און אופמערקזאַמער אַ קוק טאָן כאָטש אַף איין הײַנטצײַטיקן רוסישן קריטיקער פונדערנאָענט.

די אינדיווידואַליטעט פון אַ גרויסן טאַלאַנט אין דער קריטיק ווערט קלאָר ניט מיטאַמאָל. ס'איז שווער צו באַשטימען, צו וואָס פאַר אַ טיפּ מײַסטערשאַפט, פון די אָקאָרשט דערמאָנטע, ער געהערט. וואָס גרעסער עס איז די באַגאַבונג פונעם קריטיקער, אַלץ ענגער און אָרגאַנישער זײַנען, לויט מײַן מיינונג, פאַראייניקט אין זײַן מעטאָד דער פּאַטאָס פון דער אַלגעמיינער אידיי און דער כוש פאַר דער קינסטלערישער סטרוקטור, די עמפינדונג פונעם אווטאָרס פאַרטראַכט און דער פאַרשטאַנד פאַר די געזעצן פונעם לעבן און פון דער הײַנטצײַטיקייט.

...דאָ ניט לאַנג האָב איך אַף די פּאָליצעס פון אַ ביכער־קראָם דערזען אַ נײַע אופלאַגע פון וויקטאָר שקלאָווסקיס בוך וועגן דעם באַרימטן רײַזנדער מאַרקאָ פּאָלאָ. מיר איז געקומען אפן געדאַנק, אַז אָנשרײַבן וועגן שקלאָווסקין איז אינטערעסאַנט צוליב פיל טײַמים. דאָ האָט איר פאַר זיך אַ שרײַבער אַ ראָמאַניסט, אַ נאָוועליסט, אַן עסעיִסט, אַ סצענאָגראַף, אַ מעמואַריסט. אַ קריטיקער, אַ פאָרשער פון דער שאַפונג פון די וועלט־קלאַסיקער. אַ פּאָלעמיסט. אין שקלאָווסקיס שאַפונג אַנטפּלעקן זיך אַמבוילעטסטן אי די ענלעכקייט אי דער אונטערשייד אין דעם מעטאָד פונעם קריטיקער און פונעם קינסטלער. אַכוץ דעם, שטעלט שקלאָווסקי מיט זיך פאָר אַ גאַנצע עפּאָכע פון אונדזער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן פאַר דער רעוואָליוציע. ער האָט געשאַפן די געזעלשאַפט פאַר שטודירן די רוסישע שפּראַך. ער איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט, באַטיילנדיק זיך אינעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון שאַפן די נײַע ליטעראַטור פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אין קאַמף, אין ווידערשפּרוכן, אין זוכונגען (אין זוכונגען — פריִער פאַר אַלץ!) האָט זיך פאָרמירט דער שעפערישער מעטאָד פון אונדזער קריטיק.

פאַרשטיין שקלאָווסקין — הייסט פאַרשטיין סײַ דעם וועג פון דער סאָוועטישער קריטיק, סײַ איר אורקוואַל און אירע טראַדיציעס. נאָר דאָס הייסט אויך — פאַרשטיין דעם „מעכאַניזם" פון אַן אייגנאַרטיקער אינדיווידואַליטעט פונעם קריטיקער.

זאָגן וועגן שקלאָווסקין, אַז ער איז פּאַראַדאָקסאַל, הייסט גאָרנישט ניט זאָגן. פּאַראַדאָקסאַל זײַנען אי שאָו, אי אויַילד, אי שעקספּיר, אי די מיזרעך־מײַסעלעך. לויט מײַן מיינונג זײַנען פּאַראַדאָקסאַל פראַנקאָ און וואָלטער, אָלעשאַ און דער פריִער פּעדין.

שקלאָווסקיס פּראָזע איז „טעלעגראַפיש". נאָר אויך דאָס טיילט אים ניט אויס. מיר וועלן ניט ריידן וועגן אַ גאַנצער ריכטונג אין דער מײַרעוו־קונסט, איך וועל דאָ אָנרופן איליאַ ערענבורגן. אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן בא אונדז אַ סאַך אַזוי געשריבן.

שקלאָווסקי איז אַסאָציִאַטיוו פון קאָפּ ביז די פּיס. די פּאַראַדיסטן האָבן דאָ געפונען פאַר זיך אַ גרינג שטיקל ברויט. ריידנדיק וועגן דעם אַסאָציִאַטיוון מעטאָד, האָט מען געזען די מאָדנע אײַנפאַלן פון אַ רײַכן טאַלאַנט, נאָר ניט די אַנטהוילונג פונעם טאָך גופע פון דער קינסטלערישער שאַפונג. אונטער די קלוימערשט ווילקירלעכע שפּרונגען פונעם געדאַנק האָט מען ניט באַמערקט די באַנײַונג פון די שוין אָפּגענוצטע מעטאָדן פון בילדערישע „דערווײַזן". די שאַרפקייט פון דעם מענטשלעכן געדאַנק מיט זײַן פייִקייט צו „קיבערנעטישער" שנעלקייט פון רעאַגירן האָט מען אָנגערופן עקסצענטרישקייט.

דיכטער איז דאָס געווען דערלויבט, וועגן קריטיקער דענקט מען אַנדערש. דעם אָנהייב, קאָנטיק, האָט מיט אַ גרינג האַרץ געמאַכט פלאָבער, וועלכער האָט די פּראָפעסיע פון אַ קונסט־פאָרשער געהאַלטן פאַר אַ מינדערוווערטיקער. לויט זײַן מיינונג פאַרמאָגט ניט דער קונסט־פאָרשער זײַן אייגענעם סטיל.

נאָר די קריטיקער לייקענען אײַנגעשפּאַרט אָפּ די פאַרשפּרייטע פאָרשטעלונג וועגן זיי. לעסינג, בואַלאָ, בעלינסקי זײַנען מער פּאָעטן, איידער קלאָפּשטאָק, שאַפּלען אָדער בענעדיקטאָוו.

אין וואָס זשע באַשטייען די באַזונדערקײַטן פון שקלאָווסקיס סטיל?

אין יעסאָד פון זײַן סטיל (ס'איז ריכטיק געווען אָפּגעמערקט, אַז שקלאָווסקיס סטיל איז אומאָפּהענגיק פון דעם זשאַנער און געביט פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט) ליגט די פאָרשטעלונג וועגן שעפערישקייט ווי וועגן אַ פּראָצעס. דאָס, וואָס פון אייניקע אַרטיקלען פון הײַנטצײַטיקע קריטיקער שלאָגט צום האַרצן, נעמט זיך ניט נאָר פון טאַלאַנטלאָזיקייט, נאָר אויך פון דער מעטאַפיזישער פאָרשטעלונג, אַז דער אָביעקט פונעם אַנאַליז און דער אַנאַליז גופע זײַנען סטאַטיש. דער געדאַנקענגאַנג פונעם ווערק און דער געדאַנקענגאַנג פונעם פאָרשער זײַנען אַן איינ־

װיקטאָר שקלאָװסקי

הײַטלעכער פּראָצעס פֿונעם אַנאַליז. דאָ איז ווי בײַ אַלבערט איינשטיינען — רעלאַטיוויקייט פֿונעם רו־צושטאַנד.

די סוביעקטיוויקייט פֿון שקלאָווסקיס מאַניר דאַרף מען פֿאַרשטיין טאַקע אין דעם זין, אַז ער שילדערט פֿאַרן לייענער גופֿא דעם דערקענטעניש־פּראָצעס, ער פֿאַרכאַפּט אים מיט דער העלקייט און פּלוצעמדיקייט פֿון די האַשאַרעס, מיט דער אומבאַשטרײַטלעכקייט פֿון די אויספֿירן. ווי ער וואָלט געלערנט דענקען. ער איז ווי אַ גוטער קאָמאַנדיר, וואָס פֿאַרלאָזט זיך מערער אויף דעם „פּערזענלעכן בײַשפּיל", איידער אויף לייענען אויף אַ קאָל די אוסטאַוון.

די פּאַראַדאָקסאַלקייט פֿון זײַן סטיל איז אַ צוויטעראַנגיקע אייגנשאַפֿט. דער פּאַראַדאָקס ווערט געוויינלעך געבוירן דורך דער אַפּלייקענונג. דאָס איז פּונקט ווי מע זאָל אויסקאָרטשען פּיאַקעס דאָרט, וווּ עס וועט שפּעטער זײַן אַן אַראָדראָם־פּלאַץ. אין „האַמלעט" און אין „קיניג ליר" ווערט דער טאָג פֿון דערשײַנונגען באַוויזן פֿון דער פֿאַרקערטער זײַט, קעדיי באַווײַזן דער וועלט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז ניט אייביק. דער לעץ אין איינער פֿון שעקספּירס פּיעסן פֿאַרגלײַכט דעם פּאַראַדאָקס מיט אַ הענטשקע, וואָס איז איבערגעקערט אויף דער לינקער זײַט. דאָס איז טרעפֿלעך. דער פּאַראַדאָקס שאַפֿט גאַרנישט ניט, — ער באַנײַט דאָס אַלטע, אין בעסטן פֿאַל גיט ער אָנצוהערן, אַז דאָס אײַנגעפֿונדענע וועט איז ניט שטאַנדהאַפֿטיק. דער יונגער שקלאָווסקי איז מער פּאַראַדאָקסאַל. ער האָט געזען די אָפּגענוצטקייט פֿונעם אַלטן שאַרפֿער, איידער די פּערספּעקטיוו פֿונעם נײַעם.

שפּעטער האָט אין שקלאָווסקיס שאַפֿונג זיך באַוויזן פֿאַרגאַנצטקייט, וואָס איז פֿריִער ניט געווען פֿאַר אים אייגנטימלעך. די פּאַראַדאָקסאַלקייט איז געוואָרן אַן עלעמענט פֿון דער דיאַלעקטיק. דער פּאַראַדאָקס ווערט אָפּטער געשלאָסן מיט אַן אַפֿאָריזם און ער רײַסט אים ניט אויף, ווי דאָס פֿלעגט געשען פֿריִער.

אויף דעם געזיכט פֿון שקלאָווסקיס ליבלינג — אויף דער אַסאָציִאַציע — האָט זיך באַוויזן אַ מינע פֿון קאָנצענטרירטקייט. זי איז ניט קיין קאַפּריזנע פּוסטע־פּאַסניצע, נאָר אַ האַרעפּאַשניצע מיט אַ פֿולן אַרבעטסטאָג. זי קומט צו דער צײַט און, אַוועקגייענדיק, הענגט זי אויף דעם בלעכענעם זשעטאָן אויפֿן טאַבעל־טאַוול. זי דינט.

די דאָזיקע געדאַנקען קומען אויף בײַ מיר, לייענענדיק שקלאָווסקיס נײַע ווערק: „קינסטלערישע פּראָזע", „לעוו טאָלסטאָי", „פֿאַר און קעגן".

איך וועל דאָ ריידן מערער וועגן איין ווערק, וועגן דעם ערשטן פֿון די, וואָס כ'האָב אָקאָרשט אָנגערופֿן, ווײַל דאָס דאָזיקע ווערק האָט סײַ אין מעטאָדאָלאָגישער און סײַ אין שעפֿערישער הינזיכט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ נײַעם שקלאָווסקין.

„קינסטלערישע פּראָזע. ראַיוינעס און אַנאַליזן" איז ניט סטאַם אַ נײַ ווערק. דאָס איז אַ בוך — אַ געזעגענונג, אַ בוך — אַ סאַכאַקל, אַ בוך — אַ העלדנטאַט. אַ העלדנטאַט דערפֿאַר, ווײַל מיט אָט דעם בוך זאָגט זיך אָפּ פֿון רום דער גרונטלייגער פֿון דער פֿאָרמאַליסטישער שול — פֿון יענער שול, וועלכע איז אַנטשטאַנען פֿאַר דער רעוואָלוציע און האָט אין די רעוואָלוציע־יאָרן פּראָקלאַמירט, אַז די ליטעראַטור דאַרף זײַן „אומאָפּהענגיק" פֿונעם לעבן.

שקלאָווסקי זאָגט זיך דאָ ניט סטאַם אָפּ פֿון אַזעלכע ווערק פֿונעם „אָפּאָיאַז"[1]־פּעריאָד, ווי „דאָס ווידערגעבורט פֿון וואָרט", „די קונסט אַלס מעטאָד", „וועגן דער טעאָריע פֿון פּראָזע", ער לייקנט זיי אָפּ מיט זײַן אייגענער אַנטוויקלונג.

ס'איז שווער צו זאָגן, וויאַזוי האָט אין רוסלאַנד, אין אַ לאַנד, וואָס פֿאַרמאָגט פּעסטע טראַדיציעס פֿון דער מענטשלעכסטער ליטעראַטור אין דער וועלט, געקאָנט אויפֿקומען און שאַפֿן איר שול אַ שטרעמונג, וועלכע פּריידיקט אַ טעכנאָלאָגישגלײַכגילטיקן צוגאַנג צו דער קונסט. ס'איז שווער צו זאָגן, וויאַזוי האָט זיך עס צונויפֿגעפּאָרט די אַנסאָפּעקדיקע באַגאַבטקייט און קאָלאָסאַלע ערודיציע פֿון די געלערנטע פֿון אָט דער שטרעמונג מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער טויבקייט זייערער. די פֿאַקטישע באַהאַוונטקייט אין געביט פֿון ליטעראַטור, דאָס באַגרײַפֿן באַזונדערע אַספּעקטן פֿונעם שעפֿערישן פּראָצעס זײַנען דאָך בײַ די דאָזיקע מענטשן געווען. נאָר — אַ ווילדע זאַך! — פֿון דער ליטעראַטור האָט מען אויסגעהוילט איר נעשאָמע, און דעם טויטן קערפּער — גלענצנדיק אַנאַטאָמירט.

מאַיאַקאָווסקי איז זיך באַגאַנגען ווײַכהאַרציק מיט דער „געזעלשאַפֿט אויף צו שטודירן די רוסישע שפּראַך": „קינדער (יונגע ליטעראַרישע שולן — אויך) אינטערעסירט קעסיידער צו וויסן, וואָס עס געפֿינט זיך אינווייניק אינעם קאַרטאָנענעם פֿערדל. מיט זייערע אופּטועס האָבן די פֿאָרמאַליסטן קלאָר באַוויזן דאָס אינגעווייד פֿון די פּאַפּירענע פֿערדלעך און העלפֿאַנדן".

דער פּעגאַס איז אָבער ניט קיין פּאַפּירענער, ער איז פֿון פֿלייש און ביינער און פֿאַרמאָגט, זײַט מויכל, אַ נעשאָמע. און אַ „נעשאָמע" — דאָס איז דער הויכער אידעאַל, די פֿילאָסאָפֿיע, די פּאָליטיק — אַלץ,

[1] „אָ פּ אָ י אַ ז" — געזעלשאַפֿט אויף צו שטודירן די רוסישע שפּראַך.

מיט וואָס עס לעבט דער מענטש אַלס געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייַט.

מע קאָן דערווידערן, אַז דאָס לעבן האָט שוין פון לאַנג צעקלאַפּט יענע אָנשויוּנגען און עס איז אַ סאָפעק, צי ס'איז אינטערעסאַנט און נייטיק איצט געגנוי צו רעווידירן די עסטעטיק פונעם פאָרמאַליזם, אויב אַפילע אַזאַ רעוויזיע האָט פאָרגענומען איר געוועזענער גרונטלייגער. אָבער דאָס איז ניט אַזוי. די זאַך איז פיל קאָמפּליצירטער. ווען מיר באַקענען זיך מיט די סאַמע „סאַמע נייַסטע" טעאָריעס פון דער מייַרעוודיקער ליטעראַטור־פאָרשונג, מיט אירע בונטע און, אַפן ערשטן בליק, קאָמפּליצירטע האַנאָכעס, איז ניט שווער צו דערשפּירן די אורקוואַלן פונעם רוסישן פאָרמאַליזם. אַזוי, אַשטייגער, באַווייַזט שקלאָווסקי איבערצייַגעוודיק דעם געגנעזיס פון דזשאָן דיוויס בוך „די קונסט ווי אַן עקספּערימענט" (1934) און אַנטפּלעקט אין אָט דעם בוך זייַנע אייגענע טעאָריעס פון צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט. די „סטרוקטוראַליסטן" קאָנען בישט ניט פילן דעם באָדן, אַף וועלכן עס זייַנען אויסגעוואַקסן זייערע קאָנצעפּציעס. דער דאָזיקער באָדן איז שקלאָווסקיס פריִיִקע ווערק.

„אַף מייַרעוו טאַדלט מען מיך, אַז כ'האָב פאַראַטן זיך זעלבסט, און אין דער זעלבער צייַט באַנוצט מען זיך מיט מייַן ירושע.

איך מוז שטיין אויסגעצויגן, באָר אַזוי שטייט בלויז אַ זאַנג, פון וועלכן עס האָבן זיך אויסגעלושטשעט די קערנער, איך מוז שטיין אַף איין אָרט, ווי עס שטייט אַ סלופּ אייַנגעגראָבן אין דער ערד. ניט ענדערן די פּאָזיציע, ווי אַ סקעלעט אין קייווער.

און איך וויל זיך ענדערן, ווייַל איך בין ניט מיד געוואָרן צו וואַקסן".

אַפן אַכטן יאָרצענדליק פון זייַן לעבן האָט דער שרייַבער ליטעראַטורפאָרשער — מע קאָן אָן אַ גוזמע זאָגן: מיט אַ וועלטנאָמען — דערקלערט:

„ס'איז געקומען די צייַט אָפּדאָסנייַ זיך לערנען". ער הייבט אָן, פאַרשטייט זיך, ניט אַף קיין פּוסט אָרט. זייער אַ סאַך פון דעם, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן, איז אים צוניץ געקומען.

אַלץ, וואָס ס'איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווערט אַוועקגעשטעלט אַף די פיס. אַנומלטן האָט דער יונגער שקלאָווסקי מיט היציקייַט אויסגערופן: „אַף איר קאָליר (פון דער קונסט. — וו. אָ.) האָט קיינמאָל ניט געווירקט דער קאָליר פונעם פלאַג אַף דער שטאָט־פעסטונג". אין 1959 זאָגט ער: „דער קאָליר פון דער פאָן אין דער דיכטונג — דאָס איז אַלץ. דער קאָליר פון דער פאָן — דאָס איז דער קאָליר פון דער נעשאָמע, און די אַזויגערופענע נעשאָמע פאַרמאָגט איר צווייטע פאַרקערפּערונג — די קונסט".

אָט אַזוי זייַנען אין שקלאָווסקיס עסטעטיק אַרייַנגעדרונגען דאָס לעבן און די וועלט־אָנשויוּנג. אָט אַזוי האָט ער אַרייַנגעהויכט אין דער טעאָריע פון קונסט אַ „לעבעדיקע נעשאָמע". ווי אַ שטאַרקער מאַגניט זאַמלט צונויף דעם מעטאַלשטויב, פּונקט אַזוי האָט די פאַרגאַנצטע קאָנצעפּציע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָזע אויסגעשטעלט אין „סטראָי" שקלאָווסקיס קאָלאָסאַלע דערפאַרונג, זייַן אויסערגעוויינלעכע ערודיציע.

די דערפאַרונג פון שקלאָווסקיס לעצטער אַרבעט באַשטעטיקט נאָכאַמאָל די קראַפט פון אַן אָרנטלעכן טאַלאַנט. ער קאָן אַ טאָעס האָבן (העגעל האָט געזאָגט: „יענע זאַך, וואָס קיינער האָט זי ניט קאַליע געמאַכט, האָט אַף גאָרנישט ניט געטויגט"), אָבער בלויז ער, דער טאַלאַנט, איז פייִק צו שאַפן דאָס, וואָס „טויג".

אין זייַנע באַטראַכטונגען וועגן ליטעראַטור האָט וו. שקלאָווסקי אַרייַנגעלאָזט די געשיכטע. דאָס האָט באַפליגלט די טעאָריע און צוגעגעבן איר לירישקייַט. אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דאָס דאָזיקע בוך.

ענדערן די געזעצן פון דעם ווּנדערבאַרן — איז דאָס אייַנציקסטע, וואָס האָט קעסיידער געהאַט אין דער קונסט די קראַפט פון אַ געזעץ.

שקלאָווסקיס בוך איז פאַרשיידנמאַסשטאַביק. דער אַנאַליז פון „כאַדזשי מוראַט" איז קימאַט ווי מאָלעקוליאַריש. אַנדערע טעמעס ווערן באַטראַכט ווי אַ ברייטער קינאָ־קאַדער, דרייסט, ניט דעטאַליזירט. אַזאַ „טאַנקען"־אַנאַליז לאָזט איבער דאָס הינטערלאַנד פאַר דער „פּעכאָטע". די ליטעראַטורקענטעניש איז דאָך אויך פילאַרטיק און אינדיווידועל. ניט אין אַלץ און ניט שטענדיק פאָדערט זיך סקרופּולעזקייַט. און ווער ווייסט, וואָס עס איז זעלטענער אין אונדזערע טעג: דאָס פאַרטיפערן זיך אין דער דעטאַל, צי אַ דרייסטע עקספּעדיציע אינעם אומבאַקאַנטן?

„פאַר און קעגן" — אַ בוך וועגן דאָסטאָיעווסקין — איז אָנגעשריבן צילגעווענדט און מאָנאָליטיש. דער פּאַטאָס פונעם ווערק באַשטייט אינעם דערווייַזן די ספּעציפיק פון דאָסטאָיעווסקיס רעאַליזם, פאַר וועלכן דאָס לעבן איז געווען דער אָביעקט פון די גרעסטע סטירעס אין אַלע ספערן, הויפּטזאַכלעך — אין דער גייַסטיקער ספערע. שקלאָווסקי זעט דאָסטאָיעווסקיס שוואַכקייַט גופע אין דעם כאַראַקטער פון זייַן מעטאָד — אינעם אויסהערן נאָכאַנאַנד ביזן סאָף דעם שטרייַט פון די צדאָדים. פאַר און קעגן איז דער דראַמאַטישער נערוו אין דאָסטאָיעווסקיס פּאָעטיק.

דאָס בוך וועגן טאָלסטאָיען — וועגן אַ צווייטן געני פון דער רוסישער ליטעראַטור פונעם 19־טן יאָרהונדערט — איז פול מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייַט צו דער פּראָבלעם פון דער דראַמאַטישער פאַרגאַנגענהייַט, גייַסטיקער אַנטוויקלונג און אָפּלייקענונג...

„דאָס לעבן אַרום יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט זיך געענדערט: דאָס דאָרף איז פאַראָרעמט געוואָרן, אַלע אילוזיעס, אַז מע קאָן דורך דער שול אָדער דורך פריידיקונג שאַפן אַן אינדזעלע פונעם אַלטן דאָרף, כאָטשבי אַרום יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און פון דאָרטן פאַרשפּרייטן עס

ברייטער — דאָס אַלץ איז פאַרשווּנדן.

דאָס לעבן איז געגאנגען מיטן אלטן נוסעך, נאָר דאָס דאָזיקע אלטע איז שוין געווען אנדערש".

דורך קעגנשטעלן פארשיידענע מינים ווידערשפּרוכן אנאליזירט שקלאָווסקי אויך דעם כאַראַקטער פון טאָלסטאָיס אינדיווידועלן סטיל. לעמאָשל, ציטירנדיק נאפּאָלעאָנס „היסטאָרישע סענטענצן", גיט טאָלסטאָי צו: „פון דער דאָזיקער סענטענץ דרינגט בלויז אַרויס, אַז די ווערטער האָבן קיין ווערט ניט און דריקן ניט אויס דעם טאָך. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווערטער פּונקט אַזוי אומפּאַרמײַדלעך, ווי זיי האָבן אומפּאַרמײַדלעך געעטעמט, אָדער געגעסן און געשלאָפן. די גאַנצע איליוזאָרישע מעשונעדיקײַט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס מיר ווילן מיטן סייכל געבן צו פאַרשטיין דאָס, וואָס ווערט געטאָן אָן סייכל"[1].

„אַראָפּרײַסנדיק אַלע און יעטווידע מאַסקעס", האָט טאָלסטאָי אויפגעדעקט דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם אויסערלעכן צודעק פון דערשײַנונגען און זייער טאָך.

דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט פאַר טאָלסטאָיען ניט געהאַט קיין לאָגיק, ווײַל ער — דער דאָזיקער פּראָצעס — איז געווען „ניט פאַרנונפטיק", אָבער אין מעשעך פונעם גאַנצן לעבן זײַנעם האָט דער שרײַבער געזוכט דעם טאָך פון אָט דעם פּראָצעס. אף אַזאַ אויפן האָט זיך אויך אַנטפּלעקט די סטירעסדיקײַט פון טאָלסטאָיס באַגרײַפן די וועלט, די סטירעסדיקײַט פון זײַן פּערזענלעכקײַט אַלס געניאַלן רעוואָליוציאָנער פון גײַסט. אָפּלייקענענדיק עפּעס־וואָס, האָט טאָלסטאָי געבויט דאָס נײַע.

טאָלסטאָיס סטיל האָט אָפּגעלייקנט דעם טורגעניעווישן שילדערונגס־סטיל, ווו די פּסיכאָלאָגיע ווערט אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט דעם אָנזיכטלעכן, אַזוי צו זאָגן — מאַמאָשעסדיק אָנטאַפּנדיקן זשעסט פונעם פּערסאָנאַזש. טאָלסטאָי באַהאַלט אָפּט אויס דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, די גענויע שילדערונג פאַרבײַט ער מיט דעטאַלן, וואָס זעען אויס ווי איינצלהײַטן. אין אַ בריוו צו פּ. אַנענקאָוון (2 פעוראַל 1866) האָט טורגעניעוו געשריבן: „...טאָלסטאָי איבעראַשט דעם לייענער מיט דעם שפּיץ נאָז פון אַלעקסאַנדערס שטיוול, מיט ספּעראַנסקיס געלעכטער, און ער צווינגט צו טראַכטן, אַז ער ווייסט אַלץ, אַ סימען, אַז ער האָט אפילע צו אָט די קלייניקײַטן זיך דערקליבן. און ווייסט ער נאָר די דאָזיקע קלייניקײַטן". טורגעניעוו איז געווען ניט גערעכט. שקלאָווסקי זאָגט: „טאָלסטאָי האָט אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון מעטאָנימיע, דאָס הייסט ער האָט גענומען אַ טייל פונעם גאַנצן, קעדיי ער לייענער, וואָס נעמט אוף מיט צוטרוי דעם טייל, זאָל דערזען דאָס גאַנצע ווי אַ רעאַלקײַט. מיט זײַן שרײַבמאַניר האָט ער איבערגעכאַזערט דעם מעטאָד פון מענטשלעכער זעונג, דער מענטש באַמערקט צוערשט די דעטאַל".

דאָס נײַע אין טאָלסטאָיס רעאַליזם איז אי דער באַוווּסטזײַן, אַז די וועלט שטייט ניט אף איין אָרט, עס קומט פאָר אַ נאָכאַנאַנדיקע פאַרענדערונג פונעם מענטשן, פון דער נאַטור, פון די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, אי די „דיאַלעקטיק פון געפיל" (נ. טשערנישעווסקי), ווען די געדאַנקען און די געפילן זײַנען געפּאָרשט געוואָרן אין מאָמענט פון זייער אַנטשטייונג, פאָרמירונג און אין מעשעך פון אַ געוויסן פּראָצעס... פאַר שקלאָווסקין איז טאָלסטאָיס לעבן גופע אַ שלאַכטפעלד פון אָנגעשטרענגטן קאַמף מיט זיך אַליין, פון זעלבסטאָפּלייקענונג, פון אַנטוויקלונג.

די ווערק וועגן דאָסטאָיעווסקין און טאָלסטאָיען זײַנען מיט עפּעס וואָס אויך אויטאָביאָגראַפיש: שקלאָווסקי באַמיט זיך דורך די ביאָגראַפיעס און ווערק פון די רוסישע שרײַבער אָפּזוכן די אַלגעמיינע ליניע פון דער שעפערישער אויפירונג, באַגרײַפן די געזעצן פונעם שעפערישן פּראָצעס, די וועגן פון דעם קינסטלערס באַנײַונג...

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז פאַר שקלאָווסקיס קריטישן מעטאָד כאַראַקטעריסטיש דאָס צונויפפּאָרן בילדערישע באַגריפן מיט וויסנשאַפטלעכע טערמינען.

דער מעטאָד פון קינסטלערישער פּראָזע העלפט שקלאָווסקין צו בויען זײַן ווערק פילפּלאַנעוודיק. אין יעדער קאַפּיטל זײַנען אײַנצײַטיק „פאַרקניפּט" אַ סאך קניפּלעך, וואָס קאָנען פאַנאַנדערגעבונדן ווערן סײַ אין דעם געגעבענעם קאַפּיטל, סײַ אין צווייטן אָדער אפילע אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען. אפן ערשטן בליק פאַרשווערט עס די צוגענגלעכקײַט פונעם געדאַנק, דערפאַר אָבער גיט עס צו דעם ווערק די נייטיקע טיפקײַט. קונסט־דערשײַנונגען זײַנען דאָך קאָמפּליצירט און פילזײַטיק. דער אויטאָר וויל באַווײַזן די נאַטירלעכע בעהאַדראָגעדיקע באַרײַכערונג פון די זשאַנרען און פאָרמען פון דער פּראָזע אף די גרונט־עטאַפּן, באַווײַזן, וויאַזוי די אַנטשטייונג פון איין קוואַליטעט האָט טיילמאָל אַרויסגערופן, רעדנדיק אף דער שפּראַך פון אַסטראָנאָמען, קאָמפּליצירטע „אויפרעגונגען" פון דער גאַנצער סיסטעם.

די אויפאַסונג פון די טעאָרעטישע קאָנצעפּציעס ווערט ווי פאַרשאַרפט דורך זיכרוינעס, דורך שטריכן פון שטייגער־געשיכטע, פּאָרטרעטן פון מענטשן, און דאָס גרייט צו 'עם געדאַנק צו אַ נײַעם אויפשווּנג.

שקלאָווסקיס ביכער דאַרף איבערלייענען יעדער איינער, ווער עס האָט ליב ליטעראַטור. זיי באַשטעטיקן, אַז די וויסנשאַפט וועגן קריטיק קאָן ווערן די פּאָעזיע פון קריטיק.

יִדיש — י. טשיטשעלניצקי

[1] ו. שקלאָווסקי. לעוו טאָלסטאָי.

קורצע רעצענזיעס

אָנהייבן און סאַכאַקלען

(יעשוע אורבאַס. „דער אָנהייב“. דערציילונגען. איקוף־פאַרלאַג. טאָראָנטאָ — ניו־יאָרק, 1970)

דער יידישער שרייבער פון טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) יעשוע אורבאַס איז שוין באַקאַנט די לייענער פון אונדזער זשורנאַל. אין 1963 („סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3) און אין 1966 (נומ. 4) זיינען געווען אָפּגעדרוקט זיינע דערציילונגען „דער לעצטער באַזוך“, „דר. קאַרל אַבראַמאָוו“, „דער מעשוגענער מאַיאָר“. די ערשטע צוויי זיינען אויך אַריין אין דער רעצענזירטער זאַמלונג, וואָס באַשטייט פון 13 נאָוועלן מיט אַן אויספירלעכן פאָרוואָרט פון פּראָפ. ב. צ. שעק.

ווי דאָסראָוו יידישע ביכער פון אויסלאַנד, איז אויך די ערשטע זאַמלונג פון יעשוע אורבאַס אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פריינט, דורכן י. אורבאַס־בוך־קאָמיטעט, אין איקוף־פאַרלאַג.

לויט דער אַרויסזאָגונג פונעם אַווטאָר גופא, גענומען פונעם פאָרוואָרט, איז דאָס שרייבן בא אים „אַן אינערלעכער דראַנג, אַן אויפן פון באַנעמען און אַסימילירן די דערפאַרונגען פון אַ לעבנס־גאַנג פון ליידן, און אַמאָל פון פרייד“.

יעשוע אורבאַס איז אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן (אָסטראָווצע), געבוירן אין 1919, אַן אַרבעטער — אַ שניידער. גרעאַטעוועט האָט ער זיך פון דער פאַשיסטישער מאַגייפע, קומענדיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווו ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין אַ קאָלווירט אין קירגיזיע. אָנגעהויבן זיך דרוקן האָט ער אין 1950, אין דער פּראָגרעסיווער יידישער פרעסע.

אין דער זאַמלונג „דער אָנהייב“ איז בוילעט אָנגעצייכנט די פערזענלעכע דערפאַרונג פונעם אַווטאָר, די געאָגראַפישע מאַפּע פון זיינע וואַנדערונגען, באַגעגענישן, באַאָבאַכטונגען. די דערציילונגען געהערן צו דער קאַטעגאָריע ווערק, וועגן וועלכע מע זאָגט, אַז מע האָט זיי „ניט געקענט ניט אָנשרייבן“. אין זיי זיינען אויסגעדריקט די ליידן און פריידן (מער ליידן, ווי פריידן) פונעם אַווטאָר און אַזוינע ווי ער אין די מילכאָמע־יאָרן און נאָכן קריג.

די מערהייט דערציילונגען זיינען געווידמעט די קאָרבאָנעס, דעם כורבן, דעם גוירל פונעם מאַסן־מענטש אין דער מילכאָמע. דער אַווטאָר מיידט אויס צו שילדערן העלדישקייט און אַפילע מאַרטירעריי. ער ווייזט בלויז, ווי דאָס לעבן איז גרויזאַם.

אויך נאָך דער מילכאָמע גייען אים נאָך די גרויזאַמע געשפּענסטער פון דער ניט וויטער פאַרגאַנגענהייט. די רעשטלעך פון די נאַציסטן און פעלקער־מערדער קלייבן זיך אַריבער אויך קיין קאַנאַדע און זעצן דאָ פאָר פאַרבאַהאַלטענערהייט זייער פאַרברעכערישע טעטיקייט. זיי וואַגן אַפילע אויך דאָ, אין דער עמיגראַציע, צו באַדראָען די לעבן־געבליבענע קאָרבאָנעס זייערע („דר. קאַרל אַבראַמאָוו“), אָדער פאַרנעמען זיך מיט זייער ראַסיסטיש־פּאַטאָלאָגישן כעזשבן־האַנעפעש („דער ריינער אַריער“, „דער לעצטער באַזוך“).

דער ניט וויטער פאַרגאַנגענהייט זיינען געווידמעט די דערציילונגען „דער אָנהייב“ — וועגן דעם, וויאַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג אין פּוילן; „דער פרײדיקער טאָג“ — וועגן לעבן אין דער עוואַקואַציע; „אין שולקלאַס“, ווו דאָס מיידעלע פּאָלאַ, וואָס האָט איבערגעלעבט די געטאָ, שרעקט זיך פאַרן גרינעם אָנצוג פון איר לערער, וואָס דערמאָנט איר די גרינע מונדירן פון די היטלערישע מערדער.

יעשיַע אורבאַס דערציילט ניט בלויז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך וועגן אונדזער צייט, און די דאָזיקע באַאָבאַכטונגען זיינען פאַרן אַווטאָר, ווי אַ קינסטלער, ניט ווייניקער וויכטיק. זיינע עפּישע שילדערונגען פונעם הייַנטצייטיקן טאָגטעגלעכן לעבן און שטייגער אין זיין נייעם ווינ־אָרט, קאַנאַדע, רופן אויך אַרויס באַם לייענער אַ באַזונדערן אינטערעס. דאָס זיינען דערציילונגען וועגן אַרבעט און נויט, וועגן דער הייַנטצייטיקער מאָראַל און זיטן. עס כידעשט, וואָס די געשטאַלטן, וועלכע דער אַווטאָר פירט דאָ אַרויס, זיינען פּאַסיוו. אין זייערע רייד, אין זייער אויפירונג זיינען ניטאָ קיין שום סימאָנים פון פּראָטעסט, ניטאָ אַפילע די פּסיכאָלאָגיע פון די „בייזע יונגעלייט“, מיט וועלכע עס איז איצט פול די מייַרעוו־ליטעראַטור. עפּעס פונקט ווי די דאָזיקע מענטשן זאָלן האַלטן, אַז ענדערן דעם סיידער פונעם לעבן איז אוממעגלעך. קימאַט אַלע זיינען „באַזיגט פונעם לעבן“ („ענגשאַפּט“). מיט גוואַלד לעבסטו, און, ווי זאָגט טעוויע, „מיט גוואַלד צערייסטו אַ פּאָר שטיוול“.

אין דער אַווטאָביאָגראַפישער דערציילונג „ענגשאַפּט“ ווערט געשילדערט אַ „פון לעבן באַזיגטע“ פּאָר, וועלכע, שוין נאָך זייער געט, ווערן ווידער מאַן און ווייב, פּאָשעט איבער דער ענגשאַפּט, ווייל זיי לעבן אין איין צימער מיט אַ קינד און זיינען אָפּגעשיידט איינער פונעם אַנדערן בלויז מיט אַ שפּאַניש ווענטל... דער אַווטאָר דערציילט ניט, פאַרוואָס מע האָט זיך געגעט, אָבער עס לאָזט זיך גלייבן, אַז געגעט האָט מען זיך אויך צוליב דער זעלבער „ענגשאַפּט“. ניט נאָר מיט גוואַלד לעבסטו, נאָר אויך מיט גוואַלד ליבסטו.

אין דער דערציילונג „קינע“ זיינען באַוויזן די אַלט־באַקאַנטע קליינבירגערלעכע פאָרשטעלונגען וועגן „גליק“ באַ צוויי שוועסטער. די עלטערע שוועסטער צווינגט איר מאַן, אַ געוויינלעכן ערלעכן אַרבעטער, ער זאָל זיך וואָס גיכער אַרופאַרבעטן צו דער מאַדרייגע פון איר רייַך געוואָרענעם שוואָגער (וועלכער האָט זיך, אַגעוו, אַמאָל געשאַדכנט צו איר, נאָר זי האָט אים אָפּגעזאָגט צוליב זיין אָרעמקייט). דאָס דערפירט ענדלעך איר מאַן צום... טויט.

אין דער דערציילונג „דער זילבערנער פינגערהוט“ ווערט באַוויזן קימאַט אַ גליקלעכע פאַמיליע. צום פופציקסטן געבורטסטאָג פונעם שאַפּ־אַרבעטער מוישע קאַ־

האָן שענקט אים זײַן פרוי א זילבערנעם פינגערהוט, ווײַל אזא איז דער לאַנגיאָריקער טרױם פונעם יובילאַר. און גראָד דאַן, ווען מױשעס „אידעאַל" איז דערגרייכט, בלײַבט ער אָן ארבעט, ווײַל זײַן ארבעט־אָפּעראַציע האָט איצט פארביטן א נײַע מאשין, און דער זילבערנער פינ־גערהוט טויג שוין בלויז פאַרן מוזיי.

דער גורל פונעם ארבעט־מענטש אין דער קאַפּיטאַלי־סטישער וועלט איז בוילעט געשילדערט אויך אין דער דערציילונג „קאַרבאַנעס". יאָ, דאָס לעבן איז ווירקלעך גרויזאַם. דער אַלטער שאַפּ־ארבעטער פּיניוש קאַרפּ בלײַבט אינגאַנצן איינזאַם און אומבאהאָלפן אָף דער על־טער. נאָכן פאַרלאָזן זײַן געבורט־לאַנד פּוילן, נאָך פאַר דער מילכאָמע, און זײַנע ערשטע „גליקן" אין קאַנאַדע, באַפאַלן אים שפּעטער א ריי אומגליקן און ניסיוינעס („איין אומגליק שלעפּט נאָך זיך דעם צווייטן"), ביז ער שטאַרבט בא דער ארבעט אין שאַפּ און האָט אפילע ניט, ווער עס זאָל אים באגלייטן אָף זײַן לעווײַע.

מיט אזעלכע מינאָרע טענער זײַנען דורכגעדרונגען קי־מאַט אַלע דערציילונגען פון יעשוע אורבאַס. אין דעם איז זײער קראַפט. דעם אווטאָר גיבן זיך אײַן רעאַליסטיש־שטײַגערישע בילדער.

שוואַכער איז די פאַנטאַסטיש־אַלעגאָרישע דערציילונג „דער שאַליַעך" — וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן „מיט הונדערט יאָר צוריק". די דאָזיקע נאָוועלע דערמאָנט מיט עפּעס גרינטלעכס מענדעלעס אַלעגאָריע „די קליאַ־טשע". דאָס איז א דערציילונג, געווענדט קעגן מילכאָמע און אַלע אנדערע שלעק און פּוראָניעס פון אונדזער פּלאַ־נעטע. בא מענדעלען איז דער „גיד", וואָס מאַכט אָן איבערזיכט איבער דער פאַרדאַרבענער וועלט, — דער אַש־מעדײַ, וועלכער ווײַזט ייִסראָליקן אַלע אומרעכטן (סאָ־ציאַלע און נאַציאָנאַלע), וואָס טוען זיך אָפּ אָף דער וועלט. און דאָ (אין העסקעם, אַפּאָנעם, מיט אונדזער „קאָסמישער צײַט") איז עס א שאַליַעך פון אן אנדער פּלאַנעטע — פּלו־טאָ, וועמען עס געפעלט שטאַרק ניט די אָרדענונג אָף אונדזער ערד און ער סטאַרעט זיך פון איר וואָס גיכער אַנטלויפן.

אין די דערציילונגען פון יעשוע אורבאַס זעען מיר דעם אָנהייב פון א ליטעראַרישן וועג, דעם ערשטן קינסטלע־רישן רעזיומע פון א גרויסער לעבנס־דערפאַרונג. אָבער איצט דאַרף קומען דער נײַער אָנהייב באַם שרײַבער, ווײַל יעשוע אורבאַס האָט א סאַך געזען און האָט א סאַך וואָס צו זאָגן.

„דער אָנהייב" איז פרײַער פון אַלץ א צוזאַגנדיקער בוך, וואָס רופט אַרויס באַם לייענער א גלויבן אין די ווײַטער־דיקע קינסטלערישע מעגלעכקייטן פונעם אווטאָר.

ייסראָעל סערעבריאַני

■

דרײַ ביכער אין אמעריקע וועגן אנטיסעמיטיזם

עס ליגן פאַר מיר דרײַ ביכער:

1) „אמעריקע אַלס ציוויליזאַציע" פון מאַקס לערנער, פּראָפעסאָר פונעם בראַנדעס־אוניווערסיטעט;

2) „די ליידן פון די ייִדן" — א פאָרשונג וועגן דער געשיכטע פון אנטיסעמיטיזם פון אן אמעריקאַנער קאַטוי־לישן גײַסטלעכן עדוואַרד פלאַנערי;

3) „אייניקע מײַנע פרײַנט זײַנען ייִדן" — א ווערק פון דעם אמעריקאַנער שרײַבער און זשורנאַליסט ראָבערט געסנער.

ייִדן אָפּן צווייטן אָרט נאָך די נעגער...

אין הויפּט־אידיי שיילט זיך אויס פון די אַלע דרײַ ביכער: די ראַסן־דיסקרימינאַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן איז ווײַט פון צו זײַן נעגייע בלויז די שוואַרצע, די פּאָרטאָריקאַנער, מעקסיקאַנער. די אווטאָרן שטעלן די פראַגע: וואָסער אָרט פאַרנעמען די ייִדן נאָך די נעגער — דאָס צווייטע, דאָס דריטע אָדער דאָס פערטע — אין דער דיסקרימינאַציע?

דער גרעסטער טייל אמעריקאַנער סאָציאָלאָגן און הי־סטאָריקער שטעלן פעסט, אז די ייִדן זײַנען דאָ אָפּן צווייטן אָרט נאָך די נעגער.

65 אנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס

געסנער האָט אונטערגערעכנט, אז פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָבן אין פּשאַ עקזיסטירט 65 אנטיסעמיטישע אָר־גאַניזאַציעס (הײַנט איז זייער צאָל באַדײַטנדיק געשטיגן), לעגאַלע לויטן געזעץ, ווי „די אמעריקאַנער פרײַהייטס־ליגע", „דער פאַרבאַנד פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט", „דער אמעריקאַנער לעגיאָן", „די טעכטער פון דער אמעריקאַ־קאַנער רעוואָלוציע", „דער קו־קלוקס־קלאַן" און אנדערע. אין די דאָרעם־שטאַטן עקזיסטירט די אנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע „דער שוואַרצער לעגיאָן". אין קאַליפאָרניע זײַנען עס „די לאָיאַלע קריסטלעכע אַריער".

געסנער באַמערקט, אז אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַר־שפּרייטן די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס מיליאָנען עק־זעמפּלאַרן אנטיסעמיטישע אויסגאַבעס. ער שרײַבט: „די מעלוכע־פּאָסט איז פאַרפּלייצט פון צײַטונגען, בראָשורן, אויפרופן און ביכער פון אַלע מינים מיט אן אויסגע־שפּראָכן אנטיסעמיטישן אינהאַלט". צום בײַשפּיל: „די עקאָ־נאָמישע דינסט פון עדמונטאָן" האָט אָפּן פאַנאַנדערגע־שיקט דורך דער פּאָסט קנאַפּע 5 מיליאָן עקזעמפּלאַרן פון 140 אנטיסעמיטישע אויסגאַבעס. עס צירקולירן פרײַ אין גאַנץ אמעריקע אזעלכע שוין פון לאַנג דעמאַסקירטע פעל־שונגען, ווי די „פּראָטאָקאָלן פון זיקני ציִען" (וועגן דער מיקלוי־מערשטער אינטערנאַציאָנאַלער ייִדישער פאַרשווע־רונג) און ווי דער זשורנאַל „דער קריסטלעכער אמעריקאַ־נער", וואָס פאַרעפנטלעכט אין יעדן פון זײַנע נומערן די לאָזונגען: „לאָמיר צוריקנעמען אמעריקע בא די ייִדן"; „קויפט נאָר דאָס, וואָס איז קריסטלעך".

לויט געסנערס אָנגאַבן, איז דער ערשטער לאַנד־קאָנ־גרעס פון די אנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס פאָרגעקומען דעם 12 אווגוסט 1936 אין צאָפן־קאַראָלין אונטער דער אָנ־פירונג פון הערסט, דעם רעאַקציאָנערסטן פרעסע־מאַגנאַט פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

דער קאַטוילישער גײַסטלעכער פלאַנערי האָט א קאַפּיטל פון זײַן בוך א נאָמען געגעבן „דער איידעלער אנטיסעמי־טיזם". די איידלקייט באַשטייט, וואָרשײַנלעך, אין דעם, וואָס הײַנט ווערן אין אמעריקע די ייִדן ניט געלינטשט, ווי

די נעגער, אָדער ווי ס'איז אין 1915 געלינטשט געוואָרן אין אטלאנטא דער יידישער יוגנטלעכער לעאָ פראנק.

איינער פון די פארביסנסטע אנטיסעמיטן דזשאָרדזש ראָקוועל (ניט לאנג צוריק האָט אים דערמאָרדעט א מיטגליד פון זיין פארטיי), דער פירער פון דער נאצישער פארטיי אין אמעריקע, האָט גערדראָעט צו פארענדיקן דערפאָלגרייך דאָס, וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן. פיל אנדערע נאציס פון א קלענערן פארנעם פראָקלאמירן דאָס זעלבע.

די אמעריקאנער מאכט־אָרגאנען האלטן אונטער די אנטיסעמיטישע באוועגונג, וואָס זייט האס צווישן די פעלקער.

יידישע קאפיטאליסטן, וואָס שטיצן אנטיסעמיטן

דער אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע, אויסער זיין ראסן־כאראקטער, טראָגט אויך אן אויסגעשפראָכענעם קלאסן־כאראקטער.

געסנער שרייבט, אז פיל רייכע יידן אין אמעריקע וואָלטן וועלן אנערקענט ווערן אלס „ערן־קריסטן" אין פאל, ווען ס'זאָל זיך איינשטעלן א פאשיסטישע דיקטאטור.

אונטערן אויסרייד פון הילף דעם קאמף קעגן קאָמוניזם פינאנסירן געוויסע יידישע קאפיטאליסטן אין אמעריקע אנטיסעמיטיש־פאשיסטישע אָרגאניזאציעס (צום ביישפיל, די אייגנטימער פון דער האנדלס־טראנספאָרט־פירמע „סעארס ראיביק עט קאָמפאני").

ווער זיינען די זעקס מיליאָן אמעריקאנער יידן

אן ערעך זעקס מיליאָן יידן וווינען אין די פאראייניקטע שטאטן. די איבערוועגנדיקסטע מערהייט פון זיי זיינען ארבעטער, אָנגעשטעלטע, ארבעטנדיקע אינטעלעקטואלן, וואָס האָבן טאָמיד גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער סינדיקאלער באוועגונג, אין די פראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס.

אויב מע זאָל רעזומירן די וויכטיקסטע אומבאשטרייטבארסטע פאקטן, מיט וועלכע די אויבנדערמאָנטע דריי אווטאָרן — דער פראָפעסאָר, דער גייסטלעכער און דער שרייבער — זיינען איינשטימיק אין זייערע ווערק, קומט מען צום אויספיר, אז די הויפט־פאָרמען, וועלכע ס'נעמט אָן אין אמעריקע דער אנטיסעמיטיזם, זיינען פאָלגנדיקע: באם אָנעמען ארבעטער ווערן די יידן אָנגענומען די לעצטע (ניט רעכענענדיק, נאטירלעך, די נעגער); אין פאל פון רעדוצירן דעם פערסאָנאל ווערן זיי די ערשטע אָפּגעזאָגט; אין פיל אינדוסטריע־צווייגן, ספעציעל אין דער שווערער אינדוסטריע, אין עלעקטראָניק, אוויאציע, אוניקאלע אפאראטן אָדער אין געביטן, וואָס האָבן א מיליטערישן באדייט, ווערן יידן ניט צוגעלאָזט, אויסער ווען עס האנדלט זיך אין גאָר באוווסטע געלערנטע.

לייכטער ווערן יידן אָנגענומען אין טעקסטיל־ און האנדלס־אונטערנעמונגען, אָדער אין פארמיטלונג־סעקטאָר, און דאָס אויך ווען ס'פעלן אויס קריסטן פאר דער באשעפטיקונג.

פראָפעסאָר לערנער שטרייכט אונטער, אז אין די לעצטע יאָרן זיינען איינגעפירט באזונדערס שארפע באגרענעצונגען פאר דער יידישער יוגנט אָנגענומען צו ווערן אין די הויכשולן פאר מעדיצין און טעכניק, אויב זייער פראָצענט איז אין פארלויף פונעם פארגאנגענעם יאָר געווען א צו גרויסער.

די איינציקע לערן־אנשטאלטן, ווו פאר דער יידישער יוגנט זיינען די טירן פריי אָפן, זיינען די רעליגיעזע שולן, אין וועלכע ס'ווערן געגרייט ראבאָנים, אָדער געוויסע פריוואטע שולן פאר אינזשעניערן; פריוואטע לערן־אנשטאלטן זיינען אָבער גיכער האנדלס־אונטערנעמונגען. דאָס לערנען קאָסט דאָ פיל טייערער, איידער אין די בעסטע אוניווערסיטעטן.

אין אלע גרויסע אמעריקאנער שטעט, ווי אויך אין א טייל קלענערע שטעט, עקזיסטירן אריסטאָקראטישע קווארטאלן, ווו א ייד קאָן ניט דינגען קיין וווינונג, ווו ער ווערט ניט צוגעלאָזט אין ספאָרט־קלוב, ווו אים איז פארבאָטן דער צוטריט אין געוויסע פריוואטע קור־ערטער, סאנאטאָריעס, אָדער אין האָטעלן, וואָס זיינען געווינלעך אָפן פאר אלע „נאָרמאלע מענטשן".

דער דאָזיקער וואריאנט פון אנטיסעמיטיזם איז אפילע ניט פארמאסקירט. אף די הייזער, באם אָנקומען אין די קור־ערטער, אף די טויערן פון די האָטעלן, באם אריינגאנג פון געוויסע רעסטאָראנען זיינען פאראן שילדן מיט אזעלכע אופשריפטן: „וווינונגען צו פארדינגען נאָר פאר קריסטן", „איינגאנג פארבאָטן פאר יידן", „די יידן ווערן געבעטן זיך אָפּהאלטן", „בלויז פאר קריסטלעכער „קליענטור" אאוו. נאָך מער: אין פיל אמעריקאנער צייטונגען זיינען די אנאָנסן וועגן פארדינגען וווינונגען, וועגן האָטעלן און רעסטאָראנען באגלייט מיט דערנידערנדיקע צושריפטן פון זעלבן מין.

די יידישע בורזשואזיע לאָזט זיך אופבויען אייגענע לוקסוסארטיקע דירעס, אייגענע האָטעלן און שאפט אפילע אייגענע קור־ערטער, אזוי אז אין דער ערשטער ריי ליידן פונעם אנטיסעמיטיזם די יידישע ארבעטנדיקע.

דער איינציקער געביט אין די פאראייניקטע שטאטן, ווו ס'איז ניט פאראן קיין דיסקרימינאציע קעגן די יידן, איז עפשער דאָס מיליטער־דינסט. די יידישע יונגעלייט ווערן געשיקט אף אומקום אין וויעטנאם גלייך מיט אנדערע אמעריקאנער, אפילע די נעגער קענען זיך דאָ ניט באקלאָגן, אז זיי ווערן באהאנדלט ערגער. די יידישע און נעגערישע סאָלדאטן שיקט מען אף די געפערלעכסטע סעקטאָרן פונעם פראָנט.

אויב די אווטאָרן פון די דריי אמעריקאנער ביכער האָבן ניט די זעלבע מיינונג וועגן דער פראגע „ווען האָט זיך אָנגעהויבן באוויזן דער אנטיסעמיטיזם אין די פאראייניקטע שטאטן, און צי האָט ער שוין דערגרייכט זיין הויכפונקט", — זיינען זיי אלע איבערצייגט, אז דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך אין פשא היינט־צו־טאָג ברייט און פריי אנטוויקלט אונטער דער אופזיכט פון די רעגירונג־קרייזן און אז פון אָט דעם העסלעכן סאָציאלן פענאָמען ליידן מיליאָנען יידישע ארבעטנדיקע.

נאָרמאן באָראָדין

(„נייע פרעסע". פאריזש)

א שאנדע די ייִדישע מאקארטיסטן!

קוידעמקאָל — זאָל אונדזער לייענער זיך באַקאַנען מיט די צוויי מאַטעריאַלן, וועלכע מיר דרוקן דאָ איבער מיט קליינע קירצונגען פונעם ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“.

דער שטענדיקער אוטאָר פונעם קאָלום „באם פאָרהאנג“ דר. נ. סווערדלין שרײַבט אין דער נאָטיץ „וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס?“:

„די טעאטער־זײַט פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ איז געווען די ערשטע צו ברענגען די נײַעס וועגן א גרויסן סקאנדאל בא דער פּרעמיערע פון י.־ל. פּערעצעס „פארבליבן איז דער ניגן“ אין דעם „העבראיִקא“־טעאטער אין בוענאָס־אײַרעס. דערנאָך איז מיר אויסגעקומען צו לייענען דאָס, וואָס די ייִדישע צײַטונגען אין בוענאָס־אײַרעס האָבן געשריבן. קיין פול בילד איז אָבער נאָך אלץ ניט געווען.

ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק האָב איך געקראָגן פון בוענאָס־אײַרעס א נײַ בינטל צײַטונגען און בריוו פון פארלעסלעכע מענטשן, און אף דעם דאָזיקן גרונט קאָן מען שוין האָבן א בעסערן און קלאָרערן באגריף אין און ארום דעם סקאנדאל.

אין הינטערגרונט פון דער טרויעריקער געשיכטע דארף מען זיך נעמען גריבלען ביז צו עטלעכע יאָר צוריק, ווען א געוויסער צ־ך האָט צוזאמען מיט נאָך א גרופּע קאָמוניסטן, ייִדן און ניט־ייִדן, געשאפן א גרויסע אונטערנעמונג, וואָס האָט מיט דער הילף פון דער סאָוועטישער אמבאסאדע אין בוענאָס־אײַרעס גענומען ארונטערצוברענגען פון מאָסקווע באלעטן, צירקן און סימפאָנישע אָרקעסטערס.

דער דערמאָנטער צ־ך האָט באוויגן די אונטערנעמונג אויך עפּעס צו טאָן פארן ייִדישן טעאטער, און אזויארום וועלן לינקע זיך קאָנען „ארײַנגליטשן“ דורך א הינטערטיר אין דעם ייִדיש־געזעלשאפטלעכן לעבן. דער לינקער „איפט“־טעאטער איז דאָך אין כיירעם אין בוענאָס־אײַרעס און קאָן דעריבער ניט עקזיסטירן ווי א ייִדיש טעאטער. צ־ך האָט צונויפגעזאמלט א טייל פון די „פּראָגרעסיווע אקטיאָרן“, וואָס האָבן באוויזן צו קריגן מאָגערע „דזשאבלעך“ אין די קליינע שפּאנישע טעאטערלעך און אף טעלעוויזיע.

ווען די „פּראָגרעסיווע“ האָבן זיך דערוווּסט וועגן דאָוויד ליכטס פּלאן אופצופירן די פּערעץ־פּיעסע, האָבן זיי זיך אין דעם אָנגעכאפּט ווי אין אן עוונטאָוו. מע האָט גענומען אנגאזשירן אקטיאָרן. 80 פּראָצענט פון דעם אנסאמבל זײַנען געווען „פּראָגרעסיווע“. עס זײַנען אויך אנגאזשירט געוואָרן א צוויי־דרײַ פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, קעדיי ס׳זאָל ניט זײַן קיין וואיִצאקו פון דער יוניאָן. דאָוויד ליכט האָט שפּעטער דערקלערט, אז ער האָט ניט געוווּסט וועגן די פּאָליטישע איבערצײַגונגען פון די אקטיאָרן. און ס׳קאָן גאנץ גרינגלעך זײַן, אז אלץ וואָלט אדורך „שטיל און רויִק“, ווען ניט א גרויסע מאסן־פארזאמלונג, וואָס איז גערופן געוואָרן פון דעם לאטײַן־אמעריקאנער ייִדישן קאָנגרעס אין לונא־פּארק, ווו עס האָט געדארפט אויסגעדריקט ווערן א זייער שארפער פּראָטעסט פון די ארגענטינער ייִדן קעגן סאָוועטנפארבאנד. גרויסע פּלאקאטן וועגן דעם פּראָטעסט־מיטינג זײַנען ארויסגעהאנגען געוואָרן איבער די גאסן. אף אלע ייִדישע אונטערנעמונגען האָט מען געמאָלדן וועגן דעם מיטינג. אויך בא דער פּרעמיערע פון דער פּערעץ־פּיעסע אין „העבראיִקא“־טעאטער האָט מען געזאָלט מאכן א מעלדונג וועגן דעם אנטיסאָוועטישן פּראָטעסט־מיטינג — אָדער פארן אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג, אָדער בייס דעם איבעררײַס.

צ־ך האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט און זיך קאטעגאָריש קעגנגעשטעלט. דאן האָבן די אָנפירער פון „העבראיִקא“־טעאטער באשלאָסן צו איגנאָרירן צ־כן און יאָ מאכן די מעלדונג דורך די הילכערס פונעם טעאטער.

דערווײַל איז דער בינע־פאָרהאנג געפאלן און דער אוילעם האָט זיך שוין גענומען אופצוהייבן אוועקצוגיין. צ־ך האָט שוין ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן. ער איז אָבער ארײַן הינטער דער בינע און אָרגאניזירט דעם אנסאמבל „צו זײַן גרייט“, אויב א מעלדונג וועגן מיטינג וועט פּאָרט געמאכט ווערן. צ־ך האָט אויך אָרגאניזירט א „פּראָגרעסיווע גרופּע“ אין זאָל בעראָש מיט א געוויסן יויעל ל־קי, וואָס זאָל נעמען טומלען און שטערן... און אזוי איז עס טאקע געווען: די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט נאָרמאל. דאָוויד ליכט האָט שוין געהאט אפילע אָפּגעדאנקט דעם אוילעם. דער פאָרהאנג איז געפאלן. און ווי נאָר די טעאטער־הילכערס האָבן געלאָזט הערן וועגן דעם אנטיסאָוועטישן מיטינג אין לונא־פּארק, האָט עמעצער אין טעאטער גענומען שרײַען, אז ייִדן זאָלן ניט גיין אין לונא־פּארק, ווײַל דער פּראָטעסט־מיטינג איז אָרגאניזירט געוואָרן ווי ...א „פּראָוואָקאציע קעגן דעם שאָלעמליבנדן סאָוועטנפארבאנד“.

שפּעטער איז ארויסגעקומען אן אקטריסע, א מיטגליד פון דער טרופּע, מיט א פארטיידיקונג פון דער מאָסקווער פּאָליטיק.

די פּערעץ־פּיעסע ווערט ווײַטער געשפּילט. דאָוויד ליכט האָט אָבער געמוזט צוזאָגן, אז בא דער נעקסטער אופי־רונג וועלן שוין די קאָמפּראָמעטירטע „פּראָגרעסיווע שױ־שפּילער" ניט שפּילן".

ווײַטער האָט דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" פּאר־עפנטלעכט א בריוו צו דר. נ. סווערדלין פונעם רעזשיסער דאָוויד ליכט:

„נאָכדעם, ווי דער טאראראם ארום דעם געמײנעם ארויסטריט בײַס דער פּרעמיערע פון די אָנהעגגער און נאָכלויפער פון מאָסקווע איז אריבער און מיר זײַנען פון זײ פּאָטער געוואָרן און זײ ארויסגערײניקט ווי מיט א בע־זעם פון אײַזערנע ריטער פון טעאטער (ניט געקוקט אף אָפּיציעלע און לעגאלע קאָנטראקטן מיט פיר פון זײ, האָט מען אפילע באזײַטיקט פון טעאטער יענע, וואָס האָבן בלויז מיט איין וואָרט אפילע ארויסגעוויזן סימפּאטיע פאר די פאָלקס־פארעטער); נאָך דעם גאנצן הו־הא און די פארנומענקײַט מײַנע מיט פּראָבעס טאָג און נאכט, בין איך ערשט הײַנט אימשטאנד צו שרײַבן עטלעכע ווער־טער צו א פרײַנט.

וועגן דעם טומל האָט איר זיכער געלײענט אין דער הי־גער פּרעסע. עפּשער ניט מיט אלע אײנצלהײַטן, אָבער א ווונק פאר אײַך, מײַן איך, איז אויך גענוג. וואָלטן די געשעענישן דאָ, די פּאָליטישע, ניט געווען אזעלכע, ווי זײ זײַנען, וואָלט איך זיך ניט געהאט וואָס צו באקלאָגן אף די ביזנעס אויך, כאָטש אפילע אזעלכע ווי זײ זײַנען איצט, באקלאָג איך זיך אויך ניט. כאָלילע. איך וועל מיסטאמע באלד זײַן צוריק אין די שטאטן. די רעזשיסור אין דער „פאָלקסבינע", ווייסט איר שוין אף געוויס, האָב איך דאָס יאָר נישט אָנגענומען.

אײַער דאָוויד ליכט".

און איצט, ווען אונדזער לײענער האָט זיך שוין באקאנט מיט אָט די צוויי שענדלעכע נאָטיצן אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאל", וועט ער זיכער מאסקים זײַן, אז קײן קאָמענטארן זײַנען דאָ בעעמעס ניט נײטיק. די מײַסים־טאטוים פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע מאקארטיסטן האָבן בא־קומען אן אָפּשאצונג אין דעם קעפּל פון אונדזער פובליקאציע.

כראָניק

דער דיכטער כאַים מאלטינסקי באלוינט מיט אן ערן־גראמאָטע

אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאיא בעלארוסיא" איז פּא־רעפנטלעכט אן אוקאז פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק פאַרן 6 אוו־גוסט ד. י. וועגן באלוינען דעם דיכטער כאַים מאלטינ־סקי, אין צוזאמענהאנג מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און פאר זײַן פּרוכטבארער ליטערארישער טעטיקײַט, מיט אן ערן־גראמאָטע פונעם אויבער־סאָוועט פון דער ווײַסרו־סישער ססר.

און נאָכאַמאָל קאַלין...

איינער פון די גרעסטע היינטצײַטיקע עסטראַדע־אַרטיסטן לעאָניד אוטיאָסאָוו האָט געבראַכט אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ א נאָטיץ, וועלכע איז אָנגעווייעט פון דער קאָנצערט־פּראָגראַם פון ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע און געזאַנג, וואָס עס האָבן ניט לאַנג צוריק צום ערשטן מאָל באַוויזן אין מאָסקווע די אַרטיסטן יויסעף קאַלין, לייע קאַלינע, מאַריִע גאַרדאָן, מיכאיִל גינזבורג און מיכאיִל קאַפּעלמאַן.

פּאַרעפנטלעכנדיק די דאָזיקע נאָטיץ, דערמאָנען מיר מיט צופרידנקייט באַ אָט דער געלעגנהייט, אַז דער פאָלקס־אַרטיסט פון ּפסר ל. אוטיאָסאָוו איז שוין מערערע מאָל אַרויסגעטראָטן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועגן פראַגן פון ייִדישער סאָוועטישער טעאַטראַלער קונסט.

ווי איר זעט, בין איך ווידער דאָ, איך שרײַב ווידער וועגן קאַלינען. וואָס איז דאָס — א באַגײַסטערט וואָרט פון א פאַרערער, צי אַן אָפּשאַצונג פון א גוטמוטיקן קריטיקער? זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט. איך ווייס נאָר איינס: איך האָב האַנאָע פון קאַלינס שפּיל, זי פאַרשאַפט מיר נאַכעסרועך, איך געפין אין איר שטענדיק אַזוינס, וואָס גיט צו א שטיק געזונט מײַן שוישפּילעריש האַרץ. איך קוויק זיך מיט קאַלינס טעכניק, מיט זײַן קענען האַלטן די אַאודיטאָריע אין א געשפּאַנטן צושטאַנד.

די אויגן! אוי, די שוישפּילערישע אויגן, וועלכע זאָגן אויס אַלע סוידעס! פאַראַן אויגן, אין וועלכע איר לייענט פונקט דעם הייפעך, וואָס אין טעקסט. אַזעלכע אויגן שפּריצן מיט שעקער. איר זעט זיי, די דאָזיקע אויגן, אָפט אין טעאַטער. דער שוישפּילער רעדט, אָבער זײַנע אויגן בלאָנדזשען, זיי זעען ניט זײַן מיטשפּילער, זיי זעען ניט דאָס פּובליקום.

קאַלינס אויגן זעען אַלץ. זיי זעען זיך אַליין — דאָס געשטאַלט, וואָס ווערט געשפּילט; זיי זעען דעם מיטשפּילער, און ווען נייטיק — אויך דאָס פּובליקום.

קאַלין קען בויען די פערטע וואַנט (סטאַניסלאַווסקיס אויסדרוק), און ער קען, אויב מע דאַרף, אומוואַלגערן זי. אוריִעל אַקאָסטא איז טעאַטער — די וואַנט איז אופגעשטעלט. פאַרלעזונג פון פּאָעזיע — די וואַנט איז אומגעוואַלגערט. אין אַקאָסטא איז קאַלין א מאָנאָ־טרופּע: ניטאָ קיין פּאַרטניאָרן, ניטאָ קיין פּובליקום, פאַראַן בלויז פיר ווענט. אין דער נײַער קאָנצערטפּראָגראַם איז פאַראַן פּאָעזיע, פאַראַן א פּאַרטניאָר, פאַראַן א פּובליקום — די וואַנט איז אומגעוואַלגערט. דאָס אַלץ באַווײַזט קאַלינס פּרעכטיקע שוישפּילערישע טעכניק.

יויסעף קאַלין

די גאַנצע נײַע פּראָגראַם איז, קאָן מען זאָגן, א נײַ וואָרט אין דער קונסט ביכלאַל, ניט נאָר אין קאַלינס. די נײַע פּראָגראַם — דאָס איז א קאָנגלאָמעראַט פון טעאַטראַלע עסטראַדע־פּאַרמען. פאַראַן דאָ ווערטער, פאַראַן מוזיק, פאַראַן געזאַנג. און דאָס אַלץ, איך גיב אײַך מײַן ערנוואָרט, אף גאָר א הויכן ניוואָ.

נאָר, אויב איר ווילט, איז דער איקער פון אַלע איקרים אין דער נײַער פּראָגראַם — די פּאָעזיע. דער אָפּקלײַב פונעם מאַטעריאַל (דאָ איז אַמפּלאַץ צו באַמערקן, אַז די גרונטאייגנשאַפט פון קאַלינס אַלע פּראָגראַמען איז דער גוטער געשמאַק) דערגרייכט אין דער דאָזיקער פּראָגראַם, וועל איך זאָגן, א באַזונדערן גלאַנץ און כיין. מיר האָבן דאָ אַן אייגנאַרטיקן סינטעז פון זשאַנרען, עס איז דעריבער לײַכט אַרײַנצופאַלן אין א געוויסן פּלאָנטער. נאָר קאַלין, דער אָנפירער פון דער פּראָגראַם, מײַדט דאָס, צום גליק, אויס. צי ער לייענט שוואַרצמאַנס לידער, צי די פּרעכטיקע סאָליסטקע מאַריִע גאַרדאָן זינגט „ווען די זון גייט אוף“, צי די טאַלאַנטפולע פאָרלייענערן לייע קאַלינע לייענט מאַרקישן, — וואָס עס זאָלן ניט זינגען און ניט לייענען קאַלין, קאַלינע, גאַרדאָן, דערגייט דאָס אַלץ ביז א הויכן גראַד, עס רירט באַ דער נעשאָמע, עס פאַרקריצט זיך טיף אין זיקאָרן. און וואָס נאָך דאַרף אונדז געבן די קראַפט פון עמעסער קונסט? דאָ איז געגעבן אַלץ, און א דאַנק דערפאַר קאַלינען, זײַנע קאָלעגן און מיטאַרבעטער.

עס ווילט זיך נאָך זייער אָפּמערקן דעם קאָנצערטמײַסטער מ. גינזבורג פאַר זײַן עמעס שעפערישער אַקאָמפּאַנירונג פונעם קאָנצערט.

א סקעפּטיקער וועט פרעגן:

„איז טאַקע אין דער נײַער פּראָגראַם ניטאָ קיין איין פעלער, קיין איין גרײַז, קיין איין פאַרזען?“

לויט מײַן מיינונג, ניטאָ.

וועט איר דאָך זאָגן: „אײַ, אײַ! אוטיאָסאָוו איז הוילע באַגײַסטערונג, א מענטש אָן א גאַל!“

עפּשער איז דאָס עמעס. נו, איז דאַנקען גאָט. און קיין גאָט, ווי איר ווייסט, איז דאָך ניטאָ...

לעאָניד אוטיאָסאָוו
פאָלקס־אַרטיסט פון ּפסר.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

א ליטעראַרישע פּרעמיע מאַכמוד דאַרווישן

דער ייִסראַעלדיקער פּאָעט מאַכמוד דאַרוויש געפינט זיך צווישן די לאַורעאַטן פון דער „לאָטאָס״־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, וואָס ווערט צוגעטײלט צום ערשטן מאָל דורכן אַפראָ־אַזיאַטישן שרײַבער־קאָמיטעט און וועט פון איצט אָן באַשטימט ווערן יעדעס יאָר.

די פּרעמיע איז האַיאָר צוגעטײלט די פּאָעטן מאַכמוד דאַרווישן (ייִסראָעל) און זולפיאַ (אוזבעקיסטאַן), און די פּראָזע־שרײַבער אַלעקסיי אַגובע (דאָרעם־אַפריקע), טאַן הואַי (וויעטנאַם), אָגוזינאָ נאַטי (אַנגאָלאַ) און פאַט שאַן (אינדיע).

איליוסטרירטער קאַטאַלאָג וועגן וואַרשעווער געטאָ

דער „ייִוואָ״ האָט אַרויסגעגעבן אַן איליוסטרירטן קאַטאַלאָג וועגן וואַרשעווער געטאָ. דער קאַטאַלאָג אַנטהאַלט קורצע באַשרײַבונגען פון 450 בילדער וועגן לעבן, קאַמף, אומקום און ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ווי אַן איליוסטראַציע צו די באַשרײַבונגען, ווערט געגעבן צו יעדן בילד אין קאַטאַלאָג א קלײנע 35־מילימעטערדיקע רעפּראָדוקציע.

„200.000״ אַף דער בינע פונעם בערלינער אָפּערע־טעאַטער

אין מײַרעוו־בערלינער אָפּערע־טעאַטער איז אויפגעפירט געוואָרן א מוזיקאַלישער ספּעקטאַקל „צוויי הונדערט טויזנט טאַלערס״, אָנגעשריבן דורכן קאָמפּאָזיטאָר ב. בלאַכער אַף די מאָטיוון פון שאָלעם־אַליכעם „דאָס גרויסע געווינס״.

די דײַטשישע פּרעסע גיט ברייטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער נײַער אָפּערע און שאַצט הויך אָפּ די שפּיל פונעם אַרטיסט גיונטער רײַך, וועלכער טרעט אַרויס אין דער ראָל פון שימעלע סאָראָקער.

מוזיק־קאָמפּאָזיציע צו אַנאַ פראַנקס טאָגבוך

דער קאָמפּאָזיטאָר אָסקאַר מאָראַוועץ, אַן אָפּשטאַמיקער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכער איז נאָכן אַנעקסירן דאָס לאַנד דורך די נאַציס אין 1938 יאָר אַוועק קיין קאַנאַדע, האָט געשאַפן א מוזיק־קאָמפּאָזיציע צום טעקסט פון אַנאַ פראַנקס טאָגבוך. זײַן ווערק איז לעצטנס אויפגעפירט געוואָרן אין טאָראָנטאָ. אונטער דער אָנפירונג פון לעאָנאַרד לאַורענס איז אויפגעטראָטן דער אָרטיקער סימפאָנישער אָרקעסטער. די סאָלאָ־פּאַרטיע האָט געזונגען לויִזאַ מאַרשאַל. די קאָמפּאָזיציע האָט געהאַט א ברייטן אָפּקלאַנג איבער גאַנץ קאַנאַדע.

● ● ●

ערע זייער אָנדענק

סאָרע ראַטבוים

פון פּאָלקס־פּוילן איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דעם 5 אויגוסט איז אין וראָצלאַוו געשטאָרבן די אָנגעזעענע שוישפּילערן סאָרע ראַטבוים.

די ליבהאָבער פון ייִדישן טעאַטער געדענקען די פאַרשטאָרבענע בינע־מײַסטערן לויט איר פרוכטבאַרער אַרבעט אין מאָסקווער גאָסעט, וווּ אין אַנסאַמבל מיט שלוימע מיכאָעלסן און בינימין זוסקין האָט זי אין פיל שטעלונגען געשפּילט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע פרויען־ראָלן: האָדלען אין „טעוויע דער מילכיקער״, גאָנערילייע אין „קיניג ליר״, די בלאָנדע אין „מידאַס־האַדין״, עטר־מעני אין „200.000״ אאַ.

סאָרע ראַטבוים איז אויך געווען באַוווּסט ווי איינע פון די טיפסטע בינע־אינטערפּרעטאַטאָרן פון דער ייִדישער קלאַסישער פּראָזע.

כאַים רײַזע

אין לענינגראַד איז געשטאָרבן דער פילאָלאָג כאַים רײַזע (געבוירן אין 1904 יאָר).

אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשונג פאַר די לעצטע יאָרן האָט דער פאַרשטאָרבענער צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זײַן אַרבעט „שאָלעם־אַליכעמס אַפאָריזמען״ („סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 1, 1966). פאָלקלאָר און די ייִדישע קלאַסיק — דאָס איז, אייגנטלעך, די טעמע פון כאַים רײַזעס וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אין דער פאָרשונג פון אָט דער טעמע האָט רײַזע זיך באַמיט אַרײַנדרינגען אין די ווײַטסטע קוואַלן פון ייִדיש און העברעיִש, ביז די אוראַלטע ווערק פון דער ביבל־מיטאָלאָגיע. כאַים רײַזע האָט צוגעגרייט צום דרוק א גרעסער ווערק וועגן ייִדישן פאָלקלאָר אַף פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער ייִדישער וואָרטשאַפונג.

כאַנע קאַהאַנאָוויטש

אין קיִעוו איז אין עלטער פון 72 יאָר געשטאָרבן כאַנע קאַהאַנאָוויטש — די שוועסטער פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן שרײַבער דער ניסטער.

כאַנע קאַהאַנאָוויטש, אַן אָנגעזעענער פּעדאַגאָג, האָט איר גאַנץ לעבן געווידמעט דער דערציִונג פונעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר. פיל יאָרן איז זי געווען טעטיק אַלס פּעדאַגאָג אין די ייִדישע קינדערהײַזער פון קיִעוו, וווּ זי האָט זיך אַנטפּלעקט ווי א טאַלאַנטפולע דערציִערן פון די פאַריאָסעמטע קינדער.

●

נאָטיצן אפן קאלענדאר

שרײַבער און ווערק

מיט 130 יאָר צוריק, דעם 28 אָק־טיאבער 1840, איז אין ווילנע געבוירן געוואָרן דער דיכטער עליאָקום צונ־זער.

עליאָקום צונזער (אָדער — ווי ער פלעגט זיך אונטערשרײַבן עליאָקום באדכן) איז אלט געווען דרײַצן יאָר,

ווען ער האָט פארפאסט זײַן ערשטן שיר. אין 1861 איז ער געוואָרן א פראָפעסיאָנעלער באדכן. אין דעם זעלבן יאָר איז דערשינען זײַן ער־שטע זאמלונג זינגלידער („שירים חדשים" — „נײַע לידער"), און ער איז געוואָרן איינער פון די סאמע בארימטע באדכאָנים פון זײַן צײַט.

עליאָקום צונזערס לידער האָט מען געזונגען קימאט אין יעדער ייִדישער שטוב. ש. ניגער האָט געשריבן: „צונזער איז געווען א מענטש פון פאָלק... דאָס פאָלק האָט אים גוט פארשטאנען און מיט א באזונדער ליבע און צוטרוי זיך צוגעהערט צו זײַנע ווערטער... אין זײַנע לידער געפינט איר אי וויציקע לײַכטע פע־ליעטאָנען..., אי סאטירע, אי נעקראָ־לאָגן... צונזערס ווערק האָבן א גרויסן ווערט פאר דעם קולטור־היס־טאָריקער פון יענער צײַט".

אין 1869 איז ע. צונזער אוועקגע־פאָרן קיין אמעריקע און זיך באזעצט אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט געעפנט אן אייגענע דרוקערײַ. א געוויסע צײַט איז ער ארויסגעטראָטן אלס פאָר־לייענער פון זײַנע לידער. ער האָט זיך געדרוקט אין „ייִדישן טאגע־בלאט", „פאָלקס־אדוואָקאט" און אנד. צײַטשריפטן. אין 1905 האָט מען אין ניו־יאָרק געפײַערט ע. צונזערס 65־טן געבורטסטאָג און בא דער דאָזיקער געלעגנהײַט ארויסגעגעבן זײַן אווטאָביִאָגראפיע אין ייִדיש און ענגליש.

די צאָל פון ע. צונזערס לידער איז זייער גרויס, נאָר די מערהײַט פון זיי איז ניט פארעפנטלעכט געוואָרן. לויט אייניקע יעדיִעס זײַנען אין רוס־לאנד און אמעריקע דערשינען 65 זאמלונגען פון זײַנע לידער.

עליאָקום צונזער איז געשטאָרבן דעם 22 סענטיאבער 1913 אין ניו־יאָרק.

דעם 22 אָקטיאבער ווערט 100 יאָר, זינט אין וואָראָניעזש איז געבוירן געוואָרן דער רוסישער שרײַבער איוואן אלעקסייעוויטש בונין.

אי. בונין איז געוואקסן בא פאר־אָרעמטע אדעליקע עלטערן, אין כו־טאָר בוטירקי (אָריאָלער גוב.). אין 1887 האָט ער אָפּגעדרוקט זײַן ער־שטע ליד „אף נאדסאָנס קייווער". אין פיר יאָר ארום דערשײַנט אין אָריאָל זײַן זאמלבוך „לידער".

אי. בונינס לידער־זאמלונג „אונ־טערן פרײַען הימל" איז דערשינען אין 1898, זײַן זאמלונג „בלעטער־פאל", פאר וועלכער ער האָט באקו־מען די פושקין־פרעמיע, — אין 1901.

אלס פראָזע־שרײַבער איז בונין באוווּסט געוואָרן מיט זײַן ערשטער זאמלונג דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין 1897. אין צוויי יאָר ארום האָט ער זיך באקאנט מיט מ. גאָרקין, וועלכער האָט אים צוגע־צויגן צו דער ארבעט אין פארלאג „זנאניִע". אין איינעם א בריוו האָט מ. גאָרקי געשריבן וועגן אי. בוני־נען: „ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן פראָזע אזוי, אז ווען מע זאָל זאָגן וועגן אים: „דאָס איז דער בעסטער סטיליסט פון דער הײַנטיקער צײַט", וועט דאָס ניט זײַן קיין גוזמע".

אין א ריי דערציילונגען („דאָס דאָרף", 1910, „יאָהאן די קלאָגמור־טער", 1913, און אנד.) האָט בונין געמאָלט רעאליסטישע בילדער פון דעם שווערן לעבן פונעם רוסישן פויערטום. אין זײַנע ווערק „ארץ" (1900), „דער נײַער וועג" (1901) באווײַזט ער, ווי דער קאפיטאליזם דרינגט ארײַן אין דאָרף. אין די דער־ציילונגען „ברידער" (1914) און „דער הער פון סאן־פראנציסקאָ" (1915) דעמאסקירט ער די רויבערישע נאטור פונעם קאפיטאליזם. בונין האָט איבערגעזעצט אין רוסיש לאָנגפעלאָס „די ליד וועגן הײַאוואטא" און בײַ־ראָנס „קאיִן", „מאנפרעד" אא.

אין 1920 עמיגרירט בונין קיין פראנקרײַך. דאָרט פארעפנטלעכט ער אווטאָביִאָגראפישע דערציילונגען און דערינערונגען וועגן דעם אמאָליקן לעבן פונעם פריצישן אדל.

אין 1933 איז אי. בונין באלוינט געוואָרן מיט דער נאָבעל־פרעמיע. אין 1956 זײַנען אין מאָסקווע ארויס זײַנע געזאמלטע ווערק אין פינף בענדער.

געשטאָרבן איז בונין דעם 8 נאָיאבער 1953 אין פאריזש.

לאָמיר זינגען
נײַע לידער

זאָגט ניט קאַדיש נאָך מײַן שטעטל

ווערטער פון ארן ווערגעליס

מוזיק פון זינאָווי קאָמפאנייעץ





זאָגט ניט קאדיש נאָך מײַן אָרעם שטעטל,
ס׳איז דאָס שטעטל טאקע מער ניטאָ,
אָבער ס׳לעבט נאָך אין זיקאָרן,
ווי אמאָל אין קינדער־יאָרן,
ווי אמאָל־אמאָל אין יענער שאָ,

ווען קליין געווען מײַן וועלט,
אין הונגער און אין קעלט,
און דאָך בין איך אין שטעטעלע געוואקסן.
די מאמע האָט געבאַרגט,
דער טאטע האָט געזאָרגט,
אליין זאָל איך פארדינען אף מײַן ברויט.

זאָגט ניט קאדיש נאָך מײַן יידיש שטעטל,
פון דער גרוב ארויס דאָס שטעטל שרײַט,

אז מיר זאָלן אלע הערן,
בא דעם אש מיר זאָלן שווערן
מער שוין ניט דערלאָזן יענע צײַט,

ווען ס׳האָט געברענט מײַן שטוב,
מײַן מאמע — אין דער גרוב,
מײַן טאטע — אף א שטריק לעם אונדזער גאנעק,
אין שטעטל — די עס־עס,
און ס׳טרעפט שוין ניט קיין נעס,
דאָס שטעטעלע אוועק איז אין מײַדאנעק.
די האָפענונג זיך וועבט,
א שיינער כאָלעם שוועבט,
דאָס שטעטעלע אין מײַן זיקאָרן לעבט.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Примечания к тексту

1. Значение недостаточного проявления качества в еврейском языке выражает суффикс ‎-לעך-‎, соответствующий русскому суффиксу **-оват- (-еват-).** Примеры: красный — ‎רויט־ער‎, красноватый — ‎**רויט־לעכ־ער**;‎ горький — ‎**ביטערער**‎, горьковатый — ‎**ביטער־לעכ־ער**;‎ сладкий — ‎**זיסער**‎, сладковатый — ‎**זיס־לעכ־ער**.‎

После согласных ‎ל‎ ‎נ‎, перед суффиксом ‎-לעכ-‎ вставляется согласный ‎**ב**‎: желтый — ‎**געלער**‎, желтоватый — ‎**געלב־לעכ־ער**;‎ прохладный — ‎קילער‎, несколько прохладный — ‎**קילב־לעכ־ער**;‎ зеленый — ‎**גרינער**‎, зеленоватый — ‎**גרינ(ב)־לעכ־ער**.‎

2. Для присоединения придаточного дополнительного к главному предложению обычно служит союз ‎**אז**‎:

Пиня замечает, что ... — ‎**פיניע באמערקט, אז...**‎

Упражнение. Выпишите из нашего текста сложные слова (три существительных и три прилагательных). Из каких частей речи они образованы? При помощи какого суффикса образованы сложные прилагательные?

Упражнение. Из того же текста выпишите уменьшительные имена (всего два); от каких существительных они образованы?

Упражнение. Выпишите из текста три глагола с безударной приставкой и два с ударной (один глагол с ударной приставкой повторяется три раза). Укажите формы настоящего времени этих пяти глаголов.

XVII. ГРАММАТИКА. ОСОБЫЕ ТИПЫ ГЛАГОЛОВ В ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ.

§ 1. Однократные глаголы. Для образования таких глаголов служат: а) вспомогательный глагол ‎**טאָן**‎ (делать) ‎**געבן**‎, (давать); б) знаменательное слово — отглагольное существительное — в сочетании с неопределенным артиклем. Примеры:

Стучать — ‎**קלאפן**‎, отглагольное существительное (вместе с артиклем) — ‎**א קלאפ**‎ (стук, удар), однократный глагол — ‎**א קלאפ טאָן**‎ или: ‎**געבן א קלאפ**‎ (стукнуть, ударить); кричать — ‎**שרייַען**‎, крик — ‎**א געשריי**‎, крикнуть — ‎**א געשריי טאָן**‎ или: ‎**געבן א געשריי**‎.

При образовании отглагольного существительного часто (но далеко не всегда) имеет место перегласовка, т. е. изменение внутреннего гласного звука корня (‎י‎ — в ‎ו‎ , ‎ייַ‎ — в ‎י‎). Примеры:

прыгать — ‎**שפרינגען**‎, прыгнуть — ‎**א שפרונג טאָן**‎ или: ‎**געבן א שפרונג**;‎ рвать — ‎**רייַסן**‎, рвануть — ‎**א ריס טאָן**‎ или: ‎**געבן א ריס**‎. Но — в таких же фонетических условиях — часто и без перегласовки. Например:

‎**זינגען — א זינג טאָן (א זונג טאָן), שרייַבן — א שרייַב טאָן.**‎

Однократные глаголы еврейского языка могут выражать — наряду с однократностью — и другие значения, такие, например, как начальный момент длительного действия, спешное выполнение действия, усердие в выполнении действия и др. В русском языке в таких случаях еврейским однократным глаголам соответствуют не однократные же глаголы на *-нуть*, а различные приставочные глаголы совершенного вида, весьма редко — и бесприставочные. Примеры:

запеть — ‎**א זינג טאָן**;‎ заговорить — ‎**א רעד טאָן**;‎ сходить *(за чем-либо)* — ‎**געבן א לויף צו, א גיי טאָן**;‎ сбегать *(за чем-либо)* — ‎**א לויף טאָן**‎; взяться *(как следует — за работу)* ‎**א נעם טאָן זיך**‎ (צו דער ארבעט); потрудиться *(как следует)* — ‎**א האָרעווע טאָן**‎.

В спряжении однократных глаголов изменяется только вспомогательный глагол (‎**טאָן**‎ или ‎**געבן**‎).

‎**איך טו א געשריי, דו טוסט א געשריי אאוו.; איך גיב א געשריי, דו גיסט א געשריי אאוו.; איך האָב א געשריי געטאָן, דו האָסט א געשריי געטאָן אאוו.; איך האָב געגעבן א געשריי, דו**‎

האָסט געגעבן א געשריי אאוו.; איך וועל א געשריי טאָן, דו וועסט א געשריי טאָן אאוו.; איך וועל געבן א געשריי, דו וועסט געבן א געשריי אאוו.; טו א געשריי! גיב א געשריי! טוט א געשריי! גיט א געשריי!

Формы настоящего времени глаголов טאָן и געבן:

איך טו, דו טוסט, ער (זי) טוט; מיר טוען, איר טוט, זיי טוען.
איך גיב, דו גיסט, ער גיט; מיר גיבן, איר גיט, זיי גיבן.

§ 2. Перифрастические глаголы. В еврейском языке употребительны многие описательные глаголы, состоящие из двух частей: одной — изменяемой — чаще всего какой-либо формы глагола זײַן, האָבן или ווערן, и другой — неизменяемой, выражающей основное значение описательного глагола. Примеры:

подозревать — כוישעד זײַן (*буквально:* быть подозревающим), бояться — מוירע האָבן (=иметь страх), уснуть — אנשלאָפן ווערן (=стать уснувшим), исчезнуть — נעלעם ווערן (=стать исчезнувшим), жениться, выйти замуж — כאַסענע האָבן (=иметь свадьбу), женить, выдать замуж — כאַסענע מאכן (=сделать свадьбу).

Неизменяемая часть многих перифрастических глаголов — гебрайского происхождения; причём в сочетании с формами глагола האָבן она представляет собой гебрайское существительное, а с формами глаголов זײַן и ווערן — гебрайское причастие. Примеры:

жалеть (кого-либо) — ראכמאָנעס האָבן (אף עמעצן) (*буквально*: иметь жалость), раскаиваться — כאראָטע האָבן (=иметь раскаяние); преодолевать — גויווער זײַן (=быть преодолевающим), причинять — גוירעם זײַן (=быть причиняющим), завидовать — מעקאַנע זײַן (=быть завидующим), соглашаться — מאסקים זײַן (=быть соглашающимся); спастись — ניצל ווערן (=стать спасённым), исчезнуть — נעלעם ווערן (=стать исчезнувшим).

Неизменяемая часть перифрастических глаголов германского происхождения чаще всего сочетается с формами глагола ווערן, в меньшей мере — с формами глагола האָבן, еще реже — с формами глагола זײַן:

исчезнуть — פארשווונדן ווערן, замолчать — אנשוויגן ווערן, растаять — צעגאנגען ווערן, замерзнуть — פארפרוירן ווערן, понравиться — געפעלן ווערן и др.; любить — ליב האָבן, ненавидеть — פײַנט האָבן, иметь в виду (*кого-либо, что-либо)* — אין זינען האָבן; иметь в виду — אויסן זײַן.

Работа над текстом

Проработайте часть очерка под заглавием „צוויי שוועסטער“ (в № 6 за 1970 год, на стр. 75—от абзаца „אָדעס, די פריילעכע שטאָט אָדעס“ до конца очерка). Для этого выполните следующие задания:

1. Впишите в свой словарик перевод отдельных слов:

1) אַף העפקער, 2) פארניכטן, 3) אופטראָג מ־ן, 4) באַווײַזן (האָב באַוויזן), 5) טרעפפונקט מ ־ן, 6) פלוגבלעטל ז ־עך, 7) פליִער מ ־, 8) רעשימע וו־ס, 9) קלײַבן זיך (האָב זיך געקליבן), 10) געפּײַניקט ווערן (בין געפּײַניקט געוואָרן), 11) אסיר (אסירים), 12) פארורטיילן, 13) געפענקעניש, 14) טפיסע, 15) פארבינדונג וו ־ען, 16) קריגסגעפאנגענער מ (קריגסגעפאנגענע), 17) ניצאָכן מ (ניצכוינעס), 18) זיג מ ־ן, 19) באשיידענער, 20) אָנפירונג, 20) באפוילן.

Их перевод:

1) На произвол судьбы, 2) уничтожить, 3) задание, 4) *здесь:* успеть, 5) явочный пункт, 6) летучка, 7) лётчик, 8) список, перечень, 9) собираться, 10) подвергаться пытке, 11) заключённый, 12) приговорить, 13) заточение, 14) тюрьма, 15) связь, 16) военнопленный, 17) победа, 18) скромный, 19) руководство, 20) приказать.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

10—2661

צו די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

די בעסטע מאַטאָנע צום צעניאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז — אַבאָנירן אַפן זשורנאַל נײַע לייענער. אויב דאָס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן, בעטן מיר וועגן דעם מיטיילן דער רעדאַקציע.

די צאָל זײַטן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ ווערט פאַרגרעסערט פון 160 ביז 192. די אַבאָניר־פּרײַז בלײַבט די זעלבע, וואָס פריִער, — 50 קאָפּ. פאַר א נומער, 6 רובל פאַר 12 נומערן.

רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания десятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/IX-1970 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10+0,25 вкл. (14,35). Бум. л. 5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 2661.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1970

В НОМЕРЕ:

М. Кобрянский. Семья кузнецов (повесть).

Н. Забара. В последние дни (пьеса).

М. Елин. Сквозь огонь и воду (художественный очерк).

А. Губницкий. Шоферы (повесть. Часть вторая).

И. Друкер. Писатель и его герой.

Стихи М. Лифшица, М. Грубиана, Х. Вайнермана, С. Гельмонда.

Зарубежные публицисты у нас в гостях. Г. Лебрехт (Израиль). Против войны, за мир и дружбу между народами Ближнего Востока.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

М. Шапиро. Вклад в науку о еврейском языке.

Литературный дневник. В. Огнев. Разговор о призвании критика.

Краткие рецензии. Наши сообщения. Комментарии редакции. Театр и эстрада. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.